STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08864

# VILNER GETO, 1941-1944

Abraham Sutzkever

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ווילנער געטאָ

1941-1944

א. סוצקעווער

# ווילנער געטאָ

1941 - 1944

פאָרוואָרט פון

נ. פיינשטיין

וויצע-פאָרזיצער פון „פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך"

אַרויסגעגעבן דורך דעם

איקוף פאַרלאַג

בוענאָס איירעס

1 9 4 7

# דער איקוף-פאַרלאַג

## „לא אמות כי אחיה"

מיט דעם בוך פון דעם דיכטער-פּאַרטיזאַן אַווראָם סוצקעווער „ווילנער געטאָ" טרעט אַריין דער פאַרלאַג „איקוף" אין אַ נייער פאַזע פון זיין פאַרלעגערישער טעטיקייט. פון אַ פאַרלאַג פאַר געלעגנטלעכער ליטעראַטור — ווערק פון שרייבער איקוף-כאַווירים, צייט-מעסיקע און ספּעציפישע איקוף-ליטעראַטור — ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפטלעכער אונטערנעמונג פאַר פּלאַנמעסיקער פאַרלאַג אַרבעט און פאַר סיסטעמאַטישער פאַרשפּרייטונג פון אידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע און אין די שכיינעסדיקע לענדער, ווי אויך מיט דער אויסזיכט צו קענען באַדינען מיט זיינע אויסגאַבעס די אישואווים פון איבערן יאַם.

דער מאָטאָ, וואָס מיר שטעלן אַוועק איבער אָט די אַריינפיר-ווערטער: „לא אמות כי אחיה" — מיר וועלן לעבן! — דער נאָמען פון דאַוויד בערגעלסאָנס פּיעסע, אין וועלכער ער ברענגט אַרויס דעם שטאַרקן ווילן פונעם אידישן פאָלק לעבן צו בלייבן און איבערצולעבן זיינע סאָנים, אַנטהאַלט אין זיך די פּראָגראַם פון דעם איבערגעבויטן איקוף-פאַרלאַג. דאָס מיינט, אַז באַם אויסוויילן די שרייבער און זייערע ווערק, וועט ער געבן פאָרצוג יענע פון זיי, וואָס הויבן אַרויס דעם קאַמף פאַר דעם אידישן לעבן און מאַכן פון דעם קאַמף די אַקס און דעם פאַקטאָר פון דער אידישער שעפערישקייט.

פּאַראַלעל מיט אַזעלכע ווערק, ווי אַווראָם סוצקעווערס, די ווערק פון די דיכטער, וואָס זאַמלען אויף אונדזערע רעשטן נאָך דעם גרויסן אומגליק אונדזערן און קרעפטיקן אונדז מיט די ביישפּילן פון פּאַרטיזאַנישער גוואורע, האָט דער פאַרלאַג זיך אָנגעצייכנט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן די ווערק פון די אידישע שרייבער, וואָס טרעטן אין וועג פון אונדזערע קלאַסיקער — די גרינדער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור — און ציען זייער טראַדיציע פון קאַמף פאַר אַ קולטורעל-וועלטלעכן, עקאָנאָמיש-געזונטן און פּאָליטיש-פרייען אידישן לעבן.

אָפן ערשטן אָרט אין דעם פּלאַן, זיינען אָנגעצייכנט די ווערק פון דאַוויד בערגעלסאָן, דעם קרעפטיקסטן פון די אידישע שרייבער, וואָס היטן געטריי די דאַזיקע טראַדיציע און טראָגן די אַכרייעס פאַר דעם היסטאָרישן זין פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס אונדזערע קלאַסיקער האָבן איר אָנגעצייכנט. עס גייען ווייטער לויט דעם זעלבן פּלאַן: דער ניסטער און אַנדערע פּראָזאיקער פון דעם פאַרנעם און באַטייט, ווי אויך די דיכ-

טער-קעמפער: איציק פעפער, פערעץ מארקיש און זייער גליכן, וואס טראגן אט דעם געדאנק אין די לענדער פון אידישן לעבן און קאמף.

אין דער זעלבער צייט. האט דער 2-טער „איקוף" קאנגרעס פאר-שטאנען די וויכטיקייט פון סטימולירן דעם ארגענטינער אידיש-לי-טערארישן שאפן און האט געגעבן דעם פארלאג א דירעקטיוו, אז ביז א העלפט פון די ארויסגעגעבענע ביכער דארפן זיין פון ארגענטינער אי-דישע שרייבער. א הויפט אויפמערקזאמקייט וועט דער פארלאג „איקוף" אפגעבן דער זארג פאר שול-ביכער, טעקסטן, צוגעפאסטע צום לימעד פון אידישער שפראך, אידישער ליטעראטור, געשיכטע און געזעלשאפט-קענטעניש אין די אידישע וועלטלעכע שולן פונעם לאנד.

דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פון דעם פארלאג, איז א גא-ראנטיע נישט נאר פאר דער פארווירקלעכונג פון זיינע פלענער, נאר אויך פאר דער געטריישאפט זיינער צו דער געזעלשאפטלעכער און קול-טור-טענדענץ פון „איקוף", די טענדענץ פון קאמף פאר אידישן קיום און העמשעך פון וועלטלעכן אידישן לעבן, וואס איז אויסגעדריקט אין דאוויד בערגעלסאנס קאמפס-רוף: „לא אמות כי אחיה" — מיר וועלן לעבן!

# פֿאָרוואָרט

דאָס בוך פֿון א. סוצקעווער — איינער פֿו די בעסטע דיכטער, און פֿאַרדינסטפֿולער פּאַרטיזאַנען-קעמפֿער, וועלכן עס האָט אַרויסגעגעבן אונדזער „יונג-ווילנע”, — טראָגן מיר אין דער עפֿנטלעכקייט מיט איראַס האַקאָוועד. אין אַ מאָמענט, ווען מען איז נאָך איינגעזונקען אין טיפֿסטן טרויער איבערן גרעסטן חורבן, וואָס אַ פֿאָלק האָט געליטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען דער באָדן שפּריצט נאָך מיט בלוט, ווען דער כוויוו פֿון נעקאָמע צו באַערן די קדושים איז נאָך נישט דערפֿילט געוואָרן, ווען די ניצל-געוואָרענע פֿון די כורוועס פֿאַרבאַהאַלטן נאָך זייערע סוידעס — איז די צייט נישט רייף צו שרייבן געשיכטע. דאָס איז אויך נישט די קאַוואָנע פֿון מעכאַבער, וועלכער גיט אונדז די עפּאָפּיי פֿון ווילנע רוי, ווי אַן אויסגעשניטן האַרץ.

און עס איז עפּשער ניט קיין צופֿאַל, אַז דאַווקע ווילנע רייסט זיך די ערשטע אַרויס אין דער וועלט מיט איר מאַרטירערטום, מיט אַ מאָנומענט פֿון אירע קאָרבאָנעס און העלדנטום, פֿון אירע טרערן און קאַמף, פֿון אירע אומענדלעכע ליידן און אומשטערבלעכן רום. ווילנע, וואָס האָט אין פֿאַרלויף פֿון דורות געלויכטן ווי אַ לייכט-טורעם פֿאַר דער גאַנצער אידישער וועלט, דאָס וויגעלע פֿון מעכטיקע קולטורעלע שטרעמונגען און פֿון סאָציאַלע באַוועגונגען, ווילנע פֿון דער האַסקאָלע און פֿון גאָען, ווילנע פֿון הירש לעקערט און פֿון אידיש, ווילנע פֿון גימנאַזיעס, וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן, אוניווערזיטעטן, טעכניקומס און אידישן טעאַטער. ווילנע איז זי געוואָרן פֿון איציק וויטענבערג און פֿון סאָניע מאַדיימקער, ווילנע טריי איר טראַדיציע איז זי געבליבן אין אומגלייכן פּאַרטיזאַנען-קאַמף קעגן די היטלעריסטישע קאַניבאַלן, ווילנע גייענדיק אַף קידעש-האַשעם פֿאַר ראַטעווען קולטור - אויצרעס.

צענדליקער טויזנטער קרויווים אונדזערע האָבן געשריבן די בלעטלעך מיט בלוט און מעסירעס נעפֿעש. דאַווקע באַם גויסעסן, ווען דער באָדן האָט געזונקען אונטער די פֿיס, האָט ווילנע אַנטפּלעקט דעם גרויסן גייסטיקן קויעך אירן. טריי ביז אין קייווער איז זי געבליבן די הייליקסטע פּרינציפּן פֿון דער מענטשלעכער מאָראַל: געגעבן אַ ביישפּיל פֿון סאָלידאַריטעט; זיך מאַקריוו געווען האָבן אירע זין איינער פֿאַרן צווייטן; פֿאַרגעזעצט שולן און קולטור-אַרבעט אין די כורוועס, אונטער דער ערד, אין די „מאַלינעס”, אין די קאַנאַליזאַציע-רערן. זי האָט אָרגאַניזירט קאַמף מיט און אָן אויסזיכט, ביז אין טויט אַריין.

ווילנע האָט פֿאַרן אייגעל האַזאָהאָוו נישט געקניט. דער סוינע האָט ווילנע געטויט, אָבער מאָראַליש נישט צעבראָכן!

❀

די צייט איז נאָך אויך נישט געקומען צו ווערן דעם פֿאַרנעם און פֿאַרמעסט פֿון היטלעריסטישן פֿאַרברעכן. אין געשיכטע דאַרף מען האָבן אָפּשטאַנד, קעדיי

צו באַגרייפן דאָס וואָס איז געשען, און אונדזער דאָר האָט דורכגעמאַכט באַזונדערס אומבאַגרייפלעכע איבערלעבונגען. נאָר אַ לאַנגע אויפקלערונגס-אַרבעט מיצאַד די ניצל-געוואָרענע, ביכער ווי דער פון אַ. סוצקעווער, אויסשטעלונגען, מוזייען, פאָטאָגראַפישע דאָקומענטן, סטאַטיסטישע ציפערן, פּראָצעסן פון די גרויסע קריגס-פאַרברעכער וועלן מיט דער צייט דורכברעכן די וואַנט פון נישט גלויבן און נישט פאַרשטיין. ווייל אונדזער פאַרשטאַנד איז נישט געמאַכט געוואָרן אויפצונעמען דעם גאַנצן שוידערלעכן עמעס: דער דורכשניטלעכער מענטש גלויבט נישט, און אַז ער גלויבט נישט, קען עס זיין מויעך נישט באַנעמען.

עס איז אָבער געשען אַזוי, אַז עס זיינען געבליבן שפּורן און איידעס. שפּורן אָן אַ צאָל און מיקאָל-האַמינים; שפּורן, וואָס וועלן פאַראייביקן פאַר דער געשיכטע אָט דעם גרעסטן אידן-מאָרד, און דאָסמאָל ניט נאָר ווי אַן אָפּגעריסענער עפּיזאָד פון אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען, נאָר אַלס הויפּט-צווייג פון אַ גאַנצן טייוולאָנישן איבערפאָל-פּלאַן פון די פינצטערע קויכעס קעגן דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. און איידעס צענדליקער טויזנטער, וואָס דערציילן שוידערלעכע געשיכטעס ווי אַזוי עס האָט געבושעוועט אין מיטן פון 20-טן יאָרהונדערט די מענטשלעכע בעסטיע, באַשטעטיקנדיק דערביי איינער דעם צווייטן און צוגעבנדיס אָן אַ שיער פּראָטים.

די בלוטיקע שפּורן און די איידעס, לעבעדיקע און טויטע, וועלן גויווער זיין די אומפּייאיקייט פון אונדזערע מויכעס צו באַנעמען אַזוי פיל גרויל. אָפּן באָדן פון דאָס געשעענע, אָפּן באָדן פון אַ פריער אומבאַקאַנטער ווירקלעכקייט, וועלן אויסוואַקסן נייע דוירעס. זיי וועלן וויסן דעם פּרייז פון פרייליאָזן און באַזינגען די נידעריקסטע אינסטינקטן, אין דער צייט וואָס די גאַנצע געשיכטע פון מענטשלעכן גערדאַנק איז באַשטאַנען פון אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונגען זיי צו באַקעמפן און צו צוימען. זיי וועלן וויסן די געפאַר פון ברענגען אָפּן מיזבייעך די קולטורעלע יערושע פון דוירעס. זיי וועלן וויסן די געפאַר פאַר אַלע פעלקער, ווען ביי איין פאָלק ווערט אויסגעמאָרדעט זיין עליטע.

✤

ווייל אין דייטשלאַנד איז עס געשען אַזוי: צוערשט האָט די רעאַקציע געקעפּט דאָס דייטשע פאָלק, אים אַוועקגענומען אַלע זיינע פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע עליטעס, וואָס האָבן פאַרקרפּערט און פאַרגעזעצט זיין גייסטיקע פאַרגאַנגענהייט, דאַן האָט זי פאַרברענט זיין קולטורעלן אויצער. דאַן האָט זי אומגעשטערט דורכגעפירט אַן איבערדערציאונג פון אַ דאָר, אויסוואָרצלענדיק פון אים די עטישע און מאָראַלישע פּרינציפּן פון דער ציוויליזירטער וועלט. דאַן איז דער גאַנצער מעלוכע און אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט פון אָט דעם גרויסן לאַנד אין מיטן אייראָפּע באַזעצט געוואָרן דורך דער אונטערוועלט, דורך מענטשן וואָס האָבן שוין קיין שום געמיינזאַמעס נישט געהאַט מיט דער אַנטוויקלונג, מיט דעם אייביקן פּראָגרעס, וואָס איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן ביערושע פון דאָר צו דאָר.

אזוי האָט זיך איינגעפונדעוועט אין מיטן פון אייראָפּע א פרעמדער קערפּער. אַ קאָלאָס, וואָס האָט אין זיין פאַרניכטונגס-מעשוגאַס קיינע ווערטן ניט געשוינט און קיינע מענטשלעכע פּרינציפּן ניט געהאַט. אזוי ווי דער גוילעם פון מהר"ל אין אונדזער אידישער לעגענדע. ווייל די וויסנשאַפט און די טעכניק, אָפּגעשיידט פון די עטישע ווערטן, קענען ארויסרופן אַזעלכע צעשטערערישע קרעפטן, וואָס האָבן נישט קיין גרענעץ.

און אַזוי איז אויסגעוואַקסן די גרויזאַמסטע אין דער געשיכטע שול פון פאַר-ברעכן. די וויסנשאַפט האָט אזוי באַוואָפנט די גרעסטע מאַשין פון מאָרד, וואָס האָט אָף אַ האָר איבערגעלאָזט אַזעלכע שפּורן, פון וועלכע מערערע דורעס וואָלטן זיך נישט אויפגעהויבן.

ווען מען פאַרגלייכט די דערציילונגען פון ווילנער, וואַרשעווער אָדער אַן אנדער געטאָ, פון אוישוויץ, מאַידאַנעק אָדער אַן אנדער קאָנצענטראַציע-לאַגער, פון האָלאַנד, פראַנקרייך אָדער אַן אנדער לאַנד אָקופּירט דורך נאַצי-דייטשלאַנד — איז עס אומעטום דער זעלבער אויפן פון קאַלט דורכגעטראַכטן מאָרד, פון אָרגאַניזירטן רויב. דער זעלבער מעטאָד באַם קאָלעקטיוון פאַרניכטן, די זעלבע טעכניק באַם האַרגענען דעם יאָכיד. דער איקער, די זעלבע שול פון מאָראַליש טויטן דעם מענטשן, איידער מען קריגט די שליטע איבער זיין גוף, און קעדיי גופים זאָלן זיך פאַרניכטן אין קעגנזייטיקן קאַמף.

אָן שום סאָפּעק זיינען אין דייטשלאַנד געגוי פעסטגעשטעלט און דורכגע-טראַכט געוואָרן די יעסוידעס פון אַן אָרדענונג, וואו די בעסטיע רעגירט איבערן מענטשן. אַ שול פון פאַרברעכן איז געווען דער רעזשים: בייס היטלער.

*

די געשיכטע וועט אָפּגעבן דער מאָראַלישער דעקאַדענץ אין דער וועלט, ארויסגערופן דורכן נאַצי-שטורעם, נישט ווייניקער אָרט, ווי דעם פּאָגראָם פון מאַטעריעלע ווערטן. דאָס דערפירן דעם מענטשן צו דער שטופע כאַיע, איז עפּשער דער גרעסטער פאַרברעכן פון דעם היטלער-רעזשים און וועט האָבן די אָמלענגסטן דויערנדע נאָכווירקונגען. די וואָס האָבן גענומען אָף זיך די מיסיע פון זיך קעגנ-שטעלן דער באַרבאַריי, וואָס האָבן געגעבן דעם גרעסטן קאָרבן אין קאַמף פאַר ראַטעווען מענטש און ציוויליזאַציע, וועלן האָבן איינגעשריבן נישט נאָר רומפולע בלעטער אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער מענטשהייט, נאָר זיי וועלן זיין אויך די יעניקע וואָס וועלן — איבער די קאָנוואולסיעס פון מאָמענט — איבער-נעמען דעם רודער פון דער געזעלשאַפט, ווי פאַרדינסטפולע פאַרטיידיקער אירע, באַרופן צו פאַרזיכערן איר וואוויל און אַ שטראַלענדן אויפבוי פון איר קולטור.

אין דער געשיכטע ווערט גאָרנישט פאַרלוירן. אַ באָדן דורכגעזאַפּט מיט בלוט גיט אויך ארויס בלומען און פרוכטן. מען קען נאָך היינט נישט זען וואָס עס וועט ארויסקומען פון די קאָרבאָנעס און כורוועס פאַר דער גאַנצער מענטש-

הייט און פאר אונדז אידן ביפראט. דער זיג איבערן היטלעריזם שטאַרקט אונדזער צוגעבונדנקייט צו די פארטיידיקער אונדזערע, צו די וואָס זיינען געווען אין שפּיץ פון קאמף. מיט די וועלן מיר בינדן די צוקונפט און אונדזער ביטאָכן איז גרויס.

היינט איז די אויפגאבע פון טאָג בויען און אויפשטעלן אַ וואָך.

דאָס בוך פון א. סוצקעווער איז א גראנדיעזער ביישטייער. און דעריבער דאנקען מיר א. סוצקעווער דעם ווילנער, דעם דיכטער און העלדישן פארטיזאן פאר זיין וואך-געביידע, וואָס איז „ווילנער געטאָ“.

פּאַריז, 10 נאָוועמבער 1945.

נ. פיינשטיין

ערשטער טייל:

# באַם דייטש אין די נעגל

# אין שטאָט און אויף די וועגן

...ווען איך האָב דעם 22-טן יוני אינדערפרי איינגעשלאָסן דעם ראַדיאָ-קאָנטאַקט, האָט אַ שפּרונג געטאָן מיר אַנטקעגן, ווי אַ קנויל יאַשטשערקעס, אַ היסטערישער געשריי אויף דייטש. פון דעם גאַנצן געפּילדער האָט זיך בלויז גע-דרונגען, אַז דאָס דייטשע מיליטער האָט אַ שפּאַר געטאָן איבער אונדזערע גרענעצן. איך בין אַראָפּגעלאָפן אינדרויסן, איך גיי וואוהין די אויגן טראָגן.

איך קום אַריין צו נויעך פּרילוצקי, דעם פּראָפעסאָר פון דער אידישער קאַ-טעדרע אין ווילנער אוניווערזיטעט. ער איז פאַרטאָן בײַ זיין ווערק „פאָנעטיק פון אידיש".

— מיט דער ערשטער באָמבע אויף דער רוסישער ערד האָט זיך היטלער אויסגעגראָבן אַ קייווער, — זאָגט פּרילוצקי געוויס, אָבער וואָס צו טאָן וויס ער נישט. ער שרייבט ווייטער זיין וויסנשאַפטלעכן בוך.

איבער די גאַסן יאָגן פייערלעשער. לעבן דער גרינער בריק איז אַ סריפע. איך בין אַוועק צו מיין מאַמען אַהיים, הינטער דער גרינער בריק. מיין מאַמע האָט זיך שטאַרק דערפרייט, באַפאַלן מיך קושן, מיך געטרייסט, אַז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. זי האָט אויסגעקאָכט שטשאַוויע און פאַרווייסט מיט מילך . . .

עראָפּלאַנען האָבן נישט אויפגעהערט באָמבאַרדירן. אַנטקעגן אונדז, אויף דער צווייטער זייט ווילִיע, האָט געפלאַקערט אַ גאַז-רעזערוואואַר. דער פייער איז אַריינגעדרונגען אַזש אַהער אין צימערל און געריסן אין האַלדז.

— מאַמע, לאָמיר זיך ראַטעווען אינאיינעם!

די מאַמע האָט מיר געגלעט די האָר, אַ קוש געטאָן אין שטערן און מיט אַ פיינלעכן אויסדרוק, וואָס איז נישט מעגלעך צו פאַרגעסן — צגועגעבן:

— איך, מיין קינד, וועל אין ערגעץ נישט גיין. מיין לעבן איז אין דיר. דו גיי און ראַטעווע דיינע יונגע יאָרן.

איך בין אַוועק צו דאַוויד אומרו, דעם רעדאַקטאָר פון „עמעס". זיצן מיר און קלערן פון אַן אויסוועג. אַזעלכער צוועלף באַנאַכט איז אין צימער געוואָרן בלענ-דנדיק-ליכטיק. עראָפּלאַנען האָבן אינדערלופטן אויפגעהאָנגען ליכט-ראַקעטעס. אַנטקעגן פענצטער, אין ראַיאָן פון די דריי צלאָמים-בערג, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן דייטשע פּאַראַשוטיסטן.

*

דעם סוינעס עראָפּלאַנען זיינען געפלויגן איבער די הייזער. אויפן ראָג גלעזער-גאַס און ברייטע איז איינגעפאַלן אַ מויער. זעכציק מענטשן זענען געבליבן אונטער די ציגל. אויך אויף פאַרטאָווע זיינען איינגעפאַלן מויערן. רויך פון סריפעס האָט זיך געשפּרייט איבער די גאַסן. מענטשן מיט פּעקלעך אין די הענט האָבן

זיך געצויגן פאַרויס דער שטאָט. קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן, אַז דער דייטש איז שוין גאָר נאָענט און ער וועט פאַרצוגן ווילנע.

מיר ציען זיך אויך, אַ קאָמפּאַניע שרייבער, באַוויירים, נאָענטע. איך לאָז איבער מיין שטוב אַף הפקער. פון מיין אייגנטום באַוויז איך מיטצונעמען די שוין אָפּגעדרוקטע בלעטלעך פון מיין פּאָעמע „סיביר". מיין פרוי נעמט מיט איר טאָג-בוך, וואָס זי שרייבט פון צען יאָר אָן. מיר שפּאַנען אַרויף סובאָטש, אין דער ריכטונג צו מינסק.

מיר באַגעגענען אַ טאַבאָר מיט אידן. די וועגענער אָנגעפּראַפּט מיט קישנס און ווייבער. מיר דערוויסן זיך ביי דעם אַנטרייבער פון אַ פערד און וואָגן, אַז דאָס אַנטלויפט ער מיט זיין מישפּאָכע פון די „ביליקע הייזער". אין דאָרף סלאָבאָדע וואוינט זיינער אַ באַקאַנטער פּויער, באַ אים וויל ער איבערזיין די מילכאָמע-צייט, און ווען מען וועט די דייטשן פאַרטרייבן אַף צוריק, וועט ער זיך אומקערן קיין ווילנע.

וואָס אַ מינוט ווערט געדיכטער אַף די וועגן. עס ציען אַף מיזרעך, טיפער אין לאַנד, יוגנטלעכע, אויך עלטערע, און אַפילע זקיינים. מען יאָגט פון דער מאַגיפע און די מאַגיפע יאָגט איבער...

דייטשע עראָפּלאַנען לאָזן זיך אַראָפּ ווי הײשעריקן. זיי יאָגן נאָך באַזונדערע, נאָך אייניציקע מענטשן. אין דער לופּעניש ווערט צעשפּליטערט אונזער גרופּע. אומרו מיט דער פרוי זיינען אין דער בעהאָלע נישט געוואָרן. דאָס קינד זייערס פיבערט אַף מיינע הענט. איך וויל אַריינגיין אין אַ כאַטע אָנצוטרינקען דאָס קינד, — נאָר אַלע כאַטעס זענען פּוסט, די פּויערים — צעלאָפן.

נאַכט. מיר שלאָפן אין וואַלד. רויטאַרמייער וואָרענען אונז, מיר זאָלן זיין אָפּגעהיט מיט מענטשן, ווייל אַראָפּגעוואָרפענע דייטשן גייען אָנגעטאָן אין קליידער פון רויטאַרמייער. מיין כאַוועריס קינד, געבליבן אַף מיינע אָרעמס, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. עס בענקט נאָך דער מאַמען. עס הונגערט.

איך קלייב אָן ביי דער לעוואָנע-שיין אַ פּאָר יאַגדעס און גיב דעם קינד — עס זאָל נישט אויסגיין אויף מיינע הענט.

*

לעבן אָשמענע האָט אונדז דער דייטש שוין דעריאָגט. פונדערווייטנס האָט זיך געטראָגן אַ געקלימפּעריי פון טאַנקען. פּויערים האָבן אונדז דערציילט, אַז די גאַנצע געגנט איז שוין באַוועראַמט מיט דייטשן. וואוהין לויפט מען? און דערצו טראָג איך נאָך דאָס קינד!

דערפער ברענען. עראָפּלאַנען איבער די קעפּ. מיר דערקענען צווישן זיי אויך פיל סאָוויעטישע; זיי ראַנגלען זיך אונטער די וואָלקנס מיט די דייטשע לופט-רויבער. איינגעקנוילט אין רויך פאַלן אייניקע אַראָפּ לעבן אונז.

שוין נישט ווייט פון ווילנע טרעף איך זיך מיטן טאַטן פונעם קינד, וואָס איז ביי מיר אַף די הענט. איך גיב אָפּ זיין אוייפעלע און איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב עס דערהאַלטן ביים לעבן. מיר נעכטיקן אין אַ שייער ביי אַ פּויערטע.



א. סוצקעווער אלס פּאַרטיזאַן

דורך די שפּאַלטן זעען מיר, ווי עס ברענט ניי-ווילייקע. באַנאַכט קומען אָן מאַ-טאָציקלען, שטעלן זיך אָפּ בײַ דעם שייער. איך דערהער די שפּראַך, וואָס האָט געשענדט אייראָפּע: דייטשע זשאַנדאַרן נישטערן אין דאָרף. זיי רופן אַרויס אונ-דזער פּויערטע און פרעגן זי, צי זי באַהאַלט נישט אויס קיין אידן. מיינע כאַווי-רים שלאָפן. איך אײַנער בין אויף. פון אירס אַ וואָרט הענגט אָפּ אונדזער לעבן. זי ענטפערט אַף איר מוטער-שפּראַך: „ניין, דאָ איז קיינער נישטאָ", און די זשאַנדאַרן פאָרן אוועק ווייטער.

טאַנקען, טאַנקען, טאַנקען. דער גאַנצער אָשמענער טראַקט איז איין טאַנקען-קייט. זיי פּויקן, רוישן, הילכן און פאַרטויבן. מיר וואַרטן א האַלבן טאָג. ענד-לעך רייסן מיר זיך דורך. מיטן זעלבן וועג, וואָס מיר זײַנען אַנטלאָפן, גייען מיר צוריק. בײַ דער ווילייקע וואַשן מיר זיך אַרום, צערייסן פּאַפּירלעך, דאָקומענטן — טאָמער א רעוויזיע, זאָל מען גאָרנישט געפינען. מײַן פרוי קושט איר טאָג-בוך און בלעטלעבווייז לאָזט זי אים מיטן וואַסער.

*

איך בין צוריק אין שטאָט. אַף די גאַסן האָב איך קיין אידן קימאַט נישט באַמערקט. עטלעכע זקיינים האָבן זיך געשאַרט בײַ די ווענט מיט איינגע-בויגענע קעפּ. די באַפעלקערונג איז געבליבן אין די הייזער. איבער דער שטאָט זענען אַרויסגעגאַנגען עפּעס נײַע פינצטערע פאַרשווינען מיט ווייסע אָרעמבענדער און קליינע ביקסלעך אַף די אַקסלען. איך האָב דערקענט צווישן זיי איינעם א סטודענט פון ווילנער אוניווערזיטעט.

לעבן שלאָס-באַרג האָבן די ווייסע אָרעמבענדער געפירט אונטערן ביקס אַרום צוואַנציק מאַן. צווישן זיי — זאַלמען שאַפּירא, א פראָוויזאָר פון ווילקאָמי-רער גאַס. מען האָט זיי אַלעמען אַרויסגעפירט אַפן שלאָס-באַרג. ביי דער גרינער בריק האָב איך דערהערט א זאַלפּ פון א סאַך ביקסן אין ראַיאָן פון דעם שלאָס-באַרג. איך האָב זיך אויסגעדרייט און געזען בלויז א פלאַטערנדיקן האַקן-קרייץ אַף גערימינס פּאַלאַץ.

אין מײַן שטוב אַף סובאָטש-גאַס 6, וואו איך האָב אַלץ איבערגעלאָזט, האָב איך זיך מער נישט צוריקגעקערט. איך בין אוועק צו מײַן מאַמען אַף ווילקאָמירער 14, וואו איך האָב אָפּגעלעבט צוואַנציק יאָר. מײַן מאַמען האָב איך געטראָפן א פאַרוויינטע. א גוטער אַנזאָגער האָט איר נעכטן דערציילט, אַז ער האָט מיך געזען א טויטן, א צעריסענעם פון א באָמבע.

## גזיירעס און לאַטעס

אַף מאָרגנס איז פון שטאָט אָנגעקומען א שאָכן און דערציילט, אַז מען כאַפּט אידן אַף אַרבעט. די אידן, וואָס מען כאַפּט, לאָזט מען אָפּ אַף דער נאַכט אַהיים. און מען גיט זיי אַרויס פּאַפּירלעך, אַז זיי זענען שוין „געכאַפּטע".

בויז דעם, דערציילט דער שאָכן, האָבן די דייטשן אוועקגעפירט אין דער לוקיש-קער טורמע ווי אַרב-לייט אַרום צוויי הונדערט אידן און פּאָליאַקן; אויב די באַ-פעלקערונג וועט זיך מיט עפּעס „פאַרזינדיקן", וועלן באַצאָלן די אַרב-לייט מיט זייערע קעפּ. די זעלבע נאַכט האָט זיך ביז באַגינען געהערט אַ שיסעריי פון דער טורמע, וואָס שטייט אויף דער אַנדערער זייט ווילִיע, אַנטקעגן מיין פענצטער. ווער שיסט און וועמען — האָט קיינער נישט געוואוסט. אַזוי האָט זיך איבער-געכאַזערט עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם זעלבן אָוונט, ווען מען האָט געבראַכט אין טורמע די אַרב-לייט האָט מען זיי אָנגעהויבן גרופּנוויז צעשיסן אינעם טפיסע-הויף.

די שיסעריי אין דער לוקישקער טורמע האָט נישט אויפגעהערט. די כאַפּעניש אויף מענער — אויך נישט. יעדער פּאָליציי-צירקל האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג אָנצוכאַפּן צו פופציק אידן אַ טאָג. שוין נישט אויף דער געוויינלעכער אַרבעט, נאָר צוליב עפּעס אַ געהיימען ציל, וועלכן קיינער האָט נישט געוואוסט.

כאַפּונעס — אַזוי האָבן די אידן אָנגערופן זייערע כאַפּערס — לויפן אַרום איבער די גאַסן, קאָנטראָלירן, נישטערן. זיי שטעלן אָפּ יעדן איינעם. אויב דער איד האָט נישט קיין שיין, אַז ער אַרבעט, אָדער אויב דער שיין איז אַ ביסל אָנ-געריסן, צעקנייטשט, פירט מען אים אוועק אין דער לוקישקער טורמע.

די פאַשיסטישע פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט די סבוירעס פון די אידישע קראָמען, אַרויסגעשליידערט די אידן פון אַלע אונטערנעמונגען, פון קיעווער גאַס, שאָפּען-גאַס, גרויס-סטעפּן-גאַס האָט מען אין מעשך פון אַ שאָ צייט אַרויסגע-טריבן אַלע „נישט-אַריער" און זייערע דירעס פאַרכאַסמעט. גלייכצייטיק האָט מען פאַרנומען פון דאָרט אַלע מענער. אין גאַס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע באַפעלן:

אידן טאָרן נישט ריידן דורכן טעלעפאָן;

אידן האָבן קיין רעכט נישט צו פאָרן מיט דער באַן;

אידן טאָרן נישט אַריינקומען אין קיין שטאָטישע אַנשטאַלטן (באָד, שפּי-טאָל, קינאָ-טעאַטער, קאַפע);

אידן מוזן אָפּטראָגן זייערע וועלאָסיפּעדן און ראַדיאָס;

אַלע אידן ווערן אַרויסגעוואָרפן פון אוניווערזיטעט.

איבער דער שטאָט האָט זיך באַוויזן די באַקאַנטע אויפשריפט: „איינטריט פיר יודען פערבאָטען".

אין די אָרטיקע ציַיטונגען האָבן זיך באַוויזן שווידערלעכע אַרטיקלען וועגן אידן. דער גאַנצער גיפט פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, צוגעגרייט פאַר לאַנגע יאָרן, איז אַריינגעדרונגען אין דער היגער פּרעסע, וואו ס'האָבן מיטגעאַרבעט פאַשיסטישע אַגענטן — דייטש-ליטווישע נאַציאָנאַליסטן.

דעם 4-טן יולי איז אין די ציַיטונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַזאַ מודעה: „אין העסקעם מיטן באַפעל פון דער דייטשער מיליטערישער מאַכט פון 3-טן יולי 1941, מעלדן מיר, אַז אַלע אידן, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער, דאַר-

פֿן טראָגן אַף דער ברוסט און אַף דער פּלייצע אַ שאַנד-צייכן פֿון צען סענטימעטער אַף צען סענטימעטער, אינמיטן דאַרף זיין אַ געלער קרייז, און אינעווייניק — א "ז" דער מוסטער איז פאַרעפֿנטלעכט אין אַלע ווילנער פּאָליציי-צירקלען.

דער באַפֿעל גייט אריין אין קראַפֿט פֿון 8-טן יולי 1941.

פֿאַר נישט אויספֿילן דעם באַפֿעל — די גרעסטע שטראָף.

מיליטערישער קאָמענדאַנט פֿון ווילנע צ ע נ פּ ע נ י ג."

אין א פּאָר טעג ארום האָט דער שטאָט-קאָמענדאַנט נוימאַן, אַרויסגעגעבן א נייעם געזעץ וועגן לאַטעס: נישט קיין געלע דאַרפֿן זיי זיין און נישט אַף דער ברוסט און פּלייצע דאַרף מען זיי טראָגן, נאָר מען דאַרף אָנגייען אפֿן אַרבל אַ בלאָען אַרעמבאַנד מיט א ווייסן מאָגנדאָוויד. שפּעטער מיט א טאָג, איז אָט דער געזעץ באַטל געוואָרן; מען דאַרף שוין ווידער טראָגן געלע לאַטעס אַף דער ברוסט און פּלייצע.

די דייטשן האָבן געוואָלט מיט די דאָזיקע געזעצן וואָס מער באַליידיקן, דערנידעריקן און צעטומלען די אידישע באַפֿעלקערונג, קעדיי צו האָבן אַן אויסרייד „געזעצלעך" אַרויסבאַקומען וואָס מער קאָרבאָנעס. די אידן האָבן נישט געקענט, פּאַשעט נישט באַוויזן, אויסצופֿירן די נאָכאַנאַנדיקע שפּאָגל-נייע באַפֿעלן. און פֿאַרן טראָגן ניט די לאַטעס, וואָס מען דאַרף, האָט מען גלייך אַרעסטירט.

נאָך נישט געענדיקט מיט די לאַטעס — א געזעץ אַ נייער:

אידן האָבן ניט קיין רעכט צו האָבן קאָנטאַקט און צו ריידן מיט ניט-אידן. אידן האָבן ניט קיין רעכט צו פֿאַרקויפֿן וועלכע ניט איז זאַכן, וואָס זענען ביז איצט געווען זייער אייגנטום, — דערפֿאַר, ווייל דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון די אידן געהערט פֿון היינט אָן און ווייטער צו דער דייטשער מעלוכע און עס ווערט בלויז צייטווייליק איבערגעלאָזן ביי דעם געוועזענעם באַלעבאָס.

ווי עס דרינגט אַרויס פֿון דעם ערשטן פּונקט, איז פֿאַרבאָטן די אידן צו באַזוכן דעם מאַרק.

פֿאַרן זיך ניט אונטערוואַרפֿן די פֿאַראָרדענונגען ווערט מען דערשאָסן.

דעם 2-טן אויגוסט איז אָנגעקומען ה י נ ג ס ט אַלס געביטס-קאָמיסאַר פֿון ווילנע. אין דעם זעלבן טאָג האָט ער שוין באַוויזן זיין קויעך:

אַף שפּיטאָל-גאַס און נאָוויגאָראָד זיינען פֿאַרגעקומען צוויי גרויסע פּאָגראָמען, דורכגעפֿירט האָבן זיי די מאַסן-מערדער שווייגענבערג און ווייס. כוץ דעם האָט ער אַרויפֿגעלייגט א ריזיקע קאָנטריבוציע אַף דער אידישער באַפֿעלקערונג. איין פֿאַראָרדענונג איז פֿאַרויסגעלאָפֿן דער צווייטער:

אידן מעגן גיין אין שטאָט ביז זעקס אַזייגער אָוונט.

אַף די טראָטוואַרן איז אידן פֿאַרבאָטן צו גיין; זיי מעגן גיין בלויז אַפֿן ברוק און איינציקווייז — ווי עס גייען גענדז.

אַף מיצקיעוויטש-גאַס, זאַוואַלנע, ברייטע, שלאָס-גאַס, קאַטעדרע-פּלאַץ און אַרום באַן איז אידן פאַרבאָטן צו גיין.

די אידן האָבן געפּרואווט די געזעצן גוויוער זיין: מען טאָר ניט גיין אַפן מאַרק, איז אָדער מען פלעגט ריזיקירן און גיין אָן לאַטעס ווי ניט-אידן, אָדער די נישט-אידישע שכיינים פלעגן אויפקויפן שפּייז און אַריינטראָגן אין די אידישע שטיבער. אויך מיטן גיין איבער די גאַסן האָבן זיך די אידן אַן אייצע געגעבן: מען האָט דורכגעהאַקט הויפן און געמאַכט דורכגענג. מען איז אַרומגעגאַנגען צענדליקער גאַסן און געקומען וואוהין מען דאַרף.

## כאַפּונעס

דער געשטאַפּאָ-אָפיציר שווייגענבערג האָט געאַרבעט פּלייסיק. אַף ווילנער 12 האָט ער געשאַפן זיין שטאַב. ער האָט צוגעצויגן די ליטווישע פּאַשיסטן פון „איפּאַטינגאַס בורים“, אָדער פּאַשעט, ווי מען האָט זיי אָנגערופן — די „אי-פּאַטינגאַ“ (אויסדערוויילטע) און האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט אַף צוויי העלפטן: די אויפגאַבע פון דער ערשטער העלפט איז צו כאַפּן אידן, און פון דער צווייטער — אויסצופירן עקזעקוציעס איבער די געכאַפּטע.

*

עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן כאַפּונעס. זייער אויפגאַבע איז צוערשט געווען: אויפזוכן אידישע מענער און זיי שלעפּן צו דער אַרבעט. אָבער נישט אין דער עצעם אַרבעט איז זיי געגאַנגען. ס'איז געווען אַ גוטער, פון פּאָרויס צוגעגרייטער מיטל, ווי אַזוי אַריינצונאַרן און פאַרלענדן די אידישע באַפעלקערונג. די אַרבעטנדיקע אידן האָט מען טכילאַס ניט געטשעפּעט; פאַרקערט, זיי האָבן באַקומען צעטלען, אַז זיי אַרבעטן. מיט אַזאַ צעטל האָט מען זיי נישט געטאָרט פאַרהאַלטן. אינגיכן איז די אידישע באַפעלקערונג צעשפּאָלטן געוואָרן אַף צוויי טיילן: די, וואָס אַרבעטן, און די, וואָס באַהאַלטן זיך אין „מאַלינעס“. געפונען אַ באַהאַלטענעם אידן — פלעגן די כאַפּונעס אים הייטן מיטנעמען אַ האַנטעך און זייף און פלעגן אים אָפּפירן אין דער לוקישקער טורמע. אין טורמע איז געווען שווייגענבערג. פון אים פלעגט מען זיך זעלטן אַרויסדרייען.

אַף ווילנער 12, אין דער געבײַדע פון דער „איפּאַטינגאַ“, איז געווען אַ קאַרטאָטעק פון די געכאַפּטע, ס'הייסט, פון יענע געכאַפּטע, וואָס מען האָט אוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע. אין דער קאַרטאָטעק זיינען געווען פאָלגנדע רובריקן: נאָמען און פאַמיליע-נאָמען פונעם געכאַפּטן, ווען געבוירן, און נאָמען פון כאַפּער. אַף דער צווייטער זייט פלעגט דער סעקרעטאַר נאָרווישאַ, אָנשרייבן מיט אַ רויטן בלייער אָן L אָדער אַ L. P. האָט באַדייט, אַז דער

קאָרבן איז אין דער לוקישקער טורמע. א „P" אז מען האָט אים שוין אָפּגע-פירט קיין פּאָנאַר — דאָס אָרט פון די עקזעקוציעס.

פּאַר איטלעכן געכאַפּטן אידן, וואָס איז באַשטימט געווען אַף אומקום, האָט דער כאַפּון באַקומען צען רובל.

פיל כאַפּונעס האָבן געהאַט צו זיך געהילפן. מערסטנטייל זיינען דאָס געווען גאָר יונגע אַגענטלעך. זיי פלעגן פריער אויסשמעקן די ערטער, וואו אידן באַהאַלטן זיך. פאַר אַזאַ האָט מען געצייטערט ניט ווינציקער ווי פאַר א דערוואַקסענעם. די כאַפּונעס פלעגן נישט נאָר כאַפּן מענטשן צום טויט, נאָר אויך זיך איבער זיי איזדיעקעווען. אין זייער גלאַנץ-פּעריאָד, ערעוו דער געטאָ, פלעגן זיי באַפאַלן באָטיי-מעדראָשים און פלעגן אוועקפירן די דאַוונערס אַזוי ווי זיי שטייען אין טאַלעס און טפילן. געווען איז אַזאַ פאַל: בעיס א כאַפּעניש האָט זיך געראַשן שמוקלער באַהאַלטן אין אַן אַלמער. א כאַפּון האָט אים דערטאַפּט און געשלעפּט אַפן הויף. דער איד האָט זיך געפּרואווט אויסקויפן. ער האָט אָבער נישט גע-האַט גענוג געלט, האָט ער זיך געבעטן בא זיין כאַפּון, וועלכן ער האָט געקענט ווי א סטודענט פון אוניווערזיטעט.

— האָק מיר אוים מיינע גאָלדענע ציינער, נאָר לאָז מיך לעבן...

באָס סטודענט האָט זיך אויפגעוועקט דער „געוויסן". ער האָט אים אוים-געהאַקט די ציינער און געלאָזט לעבן.

# דער ערשטער יודען-ראַט

דעם 4-טן יולי איז אַריינגעפאָרן אַפן שולהויף א טאַקסי און צוויי דייטשן מיט ביקסן אַף די אַקסלען האָבן באַפוילן אַרויסרופן דעם ווילנער ראָוו. עס איז צו זיי אַרויסגעקומען דער שטאָט-שאַמעס כאַים מאיר גאָרדאָן, א הויכער שיינער איד מיט א ווייסער באָרד. „דו ביסט עס דער ווילנער ראָוו?"—האָט איי-נער פון די דייטשן אָנגעשטעלט אַף אים די ביקס. גאָרדאָן האָט געענטפערט, אַז ער איז בלויז א שאַמעס; דער ערשטער ראָוו, רובינשטיין, איז אין אַמעריקע, און דער צווייטער ראָוו, כאַים אויזער גראָדזענסקי, איז געשטאָרבן.

— אויב אַזוי, — האָבן די דייטשן געמאָלדן דעם שאַמעס, — ביסטו דער ראָוו. ביז מאָרגן דאַרפסטו אויפשטעלן א אידן-ראַט.

עס איז גערופן געוואָרן א פאַרזאַמלונג פון די ווילנער קלאַל-טוער, אונטערן פּאָרזיץ פון דעם אַלטן און גוט באַקאַנטן דר. גערשוני. גערשוני האָט דער-קלערט, אַז די וועלכע מען וועט אויסקלייבן אין אידן-ראַט, טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן. עס איז געבליבן ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אַף קידעש-האַשעם. און ער האָט זיך ביטער צעוויינט. אין אידן-ראַט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 16 פּערזאָן. צווישן זיי: דר. יאַנקעוו ווינגאָדסקי. האַראַוו שום. עליעזער קרוק, אַדוואָקאַט פינ-

בעם קאָן. פרוי דר. שאַבאַד, סאָול טראָצקי און דער באַנקיר לאַנגבאַרט. פאַרן פאָר זיצער איז אויסגעקליבן געוואָרן אינזשעניער סאָול טראָצקי.

דער אידן - ראַט האָט זיך אַריינגעקליבן אַף סטראַשון-גאַס 6. אין בניען פון דער געוועזענער ביבליאָטעק „מפיצי-השכלה“.

דאָס ערשטע וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַפן אידן-ראַט איז צו-נויפזאַמלען דאָס גאָלד און די ווערטזאַכן פון דער אידישער באַפעלקערונג.

✻

ווי נאָר עס זיינען אַריין אין ווילנע די דייטשן, האָט נאָך געפּרואווט אַנגורטן זיינע קויכעס דער אַלטער ווילנער קלאַל-טוער, דער געוועזענער פּאָרזיצער פון דער ווילנער אידישער קעהילע דר. יאַנקעוו וויגאָדסקי.

צו 85 יאָר איז אים באַשערט געווען צו זען דעם האַקנקרייץ איבער זיין היים-שטאָט. ער איז שוין געווען קראַנק, קוים וואָס געגאַנגען. ווען די נייע מאַכטהאָבער האָבן אָנגעהייבן זייער מאָרד איבער דער אידישער באַפעלקערונג, זענען צענדליקער און הונדערטער מענטשן געלאָפן צו וויגאָדסקין. באַ דעם האָט מען צוגערויבט אַ זון, באַ יענעם — אַ טאַטן, זאָל ער ווי אַלעמאָל זיי העלפן, זיי ראַטעווען.

דער קראַנקער וויגאָדסקי האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, אָנגעטאָן זיינע שוואַרצע קליידער מיט די אָקאָרשט אָנגענייטע לאַטעס, גענומען אַ שטעקן און איז אַוועק צום רעפערענט פאַר אידישע איניאַנים מ ו ר ע ר אַפּצושרייען די גזיירעס. דער שטורמיסט באַ דער טיר האָט אים נישט אַריינגעלאָזט. געהייסן וואַרטן אַף די טרעפּ. אין אַ שאָ אַרום איז אַרויסגעקומען מורער.

דער זאָקן איז צוגעגאַנגען נעענטער, זיך פאָרגעשטעלט ווער ער איז און דערציילט דעם נייעם הערשער וועגן די גרויסע אוולעס, וואָס ווערן אָפּגעטאָן לעגאַבע די אידן. מורער האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט. ווען דער זאָקן האָט גע רעדט, האָט ער אַרויפגעצויגן אַף דער האַנט אַ ווייסע הענטשקע און וויגאָדסקין אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ.

דער זאָקן האָט זיך קוים אויפגעהויבן, זיך אַרומגעווישט דאָס בלוט און מיטן ברוק, ווי אַלע אידן, זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים. ער איז געגאַנגען דורך מיצקעוויטש-גאַס. ס'איז געווען דעמאָלט ווען עס איז אַרוים דער געזעץ, אַז די הויפּט-גאַסן זיינען פאַרווערט פאַר אידן. עס איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ כאַ-פּער און אים אַ נעם געטאָן.

צופעליק האָט עס באַמערקט אַ נישט-אידישער פּראָפעסאָר, ער האָט אויס-געקויפט דעם זאָקן און אים געבראַכט אַהיים.

פון דעמאָלט אָן איז שוין דער אַלטער קלאַל-טוער נישט אַרויס פון שטוב. ביז איינמאָל איז געקומען צו זיין שטוב אַ טאַקסי. מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט און אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע.

מיין פרוי האָט אים געזען אין טורמע. אַ כוידעש לאַנג האָט אים שווייגנבערג געמאַטערט. צו וויגאָדסקין אין קאַמער האָט ער אַריינגעוואָרפן מייסים. די אידן, אָנגעכאַפּטע פון פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס, האָבן זיך געצווינגן צו דעם זאָקן און געמאָנט ביי אים אַ טרייסט. וויגאָדסקי האָט געמונטערט די פאַרמישפּטע. איטלעכן האָט ער געהייסן צערייסן זיין געלט און אַריינוואַרפן אין אָפּטריט, אויך דאָס גאָלד און צירונג, קעדיי עס זאָל ניט אַריינפאַלן אין די מערדערישע הענט. ער האָט געערעדט, מען זאָל רואיק אויפנעמען דעם טויט, אַזוי ווי אונדזערע זיידעס אַף קידעש-האַשעם.

# די האַק

...מיין מאַמע האָט אַף אַ רעגע פאַרגעסן דעם דייטשן געזעץ. זי האָט געשטעלט אַ פוס אַפן טראָטואַר. אַ שטורמיסט האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און געשמיסן מיט אַ נאַגייקע איבערן פּאָנים. ווען זי איז שוין געלעגן אַ פאַרבלוטיקטע אין רינשטאָק, האָט ער זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט און איז אַוועק. אַ שאָכנטע האָט זי געבראַכט אַהיים. איך האָב איר אָרומגעוואַשן דאָס בלוט און צום ערשטן מאָל דערפילט אין זיך דעם פייער פון נעקאָמע.

מיטאָמאָל האָבן זיך אין פאָדערהויז דערהערט טריט. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ טונקעלן צימערל, וואו ס'איז געווען אונדזער קיך... עס זיינען אַריינגעקומען 2 כאַפּונעס. איך שטיי אין צימערל צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און הער, וואָס די כאַפּונעס רעדן. אַזוי ווי עס איז אַן אָרעמע סאַלקע, זוכן זיי נישט קיין גאָלד. זיי פרעגן בלויז, צי ס'זענען דאָ מענער. דערהערט אַז נישט, רופט זיך איינער אָן: „מען דאַרף אַ זוך טאָן — די זשידעס האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן".

איך הער, ווי עס עפנט זיך די טיר פון דעם פינצטערן צימערל און עמיץ גייט אַריין מיט אַן עלעקטריש לעמפּל. איך שפּאַר זיך אָן לעבן צעבראָכענעם אויוון און דערטאַפּ אַ האַק. איך גיב זיך אַ וואָרט, אַז אויב דער כאַפּון וועט מיך באַמערקן און וועלן מיטנעמען, שפּאַלט איך אים מיט דער האַק דעם קאָפּ.

אָט איז ער אַריין. איך זע אַ שוואַרצן קאַפּעליוש און אַ פּאָנים מיט אַ שיטער בערדל. מיטן לעמפּל פּאָכעט ער איבער די ווענט. דער איקער זוכט ער אין די ווינקעלעך. דער כאַפּון גייט אַריין טיפער. איך הער שוין זיין אָטעם. ער שטעלט זיך מיט דער פּלייצע צו מיר, די האַק, צוגעוואַקסן צו מיין דלאָניע, וואַרט, איך זאָל אויספירן מיין וואָרט. איך וואַרט, ער זאָל זיך אומקערן און מיך באַמערקן.

דער כאַפּון האָט אַלץ און אומעטום באַלויכטן, בלויז הינטער זיין פּלייצע איז אים נישט איינגעפאַלן צו זוכן. און ער איז אַרויס פון צימער.

# מיין ערשטע „מאַלינע“

אין מיין צימערל אַף ווילקאָמירער 14, אין שטענדיקער טויט־שרעק פאַר די כאַפּונעס און אָנגעפּלייצטע שטורמיסטן, וואָס האָבן זיך אויך אַ לאָז געטאָן איבער די אידישע שטיבער, בין איך געלעגן טאָג ווי נאַכט, צוגעדעקט מיט שמאַטעס, און געמאַכט פּלענער ווי און וויאַזוי זיך אויסצובויען אַ „מאַלינע“ — אַ וואָרט, וואָס איז פּאָפּולער געוואָרן בא דער אידישער באַפעלקערונג. אַ „מאַלינע“ דאָס האָט געהייסן אַן אָרט, וואו מען קען זיך באַהאַלטן פון די כאַפּונעס.

מיין שטוב איז אַ הילצערנע סאַלקע אַפן צווייטן גאָרן. דער בוידעם איז אַן אָפענער, מען וועט זיכער געפינען. די כאַפּונעס האָבן זיך אויסגעלערנט זוכן; לעצטנס קומען זיי מיט העק און אפילו מיט שפּיר־הינט. דאָס איינציקע אָרט איז דער קוימען פון צעבראָכענעם אויוון אין קיך. ביינאַכט האָב איך פאָרזיכטיק ארויסגענומען עטלעכע ציגל און בין ארויפגעקראָכן אין דער הויך, פּונקט אַנטקעגן דער לבנה... דריי נעכט האָב איך זיך געמאַטערט אין דעם קוימען און פאַרסמט די לונגען אין דער שטיקנדיקער סאַזשע. איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אונטערן בלעכענעם דעכל, וואָס גייט אַראָפּ פון דעם פענצטער, באַדאַרף זיך געפינען אַ פּוסט אָרט. אויב מען זאָל פון ערגעץ דורכשניידן אַן אַריינגאַנג און אים גוט פאַרמאַסקירן, איז מעגלעך דאָרט אַריינצוקריכן און „וואוינען“. אין פאַדערהויז, פאַרן עפענען די טיר, האָט זיך געפונען אַ טונקל קעמערל אַף צו האַלטן האָלץ. אין יענעם קעמערל האָב איך ארויסגעריסן אַ ברעט און געמאַכט אַן אַריינגאַנג אונטערן בלעכענעם דעכל. די מאַלינע האָט זיך ארויסגעוויזן אַ ביסעלע צו נידעריק. איך האָב בלויז געקענט ליגן אין דער גאַנצער לענג און עס איז קוים געווען מעגלעך זיך איבערצודרייען אַף דער אַנדערער זייט.

ביים אַריינקריכן מיט די פיס פאָרויס פלעג איך נאָכדעם צוציען די ברעט אַף צוריק און פאַרדרייען מיט אַ דראָט אינעווייניק, מען זאָל נישט קענען צוקומען. אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אין דער מאַלינע זיבן וואָכן. איך האָב אויסגעבוירעט דורכן בלעך אַ פּיצל עפענונג און פאַר דעם ביסל שיין אין פאָרם פון אַ נאָדל־ליכט האָב איך געשריבן מיינע לידער „פענימער און זומפּן“.

די בלעך, אָנגעוואָרעמט פון דער יוליקער זון, האָט צעבריט מיין לייב. איך פלעג קוים דערוואַרטן, אַז עס זאָל אָנקומען דער אָוונט. אין ביין־האַשמאַשעס פלעגט זיך צושאַרן אהער מיין פרוי, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַן לאַטעס, און מיר דערלאַנגען פון אונטערן ברעט אַ שטיקל ברויט. עפענען די מאַלינע האָב איך נישט געוואָלט, ווייל צו יעדער רגע קענען זיך אָנטראָגן די כאַפּונעס.

*

אונטער מיר, אין דער אונטערשטער פּוסטער דירע (די זין האָט מען פון דאָרטן צוגעכאַפּט, די אַלטע מאַמע איז געשטאָרבן) האָט זיך אַריינגעקליבן אַ

געוועזענער באַאַמטער פון ווילנער מאַגיסטראַט, איינער אַ ניקאָלאַי פּטאַשעק. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אַף די עטלעכע נאָך געבליבענע אידישע איינוואוינער. אין אָוונט פלעגט ער זיך אוועקזעצן אַף די טרעפּ אָון רייניקן זיין ביקס. איינמאָל האָט ער זיך באַרימט פאַר די שכיינים, אַז ער קומט נאָרוואָס פון דעם שטעטל פּאָדבראָדז, וואו ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט דערשאָסן 50 אידן. אַף אים איז דאָס געווען צו גלויבן. איבערן גאַנצן הויף האָבן זיך געלופטערט זיינע אָנגערויבטע זאַכן. גראָד איז מיין באַהעלטעניש אויסגעקומען איבער זיין בעט. און די מינדסטע באַוועגונג מיינע אויבן, מיין קלענסטער שאָרך, האָט זיך געהערט ביי אים אין די צימערן. עמעצער האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ריינעס זון, — איך, הייסט עס — האָט מען נישט געזען אַראָפּפירן פון די טרעפּ, מיסטאַמע באַהאַלט ער זיך ערגעץ אוים. פּטאַשעק איז אַרויף צו מיין מוטער אַ קוק טאָן.

די גאַנצע צייט פון מיין בראָטן זיך אין דער מאַלינע האָב איך אויסגעמיטן פון דאָרטן אַרויסצוגיין. אַפילו ביינאַכט. איך האָב געוואוסט, אַז קוים וועל איך געכאַפּט פון די היצלעס, איז שוין מיין לעבן פאַרשפּילט. אין דער באַהעלטעניש בין איך געוואָרן קראַנק. איך האָב אָבער באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין פון דאָרטן. מיין מאַמע האָט זיך געבעטן ביי מיר, האָט אַריינגעשעפּשעט אין אַ ספּעציעלן שפּאַלט, וואָס דורך אים פלעג איך דערהערן, איך זאָל אַרויסקריכן אָנכאַפּן לופט און דעם קראַנקן גוף אביסל צוהיילן. איינמאָל האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן — אַרויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש און אַריין אין שטוב. עס איז געווען פרייטיק-צו-נאַכט, די מאַמע האָט געבענטשט ליכט. אין פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער מאַי-בוים, ווי אַ בשורע פון פרידן. איך האָב זיך אויסגעטאָן האַלב-נאַקעט און גענומען זיך אַרומוואַשן. אין דער זעלבער צייט איז אַריין פּטאַשעק. מיך באַמערקט. ער האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק, געפרעגט דער מאַמען צי עס איז אַ גוטע דירע ביי איר? ער וויל בעסער זיך אַרויפקלייבן אויבן, אונטן שטערט מען אים צו שלאָפן. אַליץ איינס, זאָגט ער, וועט מען אינגיכן אייך אַלעמען אַריינטרייבן אין געטאָ, וויל ער באַצייטנס אונדז יאַרשענען און פאַרכאַפּן די וואוינונג. מיין מאַמע איז פאַרטאָן אין ליכט-בענטשן. זי האָט נישט געהערט זיינע רייד. ער האָט זיך העפלעך געזעגנט און פאַרמאַכט די טיר. איידער איך האָב זיך נאָך באַוויזן אָנצוטאָן דאָס העמד, ערשט איך הער אַ געלויף, אַ געפילדער: אַ שטורמיסט מיט פּטאַשעקן רייסן זיך אַריין דורך דער טיר. ווי אַזוי איך האָב זיך דעמאָלט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, פאַרשטיי איך אַד האַיאָם נישט. פלינק ווי אַ בליץ, בין איך אַרויסגעשפּרונגען אין פּאָדערהויז און זיך באַהאַלטן צוריק אין דער מאַלינע.

## אַ פאַרווײַלונג באַ דייטשן

ווייטער ליגן אין דער מאַלינע האָט שוין נישט געהאַט קיין זינען. איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן, זיך אַריבערכאַפּן אין שטאָט. איך האָב געוואוסט, אַז

ארויף גאַס, לעבן די שעסקינער בערג, אין די אַמוניציע-לאַגערן, ארבעטן אידן. איך האָב פארטראַכט זיך אריבערצוכאַפּן אָן לאַטעם אהינצו און פון דאָרטן שוין, ווי א איד, מיט דער גאַנצער קאָלאָנע, אַפּמאַרשירן אין שטאָט.

איך האָב אָנגעשריבן א צעוואָע (טאָמער כאַפּט מען מיך), פארוקט זי אין דער באַהעלטעניש, וואו איך בין זיבן וואָכן אַפּגעלעגן אין פיבער, און שאַבעס ביינאַכט דעם 5-טן אויגוסט 1941, האָב איך זיך אריבערגעכאַפּט אַף א צווייטן הויף, זיך דאָרט באַהאַלטן אַף א בוידעם און באַטאָג האָב איך אוועקגעשפּאַנט אָן לאַטעם מיטן טראָטואַר צו די שעסקינער בערג.

באַגאַנגען בין איך א גרויסן פעלער. ליגנדיק אונטערן בלעכענעם דעכל אין דער פינצטערניש האָב איך א טאָעס געהאַט אין א טאָג. ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז היינט איז גאָר זונטיק, און דעם טאָג טרייבט מען נישט די אידן צו דער ארבעט.

לעבן סורטעס ציגעלניע האָט מיך אָפּגעשטעלט א שיקערער שטורמיסט און געפאָדערט דאָקומענטן. געזען, אַז איך בין אריינגעפאַלן, זאָג איך אים: „איך בין א איד און האָב פארגעסן אָנטאָן די לאַטעס”.

— גוט וואָס דו האָסט אָנגעטראָפן אַף מיר, נישט אַף מיינע קאָלעגן, — וויזט ער מיטן פינגער אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג, — זיי וואָלטן דיר אָפּ-געשניטן די אויערן. איך, זעסטו, וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. היינט ביי-נאַכט וועל איך דיך אָפּלאָזן, נאָר איצט וועסטו גיין מיט מיר, דו וועסט שפּילן אין א צירק..

איך זוך אין גדאַנק אַן אייצע, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. איך נעם אראָפּ פון מיין האַנט דאָס זייגערל, גיב עס אים און בעט, ער זאָל מיך באַפרייען. דער שטורמיסט צעלאַכט זיך, רוקט אריין אין קעשענע די האַנט, ציט ארויס פון דאָר-טן א צענדליק זייגערלעך און וויזט מיר ווי ביים מאַכן א מיסכער:

— אין פּאָניעוויעזש האָט מיר א איד געוואָלט אָפּגעבן זיין נייעם צוויי-גאָ-רנדיקן מויער, אבי איך זאָל אים שיסן וואָס גיכער. און ביי א צווייטן האָב איך געבעטן זיין האַנט-זייגערל, וועל איך אים לאָזן לעבן, איז דאָס געוועזן פאַר אים שאָד... נאָר דיר, — קלימפּערט ער מיט די זייגערלעך, — וועל איך נישט טאָן קיין שלעכטס. איך שווער בא היטלערן! דו וועסט בלויז בא מיר שפּילן אין צירק, מער גאָרנישט.

וואָס אַזוינס דער שטורמיסט האָט פארטראַכט, האָב איך נישט געקענט בא-נעמען. איך האָב געהאַט בלויז איין פארלאַנג: ער זאָל מיך נאָר נישט אוועק-שלעפּן אין דער לוקישקער טורמע, פון וואַנען עס זיינען שוין צו מיר דערגאַנגען גרוסן, ווי אַזוי שווינענבערג פייניקט. איך האָב געקלערט אַנטלויפן. נאָר דעם שטורמיסט איז נאָכגעגאַנגען, ווי זיין שאָטן, א שוואַרצער קודלאַטער הונט. איך האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן בלויז אין דעם פאַל, ווען איך וועל זיך איבערצייגן אַף זיכער, אַז דער שטורמיסט פירט מיך צום טויט.

אין דער זעלבער צייט זענען אָנגעגאַנגען זיינע צוויי קאָלעגן. זיי האָבן גע-פירט צוויי אידן מיט געלע לאַטעס. דערזען, אַז זייער קאָלעגע איז אויך נים מיט לייזיקן, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט.

— מאַרש! — האָט אַ פּייף געטאָן איינער פון די צוגעקומענע שטורמיסטן און אָנגעוויזן אונדז דעם וועג וואוהין צו גיין. די דריי זיינען נאָכגעגאַנגען אונדז פון הינטן און געטריבן ווי די שאָף. דער הונט איז פאַרויסגעלאָפן, ווי דער שליעך פון טויט. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען ביז צו דער ווילקאָמירער גאַס, צו דער אַלטער קלויז.

אויפן וועג האָב איך זיך אומגעקוקט אויף מיינע צוויי מיטגייער. דער ערש-טער איז דער 80-יעריקער ראָוו פון אונדזער גאַס, קאַסעל. דער „אַלטער" האָט מען אים גערופן. אַ נידעריקער, גרייכט קוים מיין אַקסל, ווייס ווי שניי, די שוואַר-צע לאַנגע קאַפּאָטע מאַכט אים נאָך נידעריקער. מיר דאַכט, עס איז אַ קינד פאַר-גרימירט פאַר אַ זאַקן. מיר איז אויסטערליש, וואָס ער גייט אָן אַ שטעקן. איך דערמאָן זיך, אַז דער שטורמיסט, וואָס האָט אים אַקאַרשט צוגעפירט, האָט זיך געשפּילט מיט אַ שטעקן. פאַרזיכטיק טו איך אַ בייג דעם קאָפּ אויף אַהינטער, און מיין כשאַד באַשטעטיקט זיך: עס איז דער שטעקן פונעם אַכציק-יעריקן ראָוו.

דער צווייטער איז אַ יונג אינגל, מוישקע — אויך אַ באַקאַנטער פון דער זעלבער גאַס. ער גייט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, קוקט אויפן ברוק און זיין פּאָנים פיבערט אין רויזלעכע פלעקן. דאָס צעשראָקענע אינגל איז אַ קאָנטראַסט צו דעם זאַקנס רואיקייט. דער טויט איז נאָך פאַר אים צו גרויס, מוישקע קען אים נאָך נים אַריינעמען.

מיר האָבן אַלע דריי נישט געוואוסט, וואוהין מען פירט אונדז. דאָס אינגל האָט געקוקט אַ צעשראָקענער, דאָ אויף מיר, דאָ אויף דעם זאַקן, מיט אַזאַ אויס-דרוק, ווי אין אונדז וואָלט זיך באַהאַלטן זיין גורל.

לעבן דער אַלטער קלויז האָט שוין געוואַרט אַ האַמוין, וועלכן די דייטשן האָבן באַצייטנס צונויפגעטריבן אויפן ספּעקטאַקל. דער שטורמיסט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיטן זאַקנס ביינערדיק שטעקעלע, האָט אונדז דרייען צוגעפירט צו דער וואַנט פון דער קלויז און געהייסן זיך אויסטאָן. ערשט איצט האָב איך באַ-מערקט, ווי איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס איז איבערגעצויגן אַ סייפער-טוירע מיט די סימאָנים פון רעדער, וואָס זיינען איבער איר דורכגעפאָרן. אַכוץ דער צעראַלטער סייפער-טוירע איבער דער גאַס, איז אַ הויפן סיפריי-טוירעס גע-לעגן לעבן דער קלויז, מיט צעריסענע פאַרבלוטיקטע מענטעלעך, דורכגעזוימטע מיט זילבערנע פעדים. און לעבן זיי, אַ בערגל אָנגעהויפטע ברעטלעך אין פאָרעם פון אַ שייטער.

— „אויסטאָן זיך!" . . .

— הייסט עס, אַז מען קלייבט זך אונדז פאַרברענען, — איז מיר דורכגע-לאָפן אַ געדאַנק. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן זאַקן, און זיין בליק האָט אָפּגע-טויט מיין מוירע. בלויז דאָס אינגל האָט געוויינט: „מאַמע!"

דער שטורמיסט האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און נאָכאַמאָל איבער-געכאַזערט דעם באַפעל:—„אויסטאָן זיך!" אָבער דאָס מאָל שוין נישט מיט קיין שטיל קאָל, נאָר מיט אַזאַ געוואוי, אַז אַ צוקוקער האָט פון שרעק אַ פּראַל געטאָן

אף דער ערד פון פאַרמעט. דער שטורמיסט האָט מיט אַ שוועבעלע אונטערגע-צונדן דעם שייטער.

דער ערשטער האָט זיך אויסגעטאָן דער ראָוו. זיין דאַרער איינגעשרומפּענער גוף, אין שיין פון אויפגייענדיקן שייטער, האָט אויסגעזען ווי אַ וואַקסענע יאָר-צייט-ליכט אויסגעבויגן און געל. נאָך אים — איך. די הענט אַליין, נישט הערנ-דיק די באַפעלן פון געדאַנק, האָבן אַראָפּגעצויגן מיינע לייבטע זומערדיקע קליי-דער. צולעצט האָט זיך אויסגעטאָן דאָס אינגל. די קליידער האָט ער געהאַלטן אין די הענט, ווי שלאַנגען, און ניט געוואוסט מיט זיי וואָס צו טאָן. דער שטורמיסט האָט באַפוילן אונז אַלעמען צונויפלייגן די קליידער אין איין פּעקל, ער אַליין האָט אַלץ צוגעדעקט מיטן ראָווס טאַלעס-קאַטן.

מיר האָבן געדאַרפט טאַנצן אַרום פייער און זינגען, זינגען אף רוסיש. דער ראָוו האָט קיין רוסיש נישט געקענט. ער האָט געשוויגן. איצט איז שוין צוגעלאָ-פן אַ צווייטער שטורמיסט — דער וואָס האָט געקלימפּערט מיט די זייגערלעך — און אַ שטופּ געטאָן דעם ראָוו צום פייער.

דער ראָוו האָט פאַרמאַכט די אויגן. דער רויך האָט אים אַרומגעקנוילט. ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל אַן „אוי".

געענדיקט מיטן זינגען, האָט מען שלאָגנדיק אונדז באַפוילן רייסן די סיי-פער-טוירעס און זיי וואַרפן אין פייער.

די ערשטע סיפער-טוירע האָבן די דייטשן אַריינגעשטעקט דעם נאַקעטן זאָקן. דער פאַרמעט איז געווען האַרט, די סיפער-טוירע איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע הענט און האָט צוגעדעקט דעם פּלאַקער. דאָס פייער האָט זיך אין אָנהויב פאַר-שטיקט, פאַרטונקלט. שפּעטער האָט דער פּלאַקער מיט נאָך מער קראַפט זיך אַדורכגעריסן דורכן פאַרמעט און מיט אַ געקנאַק אַ פלייץ געטאָן אין דער הויך צו דעם פייער פון זון-אונטערגאַנג.

דאָס אינגל האָט געגאָסן טרערן, זיך צוגעדעקט מיט די הענט דעם קאָפּ, זיינע האָר זאָלן זיך נישט אָנכאַפּן.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן. די זון איז פאַרגאַנגען.

די שטורמיסטן זיינען קוועלנדיק אוועק.

דער ראָוו איז אַריין אין דער כאָרעוועער קלויז און זיך געשטעלט דאַוונען. דאָס אינגל איז אַנטלאָפן, איך בין אויך אין קלויז אַריין, זיך אוועקגעלייגט אין אַ ווינקל, אין דערוואַרטונג אפן מאָרגנדיקן טאָג.

## פופציק געקעפטע

עטלעכע וואָכן האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אף סאַלטאַנישאָק, אַ פאָר-שטאָט פון ווילנע, ביי דער מישפּאָכע פון דעם באַקאַנטן ווילנער רעוואָלוציאָנער באַסטאַצקי, וועלכער איז אין יאָר 1936 געפאַלן אין שפּאַניע. פון מיין נייער צייטווייליקער היים בין איך צוזאַמען מיט די געבליבענע מענער פון דער מישפּאָכע

באַסטאַצקי געגאַנגען אַרבעטן אין אַמוניציע-לאַגערן אויף די שעסקינער בערג. ווען נישט די האַרציקע מישפּאָכע, וואָס האָט מיך אַריינגענומען צו זיך, וואָלט איך שוין לאַנג ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אַרבעטן האָב איך געמוזט גיין, קעדיי צו באַקומען אַ שיין פונעם ווילנער אַרבעטס-אַמט; אין יענע טעג איז עס גע ווען די איינציקע רעטונג קעגן די כאַפּונעס. די באַסטאַצקיס האָבן איבער מיר איינגעשטעלט זייער לעבן. ווייל נישט קיין איינגעמאָלדענעם האָט מען נישט געטאָרט אַרויפלאָזן אויף דער שוועל. און יעדער איד, וועלכער איז געגאַנגען זיך איבערמעלדן אויף אַ צווייטער וואוינונג, איז שוין נישט צוריקגעקומען פון פּאָ-ליציי צירקל אַהיים.

די אַרבעט אין די אַמוניציע-לאַגערן איז באַשטאַנען אין אויפקלייבן די קוילן, גראַנאַטן, באָמבעס, וואָס די רויטע אַרמיי האָט נישט באַוויזן אויפצורייסן פאַרן פאַרלאָזן די שטאָט. מיט מיר צוזאַמען האָט דאָרטן געאַרבעט לייב שריפט-זעצער — דער גוט-באַקאַנטער און באַליבטער אַקטיאָר. ער האָט אויסגעזען געל און אויסגעדאַרט, ווי נאָך אַ טיפוס-קרענק. מיר האָבן נישט דערלאָזן, ער זאָל שווער אַרבעטן, אים צוגעטראָגן די פּאַרציע זופּ און געקויפט פאַר אים בײַ די פויערים עפּל. די עפּל איז אים שטענדיק אַ שאָד געווען אויפצועסן. ער פלעגט אַרויסנעמען זיין אַלט מעסערל, זיי צעשניידן אויף דינע באַלאַקים און אָנפילן מיט זיי דעם אונטערשלאַק פונעם רעקל, די זשאַנדאַרן, וואָס קאָנטראָלירן אויף די גאַסן, זאָלן גאָרנישט געפינען. די עפּל האָט ער געטראָגן אַהיים, פאַר זיין קראַנק טעכטערל.

— איך שפּיל מיין לעצטע ראָליע — האָט ער מיר געזאָגט. — דער אַקטיאָר לייב שריפטזעצער, וואָס זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשפּילט שאָלעם אַליכעמען, שפּילט איצט די קאָמעדיע „מענאַכעם-מענדל אונטערן האַקן-קרייץ”.

מיט מיר צוזאַמען האָט דאָ געאַרבעט האָפּמעקלער, דער דיריגענט פון סים-פאָנישן אָרקעסטער אין ווילנער ראַדיאָ. ווען ער איז געגאַנגען מיט דער קאָלאָנע אַהיים האָט אויף אים אָנגעוויזן אַ מאָסער, אַז ער האָט געאַרבעט אין ראַדיאָ. מען האָט אים אַוועקגעפירט אין טורמע.

די שטימונג בײַ די אַרבעטער איז געווען אַ ביטערע. די דייטשן, וואָס זיי-נען שוין געווען בײַ לענינגראַד, האָבן זיך באַרימט אין זייערע בלעטער, אַז מאָר-גן — איבערמאָרגן וועט פאַלן די שטאָט. איבער די גאַסן פון ווילנע האָבן די דייטשן ספּעציעל אַרומגעפירט קאָלאָנעס געפאַנגענע רויטאַרמייער, אויסגעהונ-גערטע, נאַקעטע, צו באַווייזן דערמיט דער באַפעלקערונג, ווער עס איז דער זיגער.

✻

איינמאָל, ס'איז געווען אַ וואָכן צוויי פאַרן אַריינטרייבן די אידן אין געטאָ, איז פון יענער זייט דראָט פון אונזער שוין נייעם אַרבעטפּלאַץ אין בורבישאָק, פאַרבייגעגאַנגען אַ פויערטע און מיר אָנגעוויזן אַז דאָ „וואו עס איז אַ געלער זאַמד, ליגן באַגראָבן 50 אידן, די דייטשן האָבן זיי געקעפּט; זי האָט עס צופעליק

אַליין געזען, ניט ווייט פון דאַנען האָט זי געפּיטערט איר ציג, די זעלבע ציג, וואָס זי פּיטערט אויך איצטער. די דייטשן האָבן דאָ געבראַכט געבונדענע יונגע אידן און מיט אַ האַק אַראָפּגעהאַקט זיי די קעפּ".

איך האָב דערציילט וועגן דער געשיכטע קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקין, אונדזער בריגאַדיר, ער האָט נישט געגלויבט. די פּויערטעס האָבן ליב צו באַלבען, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

מיטיק־צייט, ווען די וועכטער זיינען אַוועק פון פּלאַץ, האָב איך גענומען אַ רידל און אָנגעהויבן גראָבן אינעם זאַמד. נישט דערגראָבנדיק קיין האַלבן מעטער, האָט זיך דער רידל אָנגעשטויסן אָף עפּעס האַרטס. איך האָב אָפּגעשאָטן דעם זאַמד און דער רידל איז פאַרקילט געוואָרן אין מיינע הענט. אַ גוף אָן אַ קאָפּ איז געלעגן אריבערגעוואָרפן איבער אַ צווייטן. די העלדזער האָבן נאָך אויסגעזען רויז און פריש. פון איינעם אַ פּלייצע האָט ווי אַ בלינד אויג אַראָפּגעקוקט אַ געלע לאַטע.

מער האָב איך שוין נישט געגראָבן. טיפער ווי דעם עמעס וועל איך נישט דערגרייכן. איך האָב בלויז אַראָפּגענומען די געלע לאַטע פונעם האַרוג. און זי פאַרדריקט אין פּויסט.

## אין און אָרן פּאַר מייסים

...אָף סאַלטאַנישאָק האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס. וואו זיך צו באַהאַלטן איז נישטאָ. מיין פּאַפּירל, אַז איך אַרבעט, איז שוין נאַרנישט ווערט. אָט זיינען אַוועק צו דער אַרבעט עטלעכע מענער פון דער מישפּאָכע באַסטאַצקי און זיך נים צוריקגעקערט. צו וואָס דאַרפן די כאַפּונעס זוכן איינציקווייז אין די שטיבער, אַז אַ סאַך גרינגער איז אָנצוכאַפּן אַ גאַנצע מאַכנע! איך האָב גערעכנט אַוועקצוציין מיט אַ גרופּע אידן אין אַ לאַגער, וואו מען גראָבט טאָרף, אין רעשע, ביאַלאָוואָקיע און אַנדערש־וואו זיינען שוין געווען אַזוינע לאַגערן.

פּינכעס קאָן, דער דעמאָלטיקער פּאָרזיצער פון ערשטן אידנראַט, האָט געראָטן מיין פרוי, איך זאָל בעסער אַוועקגיין אין קענע אָף אַרבעט בא אַ פּאָרעץ אין אַ מאַיאָנטעק. אויך די פּריצים האָבן רעכט געהאַט אויסצונוצן די אידן. דאָרט האָט זיך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן דער דירעקטאָר פון דער ווילנער פּערעץ־גימנאַזיע יויסעף טעפּער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווייטער פון שטאָט, צווישן וועלדער, וועט מען נישט פילן אַזוי די רעציכעס.

איך בין אַוועק אָף סטראַשון־גאַס 6, אָפן הויף פון אידן־ראַט, קעדיי זיך אָנצושליסן אָן אַ גרופּע, וואָס קלייבט זיך אין קענע. פּינכעס קאָן האָט מיך דערזען פון פענצטער וואו ער אַמטירט, און האָט מיך אַריינגערופן צו זיך. זיין פּאָנים איז געווען געל און צעקנייטשט, ווי די לאַטע אָף זיין ברוסט. ער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון מורערן. אַלץ וואָס ביז איצטער איז געשען, איז נאָר אָן אָנהויב. עס וועלן נאָך זיין פּראָוואָקאַציעס. עס וועט נאָך זיין אַ געטאָ. אידיש בלוט וועט

באַפרײַען ווילנע. אין איינם איז אָבער קאָן זיכער: אין דײַטשלאַנדס פּוילישטענדי-קער מאַפּאָלע.

איך דערציייל קאַנען, אַז איך האָב באַשלאָסן צו פּאָלגן זיין אייצע, — איך קען מער נישט אָנקוקן די פּענימער פון אונדזערע מערדער, איך קען מער נים זען, ווי מען טרעט אונדז מיט די פּיס.

ער ענטפערט מיר באַהערשט, קאַלט, אַז איך האָב שוין נישט וואוהין צו פאָרן. מיט אַ האַלבער שאָ צוריק האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די אַרבעטער צו-זאַמען מיט טעפּערן האָט מען געכטן צעשאָסן. בלויז איינער איז אַנטלאָפן — דאָס איז ש. קאָטשערגינסקי. איז דאָס נאָך ווייניק; דערווייס איך זיך פון באַ-קאַנטע: דאַוויד אומרון האָבן אַוועקגעשלעפּט די כאַפּונעס; דעם לאַנגיעריקן פּאָרזיצער פון ווילנער ליטעראַטן-פאַריין מוישע שאַליט האָט צוגענומען די גע-שטאַפּאָ; דער אַקטיאָר מאָרים לאַמפּע, וואָס אַ פּאָר שאָ פאַר דער מילכאָמע האָט ער געענדיקט שפּילן אין טעאַטער „דאָס גרויסע געווינס״, האָט די גאַנצע צייט זיך אויסבאַהאַלטן אין זיין האָטעל. די כאַפּונעס האָבן זיך דערוואוסט און ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן ווי אַלע אַנדערע.

איך פרעג אַן אייצע ווענן זיך. וואָס טוט מען ווייטער? וואו זאָל איך אַנטרו נען ווערן? זיך פאַרקיוווערן? קאַן דערציילט מיר ווענן מורערס באַפעל, אַז אַפן הויף פונעם אידן-ראַט מוזן שטענדיק און צו יעדער צייט זיך געפינען 50 אידן. אויב, זאָגט קאַן, ס׳איז פאַראַן 49, קען איך דאָ בלייבן. מיר ציילן איבער; ס׳איז דאָ פונקט 50. קאָן זוכט אַן אויסוועג. ער וויל מיך ראַטעווען. ער קען אָבער נים אַרויסשיקן פונדאַנען קיין מענטשן. ווייל דאָס מיינט: אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די כאַפּונעס. איך באַמערק זיין פאַרלעגנהייט און זאָג אים: איך וועל זיך דאָ אַליין ערגעץ באַהאַלטן און קיינער וועט מיך נישט זען.

אַפן הויף איז שטיל. פון דעם אָפענעם פענצטער, וואו די ביבליאָטעק „מפיצי-השכלה״, טראָגן זיך טפילעס. מען דאַוונט מײַרעוו. אונטן אַף די טרעפּ זיצט אַ הייפל אידן. אינמיטן דער „ישיבה-בחור״ פון סטעפּאַן-גאַס — אַ כיראַ-מאַנט און „פּאָרויסזעער״, אידן שטופּן זיך, איטלעכער וויל פון אים הערן אַ וואָרט.

עס איז געוואָרן טונקעלער. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן אַ באַהעלטעניש. אַף יענעם הויף האָט זיך געפונען די כעוורע-קאַדישע. אין אַ ווינקל זייַנען אָנ-געשטעלט געווען אָרנס פאַר מייסים. איך בין אַרייַנגעקראָכן אין אַן אָרן, צוגעמאַכט איבערן קאָפּ דעם דעק, געלעגן אין דער פאַרשטיקטער לופט, און אַזוי ליגנדיק אין אָרן האָב איך אויסגעוועבט מיין ליד „איך ליג אין אַ מיסע״.

*

אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען איך בין אַרויסגעקראָכן פון אָרן, איז דער הויף שוין געווען פול. דאָ האָבן זיך אידן פאַרזאַמלט, זיך אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס און יעדער קאָלאָנע מיט איר בריגאַדיר איז אַוועק צו דער אַרבעט.

צום ערשטן מאָל, פאַר איבער צוויי כאַדאָשים, האָב איך דערזען דאָ באַקאַנטע פּנימער. אָט איז יאַנקעוו בערעגאַלסקי, דער אַרטיסט פון באַקו, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג פאַר דער מילכאָמע געקומען שפּילן טעאַטער קיין ווילנע. די געלע לאַטע אויף זיין האַרצן איז עפּעס גרעסער ווי ביי אַלעמען. זי רייסט מאַמעש די אויגן. ער זאָגט מיר אָן די סימכע, אַז זיין פרוי האָט געבוירן אַ אינגל. דער אַרטיסט בליאַכער איז פאַרשמייעט ביז גאָר. ער האָט אַרויסגעקראָגן צען שיינען ביי זיין פעלדפעבל און צעטיילט זיי די באַקאַנטע. איך טרעף כאַים סעמיאַטיצקין, דעם פּרומען דיכטער פון די „טראָפּנס טוי", וואָס זינגט ער האָט דערזען ווי מען קוילעט אונדז, האָט ער אָנגעהויבן רויכערן אום שאַבעס. פרוי שאַליט קומט זיך דער ווייסן אין אידן-ראַט פּראָטים וועגן איר צוגערויבטן מאַן — דעם פּאַרזיצער פון ווילנער ליטעראַטן-פאַריין. מאַמעס באַגלייטן זייערע זין און בענטשן זיי פאַרן אַוועקגיין. איך באַגעגן דאָ אַ קראַנקע, אַ פאַרווייַנטע גוויעך פּרילוצקיס פרוי פּאַולע; זי מאַכט באַמיונגען צו ראַטעווען איר אַרעסטירטן מאַן. זי איז פאַרקראָכן אַזש אין געשטאַפּאָ צו נויגעבויערן אַליין. יענער האָט צוגעזאָגט, איבערגעכאַזערט דריי מאָל, אַז די דייטשן אַכטן געלערנטע. פּאָולע האָפט און האָט קיין קויעך נישט צו האָפן.

אין דער זעלבער צייט איז אַריינגעפאָרן אַפן הויף פון אידן-ראַט אַן אַגאָלע. דער שוואַרצער מייסים-פירער מיט דער געלער לאַטע האָט דערציילט די אַרומיקע: זאַלמען-בער דער קאַברען אַפן זאַרעטשער ביים-אוילעם האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין מישפּאָכע זאַלבעצווייט אַפן בוידעם פון דער טאַהאַרע-שטוב. מ'האָט אים געמאַסערט, נעכטן אָוונט זיינען געקומען שטורמיסטן, אויפגעזוכט די באַהאַלטענע, זיי באַשולדיקט, אַז ביינאַכט האָבן זיי געצונדן פייער און געגעבן צייכנס די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען. אין זאַלמען-בערס מישפּאָכע זיינען געווען 3 ווייבער און 4 קינדער, צוויי פון זיי אויפּעלעך. די אידן האָבן געפּרוּווט טאַינען, אַז זיי האָבן גאָרנישט קיין שוועבעלעך, אַז די קינדער רויכערן נישט קיין פּאַפּיראָסן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די מענער האָט מען געגעבן רידלען און געהייסן אויסגראָבן אַ קייווער. די שטורמיסטן האָבן פאַר די מאַמעס אין די אויגן צעשמעטערט די קינדער אָן דיביימער. די מענער און די פרויען באַגראָבן לעבעדיקע. דער איינציקער איז געבליבן זאַלמען-בער. ער איז אַנטלאָפן צווישן די מאַצייוועס, זיך אויסגעגראָבן אַ קייווער און דאָרטן לעבט ער.

דער מייסים-פירער האָט נאָך ניט געענדיקט זיין טרויעריקע געשיכטע, איז אַריינגעלאָפן אַ יונגערמאַן און מיט טרערן אין די אויגן גענומען דערציילן: ער איז געגאַנגען מיט אַ גרופּע אידן אַפן פּאָלאַצקער טראַקט, וואו זיי אַרבעטן ביים פאַריכטן דעם ברוק. ביים ראַנד פון שטיבל-וואַלד האָבן זיי דערזען אַ שרעקלעך בילד: פינף יונגע אידן זיינען צוגעבונדן צו באַזונדערעביימער, מיט די הענט אויף די רוקנס. זייערע לייבער זיינען צעשניטן פּאַסנווייז. קענטיק, מיט נאַהייקעס. אים דאַכט זיך, אַז עמעץ פון זיי לעבט נאָך. ער האָט געוואָלט זיי באַפרייען, אַראָפּנעמען פון די ביימער, האָט קיינער פון זיינע כאַווירים נישט גע



דער טויער פון ווילנער געטאָ אַף רודניצקי־גאַס



די סאָרטירונג באַ דעם טויער פון געטאָ, בעיים דער שכיטע פון די „געלע שיינען".

האָט ביי זיך קיין מעסער. ער איז געקומען אָנזאָגן: לויפט צום שטיבל-וואַלד, ראַטעוועט אונדזערע ברידער!

איך האָב באַשלאָסן צו דער אַרבעט נישט גיין. דער טויט וווייסט נישט פון קיין גרענעצן. איך האָב זיך דורכגעדרייט דורך די גאַסן, און אַף דאָמיניקאַנער זאַוואַולעק בין איך אַרויף צו מיין פרוים עלטערן.

## בראַנפן און בלוט

(דערציילט פון מאָטל גדוד. געבוירן אין 1922, אין ווילנע)

„דאָס איז געווען אין חודש יולי 1941. — איך בין צוזאַמען מיט מיין טאַטן אַוועק אַרבעטן אַפן אַעראָדראָם אין פּאָרובאַנעק. מיר האָבן באַקומען שיינען, אַז מען טאָר אונז נישט פאַרהאַלטן און זענען געווען צופרידן, וואָס מיר זענען אַרויס פון דער מאַלינע.

איינמאָל, ווען איך האָב זיך אומגעקערט מיט מיינעם אַ כאַוועך פון דער אַרבעט, האָט אונדז אָנגעיאָגט אַף באַקשט אַ טאַקסי, און דריי דייטשע אָפיצערן, באַמערקנדיק די געלע לאַטעס, האָבן אונדז באַפוילן אַריין אין טאַקסי. פאָרנדיק האָבן זיי אויפגענומען אַפן וועג נאָך 6 אידן און האָבן אונדז אַלעמען אַוועקגעפירט אין בערנאַדינער גאָרטן. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן ביי אַ פינף הונדערט אידן. מען האָט אונדז געהאַלטן ביז נאַכט שטרענג באַוואַכט פון פּאָליציי. אויסגעשעפּט פון היציקן טאָג פון מיין שווערער אַרבעט אין פּאָרובאַנעק, האָב איך איינגעדרעמלט צווישן אַ קופּע אידן. ווען איך האָב געעפנט די אויגן איז שוין אויפגעגאַנגען די זון. אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַ „שוואַרצע וואָראָנע", עס הייסט אַ גלאַנציקע לאַסט-מאַשין מיט קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך. פון הינטן האָט זיך געעפנט אַ טיר, און אַ דייטשער אָפיציר מיט אַ שאַרבנדל אַפן הוט האָט אַראָפּגעצויגן די אייזערנע טרעפּלעך.

מען האָט אונדז באַפוילן איינציקווייז אַרויפגיין. דער אָפיציר האָט געציילט. ווען אין אויטאָ האָבן זיך שוין געפונען 35 אידן, האָט ער אַ הויב געטאָן די האַנט און דעם 36-טן, וועלכער איז געשטאַנען שוין אַפן טרעפּל, האָט מען אַפּגעשטופּט צוריק. דער אָפיציר האָט אונדז פאַרשלאָסן פון דרויסן, און אַליין האָט ער זיך אַריינגעזעצט מיטן שאָפער אין דער קאַבינע.

ווי דרויסן אַזוי אינעווייניק איז דער אויטאָ שוואַרץ. קיין בענק זענען נישטאָ. בלויז די 6 וועכטער האָבן געהאַט וואו צו זיצן. — רעדן האָט מען ניט געטאָרט. וויינען — אויך ניט. פאַר אַ מינדסטער באַוועגונג האָבן אונדז די וועכטער געשלאָגן, געשטאָכן מיט באַגנעטן. נאָכן אָפּפאָרן אַן ערעך אַ צען מינוט האָט זיך די „וואָראָנע" אָפּגעשטעלט. דער אָפיציר האָט אויפגעשלאָסן דאָס טירל. די 6 וועכטער זיינען אַראָפּגעשפרונגען און אַוועק אָן אַ זייט. איך האָב דערזען אַ פאַרקאַן פון שטעכל-דראָט און אַ מויער פון ברעטער. אַפן מויער — אַ גרויסער פּאַפּיר-פּלאַקאַט:

„אכטונג! לעבנס-געפאר! מינירט!"

ווען די וועכטער זיינען אראָפּגעגאַנגען, האָט מען אונז געפירט ווייטער. די טיר איז שוין נישט געווען פארשלאָסן. ווען דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט צום צווייטן מאָל, איז צוגעקומען צום טיר שווייגענבערג, און ווען ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער. יענער האָט באַדאַרפט אראָפּגיין.

מיך האָט ער אויסגערופן דעם זיבעטן. דורך דער אָפענער טיר פון אויטאָ האָב איך געזען, ווי מען דערשיסט מיינע באַקאַנטע. אין א גראָבן, וואָס האָט געצויגן צו א גרויסן קייווער, האָט מען באַדאַרפט זיך אויסטאָן. ווען דער מענטש איז שוין געווען נאַקעט, האָט אים שווייגענבערג אריינגעפירט אין גרוב און מיט א רעוואָלווער געשאָסן אין נאַקן.

איך האָב וואָס גיכער געוואָלט אומקומען. א נאַקעטער בין איך אריינגעלאָפן אין גרוב און געהערט א כאַרכלעניש פון נאָך לעבעדיקע מענטשן. ווען עס האָט א קנאַל געטאָן א שאָס פון א רעוואָלווער, בין איך געפאַלן אַפּן רוקן. איך בין געפאַלן מיסטאמע א רגע פריער פאַרן שאָס. אויף אַזאַ אופן האָט מיך די קויל אויסגעמיטן. איך האָב געהערט, ווי עס רעדט שווייגענבערג מיט די דערבייאיקע סאָלדאַטן. ער האָט זיי געלערנט, ווי מען דאַרף אומברענגען. אין א פּאָר מינוט ארום האָב איך דערפילט אויף זיך א זשיפּענדיקן גוף, און א שטראָם בלוט האָט זיך אריינגעגאָסן אין מיין מויל. איך האָב געהערט, ווי דער מענטש גויסעסט און ווי עס קאָכן זיינע גדערים. אין יענער רגע האָב איך פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געשטאַנען די זון הויך. זי האָט דורכגעלויכטן דאָס בלוט, וואָס האָט פאַרשוואומען מיינע אויגן. קיין שיסעריי איז שוין נישט געווען. א ווינטעלע האָט מיך דערפרישט. שפּעטער א ביסל האָט זיך דערהערט א שיסעריי פון מאַשין-געווער. דאָס האָבן די וועכטער דורכגעשטעפּט דעם קייווער. דעמאָלט בין איך לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן.

ווען די שיסעריי האָט אויפגעהערט צום צווייטן מאָל, האָבן די שיסער, א טייל אין מיליטערישע מונדירן, א טייל ציווילע, זיך אָנגעזעצט באַם קייווער-ראַנד און געטרונקען בראָנפן. שיקערע איז מען זיך צעגאַנגען פון קייווער. נישט ווייט אויף א בערגל איז געבליבן א וואַך.

אַז ארום האָט זיך פולשטענדיק באַרואיקט, בין איך א נאַקעטער ארויסגעקראָכן פון גרוב און געפויזעט דורך גראָז און קוסטעס ביז איך בין אָנגעקומען צו דעם דראָטענעם פּאַרקן. פונדערווייטנס האָב איך דערזען די „וואָראָנע", וואָס איז ווידער געקומען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן.

א פּאָליאַק האָט מיך אריינגעלאָזן אין שטוב, האָט פאַרבונדן מיין וואונד און געגעבן מיר קליידער. איך האָב איבערגענעכטיקט, זיך אָנגעטרונקען מיט מילך און אין מאָרגן באַגינען אוועק אין שטאָט.

ווען איך האָב דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען אין פּאָנאַר, האָט מיין אייגענער טאַטע מיר נישט געוואָלט גלויבן".

# פּאָנאַר

פּאָנאַר — דאָס איז אַ דאַטשע-אָרט הינטער ווילנע, אַפן זיבעטן קילאָ-מעטער פונם גראָדנער שליאַך. רעכטס וויקלט זיך די ווילִיע און פאַרשווימט הינטער בערג. די געגנט איז באַרימט מיט איר שיינער לאַנדשאַפט. זי איז באַזונגען דורך אַדאַם מיצקעוויטשן. נאַפּאָלעאָן האָט זיך אין ווילנע געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט אַף די הענט אַריבערגעטראָגן פּאָנאַר קיין פראַנקרייך.

דאָס אָרט געפינט זיך רעכטס פון דער באַן-ליניע ווילנע—וואַרשע. אַפן צענטן קילאָמעטער. דאָרטן געפינען זיך גרויסע גריבער, וואָס זענען פריער באַשטימט געווען פאַר מיליטערישע צוועקן. און צוויי קלענערע גריבער. אינעווייניק אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער און צעמענט.

ווי נאָר עס זענען געקומען די דייטשן, האָבן זיי דערשמעקט דאָס אָרט, עס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר זייערע מאָרד-פּלענער. פון רעכטס גייט דער טראַקט, דורך וועלכן מען קען מיט אויטאָס אַריינפירן די קאָרבאָנעס; פון לינקס — די באַן-ליניע.

ווען די טויט-פאַבריק איז שוין געווען פאַרטיק, און דאָס וואָרט „פּאָנאַר" איז געוואָרן אַ שרעק און אַ קללָה, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אין ווילנע אַ מאַפּע, וואו פּאָנאַר איז נישט דערמאָנט געוואָרן. דאָס אָרט איז נאָר באַפלעקט געווען מיט גרינס...

## די ערשטע אָדער די גרויסע פּראָוואָקאַציע

דעם 31טן אויגוסט 1941 האָט דער דייטשער אָפיציר שווײַנענבערג צוזאַמען מיט זײַנע אַדיוטאַנטן ווייס און הערינג אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעלן שיסער-באַטאַליאָן די אידישע קוואַרטאַלן: אידישע גאַס, יאַטקעווער-גאַס, סטראַשון-גאַס, גלעזער גאַס, גאָאָן-גאַס, דאָמיניקאַנער געסל, לידסקע און דייטשע גאַס. שווײַנענבערג איז געלאָפן איבער די הויפן מיט אַ נאַהייקע, געשמיסן, מען זאָל וואָס גיכער, אין מעשעך פון צען מינוט, אַרויס אַפן הויף, מיטנעמען קען מען בלויז אַ האַנט-פּעקל מיט דאָס סאַמע ווערטפולסטע פון פאַרמעגן. ווער עס וועט צו דער צייט נישט אַראָפּגיין, וועט דערשאָסן ווערן אַפן אָרט.

איך בין דעמאָלט געשלאָפן. אַ שמיץ פון אַ נאַהייקע האָט צעשניטן מיין שלאָף. איך האָב אַ שפּרונג געטאָן פון בעט און דערזען קעגן מיר שווײַנענבערגן מיט אַ הינטל בײַ דער זייט.

שווײַנענבערג איז געלאָפן איבערן שטוב און מיט דער נאַהייקע געבראַשטשעט די איינוואוינער, זיי געטריבן אַפן הויף. זיין פּאָנים האָט זיך מיר אַריינגעשרויפט אין אויג.

איך בין אַראָפּ אַפן הויף. אידן מיט פּעקלעך אין די הענט זיינען געשטאַנען

מיט ווייב און קינד און געוואָרט אַף אַ „ישועה“. אַלע האָבן גערעדט, אַז דאָס פירט מען אין געטאָ. און דאָך האָט קיינער נישט געגלויבט. האָט עמעצ זיך דער־וועגט צו זאָגן, אַז דאָס פירט מען ערגעץ אַנדערש, האָבן מענטשן אים פאַר־שאָלטן.

איך האָב געפּרואווט אַנטלויפן. אַריינגעקראָכן אין אַ ליידיקער שטוב, אויס־געזעצט די שויבן און בין אַרויסגעשפּרונגען אַפן גאַס. אַ פּאָליציאַנט האָט מיך באַמערקט, אָנגעצילט די ביקס. איך האָב זיך אַריינגעצויגן צוריק און זיך אויסגע־מישט מיט די שכיינים. איך האָב געזוכט מיין פרוי. זי איז ערגעץ פאַרשוואונדן. זיך עפּשער געראַטעוועט? קיינער וויים נישט.

אין הויף זענען אַריינגעקומען צוואַנציק פּאָליציאַנטן. דער עלטסטער האָט געהייסן דעם אוילעם זיך אויסשטעלן אין רייען. צו פיר אין אַ ריי. שוויינענבערג האָט געהאַלטן אַ רעדע, אַז מען פירט אונז אין געטאָ. מען זאָל גיין רואיק און פאָלגן די באַפעלן. ער האָט אַרויסגענומען אַ קעסטל ציגאַרן און פאַרגעלייגט צו רויכערן. די צוואַנציק שיסער האָבן אונז גענומען אונטער באַגנעטן און אַרויס־געפירט דורכן טויער פון הויף. דאָס איז געווען 12 ביינאַכט. פאַרויס און הינ־טער מיר האָבן זיך געצויגן מאַכנעס פון אַנדערע געסלעך און אַנדערע הויפן. קומענדיק צו זאַוואַלנע, נעענטער אין דער ריכטונג צו לוקישקער טורמע, האָבן אַלע שוין דערזען, אַז מען פירט נישט אין געטאָ. ווייבער האָבן אָנגעהויבן וויי־נען, זיך רייסן פאַר די האָר. די דרימלענדיקע קינדער אַף זייערע אָרעמס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק, און שטאַרקער זיך איינגעקלאַמערט אין די מאַמע־שע העלזער.

ביים ראָג פּאָרטאָווע האָבן מיר אָנגעיאָגט נאָך אַ פּאַרטיע. צווישן זיי האָב איך דערזען מיין פרוי. איך האָב געוואָלט אַריבערלויפן אַהין. אויב אומקומען — איז צוזאַמען. נאָר אַ גלאַנציקער באַגנעט האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג.

שוין נאָענט צו דער טורמע, איך וויים נישט וויאַזוי, האָט זיך מיר איינ־געגעבן צו אַנטלויפן. איך געדענק בלויז, אַז אין קאָפּ איז מיר ליכטיק געוואָרן, ווי געטראָפן פון אַ בליץ. איך בין געלאָפן אָן אַ פּלאַן, אָן אַ כעשבן. מיר האָט געדאַכט, איך האָב דורכגעבראָכן ווענט, דורכגעשניטן מויערן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט ביים ברעג ווויליע. ס׳האָט גענומען טאָגן. פּונקט אַנטקעגן מיר, אַף דער אַנדערער זייט, האָב איך דערקענט מיין הויז. דאָרטן איז מיין מאַמע. קען זיין, זי קוקט איצט דורכן פענצטער צו מיר אַהערצו. קען זיין, זי רופט איצנד מיין הילף: אַ שטורמיסט קוילעט!

*

אַף מאָרגן, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1941, זיינען איבער די ווילנער גאַסן פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן פּלאַקאַטן מיטן פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„נעכטן, דעם 31־טן אויגוסט 1941, איז געפאַלן אַ שאָס אַף אַ דייטשן מיליטערמאַן. אונז האָט זיך איינגעגעבן צו כאַפּן דעם מערדער.

ער איז אַ איד. זאָל די אַרישע באַפעלקערונג וויסן זיין, אַז די אידן וועלן דערפאַר טייער באַצאָלן.

געביטס-קאָמיסאַר פון ווילנע

הינגסט."

אין דעם זעלבן טאָג איז די צייט פון גיין איבער די גאַסן רעדוצירט געוואָרן פאַר אידן ביז דריי בייטאָג. דערביי איז אין געזעץ געזאָגט געוואָרן, אַז פון 3 בייטאָג זיינען אַלע אידן מעכויעוו צו זיין אין די שטיבער: נישט אויף די הויפן, אָדער ערגעץ אַנדערש-וואו.

אַכוץ דעם האָט הינגסט באַפוילן, אַז די אידן מוזן גלייך אַריינטראָגן אין די פּאָליציי-צירקלען זייער גאַנץ גאָלד, זילבער און צירונג. אַ איד טאָר נישט האָבן מער ווי דריי הונדערט סאָוויעטישע רובל. דאָס הייסט דרייסיק מאַרק, דאָס הייסט — צוויי קילאָ ברויט, וואָס מען טאָר נישט קויפן.

## אין לוקישקער טורמע

וואו עס קומען אַהין די פאַרכאַפּטע, דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט, מען האָט זיי גערופן „זיך פאַרשרייבן אויף אַרבעט" אין דער לוקישקער טורמע. אַ סאַך יידן, נישט קענענדיק שוין אויסהאַלטן פון די כאַפּונגען, זיינען אַוועק זיך פאַרשרייבן פרייוויליק. בעסער, האָבן זיי געטראַכט, וועלן מיר טראָגן שטיינער, איידער ליגן אין גרוב און ביסלעכווייז אויסגיין.

מיין פרוי, וואָס האָט געהאַט דעם שלימאַזל אַריינצופאַלן בעיים דער גרויסער פּראָוואָקאַציע אין דער לוקישקער טורמע, האָט מיר שפּעטער, נאָך איר באַפרייאונג דערציילט, וואָס זי האָט געזען דאָרטן:

„גלייך, ווען מיר זיינען געקומען אויפן לוקישקער מאַרק, נאָך נישט דערגייענדיק צו דער טורמע, האָט אונז איבערגענומען אַ שפּאַלער ציוויל-געקליידעטע פּאָליציי. מיר האָבן געמוזט דורכגיין צווישן ביידע רייען און אויפנעמען פון די ראָצכים דעם ערשטן קאַבאַלעס-פּאָנים, איבער מיין קאָפּ האָט זיך צעבראָכן אַ שטעקן, פיל קינדער און זקיינים זיינען צו דער טורמע נישט דערגאַנגען. געפאַלן אויפן מאַרק. די אַנדערע אידן האָבן זיי געמוזט מיטשלעפּן אונטער די אייזערנע קלעפּ. פרויען זיינען געטראָטן אויף קינדער. קינדער האָבן זיך געוואַלגערט לעבן צעטראָטענע מאַמעס. ענדלעך זענען מיר אין טורמע. גלייך ווי מיר זענען אַריין הינטערן טויער, האָט מען באַפוילן אונדז אַפּצואוואַרפן אין אַ זייט די געבראַכטע פּעקלעך מיט די אויבערשטע בגאָדים. נאָכדעם האָט מען געעפנט טירן און מיט די פיס אונדז אַריינגעשפּאַרט אין גרויסע שוין אָנגעפּראָפּטע קאַמערן. מען איז געלעגן אין, ענגשאַפט איינער אויף אַנדערן. קיין לופט איז נישט געווען. מען האָט נישט געקענט זיך באַוועגן, שטעלן אַ טראָט.

אַף מאָרגן ביינאַכט איז געקומען שוויינענבערג מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי אַ קאַצעוו, און מיט דער נאַגייקע אין האַנט. ער האָט זיך געשטעלט אינמיטן זאַל אַפן קערפּער פון אַ פאַרכאַלעשטער פרוי, געהייסן אַלעמען זיך אומקערן מיט די פּנימער צו די ווענט און אָנגעזאָגט: פאַרן אויסדרייען דעם קאָפּ וועל איך פאַרפייניקן צום טויט! ער האָט געשניטן מיט זיין נאַהייקע און אַרויסגעגעבן באַפעלן: אויפשטיין! זעצן זיך! אויפשטיין! זעצן זיך!

א פרוי האָט זיך אויפגעהאָנגען אַף די ווינדעלעך פון איר קינד. מענטשן פלעגן פאַלן פאַרכאַלעשט, ווי מילבן אַרום פייער. מען האָט געוואַרט אַפן טויט, ווי אַפן איינציקן אויסלייזער. נאָר קיין גרינגן טויט האָט אונדז שוויינענבערג ניישט פאַרגונען. ער האָט אונדז אָפּגעהאַלטן אין די קאַמערן איבער א וואָך. יעדער נאַכט פלעגט ער קומען אין די קאַמערס און איבערכאַזערן זיין גימנאַסטיק. ווער עס האָט זיך אויפגעשטעלט, אָדער זיך געזעצט פאַר דער צייט, איז אין דער זעלבער סעקונדע צעשניטן געוואָרן פאַסנווייז. אַפן זעקסטן טאָג האָבן די וועכטער מיט אייזערנע האַקנס אַרויסגעשלעפּט פון די קאַמערס די דערשטאָכענע, דערשטיקטע און פאַרפייניקטע, מען האָט זיי געשלעפּט איבער די לאַנגע בלוטיקע קאָרידאָרן און זיי אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמער פון אַלגעמיינעם קלאָזעט.

פאַר אַרויסגיין דערליידיקן א באַדערפעניש האָבן די וועכטער זיך געהייסן טייער באַצאָלן, ניישט ווינציקער ווי טויזנט רובל א מאָל. שפּעטער איז דער פרייז געשטיגן און דערגאַנגען ביז צען רובל גאָלד. אויך קיין וואַסער פלעגט מען אומזיסט ניישט געבן, פאַר א טרונק האָט מען באַצאָלט א זייגערל אָדער א וועדטפולן רינג.

אַ טייל אידן פון אַנדערע קוואַרטאַלן, וואָס האָבן אויסגעמיטן די פּראָוואָקאַציע, האָבן נעפּרואווט אונטערקויפן די דייטשן, כדי צו ראַטעווען פון דער טפיסע זייערע ווייבער און קינדער.

דער אָבער-לייטענאַנט פון די בורבישקער אַמוניציע-לאַגערן, וואַגנער, איז פאַר אַ סאַך גאָלד אַוועק אין דער טורמע אַרויסציען אכט אידן. ער איז אַריין מיט דער האַסקאָמע פון שוויינענבערג אין די קאַמערס און האָט אַרויסגערופן אכט נעמען, ווען ער האָט אויסגערופן דעם נאָמען גאָלדבערג, אַ פרוי פון קאַלוואַדיער נומ. 60, וואָס איז שוין געלעגן אַ דערשטאָכענע דורך שוויינענבערגס קינזשאַל, האָב איך אין מיין פאַרצווייפלונג אויסגערופן: איך! — און דער אָבער-לייטענאַנט האָט אַ געשריי געטאָן: „שנעלער! ליוס!"

שוויינענבערג אַליין האָט אונז אַרויסגעפירט צום טויער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן א רעוואָלווער. ער האָט געמאָלדן:

— איך וויים אַלץ. אויב איר וועט עמעצן דערציילן כאָטש אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס איר האָט דאָ געזען, וועט איר מעקאַנע זיין דעמאָלט אייערע ברידער, האָט ער אָנגעוויזן אַף דער טורמע.

באַם אַרויסגיין פון טורמע האָט אַ פרוי פאַרטשעפּעט מיט איר שאַל אָן שוויינענבערגס אַ קנעפּל פון שינעל. דער טאַליען האָט זי פאַרהאַלטן און אַ געשריי געטאָן: „צוריק!" ער האָט זי אומגעקערט צוריק אין טורמע.

## װידער באַ דער מאַמען

װאוהין גייט מען װייטער? איך בין געלעגן ביי דער װיליע האלב נאַקעט און זיך געברענט אף דער זון, איך זאָל ניט אויסזען פּאַרדעכטיק. אָוונט-צייט בין איך אריבער דעם טייך און באַרװעסערהייט זיך אריינגעשאַרט צו דער מאַמען. פּטאַשעקס אָנגערויבטע זאַכן האָבן זיך נאָך אַלץ געלופּטערט אפן הויף. די פון װינט אָנגעבלאָזענע בלוזעס און העמדער האָבן אויסגעזען װי מיסים.

די מאַמע האָט שוין אויסגעװיינט דעם בליאַסק פון אירע אויגן. זי איז געװען זיכער, אז מען האָט מיך שוין דערשאָסן. איטלעכס מאָל, װען זי האָט געהערט א שאָס פון דער אנטקעגנדיקער טורמע, האָט זי געמיינט, אז עס איז אין מיר.

איך דערװיס זיך נייעס װעגן באַקאַנטע שכיינים: ד ע ם האָט מען גע-כאַפּט, י ע נ ע ם האָט מען געשאָסן. און דעם אַלטן כאַזן פון סקאָפּאָװוקערס הויף האָבן נעכטן אָנגעכאַפּט די שטורמיסטן, אים געהייסן אויסגראָבן א טיפן גרוב, װעדליק זיין הויך, באַפוילן אים נאָכדעם אריינגיין און ביזן האלדז אים פאַרשאָטן מיט ערד. זיינע טעכטער האָט מען אויסגעטאָן נאַקעטע און באַפוילן ארומטאַנצן ארום טאַטן.

פּאַרטאָג האָב איך זיך געזעגנט מיט דער מאַמען, פּאַזע די ברעגן פון דער װיליע אַװעק אף סאַלטאַנישאָק, — װידער צו דער מישפּאָכע באַסטאַצקי.

## צ י ג י י נ ע ר

בא די סאַלטאַנישקער גערטנער האָב איך באַגעגנט א טאַבאָר ציגיינער. אַן אַלטער איז געגאַנגען פאָרויס מיט א קינד אָנגעהאַנגען אף זיין אַקסל. פּאַ-מעלעך האָט ער צוגעשמיסן די פערד. א ציגיינערקע האָט זיך געשפּילט מיט אירע גלעזערנע קאַרעלן און בעיים-מאַיסע געזונגען א ראָמאַנס. אין אָנהויב האָב איך מעקאַנע געװען דעם פּריַיען שייװעט — זיי טראָגן דאָך נישט קיין לאַטעס. און אַזוי װי איך באַטראַכט די פאַרבייפאָרער, שפּרינגט עמעץ אראָפּ פון דעם װאָגן, לאָזט זיך לויפן פאָרויס און רעדט צו מיר אף א קלינגעװדיקן אידיש:

— דערקענסט מיך?

איך בין געבליבן נישטוימעס: טכילעס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אז עס איז דער ברודער פון מאַריע קװיעק, — דער ציגיינערישער זינגערן, מיט װעל-כער איך האָב זיך אמאָל געהאַט באַקענט. נאָר פון װאַנען האָט ער זיך אויס-געלערנט אידיש? לאַנג האָב איך נישט געדאַרפט װאַרטן. דער ציגיינער האָט אַליין זיך פאַרגעשטעלט:

— איך בין כאַים גאָרדאָן, דערקענסט נישט?

ערשט איצט האָב איך אים דערקענט. מיט צװאַנציק יאָר צוריק האָבן מיר

צוזאַמען געלערנט אין „בית יהודה". נאָך קינדווייז, געדענק איך, האָט מען אים גערופן כּאימקע דער ציגיינער.

ווי אַזוי ער קומט אין ציגיינערשן טאַבאָר? עס איז אַ פּאַשעטע מאַיסע: ווען די דייטשן זיינען אַריין קיין ווילנע, האָט כאַים זיך געפונען הינטערן שטאָט אין דעם דערפל דאַלניע. דעם פאַריקן שאַבעס האָט פּאָליציי אַרומגערינגלט דאָס דערפל און אַלע אידן אַוועקגעשיקט קיין וועליטשאַן. אהין זיינען דורכן טאָג געבראַכט געוואָרן די אידן פון קענע, אַנדרעלישאָק, סעדניק, לאַוואַרישאָק, שומסק, סאַראָק-טאַטאַר, דאַלניע און ניי-ווילייקע. מען האָט אַלע מענער געגעבן רידלען און זיי באַפוילן אויסצוגראָבן אַ לאַנגן אָקאָפּ אין דער פאַרעם פון אַ דאַלעד. די פרויען מיט די קינדער האָט מען געהאַלטן באַזונדער. ביז אָוונט האָט מען געגראָבן. ביים זון-פאַרגאַנג, ווען דער אָקאָפּ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט פון אַנטקעגנדיקן וועלדל זיך אַ לאָז געטאָן אַ בינטל אָרטיקע פּאַשיסטן און אַרומגענומען מיט אַ פייער דעם צעטומלטן אוילעם. מען איז געווען אַזוי געפּלעפט, אַז קיינער איז זיך ניט צעלאָפן. מיט די רידלען אין די הענט איז מען געפאַלן אין אָקאָפּ. עס איז אַלץ געווען אַזוי פּלוצלינג, אַז קיינער האָט ניט באַוויזן צו זען דעם טויט. צופעליק איז גאָרדאָן געשטאַנען הינטער אַ בוים און די קוילן זענען פאַרבייגעפלויגן לעבן זיין אויער. בעיים-מאַיסע האָט ער זיך צעטומלט אַליין, ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך. נאָר דאָס פלייצנדיקע בלוט אויפן געלן זאַמד האָט אויפגעוועקט זיין באַוואוסטזיין. ער האָט אַריינגעיאָגט אין אַ קאָרן-פעלד און זיך דאָרט באַהאַלטן.

אױף מאָרגן אינדערפרי האָט ער געזען דורך די זאַנגען, ווי דער געשטאַפּיסט ווייס, איז אָנגעקומען מיט אַ טאַבאָר ציגיינער און זיי באַפוילן אַריינצוואַרפן די דערשאָסענע אין די גריבער.

ווען ווייס איז אַוועקגעפאָרן, איז גאָרדאָן אַרויסגעקראָכן פון די זאַנגען און געבעטן די ציגיינער, זיי זאָלן אים נעמען מיט זיך. דער אַלטער, זיין נאָמען איז פעדאָר, האָט אים גוט באַטראַכט און געהייסן זיך אַריינזעצן אין וואָגן. ער האָט געשמיסן מיט דער בייטש זיינע קינדער, וואָס האָבן געפּרואווט זיך צורירן צו די קליידער פון די דערשאָסענע. צו כאַימען האָט ער גערעדט:

— איך ווייס, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט דאָס זעלבע געשען מיט מיר...

כאַים האָט מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל גיין מיט אים. פעדאָר איז אַ בריליאַנט אַ מענטש, ער וועט ניט האָבן דאַקעגן. וואָס שייך מיין בלייכן פּאָנים, וועט ער מיר איינשמירן מיט הינטישן פעטס, פון דעם ווערט איינגעבריינט די הויט, און איך וועל אויסזען ווי ער — עס וועט מיך קיינער ניט דערקענען.

איך האָב געדאַנקט דעם ציגיינער, און זיך אָפּגעזאָגט פונעם גליק. איך קען ניט איבערלאָזן מיינע אייגענע. איך ווייס נאָך ניט דעם גורל פון מיין פרוי. נעכטן האָב איך זי איבערגעלאָזן ביי דעם טויער פון דער טורמע.

כאַים האָט זיך מיט מיר געזעגנט. ער האָט נאָכגעיאָגט דעם ציגיינערשן טאַבאָר, וואָס האָט געוואַרט אױף אים ביים אַנטקעגנדיקן קלויסטער.

## צווישן פרייַנט

איך בין ווידער בא דער מישפּאָכע באסטאַצקים. וואוהין צו גיין אַנדערשוואו האָב איך ניט געהאַט. פאַר די עטלעכע טעג האָט זיך די מישפּאָכע פאַרקלענערט. עס האָבן געפעלט דריי מענער: זיי האָבן זיך ניט צוריקגעקערט פון דער אַרבעט.

אינדערפרי זיינען די געבליבענע מענער פון דער מישפּאָכע באסטאַצקי, צוויי זין און אַ שוועסטערקינד, אוועק ווי אַלע טאָג צו דער אַרבעט. איך בין אויך געגאַנגען. איבערבלייבן אין דער היים, קען מען אריינפאַלן צו די כאַפּונעס, כאָטש אויך דאָס אַרבעטן איז שוין ניט מער קיין גאַראַנטיע: פיל אַרבעטנדיקע מאַכנעס האָט מען גלייך פון דער אַרבעט אוועקגענומען אין טורמע.

אַפן אַרבעטס-פּלאַץ האָט געפעלט בא אַ העלפט מענטשן. זיי האָבן געוואוינט אין די אידישע געסלעך און זיינען אַריינגעפאַלן בעשאַס דער פּראָוואָקאַציע. נאָר די געבליבענע האָבן געאַרבעט ווייטער. ווידער האָט מען געהאַנדלט מיט די אַרומיקע פּויערים, זיך געדונגען פאַר אַ רובל און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איטלעכער האָט אונטערגעקויפט דעם טויט.

מיטיק-צייט איז געקומען דער באַלעבאָס, דער פעלדפעבל העררער, און אויפגערופן אַרום זיך אַלע זיינע קנעכט. ער האָט גערעדט עפּשער אַ שאָ. געוואָלט אונדז איבערצייגן אין זיין גוטסקייט, אין זיין אָרנטלעכקייט. דערציילט מיט אויפגעבלאָזענעם פּאַטאָס, אַז זיין בעסטער יוגנט - כאָוועך איז געווען אַ איד; אַז די נירנבערגער געזעצן וואַרפט ער זיך ניט אונטער, כאָטש אַליין איז ער אַ פּאַרטיי-מאַן פון 1926. צום סאָף האָט ער פאַרגעלייגט עס זאָלן אויפהויבן די הענט יעניקע אידן, וועמענס ברידער, שוועסטער, אָדער קרויווים זיינען אַריינגעפאַלן אין דער לוקישקער טורמע. ער וועט אַלעמען באַפרייען. אפילע אין מילכאָמע - צייט מוז מען זיך אויפירן מאָראַליש... ער, דער פעלדפעבל העררער, וועט אַזוינס ניט דערלאָזן. ביי אים איז רעכט צו ראַפּאָרטירן אין בערלין.

אַלע, מיט מיר בעסויכעם, האָבן אויפגעהויבן די הענט. ביי איינעם האָט געפעלט אַ ברודער, ביים צווייטן — אַ ווייב, ביי אַ דריטן — אַ קאָרעוו. אַנדערע האָבן אויפגעהויבן די הענט אַף טראַף — שוין עטלעכע מעס-לעס ווי זיי נעלמיקן ניט אין שטוב, וועל קען וויסן וואו זיינען די נאָענטסטע?

נאָכדעם ווי קאַפּלאַן - קאַפּלאַנסקי, דער בריגאַדיר, האָט אויפגעשטעלט די רעשימע, פאַרשריבן אַלע נעמען פון די ברידער און קרויווים, האָט דער אַרטיסט, דער פעלדפעבל העררער, פאַרטרויט עפּעס קאַפּלאַנסקין אַפן אויער און איז אוועקגעפאָרן אַף זיין טאַקסי.

קאַפּלאַנסקי האָט אונדז געמאָלדן, אַז דער פעלדפעבל פאָדערט דריי נאָלדענע זייגערס פון דער פירמע „ציטאַ", פאַר זיין ווייב אַ קאַראַקולענעם מאַנטל,

פינף פּאָר שיך און שטיוול, שאַמפּאַניער און פוטער, ווייל אַליין האָט ער קיין צייט ניט דאָס צו זוכן. וואָס גיכער מען וועט אים געבן די מאַטאָנעס, אַלץ גיכער, זאָגט צו דער פעלדפעבל, וועט ער אַוועקפאָרן מיט דער רעשימע אין דער טורמע און וועט ראַטעווען די געפאַנגענע.

אַף מאָרגן זיינען די מאַטאָנעס גרייט געווען. דער פעלדפעבל הערדער איז געקומען אַף זיין טאַקסי און באַוויליקט זיי צו נעמען.

אין אַ שאָ אַרום, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, איז ער אַוועק־געפאָרן קיין קאָוונע.

## דער סאָף פונעם ערשטן אידנראַט

פון די אָנגעקומענע אַרבעטער פון שטאָט דערוויס איך זיך: דעם 1-טן סעפּטעמבער 1941 איז געקומען אין אידנראַט בוראַקאַס, איינער פון די שעפן פון דער היגער איפּאַטינגאַ און געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַף מאָרגן ניין פרי דאַרף דער אידנראַט צושטעלן אַף ווילנער 12, אַפן הויף פון דער איפּאַ־טינגאַ, צען וועגענער, אויב די וועגענער וועלן ניט זיין, וועט עס דערנאָך דעם אידנראַט פאַרדריסן. בוראַקאַס האָט גוט געוואוסט, אַז אַלע פערד און וועגענער האָט מען באַ די אידן שוין לאַנג קאָנפיסקירט. אויך דער אידנראַט האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז בלויז אַ שפּיצל, אַז בוראַקאַסן גייט טאַקע דערין, דער אידנראַט זאָל דעם באַפעל ניט אומשטאַנד זיין אויסצופירן. פונדעסטוועגן האָט פינכעס קאָן ניט געוואָלט מיט די אייגענע הענט העלפן דער פּראָוואָקאַציע. עס האָט זיך איינגעגעבן באַ ניט־אידישע פורמאַנעס אָפּצוקויפן פורן און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין דער איפּאַטינגאַ. נאָר בוראַקאַס האָט די מאַטאָנע ניט אָנגענומען.

— עס איז שוין צו שפּעט, — האָט ער אַרויסגעצויגן דעם זייגער. — עס איז שוין צען מינוט נאָך ניין...

אַרום עלף פרי איז געקומען אין אידנראַט שווייענבערג מיט צוויי באַ־וואָפנטע געהילפן. ער האָט אויסגעשטעלט ביי די ווענט אַלע, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און געטאָן אַ געשריי:

— ווער פון אייך האָט עס אָנגענומען די באַשטעלונג?

עס איז אַרויסגעטראָטן פינכעס קאָן און געמאָלדן:

— איך.

— הייסט עס, דו האָסט עס ניט אויסגעפירט די פאַראָרדענונג? — האָט שווייענבערג אַ שניט געטאָן קאָנען מיט דער נאָהייקע. — עס איז נאָך אַלץ צו שוואַך ביי אייך דער זיקאָרן. איך וועל אייך נעמען צו זיך, וועט איר בעסער פאַרגעדענקען. — און ער האָט אָפּגעקליבן צו זיך 16 אידן, צווישן זיי פינ־כעס קאָן, הערשל קאַץ, דער פאַרוואַלטער פון „מפיצי השכלה" קראַסנער.

סאָול טראַצקי א. אנד., װאָס האָבן זיך דאָרט צופעליק געפונען, זיי אויסגע־שטעלט פאַרװייז. און שװײנענבערגס געהילפן האָבן זיי אָפּגעפירט אונטער באַ־גנעטן אין טורמע.

אף דער טיר פון אידנראַט האָבן די דײטשן אויפגעהאָנגען א שלאָס.

## דער בלוטיקער שפּאַס

דעם 6-טן סעפּטעמבער 6 אזייגער פאַרטאָג, װען איך און די גאַנצע מישפּאָכע באסטאַצקי זיינען נאָך געשלאָפן, האָט זיך דערהערט אינדרויסן א פּייפעריי און א װילד צאַקען פון פערדישע טלאָען. צוגעשפּרונגען צום פענצטער האָב איך דערזען, אז די היגע פּאָליציי טראָגט זיך װי א היישעריק איבער די גאַסן. די שטוביקע האָבן זיך גלייך אָנגעטאָן, מען האָט געקוקט דורכן פענצטער און זיך געגרייט אף אן אומגליק. די גאַסן זיינען געװען געשלאָסן. אָן דאָקומענטן האָט מען קיינעם ניט דורכגעלאָזן. װאָס אונדז דערוואַרט האָבן מיר נאָך ניט געװאוסט, נאָר אַלע האָבן געפילט, אז עס גרייט זיך אן ענדערונג.

עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט א געבראַזג פון שויבן. פּונקט אַנטקעגן אונדזער פענצטער, אין א שכיינעסדיקן הויז, האָט א פּאָליציאַנט מיט א האַק אין האַנט געזעצט אין א אידישער טיר, קענטיק, א פאַרשלאָסענער, און געשריי־טשעט, מען זאָל װאָס גיכער אים עפענען. װען די טיר האָט זיך געעפנט. האָט ער געשריגן צו די איינװאוינער. זיי זאָלן אַרויסגיין אינדרויסן. װען אַן אַלט פּאָרפאָלק איז געאַרעמט אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּלעך, האָט ער זיי איבער־געגעבן א צווייטן, זיין געהילף, און אים אָנגעװיזן די ריכטונג, וואוהין זיי אוועקצופירן.

— נאָך װאָס װאַרטן מיר אין שטוב? באַלד װעט דאָך פּאָליציי אויך אהער אריינקומען. און װאוהין זיי שלעפּן װייסט דאָך װידער קיינער ניט. בע־סער אַנטלויפן! — זאָגט שמערל, איינער פון דער מישפּאָכע, — אַנטלויפן צו דעם ארבעטס - פּלאַץ אף די שעסקינער בערג, עס איז דאָך ניט װייט, סאַכאַקל א האַלבער קילאָמעטער. קען זיין, מירן דאָרט געפינען אונדזער דײטש, דעם פּעלדפעבל הערדער, אָדער װי מען האָט אים גערופן „דער סובאָטניק". נעכטן האָט ער דאָך באַקומען אַזויפיל מאַטאָנעס, צוגעזאָגט צו פאַרטיידיקן זיינע אידן. עפּשער װעט ער באַשיצן איצט?

זאַלבעדריט, איך, שמערל און זיין שוועסטערקינד דער סטודענט, האָבן מיר זיך װי שטענדיק אוועקגעלאָזט צו דער ארבעט. מיר האָבן אויסגעמיטן די הויפּט-גאַס, און דורכן הויף און גערטנער זיך דערנענטערט צו די בערג. די פּאָליציי האָט אונדז, קענטיק, ניט באַמערקט, מיר זיינען דורכגעשוואוסן צווישן הויכע קוסטן פּאַמידאָרן און מיר זיינען אַרויסגעקומען צו די שעסקינער בערג.

נאָר דאָ האָט אונדז אָנגעיאָגט א רייטער... ער איז געלאָפן גאַלאָפּ איבער די שטויביקע וועגן, אונדז אָנגעיאָגט און געהייסן זיך אָפּשטעלן.

דער רייטער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, ער האָט אַף שטום-לאָשן אונדז געהייסן מיטגיין און באַ א טיכל האָט ער אונדז איבערגעגעבן א צווייטן. יענער האָט שוין געטראָגן א העלם און די ביקס האָט ער געהאַלטן אונדז אנט-קעגן.

דער מענטש מיטן העלם האָט אונדז געטריבן פאָרויס און געשמייכלט צו זיין ביקס. דער גיסנדיקער שווייס אַף זיין אָנגעהיצטן פּאָנים איז דאָס מיעסטע, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן.

באַם ארויפגיין אַפן בארג, איז א יונגע פויערטע אונדז אָנגעגאַנגען אנט-קעגן. דער מענטש מיטן העלם האָט זי פארטשעפּעט, א קניפּ געטאָן אין באַק און געזאָגט צו איר:

— דיר געפעלן זייערע זאַכן? קום, איך וועל דיר באַלד זיי געבן.

די פויערטע האָט אים ניט געענטפערט. ער איז געבליבן באַליידיקט. הינ-טערן בארג האָבן געוואָרט שוין אַנדערע. אַלע אין העלמען. ער האָט געהייסן אונדז זיך אומדרייען מיט די פּלייצעס און מיט די הענט פארשטעלן זיך די אויגן.

איך האָב ארויפגעלייגט אַף די אויגן די פינגער. זיך צוגעהערט, ווי פאָרויס פאַר מיר זינגט א פויגל, ווי אהינטער מיר ווערן אָפּגעצוגן פון ביקסן די שלעסער, און צווישן די פינגער אַף מיינע אויגן האָב איך דערזען א שפּרי-צנדיקן פייער — א נעקנאַל, איבערן געקנאַל — צווייגן...

איך האָב א פאַל געטאָן אין גראָז. דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט א שניט געטאָן דעם באַוואוסטזיין, איז געווען, צי בין איך טאַקע טויט? זיך אי-בערצייגט, אַז ניט, האָב איך א קוק געטאָן אַף די כאַווירים. איינער איז גע-שטאַנען אַף די קני און דער צווייטער האָט זיך אפילע ניט איינגעבויגן.

הייסט עס, מיר לעבן? טאָ ווער האָט דאָ אין אונדז געשאָסן, ערשט איצטער האָב איך דערהערט הינטער מיין פּלייצע א געלעכטער. און דער מאַן מיטן שטאָלענעם העלם האָט אונדז געזאָגט מיט א שמייכל:

— עס איז געווען א שפּאַס, הייבט זיך אויף, איך וועל אייך פירן אין געטאָ.

## דער וועג צום געטאָ

מיר האָבן אַלץ ניט געגלויבט. געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון די פּראָ-וואָקאַציעס. צוקומענדיק אָבער נענטער צו ווילקאָמירער גאַס, וואוהין דער שטאָלענער העלם האָט אונדז געפירט, האָב איך דערזען, ווי מען פירט אויך אַנדערע גאַנצע מאַכנעס.

אַף ארויף ווילקאָמירער גאַס, וואו עס איז געווען אַמאָל די „גרויסע מיל",

האָט מען די קופעס אידן אויפגעטריבן אפן הויף, געהייסן דאָרטן וואַרטן. איך האָב דערזעןפאַר זיך מיינע אַלטע באַקאַנטע שכנים און כאַווײרים פון לאַנגע יאָרן. אַלעמען האָט מען באַגינען אַרויסגעריסן פון די הייזער, ניט דערלויבט מיטנעמען קימאַט גאָרניט פון דעם אייגנטום, און גלייך ווי די באַלעבאַטים האָבן איבערגעטראָטן זייערע שוועלן האָט מען די טירן פאַרכאַסמעט און ביים אַריינגאַנג אַרויפגעקלעפּט אַ צעטל:

„דויטשישע אייגנטום!”

די באַלעבאַטים האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט זייערע שמאַטעס אפן הויף. געקוקט אַף די צוגערויבטע הייזער און געוואַרט גערולדיק אַף נייע ניסיוינעס.

איך די הייזער האָבן אויסגעזען ווי צעטומלט. צום ערשטן מאָל פאַר לאַנגע יאָרן האָט מען אַרויסגעריסן די באַלעבאַטים. עס איז אַוועק פון זיי די וואַרעמקייט.

דער הויף האָט געקוואַלט, געפּלייצט מיט אידן. ערשט געבוירענע קינדער, גויסעסדיקע זקיינים, טראַגעדיקע פרויען, אַלץ איז אויפגעמישט אין דעם רוישנדיקן קעסל - גרוב.

די געיאָגטע האָבן ניט געוויינט, דער ערעוו-געטאָ האָט אויסגעברענט די טרערן, פאַרשטיינערט די געפילן. מען האָט דערשפּירט דעם שוידער פון דער צייט, דערשמעקט, אַז עפּעס גרייט זיך אַן ענדערונג.

איך דערמאָן זיך אַ פרוי מיט אַ בלייכן אויסגעצויגענעם פּאָנים, זי איז געשטאַנען מיט אַ קינד אַף איר אָרעם לעבן פּאַרקאַן און אַרויסגעקוקט צו איר הויז. דאָס קינד האָט געוויינט, האָט אויסגעשטרעקט די הענטלעך איבערן פלויט, וואו עס איז געשטאַנען דער וואַכמאַן, וואָס האָט געהיטן די געפאַנגענע. דער וואַכמאַן האָט געגעסן עפּל. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַן עפּל און געגעבן דעם קינד. דאָס קינד האָט אויפגעהערט וויינען און זיך גענומען צו דעם עפּל. די פרוי האָט אַרויסגעריסן בא דעם קינד די מאַטאַנע און צוריק אַ וואָרף געטאָן דעם סאָלדאַט, דערביי האָט זי געזאָגט:

איך דאַרף ניט פון אַ מערדער קיין ראַכמאָנעס!

נאָך עמעץ איז געזעסן איינגעבויגן אַף אַ שטיין, די פינגער איינגעוואַקסן, אין באָרד, און איבערן הויף האָט זיך געטראָגן זיין ניגן פון טילים.

עס האָט זיך דערהערט אַ פייף, צוויי אָפיצירן, אַ דייטשער און אַ היגער, זיינען אַריין אין הויף און געהייסן אַלעמען זיך אויסשטעלן אין רייען. צו פיר אין אַ ריי. דערביי האָט דער היגער אונדז געזאָגט, אַז דאָס פירט מען אונדז אין געטאָ.

מען האָט גענומען זיך רירן. בא די זייטן האָט אונדז אַרומגערינגלט די פּאָליציי.

אפן וועג זיינען צוגעקומען נאָך מענטשן פון די שכיינעסדיקע געסלעך. פּאָליציי, באַגלייט מיט ספּעציעלע אָנווייזער, זיינען געלאָפן פאַרויס און אַרויסגעטריבן יענע, וואָס זיינען נאָך געווען אין די הייזער. אַ סאַך אידן, וואָס ביז

איצט זיינען זיי געלעגן אין באהעלטעניש, האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען פירט אין געטאָ. זיי האָבן מוירע געהאַט אַליין צו בלייבן. עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז נאָכדעם ווי מען וועט אַריינטרייבן אין געטאָ, וועט מען פאַרברע-נען די אידישע הייזער. דעריבער איז מען אַרויסגעקראָכן פון דער פינצטערניש און זיך צוגעשטעלט אין די רייען. אַזוינע האָט מען גלייך דערקענט: זיי האָבן אויסגעזען ווי גייענדיקע מייסים.

אַ פאַרבייגייער, וואָס איז אָנגעקומען פון שטאָט, איז אויף אַ ווייל אַריינגעשפּרונגען צו אונדז אין דער מאַכנע און דערציילט זיינעם אַ באַקאַנטן:

— עס זיינען פאַראַן צוויי געטאָס; אויף רודניצקער גאַס און אויף דער אידישער. אָבער ניט אַלע ווערן אַהין געפירט. גאַנצענע גאַסן מיט הונדערטער און טויזנטער מענטשן פירט מען ניט אין געטאָ, נאָר אין דער לוקישקער טורמע.

ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען אונדזער הויז, אויף ווילקאָמירער 14, האָב איך דערזען אויפן באַלקאָן מיין מאַמען. זי איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן פּאָ-רענטש, מיטן גראָבן קאָרבן-מינכע אונטערן אָרעם, מיט אַ פּעקעלע בײַ דער זייט, און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן — אַראָפּגיין און זיך אָנשליסן אָן דער ריי, אָדער וואַרטן ביז וואַנען די פּאָליציי וועט אַראָפּיאָגן. זי איז געשטאַנען צעטומלט אויפן באַלקאָן און אירע פאַרטערטע אויגן האָבן מיך געזוכט צווי-שן אוילעם. מיר האָבן זיך בײַדע דערזען. איך בין אַוועק ווייטער. דער וואַכמאַן האָט ניט געלאָזט זיך אָפּשטעלן.

ווען די מאַכנע איז געקומען אויף דער גרינער בריק, האָב איך דערזען, ווי באַרג-אַראָפּ פון קאַלוואַריער גאַס גייט אַ צווייטע מאַכנע, נאָך גרעסער ווי אונדזערע. זי ווערט אויך געפירט אין אַ קייט פון פּאָליציי.

ביים אַרויפטרעטן אויף דער גרינער בריק האָבן אַלע דערשפּירט, אַז אָט דאָ וועט זיך אָנטשיידן אונדזער גוירל. אויב מען וועט פירן פאַרויס, דורך ווילנער צו מיצקעוויטש-גאַס, איז אַ סימען, אַז מען וועט קומען אין געטאָ. אויב באַם אַריבערגיין די בריק וועט מען פאַרקערעווען די מאַכנע אויף רעכטס, צו דער לוקישקער טורמע, איז אַ סימען, אַז מען פירט צו אַן עקזעקוציע.

איך בין געגאַנגען אין דער שפּיץ פון אונדזער מאַכנע. דער שווערער האַרבסטיקער מאַנטל האָט געפּאַרעט מיין לייב. דער מאַנטל איז ניט מיינער, עס איז דאָוויד אומרוס. מיר האָבן זיך בײַדע געביטן פאַרן אַריינגיין אין ווויל-נע. אויפן פּלייצע האָב איך נאָך געטראָגן אַ זעקל בולבע. איך האָב עס געטראָגן פאַר אַ זקיינע, וואָס איז שיער נישט געפאַלן.

באַם אַריבערגיין די גרינע בריק האָט אויף אַ מינוט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. וואוהין וועט מען פירן, רעכטס, אָדער פאַרויס, איין טראָט, פינף טריט, צען... מען האָט אוועקגעפירט פאַרויס.

מען האָט געאיילט. די הינטערשטע האָבן געטראָטן אויף די פיס. געוואָלט וואָס גיכער אַריבערגיין דעם וועג, זיין וואָס ווייטער פון דער לוקישקער טורמע.

ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען בעשאָלעם די גרינגע בריק, האָב איך אומ-געדרייט דעם קאָפּ אַף הינטער און זיך געוואָלט איבערצייגן, וואָס איז מיט דער גאַס אַהינטער אונדז. און איך האָב דערזען, ווי די הונדערטער אין אַ שפּאַלער פון גלאַנציקע באַגנעטן ווערן פּארקערעוועט אַף רעכטס אין דער ריכ-טונג צו דער לוקישקער טורמע.

*

מען האָט געפירט אין געטאָ וועדליק אַ געניויעם פּלאַן. אַ סאַך גאַסן, ווי דער פּאַרבייגייער האָט ריכטיק דערציילט, האָט מען גלייך טאַקע, אַנשטאָט גע-טאָ אוועקגעפירט צום טויט. פאָלגנדיקע גאַסן זיינען צו דער געטאָ ניט דער-גאַנגען: פון מיצקעוויטש-גאַס, טאַרטאַקי, פאַרטאָווע,ביידע פאָהולאַנקעס, קאַל-וואַריער (פון 50-טן נומער ביז נומער 1 זיינען דערגאַנגען). פּיראָמאָנט, אַ טייל זוויערינצע, וועגלאַווע, אַנטאָקאָל א. אנד. צוזאַמען ביי אַ צען טויזנט מענטשן.

# די טויערן פון געטאָ

קומענדיק צו מיצקעוויטש-גאַס האָב איך דערזען אַן אויסטערליש בילד: ביי אַ צוואַנציק מענטשן, אַנדערע האַלב-נאַקעטע, אַנדערע אָנגעטאָן אין מע-שוגאָים-העמדלעך, מיט ווילדע אויפגערייצטע פּנימער, האָבן מאַרשירט פּאַר-וויז אַפן בריק און בא דער זייט האָט געשפּאַנט מיט מעדאַלן אַפן ברוסט אַ דייטשער אָפיציר.

דאָס זיינען געווען אידישע מעשוגאָים פון אַנטאָקאָלער שפּיטאָל. די דייטשן האָבן זיי אַרומגעפירט איבער דער גאָרער שטאָט, קעדיי צו ווייזן פאַר דער ניט-אידישער באַפעלקערונג „די אידישע ראַסע". דורכגעפירט די גאַנצע שטאָט, האָט מען אָנגעשלאָסן די מעשוגאָים אָן דער שפּיץ פון אונ-דזער מאַכנע. פאָרויס איז געפאָרן אַן אויטאָ מיט אַ גרויסן האַקנקרייץ און אַ פילם-אַפּעראַטאָר האָט פאַראייביקט דאָס בילד.

אויך אַנדערע גאַסן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן אונדזער מאַכנע. יונגע מענער זיינען דאָרט געווען ווייניק. די כאַפּונעס האָבן זיי אויסגעכאַפּט נאָך פריער. דער איקער זיינען דאָס געווען פרויען, קינדער און זקיינים. עס האָבן זיך מיטגעשלעפּט אויך קראַנקע און קאַליקעס, אַרויסגעטריבענע פון די שפּיטע-לער. אין זייערע בלאָע שפּיטאָל-קליידער האָבן זיי דער פּראָצעסיע צוגעגעבן אַ באַזונדערן אומהיימלעכן אויסזען.

אַף דייטשישער גאַס, לעבן פונקס ביכער-קראָם, האָבן אַ בלענד געטאָן צוויי ווייסע טויערן: איינער לינקס, אַפן ראָג אידישער און דייטשישער, דער צווייטער רעכטס — אַף גיטקע טויבעס זאַוואַלעק. די טויערן זיינען געווען

פאַרמאַכט. אַרום און אַרום איז געשטאַנען פּאָליציי. די באַוועגונג איז געווען אָפּגעשטעלט.

בײַ די טויערן האָט אונדז אָפּגעוואַרט הערינג, שוויינענבערגס אַדיוטאַנט, אַ געלער אויסגעצויגענער דײַטש מיט אַ שאַרבנדל אויפן היטל, און האָט גע־שליידערט מיט די פויסטן הין און הער, ווי אַ שיקערער דיריגענט. דאָס האָט ער אָנגעוויזן וואוהין די אידן זאָלן גיין — אין דער ערשטער געטאָ אָדער אין דער צווייטער. רעכטס איז געווען די ערשטע, לינקס — די צווייטע. עס האָט זיי ביידן אָפּגעטיילט די דײַטשישע גאַס.

ווען עס איז געקומען מײַן ריי, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי אַ מענטשן־פרעסער זײַן קאָרבן. אָנגעקוקט און אָנגעוויזן מײַן אָרט, דערבײַ האָט זײַן אויסדרוק מיר געזאָגט: „איך בין הײַנט זאַט, איך וועל דיך פרעסן אַן אַנ־דערש מאָל".

דורך די אָפּגעבויגענע ברעטער פון דעם הילצערנעם נישט־פאַרענדיקטן טויער האָט מיך אַ פּוס אַרײַנגעשטופּט אין גיטקע־טויבעס זאַוואָלעק — דאָס פאָדער־הויז פון דער ערשטער געטאָ.



א. סוצקעווער מיט זיין רעטערן יאַנאָווא באַרטאָ־
שעוויטש  באַם אַריינגאַנג צו דער באַהעלטעניש



פּאָנאַר. געוועזענע לעבנס.

צווייטער טייל:

# הינטערן טויער

# דאָס פּאָנים פון געטאָ

איך בין געשוואומען אין דעם קאָכעדיקן מענטשן-שטראָם און האָב ניט געקענט זיך אָפּשטעלן, ניט געפונען קיין ברעג, קיין אָנהאַלט. אידן מיט שמאַטעס און פּעק זיינען געלאָפן איבער די הויפן און פאַרכאַפּט וואוינונגען. די וואוינונגען זיינען געווען פרייע. דאָס האָט שווייענבערג מיט א וואָך צוריק אַרויסגעריסן פון דאָרט די איינוואוינער און זיי פאַרשלעפּט אין טורמע. די ניט - אידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געוואוינט אין דעם קוואַרטאַל פון דער געטאָ, האָט פריער אינמיטן דער נאַכט זיך געמוזט אַרויסקלייבן.

איך האָב דערזען די דיכטערן לייע רודניצקי. זי איז געשוואומען, ווי איך, אינעם האַמוין, מיר האָבן זיך אויסגעקניפּט פון אוילעם און זיינען אַריין אין מייערקעס הויף, וואו עס האָט געוואוינט אַמאָל מאָטקע כאַבאַד. אירע ערשטע ווערטער זיינען געווען:

— זיי וועלן לענינגראַד ניט נעמען!

אף לידסקע געסל האָבן מיר געפונען א וואוינונג. מיר זיינען געווען נאַיוו — געמיינט, מען וועט זיך קענען אָפּרוען. די דירע איז געווען א ליידיקע. די רעשטלעך פון דער באַלעבאַטישקייט האָבן זיך געוואַלגערט אף דער ערד. אף א שטול אין א ווייקשאַף האָט זיך געזאַלצן פלייש, אין א לאָבן ברויט האָט געשטעקט א מעסער און אפן טיש איז געשטאַנען א ניט-דערזופּטע גלאָז טיי.

איך האָב זיך געלייגט אף א שטרויענעם געלעגער און אויפגעקליבן די געדאַנקען. וואו בין איך? וואו איז די פרוי? וואו איז די מאַמע? דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג, ווי א יאָר, וואָס מען זעט דעם ברעג ניט. עס איז נאָך איצט דריי אַזייגער. דער קאָפּ ברענט. איך ווער פאַרסאַרפּעט.

איך האָב געפונען א קרוג וואַסער און עס אַרויפגעגאָסן אפן קאָפּ. מיר איז געוואָרן לייכטער. איך האָב א פאַל געטאָן אפן שטרויענעם געלעגער און פאַרזונקען אין שלאָף.

אין אָוונט איז געקומען די דיכטערן און מיך אויפגעוועקט. מיר איבערגעגעבן א גרוס פון דער מאַמען. זי לעבט: א באַקאַנטער האָט זי געזען אין געטאָ. מיר זיינען אַראָפּ אין גאַס. באַגעגנט כאַווירים — דעם אַרטיסט בערעגאַלסקין און שאַבסע בליאַכערן. זיי דערציילן, אַז די גאַנצע געטאָ איז פאַנאַנדערגעטיילט מיט טויערן, אויך אינעווייניק פון איין גאַס אין דער אַנדערער איז ניט מעגלעך דורכצוגיין. די טויערן אין געטאָ גופע זיינען מיר נאַרגיש געפעלן. איך האָב באַשלאָסן זיך אַרויסצובאַקומען אף רודניצקער גאַס. עס איז די הויפּט-גאַס פון דער געטאָ. מיין באַגלייטערן האָב איך פאַרלאָרן אין וועג. דורך בוידעמער און לעכער האָב איך זיך דערשלאָגן פון לידסקער געסל אין דער הויפּט-גאַס. אַלץ נייע און נייע מאַכנעם זיינען אַריינגעשוואומען פון שטאָט. איך האָב דערזען צווישן זיי מיין פריינט קאַלמאַנאָוויטש — דעם באַ-

קאַנטן געלערנטן, מיטאַרבעטער פון „איוואָ״. ער איז פאַרוואַקסן מיט אַ שי־טער בערדל. איך האָב זיך אַריינגעשניטן צווישן אוילעם און אים גענומען אונטערן אָרעם.

— שאָלעם־אַלייכעם אַ אידן, וואָס מאַכט איר?

קאַלמאַנאָוויטש האָט זיך דערפרייט, מיר געקלאַפּט איבערן אַקסל.

— אויב נאָר צווישן אידן, איז שוין גוט...

*

אויף רודניצקער 6, וואו דער בנין פון דער רעאַל־גימנאַזיע, איז פול מיט מענטשן. יעדער וויל זיך אַריינכאַפּן אין אַ דירע אָט דאָ אפן הויף. מען זאָגט, אַז דאָ וועט זיך געפינען דער אידנראַט און דאָס אָרט איז זיכערער, ווי ערגעץ אַנדערש. דערווייל איז ניט מעגלעך אַדורכצוגיין. איטלעכער האָט זיך צוגעוואָרצלט צום באָדן און גיט ניט אָפּ קיין שפּאַן; גלייך עס וואָלט זיך אונ־טער אים געפונען אַן אוצער.

איך זע אַן אַלט פּאָרפאָלק, מאַן און ווייב. ביידע ליגן אויף אַ וועגעלע און קוקן אויף דער געטאָ. ביידע זיינען פּאַראַליזירט. ווי נאָר עס איז אַריין די פּאָליציי אַרויסצוטרייבן פון דער דירע, האָט זיי אָפּגענומען הענט און פיס. אַ קאַרעוו האָט זיי אַריינגעלייגט אין אַ וועגל און געבראַכט אַהערצו, איך האָב געוואָלט זיי העלפן, געפרעגט זייער פאַרלאַנג. דער אַלטער האָט אַ צוק גע־טאָן מיט די ליפּן און שטיל, אָבער געגנוג דייטלעך אויסגערופן:

— גיט מיר סאַם!

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זייער פאַמיליע איז באַראַנאָווסקי.

די אַקטריסע וויטאַלינאַ, האָט מיך געצויגן פאַר דער האַנט.

— קומט מיט מיר. אַ דירע האָט איר שוין? איך האָב נאָך אַ פריי אָרט. אַניט וועט מען עס אויסכאַפּן.

אויף דעם זעלבן הויף, אין דער וואוינונג פון סויכער שטשיבוק, האָב איך זיך איינגעמאָשטשעט אין אַ ווינקל. דער באַלעבאָס, וואָס האָט דאָ געוואוינט פון פריער, האָט זיך שטאַרק געברוגעזט אויף זיינע נייע ניט־נעבעטענע קוואַר־טיראַנטן — דער אַלטער שטשיבוק איז נאָך דערווייל באַלעבאָס, עס האָט קיינער קיין רעכט ניט אָנצורירן זיין אייגנטום. פון דער וואַנט הענגט נאָך אַראָפּ זיין פּאָרטרעט מיט די לעבעדיקע פּאַרדרייטע וואָנצעס, וואָס קוקן אויף דער וועלט מיט גאַדלעס און מיט האָנאָר.

עס איז געוואָרן טונקל. איך לויף איבער די הויפן און געסלעך צו געפינען מיינע נאָענטסטע. די געטאָ איז גרעסער ווי איך האָב געמיינט: רודניצקער גאַס, אָשמענער, שפּיטאָל־גאַס, דיסנער, שאַוולער, סטראַשון־גאַס, לידסקע און

דריי הויפן פון קאַרמעליטן-גאַס. דאָס אַלץ איז אונדזער „אייגנטום". ניט אומעטום איז אָבער מעגלעך אַדורכצוגיין. סטראַשון-גאַס איז פאַרשפאַרט מיט אַ מויער. לידסקע האָט ביכלאַל ניט קיין דורכגאַנג. מען קען אַהער צוקומען נאָר דורך די בוידעמער. צו די דריי הויפן אַף קאַרמעליטן - גאַס האָבן די אידן דורכגעהאַקט ווענט דורך נומ. 6, 14, און 16 פון רודניצקער גאַס. אַף שפּי-טאָל-גאַס באַגעגנט מיך ליבע גראַדע, די פרוי פון דעם דיכטער כאַים גראַדע, זי אַרבעט אין אידישן שפּיטאָל, וואָס גייט אַריין אין געטאָ, זי איז אַ קראַנקן-שוועסטער. זי פירט מיך אַריין אַפן שפּיטאָל-הויף און ברענגט פאַר מיר אַ קוביק מילך. מען טראָגט אַ פאַרסאַמטן. עס איז דער אַלטער דר. גערשוני. איך טרינק די מילך און וואַרג זיך.

דעם טויער, וואָס פאַרצוימט סטראַשון-גאַס, האָבן שוין הענט אויפגע-ריסן. איך טראָג זיך אַהין. אַפן הויף, וואו עס איז געווען ניט לאַנג דער ערש-טער אידנראַט, זיצט דער לערער טורבאָוויטש, אָנגעלענט אָן אַ בערגל שטיינער און פאַרשרייבט עפּעס אין אַ ביכל. דאָס פירט ער אַ טאָג-בוך. אַף סטראַשון-גאַס 1 האָב איך געפונען מיין מאַמען. אין אַ כאַרעווער הויז, ביי דער שיין פון זון-פאַרגאַנג, איז זי געשטאַנען און געדאַוונט.

אַפן קיך האָט זיך געוואַרעמט טיי. די שכיינים האָבן געגרייט עסן. אַ מיידל מיט אַ שפּיגעלע אין האַנט האָט זיך געפאַרבט די ליפּן. מען האָט גע-לאַכט, געוויינט, געצירעוועט זאַכן.

*

עס איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט. איך האָב ניט געקענט איינשלאָפן. גע-רעדט איז די פרוי, וואָס האָט גערעדט צו איר שאָכנטע: — „די ערשטע נאַכט אין געטאָ איז ווי די ערשטע נאַכט אין קייווער".

איך בין אַראָפּ מיט די טרעפּ אַפן הויף. אַף די גאַסן, אין לעוואָנע-שיין זיינען געלעגן קופּעס מענטשן. ניט פאַר אַלעמען האָט געסטייעט דירעס, איז מען געלעגן אַף דער ערד, ווי פיש ארויסגעשליידערט אַף אַ זאַמדיקן ברעג...

לעבן יאָגיכעס קלויז האָב איך באַגעגנט קאַלמאַנאָוויטשן. אויך ער האָט ניט געקענט איינשלאָפן. ווי איך, איז ער אַראָפּ אין גאַס זיך איינצוקוקן אין דעם כורבן.

מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען. איך האָב מוירע געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט, צו באַליידיקן די שטילקייט.

אַף רודניצקער 4, לעבן הילצערנעם טויער, איז געלעגן אַף אַ בינטל שמאַטעס אַ האַלב-נאַקעטע פרוי און זיך געוואָרפן אין פאַליקע. די לעוואָנע האָט באַלויכטן אירע צעווינטיקטע האָר און מיט אַ גרינעם אומהיימלעכן קאָ-ליר באַפאַרבט אירע באַקן.

# די צווייטע פּראָוואָקאַציע און דער צווייטער אידנראַט

אַף מאָרגן האָט מען זיך דערוואוסט נייעס. אַלע מענטשן, וואָס זיינען גע-וועזן אַף לידסקע, דאָס געסל דורך וועלכן איך האָב זיך קוים אדורכגעריסן, האָט שוויינענבערג באַנאַכט ארומגערינגלט מיט כאַפּונעס און אַלעמען אוועק-געפירט אין דער ריכטונג צו פּאָנאַר. א קליינעם טייל האָט מען אַף מאָרגן צו-ריק געבראַכט און ווידער זיי אריינגעשפּאַרט אין די ביידע געטאָס. עס איז געטאָן געוואָרן צו באַרואיקן און פאַרטומלען דעם אוילעם, קיינער זאָל ניט וויסן, צי זיינע נאָענטע האָבן זיך אומגעקערט אָדער ניט. גיין פון איין געטאָ אין דער צווייטער איז געווען פאַרבאָטן.

דאָס אוועקנעמען די אידן פון לידסקע האָט מען אָנגערופן „די צווייטע פּראָוואָקאַציע". צוזאַמען האָט מען דאָרט אויסגערויבט ביי א 2 טויזנט מאַן. ווען א הונדערט האָבן זיך אָבער אומגעקערט צוריק, איז געוואָרן די שטימונג א בעסערע.

דעם זעלבן טאָג האָט מורער באַשטימט א אידנראַט. בעראָש איז געוואָרן אוועקגעשטעלט יאַנקעוו גענס, א געוועזענער אָפיציר פון דער ליטווישער אר-מיי, א איד פון קאָוונע. צום אידנראַט האָבן געהערט: דער באַנק-באַאמטער פריד, דער סויכער זיידשנור, דער זשורנאַליסט טראַפּידאָ, אדוואָקאַט סראָילאָ-וויטש, אדוואָקאַט מילקאָנאָוויצקי און אַנדערע.

דער אידנראַט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרדענונג אין גע-טאָ. גענס, דער אידן-פאָרשטייער, האָט געשאַפן אַן אָרטיקע פּאָליציי. ער האָט אָרגאַניזירט די אדמיניסטראַציע אין געטאָ, געשאַפן א מין סטרוקטור פאַר דעם מעשונעדיקן צושטאַנד. ער האָט אויסגעקליבן צוגעפּאַסטע יונגעלייט, זיי אָנגעטאָן אַפן ארבל בלאָע טאַשמעס מיט ווייסע מאָגן-דאָווידס און פון היינט און ווייטער האָט מען זיי געמוזט פאָלגן, אויספירן אַלע זייערע באַפעלן. קעדיי מען זאָל פאָלגן אַף אַן עמעס, איז געעפנט געוואָרן אַף לידסקע געסל א טורמע און ביי דער טורמע דריי פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן. פאַר יעטוועדער זינד, ווי גיין אין א פאַרקערטער ריכטונג, גיין ווען מען טאָר ניט, עס הייסט שפּעטער ווי צען אזייגער באַנאַכט, אָדער פאַרן שטערן די רו — איז מען געוואָרן באַשטראָפט מיט געלט אָדער מיט ארעסט. מען האָט אפילע געשאַפן אין געטאָ א געריכט מיט א געניועם שטראָף-קאָדעקס און ספּעציעלע מאַלבושים פאַר די פאָרטיי-דיקער, אָנקלאָגער און פּראָקוראָר.

*

דער אידנראַט האָט שוין דייטלעך געזען, אַז די שפּיל איז צום טייוול. ער האָט געוואוסט, אַז די שכיטע האָט זיך אריבערגעטראָגן אין ווייס-רוסלאַנד און אַז דער ציל פון די דייטשן איז אונדז אַלעמען אויסראָטן ביז איינעם. גענס האָט געמיינט, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו באַפרייען א טייל איינוואוינער

פון געטאָ. ער האָט געשפּילט אַף דער צייט. געוואַרט, עס זאָל זיך דערנענטערן דער פראָנט. די דייטשן זאָלן ניט באַוויזן אויסצופירן זייער רעציכע. ער האָט געגלויבט מורערן און ווייסן. דער לעצטער פּלעגט קומען צו אים אין געטאָ אַף מיטיק. די צוויי טאַליאַנים האָבן געגנסן פאַרזיכערט, אַז דעם ווילנער געטאָ וועט מען ניט ליקווידירן. גענס האָט געגלויבט און פּלעגט דורכאויס איינרעדן דעם אוילעם, מען זאָל גוט אַרבעטן, ווייל דער געטאָ האַלט זיך נאָר אַדאַנק דער אַרבעט. ער האָט געשאַפן אין געטאָ וואַרשטאַטן, אויפגעבויט פאַך-שולן, די יוגנט זאָל זיך אויסלערנען אַ פאַך.

זיין אידישע פּאָליציי, וואָס צום גוטן קען מען זי ניט דערמאָנען, פּלעגט מאַכן אין די נעכט רעוויזיעס און צונעמען דאָס געפונענע גאָלד און די יוערטפולע זאַכן. מיט דעם האָט גענס אונטערגעשמירט זיינע דייטשן. אַ סאַך מאָל האָט ער באַ זיי געפּועלט, ארויסגענומען פון טורמע געפאַנגענע שוין ערעוו דער עקזעקוציע.

גענס האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ער איז בלויז אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, אַז וועלנדיק העלפן אידן, העלפט ער אין דער עמעסן די דייטשן און זייערע פינצטערע מאַיסים.

# אַ בינטל געזעצן

די ערשטע פאַראָרדענונג, וואָס מורער האָט אַריינגעשיקט אין געטאָ דעם אידנראַט, איז געווען:

אַף מאָרגן אינדערפרי דאַרף הענגען אַפן געטאָ-טויער אַ שילד: „אַכטונג! יודען-פּירטעל, זעוכע געפאַר! איינטריט פיר ניט יודען פערבאָטען!"

אַ צווייטע מעלדונג אַפן טויער האָט געוואָרנט, אַז עס איז פאַרבאָטן אַריינצוטראָגן אין געטאָ יעטוועדער מין שפּייז און האָלץ.

אין מעשעך פון דער זעלבער נאַכט האָט מען געמוזט מורערן צושטעלן אַ רעשימע וויפיל איינוואוינער עס געפינען זיך אין געטאָ, זייערע יאָרן, פאַכן, אַדרעסן און צי זיי האָבן שיינען, אַז זיי אַרבעטן.

דער אוילעם האָט ניט געוואוסט, ווי איז בעסער, רעגיסטרירן זיך, צי ניט. די, וואָס האָבן געהאַט שיינען, האָבן מערסטנס זיך רעגיסטרירט; די, וואָס האָבן קיין שיינען ניט געהאַט, האָט מען אַף מאָרגן געצוואונגען אַריבערצוגיין אין דער צווייטער געטאָ. נאָר ווען די ווייבער און קינדער זיינען קאַלאַנעסווייז אַרוים דורכן טויער אין דער ריכטונג פון דער צווייטער געטאָ, אַף דער אַנ-דערער זייט גאַס, זיינען זיי אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ קאָרדאָן פּאָליציי און קיינמאָל האָט מען זיי שוין מער ניט געזען. אַ טייל נאָר האָט מען אַריינגע-פירט אין דער צווייטער געטאָ, קעדיי דער אוילעם זאָל נישט ווייסן, ווער עס לעבט און ווער ניט.

פון דער צווייטער זייט געטאָ ווידער האָט מען פּאַכלייט באַפוילן צו גיין

אין דער ערשטער געטאָ. זיי זיינען אָבער אהין ניט געקומען. אויך זיי האָט מען שוין מער ניט געזען.

עס איז ניט מעגלעך אויסצורעכענען די סעריעס גזעצן און באַפעלן, וואָס זיינען אָנגעקומען פאַר דער געטאָ. איך וועל בלויז פּרואוון ברענגען א קליין בינטל און זאָל א נאָרמאַלער מענטש פּרואוון עס באַנעמען:

אידן טאָרן ניט קוקן דורך די פענצטער, וואָס גייען אַרויס אויסער דער געטאָ. דעריבער מוזן די פענצטער גוט פאַרקלאַפּט זיין אָדער פאַרשמירט אַף טונקל.

אידן איז פאַרבאָטן צו רעדן וועגן פּאָליטיק.

אידן טאָרן ניט רעדן אַף דייטש.

פאַר האנדלען אָדער רעדן מיט א ניט-אידן ווערט דער איד דער-שאָסן. אידן טאָרן ניט טראָגן קיין וואָנצעס (דער גזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דערפאַר, מען זאָל לייכטער דערקענען דעם אידן, ווען ער גייט אין שטאָט).

עס איז פאַרווערט צו עסן פעטס.

אידישע פרויען טאָרן זיך ניט פאַרבן די האָר, זיך ניט שמינקען די ליפּן.

מען טאָר ניט דאַווענען. מען טאָר זיך ניט לערנען.

פון א זעקס-יאָריק קינד ביז א זאָקן דאַרף יעדער טראָגן געלע לאַטעס סיי אין געטאָ, סיי אויסערן געטאָ. דערביי מוזן די לאַטעס זיין גוט צוגענייט אַף אַלע שפּיצן, און מען דאַרף זיי טראָגן אַף דער לינקער זייט ברוסט, און אַף דער פּלייצע.

אַז א דייטש קומט אַריין אין געטאָ, מוז מען פאַר אים אַראָפּ-נעמען דאָס היטל. דערביי טאָר מען זיך ניט נויגן און זאָגן גוט-מאָרגן.

עס איז פאַרווערט אַריינצוטראָגן אין געטאָ בלומען.

אידישע פרויען טאָרן ניט געבוירן, אויב א פרוי וועט געבוירן ווערט זי געטויט צוזאַמען מיטן קינד.

ווען די געשטאַפּאָ האָט אָפיציעל געמאָלדן דעם דירעקטאָר פון געטאָ-שפּיטאָל דר. מעדלים, אַז פון בערלין איז אָנגעקומען א גזעץ, וואָס פאַרבאָט אידישע פרויען צו געבוירן קינדער, איז אין געטאָ פאָרגעקומען אַן עמעסע צערודערונג. מען האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט די טראָגעדיקע פרויען, מיט די ערשט געבוירענע אויפעלעך. מאַמעס זיינען אַוועק געבוירן מיטן באַ-וואוסטזיין, אַז זייערע קינדער וועט מען פאַרסאַמען. אָבער אויך אָט דעם גזעץ האָט מען געפּרואווט שפּעטער גוויוער זיין. מען פלעגט גליך פון בראַך-שטול באַהאַלטן די ניי-געבוירענע אין א פאַרמאַסקירטן צימער. באַנאַכט, שטי-לערהייט פלעגן די מאַמעס אהין אַריינקומען און געבן זויגן די קינדער. ווען די

קינדער זיינען עטוואָס אויפגעוואַקסן, האָט מען זיי פאַרמאַלדן אין די אָפּיציע־לע געטאָ - אַמטן עלטער ווי זיי זיינען.

די ראַנגלעניש פון דער אידישער פרוי פאַר געבוירן אין געטאָ אַ קינד, עס זאָל זיין אַ טרייסט נאָך די אומגעקומענע עלטערן, נאָכן דערמאָרדעטן מאַן און עס זאָל אויפהאַלטן דאָס ווייטערדיקע לעבן און די צוקונפט פון פאָלק — האָט אָנגעהאַלטן אין געטאָ ביז די לעצטע טעג. און אומפאַרגעסלעך איז דאָס בילד, ווען בלייכע מאַמעס מיט ניי־געבוירענע קינדער אף די הענט, קינדער געבוירענע קעגן דייטשן געזעץ, אויסבאַהאַלטענע אין גריבער, אף בוידעמער, אין היילן, זיינען שפּעטער געשלעפּט געוואָרן דורך די געסלעך צום טויט.

## די צעטומל־קאַלירן

גלייך ווי די דייטשן זיינען אריין אין ווילנע האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַ־פּעניש אף אידישע מענער. מען האָט זיי געשלעפּט אף פאַרשידענע ארבעטן און אף דער נאַכט זיי צוערשט אָפּגעלאָזן אף צוריק; קעדיי מען זאָל די אַר־בעטנדיקע אָפּן גאַס ניט ארעסטירן, האָבן זיי באַקומען פון זייערע ארבעטס־געבער שיינען. אָפּן שיין איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם ארבעטנדיקן אידן. אַ שיין מיט אַ פאָטאָגראַפיע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גוטן שיין. גלייכ־צייטיק זיינען געווען שיינען אָן פאָטאָגראַפיעס.

נאָך די שיינען מיט די פאָטאָגראַפיעס האָט מען אָנגעהויבן ארויסגעבן „ווייסע שיינען", באַשטעטיקטע פון ארבעטס־אַמט אין ווילנע. דער שיין איז געווען ביז אַ טערמין. דאָס הייסט, ביז יענעם טאָג „טאָר" מען דעם אידן ניט שיסן. אַלע מענער, וואָס האָבן צו יענער צייט ניט געהאַט קיין ווייסן שיין, זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן צום טויט דורך די כאַפּונעס. שפּעטער האָט מען גאַנ־צע ארבעטער - קאָלאָנעס מיט די ווייסע שיינען אַוועקגעפירט אין פּאָנאַר. די שיינען זיינען געוואָרן אַ מיטל אויפצוזאַמלען די אידן אין אַ מאַסע, עס זאָל גרינגער זיין זיי צו פאַנגען.

ווען מען איז אריין אין געטאָ האָט אַ גילטיקער ווייסער שיין געמוזט אף זיך האָבן דעם שטעמפּל „פאַך ארבעטער", קעדיי צו באַקומען אָט דעם גליקלעכן שטעמפּל האָט מען געצאָלט דעם ארבעטער־אַמט טויזנטער.

אָבער גראָד אָט די, וואָס האָבן געהאַט די שטעמפּלען, זיינען פאַרנאַרט געוואָרן אין דער לוקישקער טורמע.

געענדיקט מיט די שטעמפּלען, איז אַ נייע צעטומלעניש: אַזוי ווי עס איז אָנגעקומען פון הימלערן אַ באַשטעטיקונג, אַז קלוימערשט דער ווילנער געטאָ דאַרף בלייבן אף שטענדיק (אַזוי האָבן די דייטשן איינגערעדט), האָט דער דייטשער ארבעטס־אַמט ארויסגעגעבן דעם אידנראַט פאַר דער ערשטער געטאָ געלע שיינען פאַר דריי טויזנט פאַכלייט. די דריי טויזנט גליקלעכע האָבן נאָך רעכט איינשרייבן אין דאָקומענט זייערע מישפּאָכעס. געבענטשט איז דער יע־

ניקער, וואָס האָט באַקומען פון דעם אידנראַט אַזאַ געלן שיין, עס איז א „לעבנס-שיין" — אַזוי האָבן איינגערעדט די דייטשן.

ווידער האָט געלויערט אַ שכיטע. ווידער האָבן זיך אידן געקליגט. יע־דער האָט געמיינט, ער וועט זיך אויסדרייען. מען האָט געצאָלט מיט גאָלדענע צען-רובלדיקע פאַר די געלע פּאַפּירלעך, מען האָט נאָכגעמאכט פאַלשע, זיך צוגעשריבן צו „גליקלעכע". מיידלעך מיט געלע שיינען האָבן אין געטאָ כאַ־סענע געהאַט, דאָס איז געווען זייער נאָדן. אַ מאַמע פלעגט זיך אויסדריקן ווע־גן איר קינד: „איך היט עס, ווי מיין געלן שיין".

דעם 24-טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן אין געטאָ אַ שכיטע אַף די, וואָס האָבן ניט קיין געלע שיינען. די, וואָס האָבן שיינען האָט מען געהייסן צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס אַוועקגיין אַפן אָרט פון ארבעטס-פּלאַץ און איבערוואַרטן די שכיטע.

קעדיי מען זאָל דורכלאָזן אַ מישפּאָכע-מיטגליד דורכן טויער, האָט ער געמוזט האָבן אַ האַרטן בלאָען צעטל — אין פאָרעם פון אַ וויזיט-קאַרטל, מיט אַ דייטשן שטעמפּל. קינדער האָבן זיך גערעכנט בלויז ביז 16 יאָר. אויב על־טער האָט מען אים דורכן טויער ניט דורכגעלאָזט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען אין געטאָ איז שוין געוואָרן דורכגעפירט די שכיטע, האָבן די, וואָס פאַרמאָגן געלע שיינען, זיך אומגעקערט אין געטאָ.

דעם 3-טן נאָוועמבער איז ווידער געווען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע, וואָס פאַרמאָגן געלע שיינען, מוזן צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס אַריבערקלייבן זיך אין דער צווייטער געטאָ. דאָרט זיינען זיי אָפּגעווען ביזן 5-טן נאָוועמבער. אין די דאָזיקע טעג האָט מען אין דער ערשטער געטאָ געקוילעט די אַלע, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט קיין געלע שיינען. באַ דער אַקציע מיט די געלע שיינען, זיינען אומגעקומען אַן ערעך 8 טויזנט מענטשן.

ווען אַ איד מיט אַ געלן שיין איז אַוועק צו דער אַרבעט — האָט ער גע־דאַרפט איבערלאָזן זיין ווייב אַ קאָפּיע פון זיין שיין. אַניט איז זי געווען אויס־געשטעלט, די קאָנטראָלאָרן זאָלן איר נעמען אין פּאָנאַר.

די קאָלירן - צעטומלונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. יעדער איינציקער, וואָס האָט ניט קיין געלן שיין, האָט געמוזט פאַרמאָגן אַ ראָז פּאַפּירל. דאָס דאָזיקע פּאַפּירל איז גילטיק נאָר פאַר דער געטאָ. אַרויסגיין מיט דעם דורכן טויער קען מען ניט. עס ווערן אַרויסגעלאָזט בלויז די, וואָס פאַרמאָגן געלע שיינען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָגעניש נאָך די ראָזע קאַרטלעך. די דאָ־זיקע שיינען זיינען איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי קאַטעגאָריעס: מישפּאָכע - שיינען און שוץ-שיינען. די מישפּאָכע-שיינען האָבן באַקומען די פאַמיליע-מיט־גלידער פון די „געלע"; די שוץ-שיינען האָבן געדאַרפט באַקומען די ניט-אַר־בעטס-פייאיקע און די קינדער.

דעם 21-טן דעצעמבער איז אין געטאָ פאָרגעקומען אַ באַפעניש אַף די, וואָס האָבן ניט קיין ראָזע שיינען. די באַפעניש האָט געדויערט דריי טעג.

דורכגעפירט האָט זי די אַרטיקע „אימפּאַטינגא". פון קעלערן און מאַלינעס האָט מען צונויפגענומען ביי א טויזנט נעפּאַשעס און אַוועקגעפירט צום טויט.

א נייע פאַראָרדענונג: איטלעכער, וואָס פאַרמאָגט א ראָזן שיין, מוז נאָך האָבן צו אים א בלאָען, אַניט לאָזט מען ניט ארויס צו דער ארבעט אין שטאָט. איינציכן האָט מען אָנגעהויבן ארויסצוגעבן גרינע צעטלען. נאָך די גרינע זיי־נען באַטל געוואָרן אַלע שיינען. די נויטיקע ארבעטער האָבן באַקומען פּעסער און ארבעטס - ביכלעך און בלעכענע נומערן, וואָס איטלעכער האָט געדאַרפט טראָגן אפן האַלדז. מיין נומער איז געווען 475. די רעשימע פון די נומערן מיט די רעשימעס פון זייערע טרעגערס איז געלעגן אין ארבעטס-אמט, ביים געביטס-קאָמיסאַר און אין געשטאַפּאָ. די נומערן פלעגט מען ניט ארויסגעבן אָן אַן ארבעטס-ביכל.

אויך מיט די נומערן איז נישט געווען אַזוי פּאַשעט. צוויי גויראָלעס האָט שפּעטער צעטיילט די באַפעלקערונג: נידעריקע נומערן און הויכע נומערן. אין אויגוסט 1943 האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסראָטונגס - אַקציע אף די הויכע נו־מערן — פון נומ. צען טויזנט און ווייטער. די איבעריקע נומערן האָבן אין יענע טעג ניט געליטן.

דער סיסטעם מיט די קאָלירטע שיינען, נומערן און ביכלעך איז געווען די האַמצאָע פון נויגעבוירערס קאַבינעט. די קאָלירן זיינען געווען ניט צופע־ליק. דער ציל איז געווען — צעטומלונג. די רעזולטאַטן פון די קאָלירטע פּאַ־פּירלעך זיינען ענלעך צו א פּסיכישער לופט - אַטאַקע, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדעט אין די ערשטע מילכאָמע-טעג. די פּסיכישע לופט-אַטאַקע באַ־שטייט דערין, וואָס באַנאַכט לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק אַן אַעראָפּלאַן און נעמט וואַרפן אף א באַפעלקערטן פּונקט ווירבלענדיקע פּראָזשעקטאָר-שיין פון צענדליקער קאָלירן. די איינוואוינער נעמען לויפן אין פּאַניק. עס טרעפט אויך, אַז בעיים אַזעלכע לופט - אַטאַקעס פלעגן מענטשן ניט זעלטן פאַרלירן דעם זינען.

די געטאָ-אידן האָבן אָבער ניט געהאַט וואוהין צו לויפן.

# שטורמיסטן

אַז אַ איד זאָל מער-ווייניקער געזיכערט זיין, אַז ביז א געוויסער דאַטע וועט מען אים ניט דערשיסן, האָט ער פריער געדאַרפט האָבן א ווייסן שיין, דאָס הייסט א פּאַפּירל פון ארבעטס-אמט, אַז ער ארבעט אין א דייטשער אונ־טערנעמונג. איצט איז ארויס א נייעס: אפן ווייסן שיין מוז געשטעלט ווערן א שוואַרצער שטעמפּל: „פאַך-ארבעטער". ווער עס האָט ניט דעם שטעמפּל, איז דאָס זעלבע ווי ער האָט ניט קיין שיין.

עטלעכע טויזנט געטאָ-איינוואוינער האָבן באַקומען דעם גליקלעכן שטעמ־

פל. איך האָב דעם שטעמפּל ניט געהאַט, ווייל איך בין ניט געגאַנגען אויף אַר־בעט. מיינע באַקאַנטע אין געטאָ האָבן מיר געראָטן, איך זאָל גיין כאָטש אויף אַ טאָג אָדער צוויי אויף אַרבעט, כּדי מען זאָל מיר אָפּשטעמפּלען דעם ווייסן שיין.

איך האָב געפֿאָלגט די אייצע פֿון מיינע פֿריינט און זיך געלאָזט אוועקפֿירן דורך שטורמיסטן אין די קאַזאַרמעס אויף פּיראַמאַנט, לעבן אַלטן אידישן בייס־אוילעם. די גרופּע, אין וועלכער איך האָב געאַרבעט, איז באַשטאַנען פֿון 6 מאַן. צוויי שטורמיסטן האָבן אונדז געבראַכט צו אַ קופּע באַלקנס און געהייסן זיי אַריבערטראָגן אויף אַ צווייטן הויף. דערביי האָבן די שטורמיסטן אָנגעזאָגט, אַז יעדער איד מוז טראָגן אַ באַלקן, זאַלבעצווייט טאָר מען ניט.

איך האָב אָנגעלייגט אַלע מיינע קויכעס און אַרויפֿגעהויבן דעם קלאָץ אויף מיין אַקסל. איך בין געגאַנגען און מוירע געהאַט צו קוקן אַפֿן שטעטל, וואָס טיילט מיך אָפּ פֿון אָרט, וואו איך דאַרף אים אוועקלייגן. באַם פֿאַרבייגיין די צוויי שטורמיסטן האָב איך דערפֿילט אַ שניט פֿון אַ נאַהייקע און אַ געשריי: „לאופֿען"!

איך האָב געהערט, ווי עס טרעשטשען מיינע ביינער. פֿון מיין קאָפּ איז גערונען בלוט און פֿאַרטונקלט מיר די אויגן. איך האָב דערזען די וועלט דורכן קאָליר פֿון בלוט. פֿונדעסטוועגן בין איך געלאָפֿן. דער מעשוגענער לעבנס־קויעך האָט מיך געטראָגן פֿאָרויס.

אוועקגעלייגט די באַלקנס אויף אָן אָרט, בין איך אוועק צוריק. מיט דער נאַסער שווייסיקער העמד האָב איך אויסגעווישט מיינע פֿאַרלאָפֿענע אויגן. די שטורמיסטן האָבן געלאַכט. איך האָב געהערט, ווי איינער האָט עפּעס איינגעד־רוימט דעם אַנדערן אויף מיין כעשבן. און ווי נאָר איך האָב זיך איינגעבויגן אויפֿצוהויבן אַ נייעם באַלקן באַפֿעלט מיך מיין האַר, איך זאָל אויפֿהייבן צוויי: „עס איז געגוג גרינג, ער וועט מיך אויסלערנען אַרבעטן". דעם זעלבן באַפֿעל האָט ער אַרויסגעגעבן דעם אַלטן שטשיבוק. עס איז דער זעלבער שטשי בוק, וואָס צו אים אין וואוינונג האָב איך זיך פֿאַרקליבן אין ערשטן טאָג באַם אַריינקומען אין געטאָ. ער האָט זיך געבעטן ביי די שטורמיסטן, מען זאָל אים לאָזן לעבן, ער איז שוין אַלט זיבעציק יאָר, ווי קומט ער אויפֿצוהויבן אַזאַ מאַסע?

דערזען אַ רעוואָלווער, האָט ער פֿונדעסטוועגן די באַלקנס אויפֿגעהויבן. אויך איך האָב אַרויפֿגעטאָן אויף ביידע אַקסלען די באַלקנס, זיי אַרומגעקלאַ־מערט מיט די הענט און געלאָזן זיך אין וויטן וועג אַריין. מען זאָל מיר נאָר ניט באַפֿעלן לויפֿן! — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אָבער ווי נאָר איך בין פֿאַר־בייגעגאַנגען די 16־יאָריקע שטורמיסטן, האָט מיר ווידער אַ שניט געטאָן די נאַהייקע, און ווידער: „לאופֿען."

איך האָב געפֿילט, אַז איך וועל ניט אויסהאַלטן: עס ברעכן זיך די אַקסלען.

פאַרוואָס לויף איך? פאַרוואָס גיב איך נאָך די שטורמיסטן? אַלצאיינס האָב איך מער קיין קויעך ניט. נאָך א רעגע, און דאָס האַרץ פּלאַצט מיר. — — —

איך האָב א שלײַדער געטאָן די באַלקנס און געגומען לויפן. ניט לויפן, נאָר אַנטלויפן. די שטורמיסטן זיינען געווען פאַרנומען מיט שטשיבוקן. ער איז געלעגן אַף דער ערד אונטער די באַלקנס און קוים געזשיפּעט.

לויפנדיק בין איך אַריינגעפאַלן אין א קאַלך-גרוב. שנירלעך בלוט האָבן זיך געצויגן פון מיין לייב און געדויטלט דעם צעלאָזענעם קאַלך. איך בין דאָרט געלעגן ביז אָוונט און אַנטלאָפן אין געטאָ.

*

די געשיכטע מיטן שטעמפּל „פּאַך - אַרבעטער” האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. אין זעלבן אָוונט האָט מען אַריינגעשיקט אין געטאָ א מעלדונג: אַלע, וואָס האָבן אַף די שיינען דעם שטעמפּל „פּאַך - אַרבעטער” דאַרפן אַראָפּגיין אַפן הויף. ווער עס האָט ניט דעם שטעמפּל דאַרף בלייבן אין דער היים.

אַלע, וואָס זיינען אַראָפּ צו די טויערן זיינען צוריק שוין ניט אַרויף.

איך בין צום טויער ניט געגאַנגען. מיר האָט געקלעקט אַף היינט דער שטעמפּל אַף מיין פּאָנים.

## אין דער צווייטער געטאָ

אַז קיין צוויי געטאָס וועלן אין ווילנע ניט זיין, דאָס האָט געפילט יע-דערער. קיינער האָט אָבער אַף זיכער נישט געוואוסט, וועלכע געטאָ עס וועט אי-בערבלייבן — די ערשטע, צי די צווייטע. עטעס, אין דער ערשטער זיינען מער פאַך-אַרבעטער, אין דער צווייטער גיט מען אָבער בעסער עסן... מישפּאָ-כעס האָבן זיך בעקיוון צעטיילט. א העלפט איז געווען אין דער ערשטער, די אַנדערע העלפט אין דער צווייטער. אין פאַל, ווען מען וועט איין געטאָ ליקווי-דירן, זאָל כאָטש איבערבלייבן פון דער מישפּאָכע א זייכער. דערווייל דערוויס איך זיך, אַז דער גאַנצער הויף, וואו עס האָט געוואוינט מיין מאַמע, איז אַרי-בערגעוואָרפן אין דער צווייטער געטאָ. איך האָב באַשלאָסן זיך אַהין אַריינצו-באַקומען און אַהער ברענגען די מאַמען. עס איז געווען ערעוו יאָם-קיפּער 1941. איך בין אַרויס מיט א קאָלאָנע צו דער אַרבעט אין שטאָט און זיך צוריקגעקערט מיט אַן אַנדער קאָלאָנע, וואָס איז נעכטיקן געגאַנגען אין דער צווייטער געטאָ.

מיין מאַמען האָב איך געפונען. זי האָט זיך געגרייט צום יאָנטעוו. זי האָט געטראָגן א טונקעלן קלייד, וואָס ביז איצט האָב איך עס קיינמאָל נישט באַ-מערקט. פון דער טונקעלער קלייד האָט זיך אויסגעטיילט איר גראָער קאָפּ. אויך אַזאַ גראָקייט האָב איך קיינמאָל ניט באַמערקט. די האָר האָבן אַזש געבלענדט, געלויכטן ווי א קרוין.

מיין מאַמע האָט נישט געוואָלט זיך צוריקערן. זי האָט שוין מער קיין קויעך נישט. און, אַכוץ דעם, איז שוין באַלד יאָנטעוו. זי קלייבט זיך צו קאָל-נידרע. מיך האָט זי געראָטן איך זאָל צוריקגיין. דאָרט, מיינט זי, איז פאָרט זיכערער. דאָ זיינען דאָך מערסטנטייל אַלטע און קינדער. זי האָט אָנגעצונדן ליכט, מיך געבענטשט און איז אַוועק צו קאָל-נידרע.

*

איך בין אַרויס איבער די געסלעך. אידן מיט קיטלען אונטער די אָרעמס האָבן געאיילט אין די קלויזן. אין אַלע פענצטערלעך האָבן געפלעמלט ליכט. דער איקער איז פול געווען אפן שול-הויף. מען האָט געאיילט אין דעם כסידישן שטיבל, אין דער גרויסער שיל און, מערסטנטייל, אין גאַענס קלויז, ווי דאָרט וואָלט געווען זיכערער, אַז די טפילעס וועלן פאַרנומען ווערן.

פון אַ הויף האָב איך דערהערט אַ געזאַנג. עס האָבן געטראָגן זיך אידי-שע ווערטער. איך בין נאָכגעגאַנגען די קלאַנגען. זיי האָבן מיך אַרויפגעפירט אף טרעפ.

אין אַ לאַנג, שמאָל צימערל אָן פענצטער איז געזעסן דער לערער גער-שטיין צווישן אַ קרייז קינדער און געזונגען מיט זיי פערעצעס ליד „האַפ, ניט ווייט איז שוין דער פרילינג".

גערשטיין האָט געענדיקט זינגען און מיך האַרציק אַרומגענומען.

— איר זייט דאָ?

— איך בין געקומען הערן אייער כאָר, — האָב איך געענטפערט. איך האָב געקוקט אף זיינע זינגער און מיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

ער האָט צונויפגענומען די קינדער נענטער, זיי געשטעלט אין אָרדענונג וועדליק די שטימען, און איבערן בוידעם, איבער דער געטאָ, איבער דער גאַ-רער וועלט האָט זיך צעקלונגען:

און זאָל ווי ווייט\
נאָך זיין די צייט\
פון ליבע און פון שאָלעם, —\
דאָך קומען וועט\
צי פרי, צי שפעט\
די צייט עס איז קיין כאָלעם.

*

ווי נאָר איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער צווייטער געטאָ, איז אַהין געקומען שווייַנענבערג מיט דער היגער איפּאַטיינגאַ און זיך גענומען צו דער אַרבעט. דאָס מאָל האָט ער ווידער צוגעטראַכט עפּעס אַ נייעס. ער האָט דורכ-

געפירט די שכיטע מיט אַ סיסטעם: איין הויף האָט ער צוגענומען, דעם אַנ-דערן האָט ער געלאָזן. נאָר עס איז געווען פאַר אים ווייניק מענטשן. ער איז געקומען נאָך אַ באַשטימטער צאָל קעפּ, און די צאָל דאַרף פאַרפילט ווערן, מיט איינעם ניט מער און מיט איינעם ניט ווייניקער. שווייגענבערג איז אַוועק אין די קלויזן און האָט אַוועקגעפירט צום טויט די אידן אין די קיטלען און טאַ-ליסים.

ער האָט געבראַכט מאַנדאָלינעס און באַפוילן שפּילן. באַם פירן צו דער טורמע האָט מוישע פרומקין, אַ באַכער פון אַכצן יאָר, אַ געשריי געטאָן: „לאָזט זיך ניט פירן! צעלויפט זיך אין די גאַסן!" אין דער מאַכנע איז געוואָרן אַ מעהומע. פרויען האָבן זיך אויסגעלייגט אַפן ברוק און זיינען נישט געגאַנ-גען ווייטער. זקיינים זיינען געבליבן פאַרשטיינערט. יונגטלעכע זיינען זיך צעלאָפן.

שווייגענבערג האָט באַפוילן שיסן. צענדליקער זיינען געבליבן טויטע, און די לעבעדיקע האָבן זיי געמוזט מיטטראָגן. פונדעסטוועגן זיינען היפּשע זיך צעלאָפן, צווישן אַנדערע אויך דער באָכער פרומקין.

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון דער צווייטער געטאָ איז פאָרגעקומען דעם 28-טן נאָוועמבער 1941.

ווען אין דער צווייטער געטאָ זיינען שוין קיין אידן ניט געווען, האָט זיך אין דער ציַיטונג „גאָניעץ צאַדזעננ" באַוויזן אַ נאָטיץ, אַז די אידן פון דער צווייטער געטאָ זיינען אויסגעשטאָרבן פון עפּידעמיעס און אַז די געסלעך זיי-נען פריי צום פאַרקער.

## „די נאַכט פון געלע שיינען"

דעם 28-טן אָקטאָבער 12 ביינאַכט איז אין געטאָ אַ מעהומע. עס איז אָנ-געקומען פון געשטאַפּאָ אַ באַפעל: אַלע אידן, וואָס פאַרמאָגן „געלע שיינען", דאַרפן מאָרגן פרי צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס אַוועקגיין צו דער אַרבעט.

אין דער ערשטער געטאָ האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט אַ 23 טויזנט אידן. געלע שיינען האָבן געהאַט 3 טויזנט. צוזאַמען מיט די מישפּאָכעס — און די צוגעשריבענע — איז אַרום ניין טויזנט. איז וואָס וועט זיין מיט די איבערי-קע? די גענוג אויסגעפּרואווטע האָבן פאַרשטאַנען: אַף די, וואָס וועלן איבער-בלייבן אין געטאָ, וועט זיך אַף מאָרגן אָנהייבן אַ שכיטע. ווער עס האָט נאָר גע-האַט אַ מאַלינע איז אַוועקגעלאָפן זיך באַגראָבן. נאָר עס האָבן זיך מאַלינע-וועט אויך אַ סאַך מיט געלע שיינען.

אין אַ שאָ אַרום נאָכן באַפעל, פונקט איינס אַזייגער ביינאַכט, איז גע-קומען מורער און אַרומגערינגלט דעם געטאָ מיט קוילנוואַרפער. די, וואָס האָבן געהאַט געלע שיינען, האָבן זיך צוגעגרייט פּעקלעך און געוואַרט עס זאָל ווערן טאָג.

איך האָב קיין גלען שיין ניט געהאַט. ביי מיין פרוי איז אַזאַ שיין גענוען. אין איעש בין איך אַרומגעלאָפן איבער די געסלעך. איך האָב נישט געוואָלט דערלעבן דעם באַגינען אין געטאָ. איך בין אַנטלאָפן צו מיין מאַמען. זי האָט זיך געראַטעוועט פון דער צווייטער געטאָ און איצטער איז זי אין אַ כורווע אויף סטראַשון-גאַס. איך פאַרפייניקט פּאָנים האָט דערוועקט אין מיר אַ קויעך, ניי בלוט אַריינגעגאָסן אין האַרצן. איך האָב זי באַהאַלטן אין אַ קעלער, דעם אַריינגאַנג צוגעדעקט מיט שטיינער. עס זאָל ניט זיין קענטיס, און אַליין מיט אַ האַק אָוועקגעלאָפן צום טויער. איך האָב באַשלאָסן זיך דורכרייסן דורך רודניצקער גאַס. באַם טויער האָב איך שוין געטראָפן אַ האַמוין. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט דורכרייסן. אַנטרינען ווערן, כאָטש אין שטאָט איז ניטאָ קיין באַהעלטעניש.

מיט דער האַק אונטערן מאַנטל האָב איך זיך דורכגעריסן צום טויער. איך האָב אַרויסגעצויגן די האַק און גענומען זעצן אין די ברעטער. דער פּאָ-ליציאַנט אויף דער אַנדערער זייט האָט דערהערט די קלעפּ, האָט ער אָן עפן געטאָן דעם טויער. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר און נאָך עטלעכע מענ-טשן פון האַמוין איינגעגעבן דורכצורייסן.

ווי נאָר איך האָב זיך דורכגעריסן דורכן טויער, האָב איך אַ פאַל געטאָן אויפן ברוק. עס איז געווען איינס ביינאַכט. גיין טאָר מען ניט — וואו איך וועל זיך נאָר קערן, וועלן מיר פאַרהאַלטן פּאַטרולן. דער איינציקער אויסוועג — זיך אַריינכאַפּן אין דערבייאיקן קלויסטער.

די קלויסטער-טיר איז געווען אָפן. איך בין אַריין און האָב צוגעמאַכט די טיר. איך האָב זיך אַרויפגעדרייט אויף די טרעפּ און צוגעקומען צו די גלע-קער. אַרום דער געטאָ זיינען געשטאַנען קוילנוואַרפער. אידן זיינען אַרומגע-לאָפן אין געטאָ מיט ליכט און געזוכט אַ באַהעלטעניש.

## דורך דער נאַכטיקער ווילנע

ווי לאַנג וועל איך זיך באַהאַלטן אין קלויסטער? אינדערפרי וועט מען קומען און מען וועט מיך געפינען. עס איז מיר איינגעפאַלן אַוועקצוגיין הינטער דער שטאָט אין דער געגנט זווירינעץ. איך האָב אויסגעטאָן די שיך, די האַק אַריינגעקוקט אין גאַרטל. פאַרשוואָרן זיך אַליין, נישט אַריינ-צופאַלן קיין לעבעדיקער דעם סוינע אין די הענט און שטילערהייט אויף די שפּיץ-פינגער, האָב איך זיך אַרויסגעשאַרט פּאַזע דער וואַנט. אויפן ראָג זאַ-וואַלנע האָב איך געטראָפן אַ אידן איינגעוואַקסן אין אַ נישע פון אַ טויער. זיין געטאָ - פענצטער גייט אַרויס אין שטאָט, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטריק. איצט ליגט ער דאָ מיט אַ צעקלאַפּטן פוס. ער האָט כאַראָטע אויף זיין טואונג. איך העלף אים זיך אויפשטעלן... נעם אים אונטערן אָרעם און


LIETUVOS RESPUBLIKA
VIDAUS REIKALŲ MINISTERIJA
Karo Atbėgėliams Tvarkyti
Komisariatas

Vilnius 1940 m. balandžio mėn. 10 d.

Karo atbėgėlio liudijimas Nr. 188

Pavardė Keričenko
Vardas Ali. Juozo
Gimimo vieta Trakoje

Šeimos padėtis nevedes

Įregistruoti lygi 17 metų amžiaus vaikai:
nera

איצכאַק מאַצקעוויטש — דער פאַליִשער פּאַס פון דעם העלדישן קעמפער
— אנטיילנעמער אין דער ערשטער דיוויזיע



דריי פּאַרטיזאַנער העלדינס
(פון רעכטס אף לינקס):
זעלדע טרעגער, רייזל קאר-
טשאַק און וויטע קעמפנער

פרעג, צי ער האָט ערגעץ אין שטאָט באַקאַנטע. ניין, ער האָט קיינעם נישט. ער איז אַ װאַרשעװער פּאָליט. איך לײג אים פּאָר מיטצוגיין און זאָג אים די ריכטונג.

דער פּאָליט איז מאַסקים. ער דערציילט, אַז זיין נאָמען איז ראָזנבוים, אַ װאַרשעװער אַדװאָקאַט.

איך הייס אים זיך אויסטאָן די שיך, זיי זאָלן נישט קלאַפּן אין ברוק. ער הויבט אָן זיך קווענקלען: אים וועט זיין קאַלט. איך באַפעל אים פּאַשעט. ער פאָלגט מיך און טוט אויס די שיך. לעבן דער קאַרשול, אויף זאַוואַלנע, באַגעגנט אונדז דער אומגליק. עס לויפן אָן צוויי פּאָליציי-לייט און פאַרשטעלן אונדז מיט ביקסן דעם וועג. קיין אַנדערע ברירע איז נישטאָ. איך דערצייל זיי דעם עמעס: מיר זיינען אַנטלאָפן פון געטאָ. איך נעם אַרויס אַ פּאָר קאַלעוועס, וואָס איך האָב מיטגענומען פון געטאָ און רוק זיי אים אַריין אין האַנט. די מאַטאָנע איז אים קענטיק געווען צום האַרצן.

ער ראָט אונדז צוגיין אויף נאָוויגראָד: דאָרט וועלן מיר נישט טרעפן קיין פּאַטרולן. אין דער צייט, וואָס איך האָב אונטערגעקויפט איינעם, האָט ראָזענבוים זיך געשושקעט מיטן צווייטן פּאָליציאַנט. דער אַדוואָקאַט האָט זיך פאַראַקשנט און נישט געוואָלט אָפּגעבן זיין זייגער. דער זשאַנדאַר האָט געוואָרנט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. איך האָב געמוזט באַרואיקן דעם אַנדערן מיט מיינע דריי הונדערט רובל.

דורך נאָוויגראָד האָבן מיר זיך פאַרקערעוועט אויף וויוואולסקע. דורך וויוואולסקע — אויף קליין פּאָהולאַנקע — צו זאַקרעט. דורכן זאַקרעטער וואַלד, האָב איך געטראַכט, וועלן מיר אַריבערגיין דעם סטראַטעגישן בריק איבער דער ווילִיע און קומען אויף זוועריניעץ.

אויף אַרום פּאָהולאַנקע איז אָנגעקומען אַ פּאַטרול. מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטער ביימער און ער האָט אונדז נישט באַמערקט.

ביים צוקומען צום טויער, וואָס פירט אַריין אין וואַלד, איז אַ וואַכמאַן געזעסן און פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג. דער אַדוואָקאַט וויל מיר זאָלן גיין אויף צוריק, ווייל דער וואַכמאַן וועט אונדז באַלד כאַפּן און איבערגעבן אין געשטאַפּאָ.

איך האָב אַרויסגעצווינגן די האַק, זי געהאַלטן אויף הינטער און מיט גיכע טריט זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער.

מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם וואַכמאַן און זיך אַריינגעשלייכט אין וואַלד. ווי אַזוי דער וואַכמאַן האָט נישט דערהערט, פאַרשטיי איך נישט ביז היינט צו טאָג: אָדער ער איז געווען טויט, אָדער שיקער; גיכער פון אַלץ טויט-שיקער.

ווי נאָר מיר זיינען אַריין צווישן די ביימער, זיינען אונדז באַפאַלן הינט מיט אַזאַ געוויי, מיט אַזאַ בילעניש, אַז מיסים וואָלטן זיך געדאַרפט אויפכאַפּן פון די קוואָרים. נאָר דער וואַכמאַן האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט.

עפשער אַ וויאָרסט נאָכאַנאַנד האָבן אונדז נאָכגעיאָגט די הינט. ווי נאָר זיי האָבן זיך איינגעשטילט, האָט דער אדוואָקאַט ראָזנבוים אַ פאַל געטאָן אַף דער ערד: ער האָט מער קיין קויעך נישט; זיין האַרץ האָבן צעריסן די הינט; דאָ וועט ער זיך אויסגראָבן אַ קייווער און אַריינקריכן. פון מיר פאַר-לאַנגט ער בלויז איין זאַך: איך זאָל אים גוט פאַרשיטן. שפּעטער אַביסל באַטראַכט ער זיך:

—נו גוט, זיינען מיר אדורך בעשאָלעם, אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן ווען עס וועט אויפגיין די זון?

— לאָמיר אָקאָרשט אַריבערגיין די סטראַטעגישע בריק, — דינג איך זיך מיטן וואַרשעווער, — און נאָכדעם וועלן מיר זען, עפשער וועט געשען אַ נעס.

אין זאַקרעטער וואַלד האָב איך פאַרבראַכט מיין יוגנט. מיינע ערשטע לידער האָב איך געשריבן אין שאָטן פון זיינע ביימער. נאָר איצט איז ער געענדערט, נישט צום דערקענען. איך דריי זיך שוין אַ שאָ ביי די ברעגן פון דער וויליע. איך קען בעיין-אויפן נישט געפינען די בריק. צום טייוול! וואו איז זי אַהינגעקומען?

דעם אדוואָקאַט האָב איך געהייסן צוואַרטן, נישט אָפּטרעטן פון אָרט, און איך בין אַוועק מיט דער וויליע אויפזוכן די בריק.

די נאַכט איז געוואָרן טונקעלער עס האָט גענאָגט אַן עסעדיק רעגנדל. איך האָב גענישטערט אומעטום, נאָר די בריק פאָרט נישט געקענט געפינען.

באַם דרייען זיך צווישן די ביימער אין לויער אַף דער בריק, ערשט אַ שטראָל פייער האָט אַ שניט געגעבן איבער מיין קאָפּ. און וואו איך האָב זיך געדרייט זיינען מיר נאָכגעשפּרונגען די פּאַסן בלענדנדיקע שיין. בעיס-מאיסע האָב איך גאָר נישט פאַרשטאַנען — געפילט בלויז, אַז איך בין געפאַנגען פון אַ פייערדיקער כאַיע, ביימער ווערן שאָטנס, שאָטנס ווערן ביימער, און ניט אַנדערש די כאַיע וויל מיך פאַרצוקן.

איך האָב אַ שפּרונג געטאָן פון דעם טייך-ברעג און זיך אַראָפּגעקייקלט צו דער וויליע. צו דעם שטראָמענדיקן וואַסער. דאָס וואַסער האָט מיך דער-פרישט, אָפּגעקילט דאָס האַרץ. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז דאָס פייער שטראָמט פון אַ פּראָזשעקטאָר, די שטראַלן דרייען זיך אַרום און זוכן מיינע שפּורן; דאָס בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ פון לופט - שויץ. דער גערויש-אויפנעמער האָט קענטיק דערהערט מיין גאַנג, האָט מען אַ לאָז געטאָן דעם פּראָזשעקטאָר.

איך בין אַף אַלע פיר געקראָכן צו דעם שלאָפנדיקן אדוואָקאַט. זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אָפּרוען. ווען עס האָט גענומען טאָגן, האָב איך דער-זען די בריק. צוויי שאָ האָב איך זי געזוכט, אַרויסגעוויזן האָט זיך, מען דאַרף זי גאָרנישט זוכן: מיר ליגן לעבן דער בריק.

# יאַנאָווע באַרטאָשעוויטש

אריבערגעגאנגען די סטראַטעגישע בריק, שוין אַף זוויערינציעץ, האָט זיך דאָס אידל פאַר מיר מוידע געווען, אַז דאָס אין דער געגנט וואוינט זיינער אַ באַקאַנטער, אַ קליענט, וועלכן ער האָט אַמאָל פּאַרטיידיקט. ער גייט אַהין און ער וועט זיך שוין דאָרט באַהאַלטן. נאָר מיטנעמען אַ צווייטן, ס'הייסט מיך — קען ער נישט, ווייל מען וועט אַרויסוואַרפןביידן. קיין גרויסע איבעראַשונג איז עס פאַר מיר נישט געווען. איך בין אַוועק זוכן מאַזל. אַזוי ווי איך האָב דאָ קיינעם נישט, האָב איך געמאַכט זיך אַ סימען: איך וועל אַריינגיין אין דריטן געסל, אַנקלאַפּן אין דער זיבעטער טיר, דאָרטן, האָף איך, וועל איך געפינען שוץ און רעטונג.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אַף העלענע גאַס 21, צו דער מישפּאָכע באַרטאָשעוויטש.

אַ באַרוועסע אַלטיטשקע האָט מיר געעפנט די טיר. איך בין אַריין און מיין צונג איז געווען געליימט. נישט געקענט אפילע זאָגן קיין „גוט מאָרגן". איך האָב זיך געזעצט אַף אַ באַנק און געשוויגן. בלויז די האָק האָב איך אַרויסגעצויגן און זי אַוועקגעלייגט אַפן טיש.

די אַלטיטשקע האָט פאַרשלאָסן די טיר, אַראָפּגעלאָזן אַפן שייבל דאָס פאָרהענגל און איז צוגעגאַנגען צו מיר. איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך און איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן ווער איך בין, פון וואַנען איך בין אַנטרונען. אירע אַלטע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

— באַרואיק זיך, ליבער, — האָט זי מיר געגלעט דעם קאָפּ. — דו וועסט זיין בא מיר, איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן ביז איבער דער מילכאָמע. אין קעלער וועל איך דיר צוגרייטן אַ בעט, דאָרטן וועסטו בא מיר וואוינען.

דערווייל ביז וואָס האָט זי מיך אַרויפגעפירט אַפן בוידעם, מיך מעכאַבעד געווען מיט הייסער מילך, צוגעדעקט מיט דריי פּעלצן און געהייסן זיך אויסרוען.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען אָוונט. די אַלטיטשקע איז אַרויפגעקראָכן אַפן בוידעם, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און מיר האָבן לאַנג גערעדט. איך האָב איר דערציילט אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. דערציילט, אַז מיין מאַמע איז אין געטאָ, אַז מיין פרוי איז אויך דאָרטן און אַז איך ווייס נישט וואָס מיט זיי ביידן איז געשען.

— זיי געדולדיק, — האָט מיך געטרייסט די אַלטיטשקע, — מיר וועלן זיך באַמיען צו דערוויסן. און איצט קום מיט מיר. איך האָב אַריינגעטראָגן אין קעלער שטרוי, געמאַכט דיר אַ געלעגער; איך האָב אַריינגעשטעלט אַ קליין שייבעלע. זאָלסט באַטאָג האָבן אַ ביסעלע ליכט.

מיר זיינען אַראָפּ אונטן. דער אַריינגאַנג אין קעלער איז געווען אין

דרויסן. די אַלטע איז צוערשט אַרויס אַפֿן הויף, אַ קוק געטאָן, צי קיינער גייט נישט. און מיך אַף שטום-לאָשן אַרויסגערופֿן.

אין קעלער איז געווען וואַרעם. מיט דעם רייעך פֿון קאַרטאָפֿל האָב איך איינגעאָטעמט היימישקייט. איך בין אַריינגעקראָכן אין דעם שטרויענעם געלעגער און לאַנג, ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, גערעדט מיט דער פֿינצ-טערניש.

*

אינדערפֿרי איז אַריינגעקומען יאַנאָווע, אַזוי האָט געהייסן די גוטע פֿרוי. מיין באַשיצערן האָט געבראַכט מיר עסן און אַ בוך צום לייענען. זי האָט מיר אויך אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון איר מאַן. ער איז אַ גאַסן-קערער, דינט אין דער שטאָטישער עלעקטראָסטאַציע. נעכטן בייַנאַכט, ווען ער איז געקומען פֿון דער אַרבעט, האָט אים יאַנאָווע וועגן מיר דערציילט. דער אַלטער האָט זיך זייער איבערגענומען מיט זיין פֿרוים גוטסקייט און האָט געזאָגט: „עס איז גוט, אַזוי, מען דאַרף אַ מענטשן ראַטעווען". אויך זייער זון קאַזימיעזש ווייס שוין, אַז איך באַהאַלט זיך אויס בא זיי אין קעלער. זי האָט אים אַוועקגעשיקט צו זען, וואָס עס טוט זיך בא דער געטאָ.

ווען דער זון איז צוריקגעקומען, האָט זי מיר דערציילט:

די געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט קוילנוואַרפֿער. אינעווייניק הערט זיך אַ שיסעריי. נאָענט צו דער געטאָ לאָזט מען קיינעם נישט צו. פֿון אַ באַגעגנ-טער קאָלאָנע אַרבעטער האָט זיך קאַזימיעזש דערוואוסט, אַז אַלע די, וואָס האָבן געלע שיינען, זיינען אינדערפֿרי צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס אַוועק צו דער אַרבעט. ווער אָבער עס האָט נישט געהאַט קיין געלן שיין, איז פֿאַר-בליבן אין געטאָ, וואוהין עס האָבן זיך פֿאַרטאָג אַריינגעריסן דייטשע סאָלדאַטן. אין אָוונט איז ער נאָך אַמאָל אַוועק צום געטאָ. ער האָט געזען, ווי פֿון טויער זיינען אַרויסגעפֿאָרן אויטאָס, פֿון די אויטאָס האָבן זיך געטראָגן געשרייען.

*

אין קעלער האָב איך נישט געקענט איינליגן. מיך האָט געהויבן פֿון אָרט. יוי אַזוי באַהאַלט איך זיך דאָ, ווען איך ווייס נישט דעם גוירל פֿון מייַנע נאָענטסטע?

איך האָב אויסגעזאָגט מיין ביטער האַרץ פֿאַר מיין רעטערן. איך האָב איר דערציילט, וואו מיין שווער אַרבעט. מיין שווער אַרבעט אין געריכט אַפֿן הויף. ער טראָגט דאָרטן שטיינער און ציגל אַף אויסצובויען אַ גאַראַזש. אַפֿן זעלבן הויף, לאָזט זיך אויס, קומט צו פֿאָרן איר שוועסטער פֿון דאָרף. זי האָט אַ דערלויבעניש אַהין אַריינצופֿאָרן און ברענגען קאַרטאָפֿל. מאָרגן, פֿרייטיק דאַרף קומען איר שוועסטער, וועט יאַנאָווע נעמען איר דערלויבעניש און וועט אַליין אַריינפֿאָרן אין הויף. זי וועט זיך שוין זען מיט מיין שווער.

אַף מאָרגן איז טאַקע איר שוועסטער געקומען. יאַנאָווע האָט זיך אָנ-געטאָן ווי אַ פּויערטע,געגומען באַ דער שוועסטער די דערלויבעניש. מיטגע-נומען אַ כוץ די קאַרטאָפּל אַ גרויסן לאַבן ברויט און איז אַוועקגעפאָרן צום הויף פונעם געריכט, וואו ביז איצט האָט זיך געפונען די געשטאַפּאָ. אין אַ פּאָר שאָ ארום איז זי געקומען צוריק אַ גליקלעכע. זי האָט אויפגעזוכט מיין שווער, אים איבערגעגעבן פון מיר אַ גרוס, אים איבערגעגעבן דעם לאַבן ברויט און זיך דערוואוסט דורך אים, אַז מיין פרוי לעבט, אַז שוין צוויי טעג ווי נאָך דער ארבעט לאָזט מען נישט גיין צוריק אין געטאָ, מען פירט זיי אַלעמען נעכ-טיקן אין דער לוקישקער טורמע.

יאַנאָווע האָט נישט גערוט. מיינע ליידן זיינען געוואָרן אירע. זי איז גע-ווען מיר איבערגעגעבן, ווי אַן אייגענע מאַמע. יעדן אינדערפרי פלעגט זי אַוועק-שפּאַנען אין שטאָט און דערוויסן זיך, ווי עס האַלט אינעם געטאָ. צוליב מיר האָט זי ארויסגעטריבן פון שטוב איר מאַנס אַ קרויווע, יענע זאָל נישט מערקן, אַז איך געפין זיך אין קעלער, יענע האָט אַ לאַנגע צונג און קען אויספּלאַפּ-לען.

איינמאָל האָט מיר יאַנאָווע געבראַכט אַ צייטעלע, עס זאָל מיך אויסהיטן פון סאַקאָנע. „שאַטן קען עס נישט", — האָט זי ליבלעך גערעדט צו מיר, „איז טו עס אָן, זון מיינער..."

דורך יאַנאָווען האָב איך באַקומען אַ צעטעלע פון מיין פרוי. אין דעם צעטעלע שרייבט זי מיר, אַז מיין מאַמעס באַהעלטעניש האָט אויסגעהאַלטן. די דייטשע שפּיר-הינט האָבן נישט געפונען דעם אַריינגאַנג. אין געטאָ איז הונגער. עס פעלן דאָרט טויזנטער מענטשן. עס גרייט זיך ווידער אַ שכיטע. די „גליקלעכע, וואָס פאַרמאָגן געלע שיינען, דאַרפן זיך אַריבערקלייבן אין דער צווייטער געטאָ, וואָס איז שוין קימאַט פּוסט.

איך האָב איבערגעלייענט יאַנאָווען דעם בריוו. און ווי צוויי סטראַטעגן איבער אַ מאַפּע האָבן מיר באַטראַכט די סיטואַציע. קוידעם, זאָגט זי, דאַרף מען זען, אַז דיינע נאָענטסטע זאָלן נישט ליידן קיין הונגער. נאָכדעם וועלן מיר אַ טראַכט טאָן ווייטער.

זי איז אַוועק אין שטאָט. אָפּגעהיט די צייט, ווען מיין שווער מיט דער קאַלאָנע אַרבעטנדיקע קערט זיך אום אין געטאָ און האָט מיט אים אָפּגע-רעדט, אַז פונקט ניין אַזייגער אָוונט זאָל מיין פרוי זי אָפּוואַרטן אין געטאָ באַ אַ באַשטימטן טויער. זי, יאַנאָווע, וועט קומען פון דער צווייטער זייט און דורכ-שטופּן אונטערן טויער אַ לאַבן ברויט.

פונקט ניין אַזייגער אין אָוונט פלעגט יאַנאָווע שוין זיין באַ דעם באַ-שטימטן טויער, זעקס קילאָמעטער פון איר היים, און אונטערשפּאַרן ברויט פאַר מיין הונגעריקער מישפּאָכע.

איינמאָל האָט זי אַ פּאָליציאַנט געכאַפּט ביים אונטערשפּאַרן דאָס ברויט. ער האָט געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט נאָכאַמאָל אַזוינס טאָן, וועט זי פאַר-

פוילט ווערן אין דער לוקישקער טורמע. אַף מאָרגן איז זי אוועק ווידער, אונ-טערגעשטופּט ברויט און געבראַכט מיר בריוולעך. זי האָט נישט גערוט, גע-זוכט מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען מיין מישפּאָכע. זי האָט אָפּגערעדט מיט איר שוועסטער, אַז איך צוזאַמען מיט מיין פרוי וועלן אַריבערפאָרן צו איר אין דאָרף. אויך מיין מאַמע וועט זי אַרויסנעמען פון געטאָ. זי האָט שוין גערעדט וועגן דעם מיט איר אַלטן, מיין מאַמען וועט זי אַריינעמען צו זיך, אַפן אָרט פון דער אַרויסגעטריבענער קרויווע. יענע איז דאָ איינגעמעלדעט, וועט נישט זיין פאַרדעכטיק.

*

עס האָט אָנגעהייבן צו ווערן קאַלט. דער פראָסט האָט איינגעפרירט מיין שייבל. יאַנאָווע האָט אַריינגעטראָגן אַ לעמפּעלע — מיר זאָל זיין ליכטיק. מיר נעבראַכט פּאַפּיר, איך זאָל קענען שרייבן.

איינמאָל, עס איז געווען ערעוו ניי-יאָר, איז יאַנאָוועס מאַן אַראָפּגעקו-מען אין קעלער און מיך געבעטן איך זאָל, נישט אַנדערש, אַרויפגיין אויבן. ער האָט צוגעגרייט בראָנפן, אַ גוטע וועטשערע, נאָר אַז איך ליג אין קעלער, קען ער זיך נישט צורירן צום עסן. קיין כיישעק האָב איך נישט געהאַט, נאָר עס האָט נאַרגישט געהאָלפן. איך האָב זיך געמוזט אויפהויבן און בייזיין די סודע.

באַ דעם געדעקטן טיש אי זנעזעסן אַ גאַסט, דעם אַלטנס אַ קאָרעוו. ער איז געקומען צו פאָרן אַף יאָנטעוו אַזש פון ווײַדוקלע, אַ קליין שטעטעלע אין דער ליטע. אַף מיין פראַגע, וואָס הערט זיך אין שטעטל, האָט מיר דער פּויער דערציילט:

אין דעם שטעטעלע האָבן געוואוינט צוויי הונדערט אידן. לאַנגע יאָרן האָבן זיי געלעבט מיט די ליטווינער ווי ברידער. ווי נאָר עס זיינען אַריין די דייטשן, האָבן זיי אויפגעקליבן די צוויי הונדערט אידן און זיי פאַרשפּאַרט אין דער סינאַגאָגע.

יאָנאַס, דער גאַלעך פון שטעטל, האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען די קינדער פון די אומגליקלעכע. ער האָט דרייסיק קינדער אַרויסגעגאַנוועט פון דער שול און זיי באַהאַלטן אין קלויסטער. אַף מאָרגן איז געקומען דיטריך, דער שטעט-טלשער קאָמיסאַר, און מיט אַ בינטל שטרוי אונטערגעצונדן די שול.

דער געיאָמער פון די ברענענדיקע איז גאָרנישט מעגלעך צו דערציילן. צוויי פּויערים זיינען צוזעענדיק די גרוילן מעשוגע געוואָרן. אַ דריטער איז געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט אויסגעשריגן צו די דייטשן: „איר זייט מערדער, נישט קיין מענטשן!" די דייטשן האָבן אים גלייך דערשאָסן און אַריינגעוואָרפן אין פייער.

ווען די גופים האָבן נאָך געטליעט אין אַש, האָט זיך דיטריך דורך אַ מאַ-סער דערוואוסט, אַז דער גאַלעך האָט אויסבאַהאַלטן דרייסיק קינדער. צוזאַמען מיט פּאָליציי איז ער אוועקגעלאָפן צום קלויסטער. דער גאַלעך האָט זיך גע-

שטעלט אין טיר און נישט צוגעלאָזן די מערדער. „אויב איר גייט אומברענגען די קינדער, האָט ער געזאָגט, וויל איך אומקומען מיט זיי צוזאַמען". אַ שאָס אין קאָפּ האָט אים אַוועקגעלייגט באַ דער שוועל. ערשט דעמאָלט האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קינדער, אַ כאַפּ געטאָן די אומגליקלעכע, און דרייסיק קעפּלעך צעשמעטערט אָן די ווענט.

*

די אַלטינקע יאַנאָווע האָט נישט אויפגעהערט צו העלפן מיין מישפּאָכע. אַ כויץ ברויט פלעגט זי אויך אונטערשפּאָרן אוגטערן טויער פליישׂ און קאַר-טאָפל. אַ סאַך מאָל האָב איך זיך געמוזט מיט דער אַלטיטשקער פּאַשעט דינ-גען. איך האָב זיך נישט געקענט פאַרגינען אָנצוגעמען אירע געשמאַקע עסנס. איך האָב געוואוסט, אַז זי איז אָן אָרעמע און זי גיט מיר אָפּ דעם ביסן פון איר מויל.

איינמאָל האָט יאַנאָווע מיר דערציילט:

אויפן קאַטעדראַל - פּלאַץ האָט זי געזען אַ טליע. דריי דייטשן האָבן גע-בראַכט אַהער אַן עלטערן מענטש און האָבן אים עפּנטלעך אויפגעהאַנגען. אויף זיין ברוסט איז געווען צוגעגרייט אַ ווייס שטיקל לייוונט מיט ווייסע אויסיעס: „פאַרן אויסבאַהאַלטן אַ אידן".

„נאָר מיך, — זאָגט די אַלטיטשקע, — וועלן זיי נישט איבערשרעקן. איך האָב זיי אין דער ערד מיט זייערע געזעצן אינאיינעם! — אויף צו לעהאַכעס די דייטשן, וועל איך דיך דאַווקע אויסבאַהאַלטן.

איך בין געוואָרן קראַנק, האָט מיך יאַנאָווע אַרויפגעפירט אויבן, אין אַ זייטיק צימערל, אַריינגעלייגט אין בעט און גערופן צו מיר אַ דאָקטאָר. דערביי האָט זי אויסגעמאַרקירט אַזוי, אַז ווען דער דאָקטאָר איז געקומען, איז שוין געווען טונקל. דעם דאָקטאָר האָט זי דערציילט, אַז איך בין איר זון, וואָס איז אַקאָרשט אַנטלאָפן פון דער קאַטאָרגע אין דייטשלאַנד. דער דאָקטאָר האָט מיך אַרומגעזען, מיך אויסגעפרעגט וועגן דער שטימונג אין בערלין און איז געווען צופרידן, וואָס מען גלויבט נישט היטלערן. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ביי מיר זיינען אָנגעריַרט די לונגען און האָט מיר פאַרשריבן אַ רעצעפּט.

דעם דאָקטאָרס רעצעפּט האָט מיר געהאָלפן. איך האָב זיך דערפילט בעסער. די אַלטיטשקע האָט זיך מיט מיר געאַמפּערט. זי האָט נישט געוואָלט, איך זאָל ווידערגיין אין קעלער. זי האָט אָפּגעטיילט דאָס צימערל מיט אַ פאָר-האַנג און קיינעם צו מיר נישט אַריינגעלאָזן.

פונדעסטוועגן בין איך אַראָפּ אונטן. איך האָב מוירע געהאַט פאַר אַ מעסירע. איך האָב גוט געוואוסט, אַז אויב מען וועט מיך מאַסערן און געפינען, וועט אויך מיין רעטערן באַצאָלן מיטן לעבן.

מער אין קעלער האָב איך נישט געקענט איינליגן. דער געזאָמער פון געטאָ האָט מיך געוואָרגן ווי אַ שלייף. דער געדאַנק, אַז איך האָב איבער-

געלאָזן אַף העפקער מיין מאַמען, האָט מיך געדריקט ווי די באַלקנס באַ די שטורמיסטן. איך וועל אַוועקלויפן אַף צוריק און בעטן באַ דער מאַמען מעכילע.
יאַנאָווע האָט נישט געוואָלט מיך אָפּלאָזן.
— זיי דאָ, — האָט זי מיר איינגערעדט, — איך וועל ברענגען דיין מאַמען אַהער.
אין יענע טעג האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז אַ שאָכז פון הויף האָט מיך באַמערקט. איך האָב אויסגענוצט דעם צופאַל און באַנאַכט אַנטלאָפן פון דער באַהעלטעניש.
און איך בין געקומען צוריק אין די פאַרבלוטיקטע געסלעך.

## צוריק אין געטאָ

דעם געטאָ האָב איך נישט דערקענט. איך האָב זיך אָפּגעוואוינט פון די באַוועגונגען, פון דעם גאַנצן סטיל. אַלע האָבן מיר אויסגעזען אומנאַרמאַל, עפּעס אַנדערע מענטשן. איך האָב נאָכגעקוקט זייער געאייל, די צוקנדיקע זשעסטן, די פיל גרוי-האָריקע מיט יונגע פּנעמער. איך האָב זיך איינגעהאָרכט אין זייער שפּראַך. קיינמאָל האָב איך נישט געהערט אין ווילנע אַזאַ אידיש. עס איז די שפּראַך פון אַ לעבן, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן דעם טויט.
איך טרעף באַקאַנטע. איך בין פאַר אַלעמען אַ גרויסע איבעראַשונג. מען איז געווען זיכער, אַז איך ליג שוין אַף פּאָנאַר. אַף וועמען איך פרעג זיך נאָך, איז קימאַט קיינער נישטאָ. מען דערציילט וועגן גליקלעכע, וואָס זיינען געשטאָרבן אָפן בעט. די לערערן מאַלקע כאַימסאָן איז געלעגן אין געטאָ-שפּיטאָל מיט אַ שווערער קרענק. זי האָט נישט צוגעלאָזן קיין דאָקטוירים און נישט גענומען קיין רעפּועס, זי האָט געוואָלט שטאַרבן און האָט דערגרייכט איר ציל.
פון די דריי און צוואַנציק טויזנט נעפּאַשעס, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אין דער ערשטער געטאָ, האָב איך געפונען אַ העלפט. אַף די פינגער קען מען אָנציילן גאַנצע מישפּאָכעס. ביי יעדערן פעלט עמעצער. דאָ — אַ מאַמע, דאָ — אַ קינד, נאָר מען לעבט ווייטער, מען לעבט און מען האָפט.
איך דערוויס זיך, אַז איינער פון די קאָרבאָנעס, איז דאָס קינד פון דאָוויד אומרו.
וועגן דער נאַכט פון די געלע שיינען, דערציילט מען זיך אויסטערלישע זאַכן. אידן האָבן זיך געראַנגלט, נישט געוואָלט גיין.
די פרוי גאַלפּערן פון סאַדאָווע 9 האָט מען געכאַפּט אין אַ מאַלינע. באַ איר ברוסט האָט זיך געטוליעט איר קינד. דערזען די דייטשן איז זי געוואָרן מעשוגע. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איר קינד און עס אַ וואָרף געטאָן אין די מערדער.

טעווקע פּעלץ, פון דער ווילנער אונטערוועלט, האָט איבערגעריסן אַ דייטש דעם גאָרגל. נאָכדעם האָט ער זיך איבערגעטאָן אין זיינע קליידער און אַרויסמאַרשירט פון געטאָ.

לויפנדיק איבערן געטאָ מיט שפּיר - הינט, האָבן כאַפּונעס אַנטדעקט אַ מאַלינע. מיט העק האָבן זיי אויפגעריסן די ברעטער און זיך אַריינגעריסן אינע-ווייניק. אַף אַ שעניק איז דאָרט געלעגן אַ קרעכצנדיקע פרוי און איר ערשט געבוירן קינד איז נאָך נישט געווען אָפּגעריסן פון איר נאָפּל. די פרוי האָט זיך געבעטן ראַכמים:

— רירט מיך נישט, לאָזט מיך געבוירן, איר זייט דאָך מענטשן, איר האָט דאָך אויך קינדער.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דאָס קינד האָט מען אַ ריס געטאָן פון דער מאַמעס נאָפּל, ביידן אַרויפגעוואָרפן אַף אַן אויטאָ און אַוועקגעפירט קיין פּאָנאַר.

כיענע קאַץ, אַ שילערן, האָט מיר דערציילט: „אין דער נאַכט פון די נעלע שיינען האָבן כאַפּונעס זיך אַריינגעריסן אין אונדזער שטוב און געהייסן מיטגיין.

מיין גאַנצע מישפּאָכע, טאַטע-מאַמע, שוועסטער און קינדער, האָט מען צוזאַמען מיט אונדזער הויף פאַרטריבן אין דער לוקישקער טורמע. דאָרט האָט מען אונדז אויסגעטאָן ביז די אונטערוועש. די קליידער האָט מען ביי אונדז גלייך צוגענומען און מיט אייזערנע שטעקנס געשלאָגן איבער די פּלייצעס. אַזוי זיינען מיר געלעגן ביז פאַרטאָג. דעמאָלט איז אַריינגעקומען וויים און גע-הייסן זיך אָנטאָן. ווען מען האָט אים געזאָגט אַז די וואַכלייט האָבן צוגענומען די קליידער, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו ריטשען:

— ווער האָט זיך דערוואַגט עס צו טאָן! ווי אַזוי וועט איר איצט אָנקומען צו דער אַרבעט! נישט אַנדערש, איך וועל אייך מוזן איצט אָפּפירן אין מאַשינעס!

די קינדער האָט מען אָפּגעטיילט באַזונדער. די מענער — אויך. נאַקעטע האָט מען אונדז געלאָדן אין לאַסט-מאַשינען און אַוועקגעפירט. איידער די מאַשין איז אָפּגעפאָרן, איז וויים אַריינגעשפּרונגען אין מאַשין און געהאַלטן פאַר אונדז אַ רעדע:

— איר זאָלט וויסן זיין: איך בין אייער טאַטע. איך פיר אייך איצט אין פאַבריק צו דער אַרבעט. אין וואָס די אַרבעט וועט באַשטיין, וועט איר זיך באַלד איבערצייגן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שאַכטעלע צוקערקעס און איטלעכן געטיילט. אַ סאַך האָבן געגלויבט זיין פאַרזיכערונג. מען האָט אויפגעהערט וויינען און געבאָלעמט וועגן דער נייער אַרבעט. אַנדערע האָבן שוין אַפילע זיך צעשמייכלט. איך האָב נישט געגלויבט אַף קיין האָר. איך האָב געוואוסט, אַז מיין וועג איז שוין דער לעצטער. איך מוז אָבער מוידע זיין, אַז אַ צוקערקע האָב איך גע-

נומען. איך האָב געטראַכט ביי זיך אַזוי: אויב זי איז מיט סאַם, איז אַוואַדע גוט: איך וועל זיך מער נישט מאַטערן.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין פאָנאַר, האָט מען אונדז מיט בייטשן אַריינגעטריבן אין אַ גראָבן.

— דאָ וועט איר אַרבעטן, — האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט ווייס, און זיין געלעכטער האָט זיך אויסגעמישט מיט דער קראַקעריי פון די קראָען. ער האָט אונדז געהייסן אַראָפּוואַרפן די העמדער און וואַרטן אויף אונדזער ריי. ווען עמעצער האָט אַזוי גיך נישט דערהערט אָדער זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט ווייס אַרויסגעצויגן אַ שפּיז און געוואָרנט: ווער עס וועט זיך גלייך נים אויסטאָן, וועל איך אויסשטעכן די אויגן.

און אויף איינער אַ פרוי האָט ער אויסגעפּירט זיין וואָרנונג.

אינעם גראָבן האָבן זיך געפונען ביי אַ פּאָר הונדערט פרויען. קינדער זיינען געווען ווייניק. מען האָט זיי אין טורמע אָפּגעטיילט באַזונדער. אַנדערע מאַמעס האָבן אָבער אויסבאַהאַלטן בעיס דער סאָרטירונג די קינדער און איצטער טוליען זיי זיך צו די מאַמעשע העלדזער.

אויב פון אָנהייב האָט מען געוויינט און געיאָמערט, האָט מען זיך וואָס ווייטער אַלץ מער „באַרואיקט". באַ אַ צוויי הונדערט טריט פון אונדז איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע. איך האָב געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי מען האָט אומגעבראַכט מיין טאַטן. מען האָט אים פריער פאַרטויבט מיט אַ שווערן אייזן, נאָכדעם געשאָסן. ער איז געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער אויף אַ קופּע מייסים.

לעבן מיר איז געלעגן מיין שוועסטער; מוישעלע, איר צוויי - יעריק קינד, האָט געכליפּעט אויף איר ברוסט. ווען אויף אַ רעגע האָט זיך באַרואיקט די שיסעריי, האָב איך געהערט ווי מיין שוועסטער זינגט עפּעס. דאָס האָט זי פאַרוויגט איר קינד מיט דעם באַקאַנטן פאָלקס-ליד:

לולינקע, מיין פייגעלע,
לולינקע, מיין קינד.
כ'האָב אָנגעוואוירן אַזאַ ליבע,
ווי איז מיר און ווינד.

מיין שאָכנטע האָט געהאַט ביי זיך עסנווארג. זי האָט אַרויסגענומען ברויט מיט פּוטער און געגעסן. אַנדערע האָבן גענומען איר נאָכטאָן. באַם זון-פאַרגאַנג איז אָנגעקומען אונדזער ריי. צענדליקערווייז האָט מען געפירט דורכן גראָבן און אַרייגעפירט אין אַ ריזיקן קייווער, אַן ערעך פון דרייסיק ביז פערציק מעטער. וואָס ווייטער מען איז געגאַנגען, אַלץ טיפער האָט זיך געצויגן דער גראָבן. אינעם אָרט, וואו ער האָט זיך פאַרייניקט מיטן קייווער, איז עס טיף געווען אַ זיבן מעטער.

מיין צענטל איז געווען די לעצטע. ווידער איז אָנגעלאָפן ווייס און

געהייסן זיך שטעלן. ער האָט אונדז געבראַכט אַ קאַלדרע, צעריסן זי אין צען כּלאָקים און איטלעכן געהייסן מיט די שמאַטעס זיך פאַרבינדן די אויגן. איך בין געווען די ערשטע אין דער ריי. הינטער מיר איז געווען מיין מאַמע און מיין שוועסטער.

— זיך אָנהאַלטן איינער דעם אַנדערן פאַר די לענדן! האָט אונדז באַפוילן ווייס, און ער האָט אויסגעשטרעקט אַ שטעקן, אָן וועלכן איך זאָל זיך אָנהאַלטן און גיין פאָרויס.

איך האָב אָנגעטראָטן אויף גאָר וואַרעמע קערפּערס. זיי האָבן געוויגט זיך אונטער מיר ווי אַ מאַטראַץ. ווען מיינע פיס האָבן אָנגעטראָטן אויף די קערפּערס האָבן זיך דערטראָגן צו מיר פאַרשידענע קלאַנגען.

פּלוצים האָב איך דערהערט אַן אויסגעשריי „פייער!" און הינטער מיר דעם אויסרוף פון מיינער אַ שוועסטער:

— גאָט!

איך האָב געפילט, ווי מיין טייערע איז געפאַלן, איך בין געפאַלן לעבן מיין שוועסטער און פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין.

פאַרטאָג בין איך געקומען צו זיך. איבער מיר זיינען געלעגן מייסים פאַר-גאָסענע מיט קאַלך. איך האָב דערקענט מיין שוועסטער. מוישעלע האָט זיך צו-געטוליעט צו איר ברוסט. איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער דער שווערער מאַסע. איך בין אַריין אין גראָבן געפונען אַ בגעד. צופעליק האָב איך דערטאַפּט דאָרטן מיין אייגן העמד. איך האָב אָנגעטאָן, אַרויפגעכאַפּט עפּעס אַן אַלטן מאַנטל און ניט האָבנדיק וואוהין צו גיין אַנדערשוואו, בין איך אַוועק צוריק אין געטאָ.

אין געטאָ - שפּיטאָל בין איך געלעגן אַ כוידעש. אין מיין אַקסל זיינען גע-ווען צוויי קוילן. ווען איך האָב דערציילט די דאָקטוירים מיינע איבערלעבונגען, האָבן זיי ניט געוואָלט גלויבן.

*

די שכיטעס האָבן זיך ניט געענדיקט.

אין די מויערן אויף סטראַשון-גאַס 1, 2, און 3 האָבן געלעבט ביי ניין הונדערט מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט אָפּן הויף פון געשטאַפּאָ, די דאָזיקע אַרבעטער זיינען „באַשיצט" געווען פון שווייגנבערג. אין דער „נאַכט פון געלע שיינען" האָט מען די ניין הונדערט גאָרניט גענומען. נאָך דער אַרבעט פלעגט מען זיי פירן נעכטיקן אין דער לוקישקער טורמע. נאָך דער שכיטע האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע בלאָקן און ווידער געגאַנגען אַרבעטן אין געשטאַפּאָ אָפּן הויף. אַלע ניין הונדערט האָבן געהאַט געלע שיינען.

אָנהויב יאַנואַר 1942 זיינען אין די דריי בלאָקן אינמיטן דער נאַכט גע-קומען געשטאַפּיסטן און געמאָלדן, אַז ווער עס אַרבעט נאָר אין געשטאַפּאָ

אפן הויף זאָל אראָפּגיין אונטן: מען פירט זיי ווידער אין דער לוקישקער טורמע, קעדיי צו באַשיצן.

די ניין הונדערט האָבן פּריוויליק אוועקגעשפּרייזט אין דער לוקישקער טורמע. בלויז צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיי באַגלייט. פּיל אייגוואוינער פון אַנדערע הויפן, דערהערט אַזאַ גליק, האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט אין די רייען און אוועק מיט אַלעמען.

פון די ניין הונדערט זיינען צוריקגעקומען דריי הונדערט. בא די פאַרבליבענע אין טורמע, וואָס האָבן געטראָגן בעסערע קליידער האָט מען געצוואונגען זיי אויסצוטאָן. די מענטשן זיינען געבליבן נאַקעט און זיינען פאַרפרוירן געוואָרן אפן הויף פון טורמע. צווישן די פאַרפרוירענע איז געווען אידל איליאַשעוויטש, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון בעקער-פאַריין אין ווילנע, ווי אויך דער יונגער געלערנטער כאַיעס.

## מיין מאַמעס טויט

איך בין אוועק צו דער מאַמען. זי האָט מיר אָנגעזאָגט אַ סימכע: מיין פרוי האָט געבוירן אין געטאָ-שפּיטאָל אַ קינד. מיין מאַמע האָט פאַרגעסן אָן מורערס געזעצן, אַז קינדער, געבוירן אין געטאָ, מוזן געטויט ווערן.

אַף מאָרגן נאָך מיין קומען איז שוין דאָס קינד ניט געווען: מורערס באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן.

ניט באַוויזן קומען צו זיך נאָכן אומגליק מיטן קינד, ערשט אַ נייער אומגליק: איך גיי צו מיין מאַמען, און מיין מאַמע איז פאַרשוואונדן.

איך דערוויס זיך, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דעם דייטשן אַגענט אַבערהאַרט. ביינאַכט איז ער געקומען אַף שפּיטאָל-גאַס 7, וואו עס האָט געוואוינט מיין מאַמע, און האָט אוועקגעפירט דעם גאַנצן הויף אין טורמע.

## שטאָט און געטאָ

די דייטשן זיינען אַריין אין ליטע אונטער דער מאַסקע פון „באַפרייער".
זיי האָבן געשריבן אַרטיקלען וועגן דער „היסטאָרישער פאַרברידערונג מיטן ליטווישן פאָלק" און האָבן אָנגעטאָן די פּאָליציי אין ליטווישע אוניפאָרמען.

קעדיי צו באַווייזן, אַז די ליטווינער זיינען קלוימערשט די באַלעבאַטים אין לאַנד, איז אויפגעבלאָזן געוואָרן די סינע פון די ליטווינער צו די פּאָלאַקן. אפן קאַפע-הויז „דער גרינער שטראָל" איז געהאָנגען אַ שילד: „פיר יודען אונד פּאָלען — איינטריט פערבאָטען!"

מאַרטין וויים, דער אָנפירער פון דער ליטווישער פאַשיסטישער „איפּאַ-

טינגא", האָט זיינע מיטאַרבעטער אַנגעטאָן אין אַלטע ליטווישע אוניפאָרמען. זייער „ארבעט" אין פאָנאר איז געוואָרן פילמירט. שפּעטער האָבן די דייטשן געסטראַשעט די ליטווינער: „איר וועט ניט טאָן, וואָס מיר הייסן, וועלן מיר באַווייזן דער וועלט, ווי איר האָט אויסגעקוילעט די אידן". דערנאָך האָט מען די פילמען געוויזן אין בערלין. די פּראָטעסטירנדיקע ליטווישע אינטעליגענץ האָט מען פארשיקט אין קאָנצענטראַציע-לאַגערס.

די נעמען פון די ווילנער גאַסן זיינען געוואָרן דייטשע, איבער פיל האָ-טעלן, רעסטאָראַנען, קאַפע-הייזער האָט זיך אַלץ אָפטער געוויזן דער אויפ-שריפט: „נור פיר דויטשן". פון די בעסטע וואוינונגען אף מיצקעוויטש-גאַס, זאַקרעט, שלאָס-גאַס און פּאָהולאַנקע האָט מען ארויסגעשליידערט די איינ-וואוינער און אָפּגעגעבן זיי דער „אויסדערוויילטער ראַסע".

אַלע סאָוועטישע לערנביכער זיינען געוואָרן פארברענט. אויך די ביכער פון די ליטווישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך עוואַקואירט קיין סאָוועטנפאַר-באַנד, ווי די ווערק פון צווירקאַ, גירא, ווענצלאָוואַ, קאַרסאַקאַס און סאַלאָמעא נעריס האָט מען פאַרברענט. אף זייער אָרט האָט זיך באַוויזן „מיין קאַמף" אין ליטוויש.

די ווענט פון די טויערן זיינען פאַרקלעפּט געוואָרן מיט בילדער, ווי אַזוי דער איד קוילעט אויס די ליטווינער. עס האָבן זיך באַוויזן אַנטי - אידישע פילמען. עמיל יאַנינגס האָט געשפּילט אין דער ראָל פון אַ אידישן שווינדלער. עס האָט זיך געעפנט אַ העצערישע אויסשטעלונג. פאַרן ארויסגעבן אַ באַהאַל-טענעם אידן איז דערקלערט געוואָרן אַ פּרעמיע.

קאָוונע האָט שוין געהייסן קאָוענבורג.

די אָקופּירטע באַלטישע מעלוכעס האָבן די דייטשן אָנגערופן „אָסטלאַנד", „אָסטלאַנד" האָט געדאַרפט פאַריינִיקט ווערן צו די מיזרעך-פּרייסן. דער באַלע-באָס איבער די פאַרכאַפּטע לענדער איז געווען דער רייכס-מיניסטער אַלפרעד ראָזענבערג.

אין פעברואר 1942 ווערט ליטע פּראָקלאַמירט פאַר אַ „זעלבסשטענדיקע מעלוכע". דערפאַר דאַרף זי באַצאָלן מיט צוויי הונדערט טויזנט סאָלדאַטן.

די ליטווישע געזעלשאַפט האָט דערשפּירט דעם טאַם פון דער דייטשער פּאָליטיק. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שאַרפע קאַמפּאַניע קעגן דער מאָביליזאַציע. אין דעם דורכפאַל פון דער מאָביליזאַציע האָבן די דייטשן באַשולדיקט די ליט-ווישע אינטעליגענץ.

און דאָ קומט אַן אָפיציעלע מעלדונג:

„דער אוניווערסיטעט מיט אַלע זיינע אָפּטיילונגען ווערן געשלאָסן. פאַר די איניאָנים פון בילדונג אין ליטע ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלער באַפולמעכ-טיקטער".

עס איז דערקלערט געוואָרן אַן ארבעטס - מאָביליזאַציע.

נאָר אויך אין דער ארבעטס-ארמיי האָבן די ליטווינער זיך ניט געאיילט. מען האָט זיך אָנגעהויבן באהאלטן אין מאלינעס.

*

די דייטשן האָבן גענומען זיך כאַפּעגען צו די פּאָלאַקן. מען האָט זיי גע-געבן אָנצוהערן, אז אויב זיי וועלן זיך „גוט אויפירן", וועט מען זיי אָפּגעבן ווילנע. ווען עס האָט זיך ניט איינגעגעבן ארייגצוציען די פּאָלאַקן, האָבן זיך אָנגעהייבן איבער דער שטאָט מאַסן-ארעסטן.

די געשטאַפּאָ האָט זיך דעמאָלט גענומען צו די פּאָלאַקן. מען האָט אָפּ-געצוימט גאַנצע קווארטאַלן און די פּאָלאַקן מיט קינד און קייט ארויסגעפירט קיין דייטשלאַנד.

*

די העצע פון די דייטשן האָט ניט באווירקט די גרונט-באַפעלקערונג פון ווילנע אין איר באציאונג צו די אידן. איך מיין ניט, פארשטייט זיך, די „אי-פּאַטינגא", די ליטווישע געשטאַפּאָ און די שאוליסטן. באזונדערס דאַרף דער-מאָנט ווערן צו גוטן די אָרטיקע אינטעליגענץ, וואָס די טראַדיציעס פון הומאַ-ניזם און מענטשלעכקייט איז געווען ביי איר צו פעסט, אז דער דייטשער גע-שטאַנק זאָל זי פארשיקערן.

שוין די ערשטע טעג פון דעם געוואַלדיקן טעראָר, ווען דער פאַשיסטי-שער גזוירה האָט געוואָרנט, אז פאַר ריידן מיט א אידן קומט די גרעסטע שטראָף, האָט א באַדייטנדיקע צאָל אידן זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט בא די ניט - אידישע שכנים. אין די צייטונגען האָט מען ניט אויפגעהערט צו וואָרע-נען די פּויערים: „אויב איר וועט פארקויפן אייער סכוירע אידן, זאָלט איר ניט זוכן ביי דער מאַכט קיין בעסעד". אָבער פיל פּויערים פלעגן מיט א קיוון אריינ-פאָרן אין זייטיקע געסלעך, קעדיי צו פארקויפן זייער סכוירע די באַגעגנטע אידן. און ווייל דער איד איז געקריוודעט, האָט מען די סכוירע אים פארקויפט פאַר וועלוועלער.

פיל פּאָלאַקן און ליטווינער האָבן ביי זיך אין די דירעס אויסבאַהאַלטן אידן. צווישן זיי וועלן מיר געדענקען אזוינע נעמען ווי: יוליאַן יאַנקאוסקאַס, יאַנאָווא באַרטאָשעוויטש, מאַריאַ אבראַמאָוויטש, וויקטאָריאַ גזשמילעווסקאַ. דאָס הויז פון די לעצטע צוויי אַף פּאָהולאַנקע 16 איז געווען א מאָקעם-מיקלעט פאַר צענדליקער געיאָגטע. די זשורנאַליסטן שימייטע, האָט געשאַפן אין שטאָט א קאָמיטעט צו ראַטעווען אידן, פאַר דעם האָט מען זי פארפייניקט אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ (1), מאַריאַ פערעצקאַ האָט געראַטעוועט דעם דר. סעדליס

---

(1) די זשורנאַליסטן שימייטע לעבט און געפינט זיך אין פראַנקרייך (באַ-מערקונג פון אַרויסגעבער).

מיט זיין מישפּאָכע, דעם דר. קאַמאַי מיט דער טאָכטער און צענדליקער אַנ-דערע באַזאָרגט מיט פּוילישע דאָקומענטן און פּאַנאַנדערגעשיקט צו באַקאַנטע אין דאָרף. פּראָפ. סטאַקאַוסקאַס האָט געראַטעוועט 16 אידן, צווישן זיי דר. ליבאָ מיט דער פאַמיליע און דעם ניין-יעריקן קינסטלער זאַלמען באַק. פּראָפ. טשעזשעווסקי האָט געראַטעוועט דעם פּראָפ. פּעסעל מיט זיין פרוי און קינד און די לערערן זלאַטע קאַטשערגינסקי.

אויך אַ סאַך שטאָטישע גאַלאָכים האָבן זיך געהאַלטן זייער ווירדיק. דער ווילנער ביסקופּ רייניס, האָט געפּריידיקט אין די קלויסטערס, מען זאָל העלפן די גערייאָגטע אידן. אַזוי האָבן אויך געהאַנדלט די ביסקופּן פון פּאָניעוויעזש און קאָוונע. דער גאַלעך פון ווײַדוקלע איז דערשאָסן געוואָרן לעבן זיין קלויס-טער ביים פאַרטיידיקן אידישע קינדער.

*

לויט די דייטשע געזעצן האָבן מאַן און ווייב זיך געמוזט פּאַנאַנדערגיין, אויב עמעץ פון זיי איז אַ איד, אָדער שטאַמט ביזן דריטן דאָר פון אידן. דער איד האָט געמוזט אוועקגיין אין געטאָ און דער ניט-איד האָט רעכט געהאַט צו וואוינען אין שטאָט. קינדער פון די געמישטע פאַמיליעס, אויב דער טאַטע איז געווען אַ איד, זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר אידישע און האָבן געמוזט זיך געפינען אין געטאָ.

דער דר. מעדיצין אקסען, אַ פּאָלאַק, האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ אידיש מיידל פון מיכאַלישאָק. זיין פרוי מיט די קינדער האָט די געשטאַפּאָ אַרעס-טירט און שפּעטער אַריינגעוואָרפן אין געטאָ. דר. אקסען איז געקומען צו זיין פרוי. האָט זיך אויסגעלערנט אין געטאָ אידיש און האָט דורכגעמאַכט דעם גוירל פון די אידן אין געטאָ.

אין געטאָ האָט אויך געוואוינט אַ דאָנער קאָזאַק. זיין פרוי איז געווען אַ אידישע.

סטאַסיע, אַן אַלטע דינסט בא דער מישפּאָכע ליפּקאָוויטש, איז אַריין אין געטאָ צוזאַמען מיט איר באַלעבאָסטע. ווען מען האָט אומגעבראַכט די אידי-שע פרוי, איז סטאַסיע געוואָרן אַ מאַמע פאַר די פאַריאָסעמטע קינדער.

דעם זינגער רוזשינסקי האָט מען געפירט שיסן. אַ פאַרבייגייער האָט אים דערקענט. רוזשינסקי איז געווען אַן אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי. דער פאַרבייגייער האָט געדינט ביי אים אין פּאָלק. דערזען, אַז מען פירט זיין אָפי-ציר צום טויט, האָט ער זיך גענומען בעטן בא דעם וואַכמאַן, ער זאָל באַ-פרייען דעם אַרעסטירטן. פאַר אַ גאָלדענעם זייגער האָט דער וואַכמאַן זיך גע-לאָזט איבעררעדן. ער האָט אָבער געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער געשטאַפּאָ-ביניען איז דאָ ניט ווייט און פון פענצטער זעט מען דאָס אָרט פון די עקזעקוציעס, מוז ער אויספירן דעם באַפעל: ער וועט צופירן דעם אַרעסטירטן צו דעם גרוב

און שיסן איבער זיין קאָפּ. זאָל יענער אַ פּאַל טאָן און ליגן אַזוי אין גרוב ביז אָוונט.

אין אָוונט איז צו דעם גרוב געקומען דער געוועזענער סאָלדאַט פון רו-זשינסקיס פּאָלק און האָט אים אָוועקגעפירט צו זיך אַהיים. רוזשינסקי איז אַרויס פון גרוב אַ גרויער.

ביי זיין רעטער האָט ער אָפּגעלעבט אַ כוידעש. ווען עס האָבן זיך אָנ-געהויבן איבער דער געגנט אָבלאַוועס, איז ער מיט מאַטערניש צוריקגעקומען קיין ווילנע און אַריין אין געטאָ. זיין רוסישע פרוי איז געקומען צו אים, זי האָט אָנגענומען זיין גורל און געטראָגן אַ לאַטע.

## דער רעפערענט פאַר אידישע איניאַנים

מורער, דער רעפערענט פאַר אידישע איניאַנים באַם געביטס-קאָמיסאַר הינגסט, איז אַלט סאַכאַקל 24 יאָר. ער איז אַן אָפיציר. זיין טאַטע איז געווען אַ טאַליען אין אַ וויטער דייטשער פּראָווינץ. דער זון האָט געהאַלטן פון טראַדיציע און ניט פאַרשעמט זיין טאַטן. ער איז דערצויגן געוואָרן בא דער היטלער-יוגנט אין נירנבערג. דאָרט האָט ער שטודירט „אידן-קענטעניש".

מורער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט „זיינע" אידן. ער פלעגט אומ-געריכט אָנפאָרן צום טויער פון דער געטאָ און קאָנטראָלירן יעדן איינעם, וואָס קערט זיך אום פון דער אַרבעט. פאַרן געפינען עסנוואַרג פלעגט ער אַליין אָוועקפירן אין טורמע. אַן אַנדערשמאָל פלעגט ער באַטאַפּן די לאַטעס, ווען אַ שפּיץ פון דער לאַטע איז געווען אָפּגעריסן, האָט ער שוין דעם קאָרבן ניט אָפּגעלאָזט. ווען ער פלעגט געפינען געלט, אָדער בלומען, פלעגט ער הייסן די טויער - פּאָליציי שמייסן דעם פאַרברעכער. דער איקער האָט ער ליב געהאַט זיך צוקוקן ווי מען שמייסט יונגע מיידלעך. ער פלעגט זיך שטעלן בא דער זייט און שרייען: שטאַרקער! שטאַרקער!

איינמאָל האָט ער באַגעגנט אַ פאַרטיע אידן. ער האָט זי קאָנטראָלירט און געפונען בא איינעם אַ קילאָ מעל. ער האָט אַלע צוואַנציק אַרעסטירט און אַליין בייגעווען אין פּאָנאַר באַם אויספירן די עקזעקוציע.

אין געטאָ איז ער געווען אַן אָפטער אַריינגייער. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם שליסל צום טויער און ווען ס'האָט זיך אים געגלוסט איז ער געקו-מען. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין באָד אויף סטראַשון-גאַס 6, דאָרט פלעגט ער זיך אָוועקשטעלן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן אויף די נאַקעטע ווייבער. איינמאָל איז ער צו נענטער, זיי באַטאַפּט און אויסגערופן:

— איר זייט צו פעט, איך וועל זיך סטאַרען, איר זאָלט ווערן דאַרער!

באַם באַזוכן די וואַרשטאַטן אין געטאָ, פלעגט ער באַפעלן, מען זאָל אַרונ-טערקריכן אונטער די טישן און וואָיען ווי הינט.

נאָך דער שכיטע פון פיר טויזנט פּראָווינצער אידן, וואָס אנשטאָט זיי צו פירן קיין קאָוונע האָט מען זיי פּארקערעוועט אַף פּאָנאר, האָט מורער צו זיך גערופן דעם געטאָ-פארשטייער גענסן און זיך אַנטשולדיקט, אַז עס איז געווען אַ טאָעס. דערביי האָט ער אים געזאָגט, אַז נאָך דער מילכאָמע וועט ער דעם גע-טאָ פארברייטערן: ער וועט צוגעבן די סטעפּן-גאַס.

אין מאַי 1943 האָט מורער פאַנאַנדערגעטיילט די אידישע בריגאַדירן (די אָנפירער פון דער ארבעט) געדרוקטע דייטשע טעקסטן, וועלכע די בריגאַ-דירן האָבן געמוזט איבערגעבן די דייטשע ארבעטס-געבער און ארויסבאַקומען אָן אונטערשריפט, אַז די דייטשן האָבן עס געלייענט. אין די טאָקאָנעס איז צווי-שן אַנדערן געזאָגט געוועזן: די אידן ארבעטן נאָר ציטוויייליק. אַ דייטש דאַרף צו יעדער צייט געדענקען, אַז זיין גרעסטער סוינע איז דער איד.

## דייטשע באַרמהאַרציקייט

באַ מיין צוואַנג-ארבעט אין אַ דייטשער אונטערנעמונג אַף ווייוואָולסקע 18, איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט אַ דייטשן שפּיטאָל. דער שפּי-טאָל-הויף איז ארויסגעקומען פּונקט אַנטקעגן מיין פּאַרקן, הינטער אים פלעגן ארומשפּאַצירן מילכאָמע - אינוואַלידן. עס איז דערגאַנגען צו מיר אַ געמיש פון שפּראַכן: רומעניש, אונגאַריש, איטאַליעניש, שפּאַניש, פיניש און אַנדע-רע שפּראַכן — סאָלדאַטן פון היטלערס פארבינדעטע אַרמייען. אין דעם שפּי-טאָל זיינען קיין דייטשן נישט געלעגן.

איך פלעג זען די קאַליקעס און בלינדע. אָפּטמאָל פלעגן אַנדערע אפילע צוגיין צום פּאַרקן, ריידן מיט די אידן און פרעגן ביי זיי נייעס. די אינוואַלידן פלעגט מען געבן גוט צו עסן. פאָטאָגראַפירט זיי. דער סעקרעטאַר פון דער ווילנער נ. ס. ד. א. פּ. (נאַציאָנאַל - סאָציאַליסטישע דייטשע ארבעטער - פּאַר טיי) ספּאָרקעט, אַ געוועזענער לעדער-סויכער פון ביאַליסטאָק, פלעגט האַלטן פאַר זיי רעפעראַטן. זייער אָפּט פלעגן די אינוואַלידן שרייבן בריוו, דערציילן זייערע קרויווים און עלטערן, ווי גוט זיי איז באַ די דייטשן, ווי זאָרגעוודיק זיי ווערן געהיילט. אָפּט פלעגן צו זיי קומען רומענישע, אונגארישע, איטאַליענישע, שפּאַנישע און פינישע זשורנאַליסטן. אין דער "Vilnaer Zeitung" האָב איך געלייענט אַן אינטערוויו מיט איינעם אַט אַזאַ זשורנאַליסט. ער האָט זיך נית געקענט אָפּלויבן פון דער דייטשער זאָרגעוודיקייט, פּאַר דער מענטשלעכע באַציאונג צו די קראַנקע. ווען איך וועל קומען אין מיין פאָטערלאַנד, — האָט ער פארענדיקט דעם אינטערוויו, — וועל איך דערציילן מיין פאָלק איבער דער דייטשער באַרמהערציקייט.

שטענדיק איז מיר אויסגעקומען פארדעכטיק, וואָס נאָך אַזאַ באַזוך פון זשורנאַליסטן ווערט אַף מאָרגן דער הויף אַ פּוסטער און אויך אין דער שפּי-טאָל-געביידע איז נישט צו מערקן דורך די פענצטער קיין כאַלאָים.

וואוהין זיינען עס אהינגעקומען די בלינדע און די קאַליקעס?

אנטקעגן דעם שפּיטאָל-אריינגאנג איז געווען דער אידישער ארבעטער-לאַגער „קיילים". איינמאָל איז מיר דאָרטן אויסגעקומען צו נעכטיקן, ווייל די געטאָ איז געווען באוואכט, און אזוי ווי איך האָב געטראָגן ביי זיך געווער, האָב איך נישט געטאָרט אהין גיין. ביינאכט, אזייגער 12, האָב איך דערהערט א גערויש פון א זיך אָפּשטעלנדיקן אויטאָ. אף אזוינס בין איך געווען שפּי-רעוודיק. פאַר א אידן פון געטאָ ווערט יעדער שאָרך, יעדע באוועגונג גלייך פאַרבונדן מיט א סאַקאָנע. איך האָב א שפּרונג געטאָן צום פענצטער מיט פּאַ-כעד. מיין פריינט בעלקינד, בא וועמען איך האָב גענעכטיקט און וואָס האָט מער ווי א יאָר געלעבט אין לאַגער, האָט זיך אָבער ניט דערשראָקן.

— עס איז ניט צו אונדז, — האָט ער מיך באַרואיקט. — דאָס איז מען געקומען ארויספירן די אינוואַלידן אין פּאָנאַר...

בעלקינד האָט זיך צערעדט: וואָס, איר ווייסט ניט? פריער היילט מען זיי, מען גיט זיי גוט עסן, מען ברענגט אהער זשורנאַליסטן, און נאָכדעם קומט וויים מיט זיין אויטאָ, נעמט אריין אין מאַשין די בלינדע, די איינפוסיקע, און אין א שעה ארום קומט ער ווידער מיט א פוסטן אויטאָ. די אינוואַלידן זאָגט מען, אז מען פירט זיי ערגעץ אנדערש, צו באשיצן זיי, ווייל אין שטאָט ריכט מען זיך קלוימערשט אף סאָוועטישע עראָפּלאַנען. א סימען, אז מיינע ווערטער זיינען ריכטיק, — האָט בעלקינד מיך איבערצייגט, — קענט איר אליין זען: לאָמיר זיצן באַם פענצטער א שעה, וועט אָנקומען דער זעלבער אויטאָ און דער שאָפער וועט ארויסטראָגן די קוליעס פון די דערשאָסענע.

ווען בעלקינד האָט גערעדט, האָב איך אליין געזען בא דער לעוואָנע-שיין, ווי מען פירט די אינוואַלידן איינציקווייז צו דעם אָפענעם אויטאָ.

אין א שעה ארום האָט זיך צוריקגעקערט דער אויטאָ. דער שאָפער האָט אריינגעטראָגן אין שפּיטאָל די קוליעס. מען קען שוין ארויספירן א צווייטע פּאַרטיע. און ווען דער שפּיטאָל וועט פריי ווערן, וועט מען, זעט אויס, ברענגען נייע.

✻

דעם 17-טן יולי 1942 האָט וויים אוועקגעפירט פון געטאָ 86 זקיינים און זקיינעס קיין פּאָכפּיעשקי, פינף קילאָמעטער פון ווילנע, אין ביניען פון דער אמאָליקער קאָלאָניע „טאָז".

וויים האָט באַפוילן, מען זאָל אהין ברענגען פון געטאָ קעסלען און געווע-שפּייז פאַר די אלטע לייט; קראַנקנשוועסטער אין ווייסע כאַלאַטן דאַרפן באַ-דינען די זקיינים. וויים האָט געבראַכט אהין צוויי פוד פּוטער.

דער פּענסיאָן אף פּאָכפּיעשקי איז געווען פאַר דער געטאָ א רעטעניש. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר. עס איז אריבער א טאָג, א צווייטער, א דריטער, און די 86 האָבן זיך צווישן די גרינע וועלדער פאַריכט אין

געזונט. צווישן די פענסיאָנערן איז אויך געווען די ניינציק-יעריקע טערעסאַ קאַכאַנאָווסקאַ, וואָס צו ניין יאָר האָבן זי די עלטערן אָפּגעשמאַדט. ווייס האָט זי אויסגעפונען אין אַ פּוילישער באַגאַדעלניע און צום סאָף פון איר לעבן דערמאָנט אין איר אידישקייט.

זעקס טעג האָט ווייס אָפּגעהאַלטן די זקינים אין פענסיאָן, אָפן זיבעטן איז ער געקומען מיט אויסלענדישע געסט און מען האָט פאָטאָגראַפירט די אַלטע לייט. גלייך נאָכדעם האָט ער אַלעמען אַוועקגעפירט אַף פּאָנאַר.

אין מאַי 1943 בין איך געשיקט געוואָרן אַרבעטן אָפן ווילנער באַן. אַהין איז געבראַכט געוואָרן דער סמאָלענסקער מוזיי און איך מיט נאָך כאַווייי־רים האָבן געדאַרפט די קאַסטנס אַריבערפירן אין שטאַטישן אַרכיוו אַף איגנאַ־טאָווער געסל.

צוזאַמען מיטן מוזיי זיינען אָנגעקומען צען וואַגאָן מיט קליינע קינדער, אַן ערך פון דריי יאָר ביז צען. בײַ יעדן וואַגאָן איז געשטאַנען אַ דייטש און געהיט, אַז די קינדער זאָלן נישט אַרויסקריכן.

די אַרבעטער אָפן באַן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די קינדער. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען פון סמאָלענסק.

עס איז פאַרבייגעגאַנגען דער מאַשיניסט און געזאָגט די אַרומיקע: די קינדער זיינען באַשטימט אַף פּאָנאַר.

דעמאָלט האָבן די אַרבעטער זיך געווענדעט צו די דייטשן און זיך צו זיי אָנגערופן:

— עפּשער פאַרקויפט איר די קינדער?...

צוערשט האָבן זיך די דייטשן געקווענקלט. דערזען אָבער, עס שמעקט מיט געשעפט, האָט מען אָנגעהויבן מיסכערן:

— 5 מאַרק אַ קינד!

די אַרומיקע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די וואַגאָנעס און גענומען אויס־קלייבן קינדער.

דערזען, אַז די סכוירע גייט, האָבן די וואַכלייט געהויבן דעם מעקעך:

— צען מאַרק אַ קינד!

וויבאַלד דער מעקעך האָט ניט אָפּגעשראָקן, האָט מען ווידער געהויבן דעם פּרייז: פופצן מאַרק!

און אַזוי האָט עס דערגרייכט ביז דרייסיק מאַרק אַ קינד.

קימאַט אַלע קינדער האָט מען אויסגעקויפט פון פּאָנאַר. די דייטשן מיט דעם געלט אין קעשענע האָבן דערביי אָפּגעלאַכט פון די נאַרישע מענטשן.

*

מיטן פלי-פּלאַץ אין פּאָרובאַנעק, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונ־דערט אידן, האָט אָנגעפירט דער האַמבורגער דייטש, דער פעלדפעבל האַנס רעג־נער. רעגנער איז געווען אַ שרעק פאַר די אידישע אַרבעטער. ער האָט אַזוי לאַנג

פּראָוואָצירט און געפּייניקט, ביז די אַרבעטער האָבן אים אָנגקלאָגט פאַר מורערן...

נאָכדעם האָט ער נאָך מער זיך איזדעקעוועט איבער זיינע קאָרבאָנעס. איינמאָל, ווען עטלעכע אידן האָבן פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט, האָט ער ווי אַ שטראָף אויך פאַר אַנדערע געטאָן אַזוי: ער האָט אויסגעקליבן פון די רייען צוואַנציק אַרבעטער און געמאָלדן זיי, אַז צוליב דעם, וואָס מען סאַבאָטירט און מען קומט נישט צו דער צייט אויף דער אַרבעט, וועט ער זיי גוט אָנלערנען: פון די צוואַנציק, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן, וועט ער צען דערשיסן. ווען ער וועט אָפּגעבן די קאָמאַנדע — „לאויפען!" דאַרפן אַלע צוואַנציק זיך אַ לאָז טאָן אי-בערן פּלי - פּלאַץ, צו אַן אָנגעמערקטן צייכן, אַ קילאָמעטער ווייט. די ערשטע צען, וואָס וועלן אהינצו אָנקומען, וועלן בלייבן לעבן. די איבעריקע, וואָס ווע-לן ניט דערלויפן, וועט ער דערשיסן.

רעגנער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ ראָווער און אַ געשריי געטאָן: „לאו-פען!" די צוואַנציק האָבן זיך אַ ריס געטאָן און גענומען יאָגן. רעגנער איז זיי נאָכגעפאָרן אין אַ זייט און ווי אַ ריכטער אויף אַ געוועט - לויף אָבסערווירט דעם געיעג.

צווישן די לויפער זיינען געווען יונגטלעכע און אידן אין עלטער פון פופ-ציק יאָר. געווען אויך אַ טאַטע מיט אַ זון. זייער פאַמיליע איז פּוזיריסקי. דער טאַטע האָט זיך אָנגעהאַלטן אָנעם זון. איין איד איז געפאַלן. עס האָט אים געפּלאַצט דאָס האַרץ. שוין נאָענט צו דעם פיניש - צייכן איז געפאַלן אַ צווויי-טער. נאָר רעגנער האָט אָפּגענאַרט: די דערלאָפּענע צען האָט ער דערשאָסן, די פאַרשפּעטיקטע האָט ער געלאָזט לעבן.

*

פיר טויזנט פּראָווינצער אידן פון מיכאַלישאָק, סוויענציאַן, אָשמענע, סוויר, האָט מען דעם פינפטן אַפּריל 1943 עוואַקואירט פון זייערע שטעטלעך. מען האָט זיי געזאָגט, אַז מען פירט זיי אין קאָוונע. מיט דער פּראָוואָקאַציע האָט אָנגעפירט דר. וואולף אליין, דער געביטס - קאָמיסאַר פון ווילנער געגנט, — אַ געוועזענער שעף פון קאָנצענטראַציע לאַגער אין דאַכאו.

די באַן האָט זיך אָבער פאַרקערעוועט צום הויפּט - קייוועך אין פּאָנאַר. דאָרטן האָט שוין אָפּגעוואַרט ווייס מיט זיינע מענטשן, און וואַגאָנעסווייז האָט מען גענומען אויסשיסן די אידן. אין דער אַקציע האָט זיך, אַגעוו, באַטייליקט עלען רעגנער, די געוועזענע סטודענטקע פון האַמבורגער אוניווערסיטעט און איצטער ווייס' געליבטע, אַן אַקטיווער מיטגליד פון עקזעקוציע-פּאָלק אין פּאָנאַר.

נאָך דער שכיטע איז דערגאַנגען צו ווייסן, אַז זיבן אידן האָט זיך איינגע-געבן פון פּאָנאַר צו אַנטלויפן, איצט געפינען זיי זיך אין געטאָ. ווייס איז געקומען אין געטאָ און געפאָדערט בײַ דעם אידנראַט — מען זאָל אים טייקעף

ארויסגעבן די אנטלאָפענע פון פּאָנאַר. פון פּאָנאַר, האָט ער געטאַינעט, טאָר קיינער ניט אנטלויפן.

ניט באַקומען די אנטלאָפענע, האָט וויים באַפוילן זיינע מעשאָרסים, מען זאָל אים טייקעף אָפּקלייבן זיבן אידן. אים איז אַלציינס, צי זיי זיינען די שולדיקע, אָדער ניט.

מען האָט אים געבראַכט זיבן אַלטע לייט. צווישן זיי עטלעכע קראַנקע. ווען וויים האָט דערזען די אַלטע, האָט ער זיך אָנגעצונדן אין צאָרן און זיינע אויגן האָבן שיער ניט ארויסגעשפּאַרט דורך די ברילן.

— עס איז מיר אַ שאַנד צו קומען מיט אַזעלכע אין פּאָנאַר, — האָט ער געטופּעט מיט די פיס. — יונגען, איך באַדאַרף יונגע!

ער איז אַריין אין געטאָ־טורמע און דערזען יאָשקע מאַטיקאַנסקין, אַ געזונטער, שיינער באָכער פון אַ יאָר 19. וויים האָט זיך אַזש צעשמייכלט. זיין צאָרן איז אַוועק ווי אַ רויך.

— אָט אַזעלכע דאַרף איך! — האָט ער אין פרייד אויסגעשריגן צו זיינע מיטהעלפער, — אָט אַזעלכע דאַרף איך!

ער האָט אָפּגעלאָזט פון די זיבן איינעם אַ קאַליקע, און אים פאַרביטן מיט יאָשקע מאַטיקאַנסקין.

*

סאָלאָמאָן גארבעל — אַ פּאָליציאַנט פון געטאָ (לויטן אויפטראַג פון דער פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע) דערציילט:

דעם 6־טן אַפּריל 1943, אין מאָרגן נאָך דער שכיטע איבער די פיר טויזנט פּראָווינצער אידן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן קלוימערשט אויף קאָוונע און די באַן האָט זיי געבראַכט אין פּאָנאַר, איז וויים אַריינגעפאָרן אויף אַ ראָוווער אין געטאָ און גערופן די אידישע פּאָליציי מעקאַבער צו זיין די טויטע. מיר זיינען אַוועק זאַלבעצענט. וויים איז פאָרויס געפאָרן אויף זיין ראָוווער און געוויזן דעם וועג.

שוין אַ האַלבן קילאָמעטער פון פּאָנאַר, נאָענט פון דער באַן־ליניע, האָבן מיר געפונען טויטע. דאָס זיינען געווען די, וואָס האָבן געפּרואווט אנטלויפן. די דייטשן האָבן אין זיי נאָכגעשאָסן. אויפן טויער, וואָס האָט געפירט צום אָרט פון די עקזעקוציעס, איז געהאָנגען אַ שילד: „איינטריט אויך פיר דויטשע אָפיצירע שטרענג פערבאָטען!" דורך דעם זעלבן טויער זיינען אַריינגעצויגן געוועזן רעלסן — די קאַרבאַנעס, וואָס קומען אָן מיטן באַן, זאָלן גלייך דערפירט ווערן צו די גריבער. וואָס ווייטער מיר זיינען געגאַנגען, אַלץ שרעקלעכערס האָבן מיר געזען. דאָס גראָז איז רויט געווען פון בלוט. דאָס גאַנצע פעלד איז פאַרלייגט געווען מיט מייסים. די ביימער זיינען באַשפּריצט געווען מיט מאַרך. באַ די שטאַמען זיינען געלעגן צעשמעטערטע קינדער ,איך האָב געזען אַ סאַך קינדער איבערגעריסענע אויף העלפט, אַ פיסל דאָ און אַ פיסל דאָרטן. אַנדערש־

וואו האָב איך באמערקט בלויז קינדערשע קעפלעך. אפן פלאץ האָבן זיך גע-וואלגערט דאָקומענטן, וויזיט - קארטלעך, פאָטאָגראפיעס, צעריסענע רובלס. צווישן די מייסים איז געלעגן אויך א דייטש מי טאָן איבערגעשניטענעם גאָרגל. דאָס האָט אים, קענטיק, דערשטאָכן א איד, אנטלויפנדיק פון וואגאָן. ווייס האָט אונדז געגעבן בראָנפן און אָנגעזאָגט: „ארבעטן זאָל מען ערלעך". די אָנגע-טאָנענע מייסים זאָל מען אויסטאָן און זיי באגראָבן מיט אָן אָרדענונג. די קליי-דער זאָל מען אוועקלייגן אָן א זייט, באזונדער די מענערשע, באזונדער די ווײַ-בערשע. דאָס געפונענע גאָלד האָט ער געהייסן ארייַנוואַרפן אין אָן עמער. דער, וואָס וועט זיך דערוואגן צו גאַנווענען, וועט ער דערשיסן. אָפגעזאָגט די אלע אינסטרוקציעס, האָט ער אונדז ארויפגעפירט אף א דערבייאיק בערגל, אָנגע-וויזן אף באזונדערע פארברוקירטע פלעצער און געזאָגט:

— דאָ ליגן אידן פונעם כאפונעס-פעריאָד. דאָס וואָרט כאפונעס האָט ער געזאָגט אין אידיש און געשמייכלט דערביי פון זיין גרויסער באהאַוונטקייט. — דאָ ליגן ציגיינער. דאָ ליגן די יעניקע, וואָס האָבן געזאָגט („ניע דאמי סיען"), 1) ד. ה. פאָלאָקן. דאָ זיינען ליטווינער, וואָס זיינען קעגן אונדז. דאָרטן זיינען קריגס געפאַנגענע פון גאַנץ רוסלאַנד, און דאָרט, — האָט ער אָנגעוויזן אין דער ווייט ביים האָריזאָנט, — איז נאָך די ערד א פוסטע. נאָר דאָס איז ניט אף לאַנג: אף דער וועלט זיינען נאָך צופיל מענטשן!

באם מעקאַבער זיין די קאָרבאָנעס האָבן נאָך אנדערע געלעבט. מיר האָבן ניישט געוואוסט, וואָס צו טאָן, נאָר באם אויפהויבן זיי פון אָרט זיינען די פאר-וואונדעטע געשטאָרבן. א סאך אידן האָבן געהאט מיט זיך טאליסים. בא אַנ-דערע האָבן מיר געפונען אין די קעשענעס בריוו. פאָרנדיק אין די פאָרדראָ-טעוועטע באַנען, האָבן זיי דאָס אָנגעשריבן. אין איין בריוו, געדענק איך, איז אזוי געווען:

„אידן, מען פירט אונדז שיסן! איר זאָלט נעמען נעקאָמע! — פלעקסער פון סוויענציאַן".

באם ארויסטראָגן די פארבלוטיקטע פעק פון די וואַגאָנעס האָבן מיר גע-פונען איינגעוויקלט אין שמאַטעס א לעבעדיק קינד. דאָס קינד האָט זיך בא-האַלטן און קיינער האָט עס ניט באמערקט. זיין נאָמען איז בערעלע גאָלד-שטיין פון מיכאַלישאָק. ער האָט דערקענט, אז מיר זיינען אידן און זיך גע-בעטן: „ראטעוועט!" מיר האָבן אים אויסגעהיט פון ווייסן און אריבערגעטראָ-גן אין געטאָ.

מיר האָבן מעקאַבער געווען בא א פינף הונדערט אידן: אלע, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפענע איבער די פעלדער, אלע, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעטאָן און זיך געפּרואווט צעלויפן. די איבעריקע זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אין א טאָל און מען האָט זיי געדראפט בלויז פארגיסן מיט כלאָרקע.

---

1) מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן (פויליש).

מיר זיינען זיכער געווען, אַז דאָ וועלן מיר שוין בלייבן — ווייס וועט אונדז דערשיסן. נאָר פּלוצלינג איז ער אָנגעקומען אַ שיקערער און צו אונדז געזאָגט: „איר זייט די איינציקע, וועלכע זיינען געווען אַף פּאָנאַר און קערן זיך אום אַהיים. דאָס איז דערפאַר, ווייל איר זייט ערלעכע אידן".

פאַרן צוריקגיין אין געטאָ האָב איך געזען אַן אויסטערליש בילד: דער קייווער, וואו מיר האָבן באַגראָבן די אידן, האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן און פון מינוט איז ער געוואַקסן אַלץ העכער... ווייס האָט אונדז באַרואיקט: דאָס נעמען געשוואָלן ווערן די קערפּערס און הויבן די ערד.

*

די טשעכישע אידן האָבן פון פּאָנאַר נישט געהערט. זיי זיינען געווען טאַקע זיכער, אַז דאָס פירט מען זיי אַף אַרבעט. די זיכערקייט האָט זיך גע-נומען דערפון, וואָס פופציק טשעכישע פּאָליציאַנטן האָבן זיי באַגלייט אין וועג. די פּאָליצײ האָט נישט געוואוסט אַליין, אַז דאָס פירט מען צו דער שכיטע. ווען די אידן האָבן אַרויסגעוויזן מוירע זיך אַרויסצוקלייבן פון דער היים, האָבן די דייטשן געזאָגט: קעדיי איר זאָלט האָבן צוטרוי, אַז מיר פירן אייך אַף אַרבעט, נישט אַנדערש-וואו, וועלן מיר אייך מיטגעבן טשעכישע פּאָליצײ אייך צו באַהיטן... די אידן זיינען געוואָרן באַרואיקט. מען איז געפאָרן.

אַף דער באַן-סטאַציע אין ווילנע האָבן אַרבעטנדיקע געטאָ-אידן באַמערקט דעם עשעלאָן.

וואוהין פאָרט איר? — האָבן געפרעגט די ווילנער.

— נאָך דער שטאָט פּאָנאַרי, — האָבן געענטפערט די טשעכישע בירגער און זייערע בליקן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט דער טשעכישער פּאָליצײ.

מען האָט זיי אומגעבראַכט צוזאַמען. אַף מאָרגן האָט מען אַריינגעפירט אין געשטאַפּאָ קליידער מיט לאַטעס און טשעכישע אוניפאָרמען.

## די קליידער

די קליידער פון די אומגעבראַכטע האָט מען זאָרגעוודיק געהיט. אין געשטאַפּאָ-הויף, אין די לאַגערן האָט מען געצוואונגען די געטאָ-אידן צו סאָר טירן די מאַלבושים. מייער, אַ ווינער דייטש, האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. דער סיסטעם איז געווען אַ פּאַשעטער: שיך באַזונדער, מאַנטלען באַזונדער, און אַזוי אויך יעטוועדער קלייניקייט, וואָס מען פלעגט געפינען אין די קליידער.

די לאַטעס — פלעגט מען דאַרפן אָראָפּרייסן, קעדיי אין דייטשלאַנד, וואו-הין די סכוירע ווערט אָפּגעפירט, זאָל מען נישט וויסן, אַז דאָס שטאַמט פון אידן. דערביי אָבער האָט מייער אָנגעזאָגט, אַז צו איינציקע פון די פאַרשיידנ-

אַרטיקע אָפּצייכנס און לאַטעס זאָל מען איבערלאָזן פאַר אים. דאָס קלייבט ער אַ קאָלעקציע. און צייכנס זיינען געווען פאַרשיידענע:

ווייסע, פּירקאַנטיקע טיכלעך און אינעווייניק אין אַ געלן קרייז אַ J (יודע). בלויע אָרעמבענדער מיט אַ ווייסן מאָגן-דאָוויד. געלע מאָגן-דאָווידס מיט אַ שווארצן קאַנט און אינעווייניק אַ Jude (די לעצטע זיינען פון דעם עשעלאָן טשעכישע אידן, וואָס מען האָט געבראַכט אין ווילנע). לאַטעס געלע, בלויז אַ מאָגן-דאָוויד, און לאַטעס רויטע, פּירקאַנטיקע. אויך די נומערירטע בלעכלעך, וואָס מען פלעגט טראָגן אין ווילנע אויף די העלדזער, אויסער דער לאַטע. פאַרשיידנסטע דאָקומענטן און שיינען פון אַלערליי קאָלירן. דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן מייערן, דעם פרומען קאַטאָליק, ער זאָל אין דער צוקונפט האָבן אַן אָנדענק פון דער אַלטער אייראָפּע.

איבער די קליידער פלעגן אָפּט די געשטאַפּאָווצעס זיך קריגן. כאָטש איט-לעכער פון די מערדער האָט פאַר דער צייט זיך אָנגערויבט טשעמאָדאַנעס מיט גאָלד. דאָך איז יעדערן געווען אַ שאָד דורכצולאָזן די געלעגנהייט. ביים סאָר-טירן און באַטאַפּן די קליידער פלעגן זיך אויף זיי אַרויפוואַרפן אין די צענ-דליקער געשטאַפּאָ - לייט.

וויים, דער הויפּט-שוטעף צום געשעפט, האָט זיך באַליידיקט: וואָס הייסט? ער האָט אויפגעגראָבן דעם גאָלד - קוואַל און אַנדערע נעמען עס צו? פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך גענומען אין פּאָנאַר אַ געהילף, וואָס זיין אַרבעט איז באַשטאַנען בלויז אין דורכטאַפּן די קעשענעס פון די דערשאָסענע — ערשט נאָכדעם האָט מען געמענט די בגדים אַוועקפירן אין געשטאַפּאָ.

נאָך יעדער שכיטע האָבן די דייטשן דערפילט צו די פאַרבליבענע „אַ ראַכמאָנעס". די ערגערע שיך, ווי אויך מאַנטלען פון די הארוגים, האָבן זיי אַריינגעשיקט אַ מאַטאָנע פאַר דעם געטאָ.

איך האָב געזען אַמאָל אין געטאָ אַ וואָגן שיך. איך האָב דערקענט צווישן זיי דער מאַמעס אַ טופל.

## דער באַלעבאָס פון פּאָנאַר

ווען שווייכענבערג האָט שוין אין ווילנע זיינס אָפּגעטאָן, האָט מען אים ערגעץ אָפּגעשיקט אויף אַן אַנדער „אַרבעט".

מאַרטין וויים איז געוואָרן זיין פאַרבייטער, איז געוואָרן דער שעף פון דער איפּאַטינגאַ, דער באַלעבאָס פון פּאָנאַר.

וויים איז געווען נישט בלויז אַן אויספירער. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט נישט ווייל אַזוי האָט אים נויגעבויער באַפוילן. ניין! ער האָט ליב געהאַט זיין „קונסט", ווי דער מוזיקער זיין פידל. זיין גרעסטע פרייד איז געווען, ווען מיט

די אייגענע הענט האָט ער דערשטיקט אַ קינד. אין פּאָנאַר גופע, נישט ווייט פון די גריבער, האָט ער זיך אויסגעבויט אַ דאַטשע.

דעם 17-טן יולי 1941, ווען ער איז נאָך געווען שוויינענבערגס געהילף, האָט ער געמאַכט די ערשטע רעפּעטיציע. אונטערן אויסרייד, אַז אידן האָבן געהאַרגעט אַ דייטש האָט ער פּאַגראָמירט די גאַס נאָוויגראָד.

פינף הונדערט אידן האָט ער געשאָסן אַפן גאַס. עטלעכע טויזנט האָט ער געכאַפּט און אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע.

אַפן וועג האָט ער באַפוילן אַרויסצוציען פון די הויזן די גאַרטלען, אַזוי אַז די הויזן זיינען אַראָפּגעפאַלן. די אידן האָבן זיי נישט געקענט אויפהויבן, ווייל די הענט האָט מען געמוזט האַלטן אין דער הויך, פאַרבראָכן איבער די קעפּ. פאַרויס פון דער פּראָצעסיע איז געגאַנגען דער ראָוו פון נאָוויגראַד — סעגאַל.

דעם 6-טן סעפּטעמבער 1941, אין דעם טאָג ווען מען איז אַריין אין געטאָ, האָט ווייס אַריינגעפירט פאַרן הענטל דורכן געטאָ - טויער דאָס מיידעלע גיטע פּער־לאָוו, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין געלע לאַטע. דאָס מיידעלע, אַן עלף - יעריקע שילערן פון דער ווילנער רעאַל-גימנאַזיע, האָט מיסטאָמע געמיינט, אַז ווייס איז אַ „גוטער דייטש", וואָס וויל זי ראַטעווען פון די כאַפּונגעס. נאָר די שילערן האָט געהאַט אַ טאָעס. ער האָט זי אַוועקגעשטעלט ביי אַ וואַנט און דערשאָסן.

*

זעלדע איינהאָרן, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּאָנאַר (זי האָט זיך אויסבאַהאַל־טן צווישן קוסטעס און צוגעקוקט פונדערווייטנס, ווי מען דערשיסט איר מיש־פּאָכע) האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי עס איז אומגעקומען צערנע מאָרגענשטערן, די טאָכטער פון אַ ווילנער לערער, אַ וואונדער שיין מיידל פון אַכצן יאָר.

...זי איז געגאַנגען אינאיינעם מיט איר מאַמען און קליינעם ברודערל. נאָ־ענט באַ דער גרוב האָט מען איר געהייסן זיך אויסטאָן — ווער עס האָט נישט גע פאָלגט, האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן. עס איז געווען אָוונט. אָקאָרשט איז אַרויס די לעוואָנע. ווען צערנע איז צוגעגאַנגען צו דער גרוב שוין האַלב אויס־געטאָן, איז צוגעלאָפן ווייס, זי גענומען אונטערן אָרעם און זי אָפּגעפירט אָן אַ זייט: „ער וויל זי ראַטעווען". צערנע האָט זיך געריסן פון זיינע הענט, געוואָלט בעסער אומקומען מיט איר מאַמען און קליין ברודערל, וואָס זיינען שוין געלעגן דערשאָסענע. נאָר ווייס האָט זי נישט אָפּגעלאָזט: „אַזאַ שיין מיידל ווי דו, — האָט ער געטאַינעט, — טאָר נישט שטאַרבן". צערנע האָט געוויינט. געוואָלט פון אים אַנטלויפן, נאָר ווייס האָט זי געהאַלטן פאַר דער האַנט און נישט גע־לאָזט לויפן.

— ווי שיין איז די וועלט, — האָט ער אָנגעוויזן אַף די ביימער, אין ווע־מענס צווייגן האָט זיך געזיפּט די לעוואָנע, — און דו, יונג מיידל, ווי שיין דו ביזט אין לעוואָנע שיין!...

אַזוי האָט ער געריכט צו איר. געמאָלט פֿאַר דער אומגליקלעכער די שיינ-קייט פֿונעם לעבן, און פֿון הינטער-אַרום האָט ער אויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און אַריינגעשאָסן אין איר קאָפּ. נאָכדעם האָט ער זיך הויך פֿאַנאַנדערגעלאַכט און אַ גויסטדיקע אַוועקגעשלעפּט דאָס מיידל צו דער גרוב.

*

ווייס קאַריערע איז גיך געשטיגן. פֿון אַ פּאַשעטן פֿעלדפֿעבל איז ער געוואָרן אַ הויפּט-פֿירער, און שפּעטער — אַ שטורעמפֿירער. אויף די עפּאָלעטן זיינען אים אָנגעוואַקסן זילבערנע אָפּצייכנס, און אויף דער ברוסט — אַ האַקנקרייץ מיט אַ שווערדל.

ער האָט אַליין אַנטיילגענומען אין אַלע שחיטעס און אומגעבראַכט מיט די אייגענע הענט טויזנטער מענטשן.

ווי אַ שפּאַרבער, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד אין זיין רויב, האָט ער נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן מענטשן, אויב נאָר עס האָט זיך גע-האַנדלט וועגן טויטן זיי. צו זיין קאָלעקציע האָבן אים געפֿעלט ציגיינער. האָט ער געמאַכט אַן אַבלאַווע אין וואַלד, צונויפֿגענומען ציגיינער מיט די פֿערד און בוידן און אַריבערגעפֿירט אין זיין קעניגרייך... פֿינף הונדערט פּוילישע גייסטלע-כע, גאַלאַכים און נאָנעס, האָט ער אַרויסגענומען פֿון בענעדיקטינער מאָנאַסטיר און געבראַכט אין לוקישקער טורמע. דאָרטן האָט ער זיי געהייסן זיך אויסטאָן און האָט באַקליידט זיי מיט די בגדים פֿון דערמאָרדעטע אידן. מיט גאַנצע לאַ-טעס אויף די ברוסטן האָט ער אַוועקגעפֿירט די פֿינף הונדערט קיין פּאָנאַר און זיי אומגעבראַכט. דאָס האָט מיר דערציילט דער איד ברענאַייזן, וועלכער איז דע-מאָלט געזעסן אין טורמע.

צו ווייס אויפֿטו מוז מען אויך צורעכענען דאָס, וואָס ער איז געווען דער אָרגאַניזירער און אויפֿבויער פֿונעם דייטשישן מעלוכעשן שאַנד - הויז אויף סו-באַטש-גאַס 9.

„סכוירע" פֿאַר זיין אונטערנעמונג האָט ער זיך דערוואָרבן אַזוי: ער האָט אַרומגערינגלט מיט זיין באַנדע היצלם דעם קאַפֿעהויז „גרינער שטראַל" און אַלע מיידלעך און פֿרויען, אומאָפּהענגיק צי זיי זיינען געווען אַליין אָדער מיט קאַוואַ-לערן, האָט ער מיטגענומען און אַוועקגעפֿירט אויף סובאַטש.

די מיידלעך האָבן נישט געטאָרט פֿון דאָרטן אַרויסגיין. פֿאַר „גוטער אויפֿ-פֿירונג" פֿלעגן זיי באַקומען מעדאַלן. קעדיי קיינער זאָל נישט אַנטלויפֿן, האָט מען באַ אַלע מיידלעך אויף די פֿיס אויסגעברענט שטעמפּלען. ווי אַ רעזולטאַט פֿון ווייס אויפֿטו, קען מען זען איצטער אויף די ווילנער גאַסן פֿרויען מיט באַנדאַזשן אויפֿן אויבערשטן טייל פֿוס.

ווען אויף ווייס אָרט איז באַשטימט געוואָרן קיטעל, האָט זיך ווייס איבער-געפּעקלט אויף ראָסע-גאַס 10, אין די געשטאַפּאָ-גערטנער און זיך באַשעפֿטיקט מיט כאָוועון בלומען.

# דאָס געזעץ-בוך

ביזן לעצטן טאָג פֿון דער װילנער געטאָ זײַנען נאָך געװען אַזעלכע פּראַקטישע אידן, װעלכע האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז נישט אַלעמען האָט מען אין פּאַנאַר אומגעבראַכט: דאָרטן זאָל מען האָבן די אידן סאָרטירט — און די געזונטע אַװעקגעשיקט אױף אַרבעט.

דערבײַ האָט זיך דעם זאָגער אױסגעדאַכט, אַז צװישן די געזונטע איז געװען זײַן קינד, אָדער זײַן טאַטע.

אין דער װילנער געטאָ איז געװען אַ באַזונדער קאַבינעט, װאָס ספּעציעל אָראָפּגעבראַכטע דײַטשע פּראָפֿעסאָרן האָבן צוגעטראַכט די פֿאַרשײדנסטע פּלענער, װי אַזױ צו פּײַניקן און דערנאָך אומברענגען די אידן. פּראָפֿעסאָר גאָטהאַרט, געװעזענער לעקטאָר אין אַ בערלינער אוניװערזיטעט און איצטער פֿאַרטרױאונגס - מאַן בײַ הימלערן, האָט אָנגעשריבן אַ גענױעם קאָדעקס מיט פֿינף הונדערט פּאַראַגראַפֿן, װאָס עס װערט דערקלערט מיט אַלע גענױיִקײטן, װי אַזױ מען זאָל פֿאַרטיליקן פֿעלקער. דער װילנער איד קאַמערמאַכער, װאָס איז געװען באַשטימט פֿאַר אַן עלטסטער איבער די צװאַנגס - אַרבעטער אױפֿן הױף פֿון געשטאַפּאָ, האָט מיר אין געטאָ דערצײלט, אַז אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצוקוקן אין גאָטהאַרטס געזעץ - בוך. אָט זײַנען עטלעכע פּאַראַגראַפֿן, װאָס ער האָט פֿאַרגעדענקט:

סטאָם דערשיסן אַ איד, הײסט — נישט אױספֿירן דעם באַפֿעל פֿון הימלערן. אַ איד מוז פֿריער געפּײַניקט װערן.

עס איז נישט דאװקע געזאָגט געװאָרן, אַז די עקזעקוציע דאַרפֿן אױספֿירן דײַטשן. פֿאַרקערט, עס איז געװאונטשן, אַז אַ דײַטש זאָל בלױז זײַן דער באַפֿעלגעבער; די עצעם-אױסראָטונג דאַרפֿן אױספֿירן אַנדערע.

די פּראָצעדור פֿון טױטן דאַרף מען דורכפֿירן געהײם. קײנער טאָר זיך ניט דערװיסן דאָס אָרט פֿון דער עקזעקוציע, קעדײ די איבערגעבליבענע זאָלן זיך ניט צעלױפֿן.

אין דעם זעלבן געזעץ-בוך איז געװען צוגעגעבן אַ טאָקאָנע — ספּעציעל װעגן װילנע. דאָרטן איז געזאָגן געװאָרן בעפֿירעש אַזױ: דער װילנער איד איז דער געפֿערלעכסטער אין דער װעלט. „אױב עס װעלן איבערבלײַבן אין װילנע באָטש אַ צען אידן, הײסט עס, אַז מיר האָבן אונדזערס נישט דערגרײכט. ראַבמאָנעס צו דעם סױנע, איז פֿאַראַט לעגאַבע דער מעלוכע".

אַבוץ דעם פֿאַרטיליקן פֿיזיש די אידישע באַפֿעלקערונג, האָט די געשטאַפּאָ אַלץ געטאָן אױף צו ברעכן די אידישע מאָראַל און פֿאַרמיעסן אױף אײביקע צײַטן די אידישע געשיכטע. דאָס לעצטע איז געװען פֿאַר די ראָצכים אַזױ װיכטיק, װי די עצעם אױסראָטונג. אָט איז דער פּראָגראַם: „צװינגען אידן פֿאַרן פּרײַז פֿון צײַטװײַליקן לעבן אומצוברענגען זײערע ברידער. די צײַטװײַליק - לעבן - גע

בליבענע פאַרוואַנדלען אין גייסטיקע מייסים, אַז אַ ברעקל ווילן, אַז האַרץ און אַז נעווים. זיי זאָלן זיין בלינדע אויספירער פון די דייטשע באַפעלן".

*

אַרום צוועלף טויזנט אידישע מענער האָבן די כאַפּונעס, נאָך ביז דער געטאָ, אַוועקגעשלעפּט אין טורמע. הונדערטער זיינען אַרעסטירט געוואָרן פאַרן נישט אויספירן דעם געביטס - קאָמיסאַרס היינגסט באַפעלן — די געלע לאַטע איז נים געווען צוגענייט ווי עס באַדאַרף צו זיין; אַ איד האָט נישט אָפּגעגעבן זיין גאָלד און זילבער; עמעצער האָט זיך פאַרגעסן און איז געגאַנגען אַפן טראָטואַר... אין אַלע אַזעלכע פאַלן האָט מען די אידן אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע. וואוהין די אַוועקגעפירטע קומען אָהין — האָט מען נישט געוואוסט. די ווייבער, וואָס האָבן זיך געקליבן בא דער טורמע, האָט מען געמאָלדן, אַז אין אַ כוידעש אַרום וועלן זיך די מענער אומקערן; געלט און עסנוואַרג באַוויליקט מען צו נעמען.

נאָר די מענער האָבן שוין דעמאָלט אין קיין פּעקלעך זיך נים געניטיקט. מען האָט זיי אַלעמען אויסגעהאַרגעט. די אידן אַף דער „פריי" האָבן אָבער נים געגלויבט. נויגעבויערס קאַבינעט אין געשטאַפּאָ איז געווען געגנוג כיטרע אַף צו צעטומלען די באַפעלקערונג מיט קאָלערליי קונצן. ביי אַ הונדערט פון די געכאַפּטע מענער האָט מען ווירקלעך אַוועקגעשיקט לעבן פּסקאָוו אַף אַרבעט. פון דאָרטן האָבן זיי געשריבן בריוו. אַ פרייד האָט אַרומגענומען די ווילנער אידן: יעדערער האָט זיך געטראַכט, אַז זיין זון לעבט, אַז זיין טאַטע וועט זיך בעקאָרעוו אומקערן.

ווען די אידן זיינען שוין געווען אין געטאָ און עס איז נישט אַריבער אַ טאָג, מען זאָל אויך פון דאָרטן נישט פירן צו דער שכיטע, האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלויבט, ריכטיקער נישט געוואָלט גלויבן, אַז די מענטשן וועלן זיך שוין נישט אומקערן.

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס שווערן זיך פון דערבייאיקע פּויערים, אַז זיי האָבן אַליין געזען פון דער וויטן די פּראָצעדור פון דער עקזעקוציע. נאָך מער: אין יאַנואַר 1942 איז אַנטלאָפן פון טויטן - גרובן די באַקאַנטע ווילנער לערערן טעמע קאַץ. זי איז צוריקגעקומען אין געטאָ אַ פאַרגאָסענע מיט בלוט און דער-ציילט מיט אַלע געגנויאיקייטן, ווי אַזוי זי איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער אַ קופּע דערשאָסענע.

„אַלעמען האָט מען אין פּאָנאַר אומגעבראַכט. קיינער פון די געכאַפּטע וועט זיך נישט אומקערן. מען וועט אונדז אַלעמען אומברענגען" — האָט זי גערעדט צום אידן - ראַט, צו אירע באַקאַנטע דאָקטוירים אין געטאָ - שפּיטאָל, וואו מען האָט אַרויסגענומען די קוילן פון איר לייב. אָבער קיינער האָט עס נישט געוואָלט הערן. יעדערער האָט זיך געטראַכט: אויב אפילע עס איז עמעס, וועט עס מיט מיר נישט פּאַסירן. בלויז אַ קליינע צאָל באַוואוסטזיניקע יונגט

האָט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון איר דערציילן און האָט פון די ערשטע טעג אין געטאָ געגרייט אַ ווידערשטאַנד די דייטשע טאַליאָנים.

שפּעטער, ווען דאָס וואָרט פּאָנאַר איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן און מען האָט גענומען זיך צעלויפן פונעם געטאָ אין פּראָווינץ, איז געשען אַזוינס:

דער פּאַרמיטלער פון געטאָ און געביטס-קאָמיסאַר, אַ שעף פון דער ווילנער איפּאַטינגא בוראָקאס פלעגט צושטעלן פּראָדוקטן פאַר דער געטאָ. דער איד טראַפּידא, וואָס פלעגט גיין צו אים — אין שייכעס מיטן אַרויסקריגן פאַר דעם געטאָ ברויט, האָט דערזען איינמאָל אויף בוראָקאס טישל אַ רעשימע מיט אויסגעשריבענע פּראָדוקטן פאַר דריי געטאָס. דערביי איז בײַ די ווערטער „דריטער געטאָ" געווען צוגעגעבן אין קלאַמערן: „אין פּאָנאַר".

געטאָס זיינען געווען דעמאָלט אין ווילנע צוויי. ווענן דעם, אַז עס איז פאַראַן אויך אַ געטאָ אין פּאָנאַר האָבן אידן זיך דערוואוסט פון טראַפּידאַ. ער האָט דאָס אַליין געזען דעם אויפשריפט ביי בוראָקאסן: פּאָנאַר — די דריטע געטאָ!

ווידער האָט זיך דער אוילעם באַרואיקט. נויגעבויערס קאָבינעט האָט דערגרייכט דאָס זייניקע.

## פונוואַנען האָט מען גענומען שפּייז

ווי מיר ווייסן פון די ערשטע געזעצן, האָט אַ איד נישט געטאָרט פאַרמאָגן ביי זיך מער ווי דריי הונדערט רובל, דאָס הייסט דרייסיק מאַרק (אין שטאָט און אין געטאָ האָבן געגאָלטן ביידע וואַלוטעס. איין מאַרק איז גלייך געווען צו צען רובל). דעם 6-טן סעפּטעמבער 1941 באַגינען האָט מען פּלוצלינג זיך אַריינגעריסן אין די הייזער און אין מעשעך פון איין טאָג פּוסט געמאַכט די שטאָט פון דער אידישער באַפעלקערונג. נישט אַלע האָבן באַוויזן אַפילע מיטצונעמען אַ שטיקל ברויט און אַ האַנטוך. דאָס האָב און גוטס איז טייקעף פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַן אויפשריפט: „דויטשעס אייגנטום", עמעס, אין דערוואַרטונג אויף אַ געטאָ האָבן אייניקע זיך געקליגט פון פריער און פאַרגראָבן אין דער ערד אַ טייל פון זייער פאַרמעגן. די גרעסערע זאַכן, ווי מאַנטלען, קליידער, שיך א. אז. וו. האָט מען אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן די נישט-אידישע שכיינים. אָבער דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געלייזט די פראַגע פון דערנערונג און קליידונג.

אַרום ניין און צוואַנציק טויזנט מענטשן האָבן זיך צוערשט געפונען אינעם געטאָ. אויף דער דאָזיקער צאָל האָט מען אַרויסגעגעבן ברויט - קאַרטן אויף 7849 קילאָגראַם ברויט אויף פינף טעג. דאָס הייסט, אַן ערעך פופציק גראַם אויף אַ מענטש אַ טאָג.

ווּעדליק דעם באַפעל פון מורערן, האָט דער אידנראַט אַליין אויסגעהאַנגען אויפן טויער אַ שילד, וואָס האָט געוואָרנט, אַז דאָס אַריינטראָגן עסנוואַרג און האָלץ איז פאַרבאָטן.

אין די ערשטע טעג איז מען ארומגעלאָפן אין דער געטאָ, ווי מעשוגע. אין קאַמף פאַרן לעבן האָט מען פאַרגעסן דעם טויט. מען האָט זיך אויפגערעדט מיט דערבייאיקע נישט-אידישע שכיינים, וואָס זייערע פענצטער זיינען אריינגעקומען אין געטאָ, און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ האַנדל, אין אָנהייב איז אָט דער האַנדל פאַרגעקומען פרימיטיוו: פון אַ פענצטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ שטריק, אפן שטריק האָט דער געטאָ-מענטש אָנגעבונדן געלט, ווערטזאַכן אָדער קליידער. דער שאָכן פלעגט עס צונעמען און מיטן זעלבן שטריק אַראָפּלאָזן אין געטאָ פּראָדוקטן. ערעוו יאָמקיפּער האָבן אַף אַזאַ אויפן זיך אַראָפּגעלאָזן צו צענדליקער הענער. ארומגערינגלט מיטן טויט, האָט מען נישט פאַרגעסן שלאָגן קאַפּאָרעס. שפּעטער האָט דער האַנדל אָנגענומען גרויסע פאַרמען. איבער די בוידעמער פון דייטשישע 21, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט די מויערן פון אויסערן געטאָ, דורך דער מאַלינע אַף סטראַשון-גאַס 3, פלעגט מען אריינשמוגלען נאַכט נאָך נאַכט צענדליקער פורן קאָלערליי פּראָדוקטן.

צוזאַמען מיט אַנדערע לעבנס-וויכטיקע אַנשטאַלטן, האָט זיך בא דער געטאָ-אַדמיניסטראַציע געשאַפן אַ באַשפּייזונג - אָפּטייל, וואָס האָט געפּרואווט מיט ריזיקאַלישע מיטלען ראַטעווען די באַפעלקערונג פון הונגער-טויט.

באַנאַנד מיט די פּראָדוקטן, וואָס מען פלעגט ארויסגעבן אַף די קאַרטעס אין די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון (ברויט, גרויפּן, פערדן-פלייש, קאַרטאָפל), פלעגט מען אריינפירן עסנווארג אויך אומלעגאַל. דאָס האָט געקאָסט געלט און שרעק. געלט פאַר די זשאַנדאַרמען, וואָס היטן דעם טויער, און שרעק פאַר מורערן, ווערלכער האָט געטשאַטעוועט ווי אַ הונט.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן אין געטאָ 5 פאָלקס - קיכן. צווישן זיי איז איין קיך באַשטימט געווען פאַר קינדער, און איינע — די קיך אַף שאַוולער 5 — פאַר פרומע, וואָס היטן אָפּ קאַשרעס. אין אָקטאָבער 1941 ווערט געעפנט דער אָפּטייל פאַר געזונט-שוץ, אַף סטראַשון-גאַס 12 ווערט באַלד אָרגאַניזירט אַ מילךקיך פאַר גאָר יונגע קינדער און קראַנקע. נישט אַזוי לייכט איז עס אַלץ אָנגעקומען. אין געטאָ איז גאָרנישט נישט געווען — נישט קיין האָלץ און נישט קיין קעסלען. נאָר די אַקשאָנעס צום לעבן האָט עס דורך אַ פאָר נעכט באַשאַפן. פון כאָרעווע אידישע רעסטאָראַנען האָט מען אריינגעבראַכט קעסלען. און מיטן האָלץ פון צענומענע הייזער האָט מען די קעסלען געוואַרעמט.

אין נאָוועמבער 1941, אין סאַמע מיט פון די בלוטיקע געשעענישן, ווען די געטאָ - באַפעלקערונג האָלט קעסיידער אין פאַלן, האָבן די פאָלקס - קיכן ארויסגעגעבן 66 טויזנט מיטיקן.

אין יאַנואַר 1942 האָט מורער געענדערט די סיסטעם פון באַזאָרגונג: אַנשטאָט ארויסגעבן דייטשישע ברויט - קאַרטן האָט ער דעם סכום פּראָדוקט; אריינגעשיקט אין געטאָ אַף אַזוי פיל מענטשן, וויפל עס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן און אונטערנעמונגען פון שטאָט און געטאָ, און געהאַט דערצו די נעהעריקע שיינען, צוזאַמען האָט זיך עס באַקומען פּראָדוקטן פאַר צוועלף

טויזנט מענטשן. פאַר זיי האָט דער באַשפּייז-אָפּטייל געדאַרפט צעטיילן די נייע אָפּגעדרוקטע „אידישע" שפּייז - קאַרטן.

צוזאַמען מיט די צוריקגעקערטע פון באַהעלטעניש און אַנטלאָפענע פון פּאָנאַר זיינען געווען דעמאָלט אין געטאָ אַרום 18 טויזנט מענטשן. 6 טויזנט זיינען געבליבן אָן שפּייז-קאַרטן. מען האָט זיי גערופן „ווייסע שיינען", ווערליק דעם נאָמען פון אַמאָליקן ווייסן שיין, וואָס איז מער נישט גילטיק. דערצו נאָך האָט אַ באַזיצער פון אַ געלן-שיין מוירע געהאַט צו וואוינען אינאיינעם מיט אַ „ווייסן שיין". מען האָט פאַרשטאַנען: אין דער נאָענטסטער שכיטע וועלן גיין די ווייסע שיינען. אויב מיט זיי אינאיינעם וועלן וואוינען אויך אַנדערע קאַליען, וועלן די כאַפּונעס נישט מאַכן קיין בילעק.

אין געטאָ זיינען שוין דעמאָלט געווען דריי קאָאָפּעראַטיוון פאַר די 2 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן געהערט צום אידן-ראַט און האָבן געאַרבעט בלויז אין געטאָ אין די פאַרשידנסטע אינסטיטוציעס און וואַרשטאַטן. אין די דריי קאָאָפּעראַטיוון האָט מען אַריינגעשמוגלט פיל שפּייז אָף אַן אומלעגאַלן וועג. די אָנגעהעריקע צו די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַשפּייזן די ווייסע שיינען. זיי האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די אָרעמע...

פונעם דאָזיקן קאָמיטעט האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דריי וויכטיקע אינסטטוציעס: סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, געזעלשאַפטלעכער הילפס - קאָמיטעט און ווינטער הילפס - קאָמיטעט.

די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג האָט געהאָלפן מיט געלט און פּראָדוקטן אַלע יע-בידים און קרייזן, וואָס האָבן זיך צו איר געווענדעט. פאַרן כוידעש דעצעמבער 1941 האָט די אַנשטאַלט אַרויסגעגעבן 26.950 מיטיקן און באַ 400.000 רובל מעזומען געלט. מיט אַ צעטל פון דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג האָט מען געהיילט אומזיסט אין דעם געטאָ שפּיטאָל, מען האָט באַקומען אומזיסטע רעפּועס אין אַפּטייק און באַזונדערע צוגאָבן, ווי מילך און פּוטער פאַר שוואַכע מענטשן, וואָס האָבן זיך אין דעם געניטיקט. די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג האָט אויך באַ-פרייט פון צאָלן דירע-געלט און פאַרשידענע שטייערן אין געטאָ.

פאַרן יאָר 1942 - 1943 האָט דער אַנשטאַלט אַרויסגעגעבן דער באַפעל-קערונג אַנדערהאַלבן מיליאָן רובל געלט, מיטיקן און היילונג און האָט אויסגע-האַלטן אין געטאָ פאַלגנדיקע אַנשטאַלטן: טאָג-היים, קאָנסולטאַציע פאַר קינ-דער, אינטערנאַט „ילדים" און „ילדות" און דעם מוישעוו-זקיינים. דאָס געלט האָט דער הילפס-קאָמיטעט באַקומען פון פאַרשידענע קוואַלן: פון קאָנפיסקיר-טער וואַלוטע, פון די שטייערן, וואָס איטלעכער געטאָ - בירגער האָט געמוזט צאָלן דער געטאָ - פאַרוואַלטונג א. א. וו. די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג האָט אויך געהאָלפן די קאָנצענטראַציע - לאַגערן אין רעשע, בעזדאַן, ביאַלאָוואַקיע און די געבליבענע געטאָס אין סווינציאַן און אַשמענע.

נאָך אַן אַנדער אויפגאַבע האָט אויסגעפירט דער געזעלשאַפטלעכער

הילפס קאָמיטעט, אין וועמענס פאַרוואַלטונג עס זיינען געווען פאָרשטייער פון אַלע גרופּירונגען אין געטאָ.

אין געזעלשאַפטלעכן הילפס - קאָמיטעט פלעגט מען נישט קומען בעטן. מען האָט געגעבן אַליין. זיך דערוואוסט, אַז אַ לערער, אַ שרייבער, אַן אַקטיאָר, אָדער אַ פרוי פון אַן אומגעבראַכטן געזעלשאַפטלעכן טוער געפינט זיך אין שווערע באַדינגונגען, פלעגט מען אַריינטראָגן צו יענעם אין שטוב געלט, ברויט, קליידער אָדער אומזיסטע קאַרטלעך אויף מיטיקן אין די ניי-אויסגעבויטע געהיימע קיכן.

אין משך פון יאָר 1942-1943 האָט דער געזעלשאַפטלעכער הילפס - קאָמיטעט געהאַט אויפגעקליבן אין געטאָ 2 מיליאָן רובל. דאָס געלט איז אַריינגעקומען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן: די דריי הונדערט אידישע אייננסן, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט (צוזאַמען אַרום אַכט טויזנט מענטשן) האָבן כוידעשלעך זיך געמוזט באַשטייערן פאַרן הילפס - קאָמיטעט. די גרויס פון דער באַשטייערונג איז געווען וועדליק די מעגלעכקייטן פון די אייננסן: דאָס הייסט, וועלכע אייננסן האָבן מער געשלעפּט בא די דייטשן. און געשלעפּט האָבן אַלע. אויב מען האָט געאַרבעט אין „פערפלעגונגס - אַמט" האָט מען געשלעפּט פּראָדוקטן. אויב אין „שניידער-שטובע" — איז קליידער. און אויב אין „פעלד - קאָמאַנדאַנטור" — פלעגט מען „נעמען" שטיוול, פּעלצן.

כוץ די אייננסן, פלעגן אויך צאָלן גרויסע שטייערן פאַרן הילפס - קאָמיטעט די קאָלעריי געהיימע קראָמען, רעסטאָראַנען, קאַפע-הייזער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין געטאָ שוין אין די ערשטע טעג. דער רעסטאָראַטאָר דאַווידקע פון סטראַשון - גאַס 1 האָט זיך באַשטייערט פאַרן הילפס - קאָמיטעט מיט 20 טויזנט רובל. דער אויפגעקומענער גוויר ווייסקאָפּ האָט אַרויסגעלייגט דאָפּלט. פאַרן הילפס - קאָמיטעט איז אויך אָנגעקומען געלט פון וואַרשע. דאָס האָט געשיקט גיטערמאַן — דער דירעקטאָר פון דזשאָינט.

דער ווינטער הילפס - קאָמיטעט האָט זיך דער איקער פאַרנומען מיט באַזאָרגן קליידער פאַר דער באַפעלקערונג פון געטאָ. ווי מיר ווייסן, זיינען נאָכאַנאַנד פאָרגעקומען אין געטאָ שכיטעס. די 15 טויזנט, וואָס זיינען אַוועק צום טויט, האָבן זייערע קליידער איבערגעלאָזט אין געטאָ. מען האָט אָט די קליידער געזאַמלט און צעטיילט די לעבעדיקע. אויך אַ טייל פאַרבלוטיקטע מאַלבושים פון די דערמאָרדעטע איז קעגן אונדזער ווילן אַריינגעקומען אין געטאָ, און עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירע: די לעבעדיקע האָבן עס אָנגעטאָן.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט פאַרדעקט די נאַקעטקייט פון דער באַפעלקערונג. דער ווינטער-הילפס-קאָמיטעט האָט געפירט אַן אינטענסיווע אַרבעט אין אויפזאַמלען בא דער באַפעלקערונג קליידער. ווער עס האָט געהאַט צוויי פּאָר קליידער, צוויי קאָסטיומען, צוויי פּאָר שיך, האָט ער איין פּאָר געדאַרפט אָפּגעבן דעם קאָמיטעט. איבער דער געטאָ האָט זיך באַוויזן אַ לאָזונג: דעם הונגעריקן — ברויט, דעם נאַקעטן — בגאָדים.



די קינדער-מאַלינע אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער ה. ק. פּ.
אף סובאָטש-גאַס



שמועל קאַפּלינסקי, אינסטרוקטאָר
פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע
אין ווילנער געטאָ און שפּעטערדיקער
קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער
מאַבנע „פּאַרן ניצאָכן"

טויזנטער פּאָר שיך, מאַנטלען און קאָסטיומען האָט מען איבערגעגעבן און פאַריכט אין די וואַרשטאַטן פון געטאָ.

אין מעשעך פון איין כוידעש האָט דער קאָמיטעט אויך אויפגעזאַמלט אַ מיליאָן רובל אַף צו פאַריכטן, איבערנייען און אויך אויפנייען נייע קליידער — פון די דורכן קאָמיטעט קאָנפיסקירטע שטאָפן, וואָס פלינקע הענט האָבן אַרויסגעטראָגן פון די דייטשישע מאַגאַזינען.

50 פּראָצענט באַפעלקערונג פון געטאָ האָט גענאָסן אַף פאַרשידענע אויפאַנים פון דער סאָציאַלער הילף. די אַנדערע העלפט האָט זיך פאַרנומען מיט „קריגן" פון דייטשישן קוואַל כפּייצים. עס האָט זיך געשאַפן אַן אַרגאָ (אַ פּאַר-שטעלטע שפּראַך): דער פּאַראָל „עפּל" איז געוואָרן אַן אָנגענומענער סימען, אַז עס גייט אַ דייטש און מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. — „נעם אַ ראָפּטע און פליו-כֿע אָן" — האָט באַטייט: נעם אַ טאָרבע און שיט דאָרט אריין גרויפּן אָדער צו-קער. — קיין דייטש זעט עס נישט. אַ „קאָמפּרעס" האָט געהייסן אַ ספּעציעל אויפגענייטער דאָפּלטער קאָרסעט, וועלכן מען פלעגט אָנטאָן אונטער אַלע קליי-דער אַפּן נאַקעטן לייב און אים אָנפילן רונד אַרום מיט מעל, קעדיי אַף אַזאַ אויפן דורכצוטראָגן דורך דער טויער-וואַך די אין שטאָט איינגעקויפטע אָדער נעגאַנוועטע סכוירע.

די באַטאַפּערס ביי דעם געטאָ-טויער האָבן זיך אָבער גיך געכאַפּט אַף די קונצן מיט די קאָמפּרעסן. די שטאָטישע באַפעלקערונג פלעגט אָנזאָגן מיט צען גאַסן פריער די פון דער אַרבעט צוריקמאַרשירנדיקע אידן, אַז באַם טויער קאָנטראָלירט מורער. און איין איד פלעגט גלייך איבערגעבן דעם צווייטן: „דער מעם אין אין מאָקעם!" (דאָס הייסט: מורער איז אין געטאָ). דעמאָלט פלעגט זיך די גאַנצע קאָלאָנע זען אַריינכאַפּן אין אַ געסל און איבערוואַרטן ביז דער טייוול וועט אוועק פון געטאָ.

נאָר מורערן איז שווער געווען צו נאַרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב זיין זכוס קערן זיך נישט אום די קאָלאָנעס. ער פלעגט וואַרטן ביז 6 אין אָוונט — די צייט, ביז וואַנען פאַר די אַרבעטנדיקע אידן איז דערלויבט אַרומצוגיין אין שטאָט, און דעמאָלט פלעגט ער אַרומפאָרן אַף זיין אויטאָ איבער אַלע גאַסן און אויפזוכן די „פאַרזוינדיקטע" אידן. די שטראָף איז געווען אַ דאָפּלטע: פאַר דעם, וואָס דער איד גייט אַרום נאָך 6 אַזייגער און פאַרן טראָגן אַ „קאָמפּרעס".

דער פּאַיאָק ברויט, וואָס די דייטשן האָבן איינגעשטעלט פאַר אַן אַרבעטנ-דיקן אידן איז געווען: דריי מיט אַ פערטל קילאָגראַם ברויט אַ כוידעש. דער באַ-שפּייז - אָפּטייל אין געטאָ האָט אָבער אומלעגאַל אַרויסגעגעבן פאַרן כוידעש יוני 1942 צו 6 קילאָגראַם ברויט פאַר אַ געטאָ-בירגער. כוץ ברויט האָט מען נאָך באַקומען פון דעם באַשפּייז-אָפּטייל 0,55 קילאָגראַם פלייש און 0,35 צו-קער. אין דעם זעלבן כוידעש האָבן די פאָלקס-קיכן אַרויסגעגעבן אומזיסט און פאַר אַ קליינעם געצאָלט 93.449 מיטיקן און 21.831 אָוונטברויטן. פון די פּרי-וואַטע בעקערייען און באַשפּייז-אָפּטייל איז פאַרטיילט געוואָרן 110 טאָן ברויט

און קאַרגע 16 טאָן גרינסן. די מילך-קיך האָט אַרויסגעגעבן אומזיסט 4355 ליטער מילך.

✽

פאַר דער אַרבעט אין שטאָט און אין די געטאָ-וואַרשטאַטן האָבן די אַרבעטער פּאַקטיש גאָרנישט באַקומען. „איר לעבט אַ דאַנק דעם, וואָס איר אַרבעט, און וואָס בעסער איר וועט אַרבעטן, אַלץ לענגער וועט איר לעבן". — אַזוי האָט געטאָינעט מורער. אַזוי האָבן געטאָינעט דער דייטשישער אַרבעטס-אַמט און געשטאַפּאָ.

אַ סאַך פון די, וואָס האָבן געהאַט גרעלע שיינען, און די קאַלערלויי שכי-טעס האָבן זיי דערוויל דירעקט נישט אָנגערירט, האָבן געגלויבט, אַז די אַרבעט וועט זיי אויך ווייטער ראַטעווען. געאַרבעט אָבער האָבן אויך יענע, וואָס האָבן נישט געגלויבט. ווייל אַנישט האָט מען נישט באַקומען קיין פּאַס און קיין ברויט קאַרטל. אָן דעם האָט מען ווירקלעך אין יענע באַדינגונגען נישט געקענט עקזיסטירן אפילו אַ טאָג.

די סיסטעם פון פאַרקנעכטונג איז געווען אַזוי ראַפינירט, ווי די סיסטעם פון מאָרדן. לויט יאַנואַר 1942 האָט זיך אין דער ווילנער פּרעסע באַוויזן אַ נאָטיץ וועגן דער גרויסמוטיקייט פונעם געביטס-קאָמיסאַר הינגסט:

דער טאַריף פון אַרבעטס-לוין פאַר דער אידישער באַפעלקערונג איז געהעכערט געוואָרן".

און ווירקלעך, מען האָט געמאָלדן די אידישע אַרבעטער, אַז פון ערשטן דעצעמבער באַקומען זיי אַ העכערן לוין. דערפאַר אָבער ווערט אויך געהעכערט די אַרבעטס-צייט אויף צוויי שעה.

אַלע אַרבעטער האָט מען איינגעטיילט אין פינף קאַטעגאָריעס: ערשטע קאַטעגאָריע — נישט קוואַליפיצירטע, באַקומען פאַר אַ שעה אַרבעט 30 פעניג. צווייטע: האַלב-קוואַליפיצירטע — 34 פעניג, דריטע: פאַך - אַרבעטער — 38 פעניג, פערטע: 44 פעניג, און פינפטע קאַטעגאָריע-בריגאַדירן — צו 50 פעניג.

אין דער עמעסן האָט אָבער קיין איין קאַטעגאָריע נישט באַקומען מער ווי צו 15 פעניג אַ שעה. דאָס איבעריקע פלעגט צונעמען דער געביטס-קאָמיסאַר. די העכערונג פון די קאַטעגאָרעס איז, הייסט עס, געווען בלויז אַ מיטל נאָך מער צו באַרייכערן דעם געביטס-קאָמיסאַר הינגסט. און קעדיי צו מעהאַנע-זיין דעם אונטערנעמער איז דער אַרבעטס-טאָג פאַרלענגערט געוואָרן אויף צוויי שעה.

אין דורכשניט האָט דער געביטס-קאָמיסאַר פאַרדינט אויפן כעשבן פון אַ אידישן אַרבעטער 25 פעניג אַ שעה. אַזוי ווי אין דער אונטערנעמונג האָבן געאַרבעט קאָרעוו אַכט טויזנט אַרבעטער, פלעגט הינגסט פאַרדינען פון דער געטאָ אַרום אַ האַלבן מיליאָן מאַרק אַ כוידעש.

אָבער די 15 פעניג פלעגט דער אידישער אַרבעטער אויך נישט באַקומען. מען פלעגט אָראָפּרעכענען פאַרשידענע שטייערן, און אָפטער פון אַלץ פלעגט אים נאָך אויסקומען צו דערצאָלן די אויסנוצערס.

ענלעך צו דעם איז אויך געווען די לאַגע מיט דער געטאָ-פּראָדוקציע. מען האָט איינגעשטעלט אין געטאָ צענדליקער ווארשטאַטן: בלעכעריי, שלאָסעריי, מעבל סטאָלעריי, טאָקעריי, עלעקטראָטעכנישע, שניצעריי, קעסל - ווארשטאַטן, שניידעריי, שטעפּעריי, שוסטער, פלעכטעריי, פאַרבעריי, א קאַרטאָנאַזש-פאַבריק און אנדערע. און פאַר אַלע אויסאַרבעטונגען פלעגט באַקומען געצאָלט — הינגסט. נאָר וואָס מער באַשטעלונגען מען פלעגט אריינשיקן אין געטאָ, אַלץ מער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די געטאָ איז געזיכערט, אַז צוליב דער ארבעט לעבט מען.

אין יאַנואַר 1943 זיינען געווען אין געטאָ 34 געהיימע בעקערייען — 6 גרויסע און 28 קלענערע. די פּרייזן אף ברויט זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם סכום מעל, וועלכן מען האָט געהיים אריינגעפירט. פלעגט א טראַנספּאָרט מעל דורכפאַלן, פלעגן זיך די ברויט-פּרייזן הייבן. געווען א צייט, ווען א קילאָ ברויט האָט געקאָסט אין געטאָ 300 רובל. די דורכשניטלעכע פּרייז איז אָבער געווען 40 רובל א קילאָ. די בעקערייען פלעגן אויך אָנעמען פּריוואַטע מעל און אויסבייטן אף ברויט. פאַר א קילאָ מעל פלעגט מען געבן א קילאָ ברויט. דאָס איבעריקע איז געגאַנגען פאַר די אומזיסטע קיכן.

אין געטאָ האָט מען מאָנטירט א מיל. א העלפט פון די מאַשין - טיילן האָט מען געגאַנוועט אין שטאָט, די איבעריקע אליין דערמאַכט אין די מעכאַנישע ווארשטאַטן, די מיל האָט געאַרבעט דורך טאָג און נאַכט. די גרויס פון געמעל האָט דערגרייכט דריי טאָג א מעטלעס. דער קאָנסטרוקטאָר פון דער מיל, אינזשי-ניער פּאָליאַק, האָט אויך אויפגעבויט א מאַשין צו מאָלן גרויפּן. מען האָט אויך געשאַפן א פאַבריק צום אויסנוצן קאַרטאָפל-שאָלעכץ און פאַרפרוירענע קאַר-טאָפל. פון דער שאָלעכץ האָט מען ארויסבאַקומען קראָכמאַל און פון די גע-פרוירענע קאַרטאָפל — סיראָפּ, וואָס איז געוואָרן אויסגענוצט דורך א צווייט פאַבריקל אף צו מאַכן צוקערקעס.

אפן זעלבן וועג, ווי מען פלעגט אריינשמוגלען מעל, פלעגט מען אויך אריינפירן האָלץ פאַר דער געטאָ. דערוואוסט זיך, אַז מורער איז אַוועקגעפאָרן, פלעגן צענדליקער פורן מיט האָלץ, ווי זיי וואָלטן נאָר וואַרטן אף דער מינוט, אריינפאָרן אין געטאָ. האָלץ האָט מען אויך איינגעפירט לעגאַל — פון די וועל-דער, וואו עס זיינען געווען אידישע לאַגערן. נאָר אנשטאָט מורערס דערלויבע-ניש אריינצופירן, לעמאַשל, צען פורן, פלעגט מען מיט דער זעלבער דערלויבע-ניש אריינפירן נאָך צען, און נאָך צען — ביז וואַנען עס האָט זיך געלאָזן. דערביי פלעגט זיך שטענדיק געפינען אונטערן האָלץ עפּעס אנדערש: א זעקל קאָרן, קאַרטאָפל און אפילע א שעפּס.

*

א ביז גאָר וויכטיקע ראָל אין געטאָ האָבן געשפּילט די קוימען-קערער. אין געטאָ זיינען געווען 18 קוימען-קערער נאָך פון פאַר דער מילכאָמע

אמאָל איז דער פאַך געלעגן אין דורכאַוס אידישע הענט. נאָך דער גרינדונג פון דער געטאָ האָבן אויסגעפעלט קוימען-קערער פאַר דער שטאָט, מורער איז געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו די 18 אידן.

די 18 קוימען-קערערס האָבן באַקומען געלע שיינען און באַזונדערע פּריווילעגיעס. זיי האָבן געמעגט אַריינגיין און אַרויסגיין פון געטאָ צו יעדער צייט און געהאַט דאָס רעכט איינציקווייז צו גיין איבער דער שטאָט אין די נישט-אידישע וואוינונגען. אַזוינע רעכט האָט נישט געהאַט קיינער. אַ דאַנק אָט די פּריווילעגיעס זיינען די קוימען-קערער געוואָרן פאַרבינדלער צווישן דער אָפּגעשלאָסענער געטאָ און דער שטאָטישער באַפעלקערונג. זיי פלעגן אַרומלויפן אין שטאָט איבערן טראָטואַר מיטן שוואַרצן עמערל און בעזים אַף די פּלייצעס, פלעגן אָפּגעבן בריוולעך פון די געטאָ-אידן פאַר זייערע נישט-אידישע פריינט און פלעגן אָפּנעמען און ברענגען פאַר די געטאָ-מענטשן זאַכן און געלט, איבערגעלאָזטע צום היטן בא די געוועזענע שטאָטישע שכיינים. באַם אַריינגאַנג צוריק אין געטאָ פלעגן די קוימען-קערער אַריינטראָגן פּראָדוקטן אין די עמערס פאַר סאַזשע, וואָס זיינען אויבן פאַרמאַסקירט געווען מיט די שוואַרצע בעזימער.

דערזען, אַז די קוימען-קערער זיינען באַזונדערס נויטיק פאַר דער געטאָ, האָט מען אין געטאָ באַשלאָסן דעם פאַך צו פאַרברייטערן. מען האָט געעפנט קורסן און אין מעשעך פון צוויי וואָכן זיינען צוגעקומען צוואַנציק שפּאָגל-נייע ספּעציאַליסטן. די נייע פאַכלייט זיינען פריער געווען: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, סאָכרים, נאָר זיי האָבן גיך זיך אַקלימאַטיזירט אין דער אַטמאָספער פון סאַזשע. דער פאַך איז געווען דער סאַמע כאָשעווער. איך דערמאָן זיך מיט וויפל פאַכמענישן שטאָלץ עס האָט זיך געלאָזט מיטן שוואַרצן עמערל דער באַקאַנטער ווילנער אַדוואָקאַט קאַפּלאַן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ געבוירענער קוימען-קערער.

איצט איז מען שוין זאַלבעפערציק, און די „שוואַרצע" האָבן געשאַפן אַ סטאַטוט: יעטוועדער קוימען-קערער מוז דריי מאָל אַ טאָג אַריינטראָגן אין זיין סאַזשע-עמער קאָרענע מעל אין געטאָ.

נאָר פון לאַנג זיך דרייען דורכן געטאָ-טויער אַהין און צוריק זיינען אויך די פּריווילעגירטע קוימען - קערער אַריין אין אַ פאַרדאַכט. דעמאָלט האָבן זיי זיך אויפגערעדט מיט די פיל נישט-אידישע וועכטער, וואָס האָבן געוואוינט אַרום געטאָ און גענומען אַריינטראָגן פּראָדוקטן דורך די פאַרריניקטע בוידעמער. די הויפּט-מאַלינע איז געווען דורכן קלויסטער לעבן דעם לידסקער געסל.

בא דעם טראָגעניש באַנאַכט זיינען אויך געפאַלן קאָרבאָנעס. אַ געשטאַפּאָ-אַגענט האָט איינמאָל באַמערקט דעם קוימען-קערער הערץ, ווי ער קלעטערט אַף אַ דאַך מיט אַ זאַק קאַרטאָפל. דער אַגענט איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַ רעוואָלווער, אים שטאַרק צעשלאָגן און אַוועקגעפירט אין געשטאַפּאָ. ער האָט

אויך צונענומען הערצס פרוי מיט א מיידעלע פון דריי יאָר. די גאַנצע מישפּאָכע האָט מען דערשאָסן אין פּאָנאַר.

*

דאָס קולטור-לעבן אין ווילנער געטאָ, האָט זיך אָנגעהייבן אין זעלבן טאָג, ווען מען איז אריין אין געטאָ.

אין געטאָ האָט דער קויעך פון שאַפן זיך נישט אויסגעלאָשן.

## די שולן

מירע בערנשטיין, די געוועזענע דירעקטאָרן פון דער ווילנער רעאַל-גימנאַזיע, האָט אין טאָג פון גיין אין געטאָ מאַרשירט מיט אירע טאַלמידים צוזאַמען.

איר מאַכנע האָט מען פאַרשפאַרט אין דער צווייטער געטאָ. דעם זעלבן אָוונט האָט מירע אויפגעקליבן אירע קינדער און געלייענט זיי שאָלעם - אַליי-כעמס א מאַיסע.

אין דער כאָרעווער קאַבראַנישער קלויז, אפן שול - הויף, האָט זי אַריבערגעטראָגן די רעאַל-גימנאַזיע. אין אָנהייב איז באַשטאַנען איר שול פון 130 טאַלמידים. זי האָט זיי איינגעטיילט אין גרופּן. יעדע גרופּע וועדליק איר אַנטוויקלונג. ווען איין גרופּע האָט געלערנט, האָט די אַנדערע געקאָכט עסן. פאַריכט מאַלבושים. אינגיכן זיינען צוגעקומען לערער: מאַלקע כאַימסאָן און דער לערער גערשטיין. כאַימסאָן האָט געלערנט ליטעראַטור, און דער קראַנקער יאַקאָוו גערשטיין — געזאַנג. די שילער האָבן ליב געהאַט די לערער, האָבן געפונען אין זיי די פאַרלוירענע עלטערן. פון דער כאָרעווער און צעגראַמירטער סטראַשון-ביבליאָטעק האָבן די לערער אויסגעקליבן פאַר זייערע טאַלמידים ביכער. יעדער באַגינען פלעגט מירע איבערציילן די קינדער, און אַלע אינדערפרי איז געווען קלענער די צאָל — דורך די נעכט פלעגט די מערדערישע האַנט אַוועקרייסן קאָרבאָנעס. נאָר אַף מאָרגן האָט מען געלערנט ווייטער.

אָקטאָבער 1941 האָט מירע מיך פאַרבעטן אַף א פאָרשטעלונג אין איר שול. די כאָרעווע קאַבראַנישע קלויז איז געווען נישט צו דערקענען. דער אָרן-קוידעש איז באַהאָנגען מיט גרינס. אַף די פענצטער — וואַזאָנעס. די ווענט פאַרקלעפּט מיט ציטאַטן פון אידישע שרייבער.

די קינדער — פון הונדערט מיט דרייסיק איז שוין פאַרבליבן פערציק — האָבן אַלע געלויכטן אין יאָנטעוודיקע העמדלעך. רויטע בלימעלעך האָבן באַפּוצט זייערע ברוסטן.

אינמיטן דער פאָרשטעלונג האָט זיך דערהערט א טומל. די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען ווייטער. ווען א שאָס אָבער האָט דורכגעשניטן די שויב,

איז מירע אַרויס אינדרויסן — זען וואָס דאָ טוט זיך. איבער די הויפן און געס־לעך זיינען געלאָפן כאַפּונעס. מען האָט געכאַפּט מענטשן און זיי געפירט צום אויטאָ, וואָס באַם טויער.

מירע איז אַריינגעקומען צוריק, אַרויף אַף דער בינע און געמאָלדן:

— קינדער, די וואָס ווילן אונדז אומברענגען זיינען דאָ אין געטאָ. קיי־נער זאָל נישט שרייען, זאָל זיך נישט צעלויפן. שטיל און טומל זאָל מען אַרונ־טערקריכן אונטער דער בינע. די ערשטע זאָלן אַרונטערגיין די איננגסטע, און אַזוי ביזן לעצטן, לויטן סיידער פון די יאָרן.

א גאַנצע נאַכט האָט מירע געוואַכט באַ דער טיר: אויב די כאַפּונעס וועלן זיך אַריינרייסן אין קלויז, וועט זי זיין דער קאָרבן פאַר אַלע: די כאַפּונעס וועלן מיינען, אַז דאָ איז קיינער מער נישטאָ און וועלן זיך באַגנוגענען מיטן איינציקן קאָרבן.

די כאַפּונעס זיינען אין קלויז נישט אַריין. זיי האָבן אָנגעכאַפּט די באַ־שטימטע צאָל קעפּ און זיינען אַוועק פון געטאָ.

באַ דער ליקווידאַציע פון דער צווייטער געטאָ איז פון די 130 איבער־געבליבן בלויז 7 שילער. מירע האָט זיי אַריבערגעטראָגן אין דער ערשטער געטאָ.

✻

פון די 29 טויזנט, וואָס זיינען אַריין אין דער ערשטער געטאָ, האָבן די לערער גלייך פאַרעגיסטרירט די פאַראַנענע קינדער. 2712 איז געווען זייער צאָל. מען האָט גלייך רעמאָנטירט די כאַרעווע געביידעס און געשאַפן דאָרט שולן. מען האָט באַזאָרגט די קינדער מיט קליידער און עסן, מיט ביכער און פּאַפּיר. די, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאָט, האָבן עס געבראַכט פאַר די קינדער אַ מאַטאָנע. דער שול־היגיענישער פונקט האָט געזאָרגט פאַרן געזונט.

דער כאַראַקטער פון די שולן אין געטאָ האָט זיך פיל נישט געענדערט פון דער לאַנג־יאָריקער ווילנער טראַדיציע.

די קינדער האָבן אַליין מיטגעהאָלפן אין אויסבויען די געהיימע שולן. מען האָט אויסגעפּוצט די צימערן מיט בילדער פון שרייבער, מיט וואַנט־ציי־טונגען און גרינס. מען האָט אויסגעמאָלט מאַפּעס און געהאַלטן רעפעראַטן.

✻

ווינטער 1942 האָבן זיך געלערנט אין געטאָ 1500 קינדער. דאָס לערנען זיך איז געווען אומזיסט. פאַר אומפאַרמעגלעכע און פיזיקע טאַלמידים האָט די לערערשאַפט באַשטימט סטיפּענדיעס.

אין יולי 1943 האָט מען איינגעפירט אין געטאָ אַלגעמיינעם שול־צוואַנג. אין דער צייטונג „געטאָ־ידיעות" נום. 45 האָט זיך באַוויזן פאָלגנדיקע נאָ־טיץ:

„עס ווערט געוואָרנט, מען זאָל אויספירן די פאָראָרדענונג וועגן שול-צוואַנג, אַנישט וועט מען די שולדיקע איבערגעבן צום געטאָ-געריכט".

אַ קינד אין געטאָ איז נישט צו פאַרגלייכן מיט אַ קינד פון די רואיקע צייטן. ווער עס האָט פאַרזוכט אַ מאַלינע, איז שוין געניט אין לעבן, האָט מער אַכראַיעס פאַר זיך און פאַר דער געזעלשאַפט. אַ קינד אין געטאָ, אויב נאָר עס האָט עלטערן אָדער קרויווים, וואָס גייען אינדערפרי צו דער אַרבעט, דאַרף קאָכן פאַר זיי אין שטוב מיטיק, מוז זאָרגן, אַז מורער, וואָס קאָנטראָלירט די וואוינונגען, זאָל די שפייז נישט געפינען. אויב דאָס קינד איז אַ יאָסעם, דאַרף עס זאָרגן נאָך מער: עס מוז זיין אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ סטאָליער, אַ בעקער. און דאָך האָט דער גרעסטער טייל געטאָ-קינדער באַזוכט די שולן.

די געטאָ-שולן האָבן קעסיידער זיך אַנטוויקלט. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלע שול - אָפּטיילונג באַם אידנראַט. בעראָש פון דער אָפּטיילונג איז געשטאַנען דער אַלטער ווילנער לערער אַליצקי און די לערערן ראָכל ברוידאָ.

באַם סאָף געטאָ איז די שול-אָפּטיילונג באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: צוויי קינדער-גערטנער פאַר קינדער פון פאָרשול-עלטער, דריי פאָלקס-שולן פאַר קינדער אין עלטער פון זיבן ביז דרייצן יאָר, אָנגעפירט דורך די לערער באָרעך לובאָצקי, גייקין און בושעל. אַ געהיימע פאָלקס-שול, אָרגאַניזירט דורך דער שול-אָפּטיילונג אין ווילנער קאָנצענטראַציע-לאַגער „קיילים". אָנגעפירט דורך דעם לערער יאַנקל קאַפּלאַן, אַ גימנאַזיע אין געטאָ, — דירעקטאָר לייב טורבאָוויטש. אַ מוזיק-שול — געשאַפן דורך די מוזיקער א. סליעפּ און טאַמאַרע גערשאָוויטש, — און אַ טעכניקום אונטער דער אָנפירונג פונעם אינזשיניער שרייבער.

די גימנאַזיע איז אַנטשטאַנען אין פרילינג 1942. דער דירעקטאָר לייב טורבאָוויטש האָט זיך געהאַלטן פאַר דער פּראָגראַם פון דער אַמאָליקער רעאַל-גימנאַזיע. ער איז געווען שטרענג און אַ סאַך געפאָדערט. פינף זיינע שילער האָט ער פאַרהאַלטן אויף נאָך אַ יאָר. דערפאַר איז ער געווען גליקלעך, ווען אַ טאַלמיד האָט זיך גוט געלערנט. ער האָט מיך איינמאָל באַגעגנט אַ דערפרייטער און באַוויזן אַ ווערק וועגן ראַמבאַם, געשריבן פון זיין 16-יאָריקער שילערן ראַטנער.

אין דער גימנאַזיע האָבן זיך געלערנט בא 150 טאַלמידים. עס זיינען געווען פאָלגנדיקע לימודים: אידיש, העברייאיש, מאַטעמאַטיק, פיזיק, אידישע געשיכטע, נאַטור-וויסנשאַפט, געאָגראַפיע, כעמיע, לאַטיין, ענגליש, צייכענען און גימנאַסטיק. די טאַלמידים האָבן געאַרבעט אינטענסיוו, פלעגן שרייבן שריפטלעכע אַרבעטן און האַלטן רעפעראַטן. בעיס די לימודים פון כעמיע איז מען געגאַנגען באַקוקן די געהיימע פאַבריקן און לאַבאָראַטאָריעס אין געטאָ, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט סאַכאַרין, זייף, סיראָפּ, קראָכמאַל, ביר א. א. וו.

די נאַטור-וויסנשאַפטלעכע לימודים האָבן זיך באַזירט אויף אַן אַליין אויפגעקליבענעם מאַטעריאַל. די קינדער פלעגן אַרומלויפן איבער די געסלעך און

יאָגן זיך נאָך פארוואָגלטע פלאטערלעך. און ווי אַפגענארט און אומעטיק מען איז געבליבן, ווען אַ פלאטערל האָט זיך אריבערגעהויבן איבער די טויערן פון דער געטאָ...

די עלטערן, וואָס זיינען געגאנגען אַף צוואנגס-ארבעט, פלעגן אויך אריינ-גאנווענען פון שטאָט פאר זייערע קינדער בלומען, בלעטער און געוויקסן.

די מוזיק-שול האָט געהאַט אָפטיילונגען פאר קלאַוויר, פידל און געזאַנג. אין דער שול האָבן זיך געלערנט 100 שילער. עס פלעגן פאָרקומען עפנטלעכע קאָנצערטן פון די שילער. דער פיאַניסט קאָמפּאָזיטאָר אליק וואָלקאָוויסקי, אַ צוועלף יאָריקער, האָט באַגייסטערט דעם עולם מיט זיינער אַן אייגענער שאַ-פונג, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעפירט. עס האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט דער אכט-יאָריקער טויבנהויז און די עלף - יאָריקע פידלערן דיניע בעניאַקאָווסקי.

ד טעכנישע שול האָט אין קורצע זעקס כאַדאָשימדיקע קורסן ארויסגע-לאָזט צענדליקער עלעקטראָטעכניקער און שלאָסער.

לעקאָוועד די, וואָס האָבן געענדיקט די שולן, האָט מען צום סאָף יאָר איינ-געאָרדנט פייערלעכע סיאָמים. דער אביטוריענט פון דער געטאָ - שול האָט באַ-קומען אַן אָפיציעלן אַטעסטאַט מיט אַ וואונטש וואָס גיכער באַפרייט צו ווערן פון געטאָ. צו יעדן אַטעסטאַט האָט דער דירעקטאָר בייגעלייגט אַ רויז.

אויסער די סיאָמים זיינען אויך פאָרגעקומען שול - יאָנטויווים פאר די עלטערן.

באַ די שולן איז געווען אַ יוגנט-קלוב. דאָרט זיינען יעדער אָוונט געקומען די שילער און אין אַ ריינעם ליכטיקן זאַל האָט מען געגרייט די לעקציעס. אין קלוב איז אויך געווען אַ לייען-זאַל, אַ צימער צו פאַרווײַלן זיך און ווארשטאַטן, וואו די יוגנט, וואָס לערנט זיך בייטאָג, זאָל אין די אָוונט-שאָען זיך אויסלערנען אַ פאַך. דער יוגנט-קלוב איז געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע סעקציעס. מיט די סעקציעס האָבן אָנגעפירט: לערער, שרייבער און געלערנטע. מען האָט זיך פארנומען מיט ליטעראַטור, געשיכטע, שפּראַך, מאַטעמאַטיק, פיזיק. מען האָט אויך געקליבן פאָלקלאָר און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער געטאָ. די דראַמאַטישע סעקציע האָט געגרייט ספּעקטאַקלען.

*

צו דער שול-אָפטיילונג האָבן געהערט 70 לערער. זיי האָבן געשאַפן אַ פאַריין. אין די אָוונטן פלעגט מען זיך צונויפטרעפן אַף אַרומריידן וועגן נייעס אַף די פראָנטן. יעדן פרייטיק האָבן פארשידענע לערער דאָרט געהאַלטן רעפע-ראַטן. אינטערעסאַנט זיינען געווען די שמועסן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון גע-טאָ-קינד. דער לערער-פאַריין האָט אויך איינגעאָרדנט פאר די לערער סעמינאַרן. באַרעך לובאָצקי האָט געלייענט וועגן מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע. די היסטאָריקערן דר. ליזע גאָרדאָן — וועגן דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם.

די לערער האָבן געשטרעבט צו שאַפן באַ די קינדער אַן אילוזיע פון אַ

נאָרמאַלן לעבן. זיי האָבן געגלויבט, אַז די גאולה איז שוין נאָענט און האָבן אָט דעם גלויבן געפלאַנצט אין די קינדערשע הערצער. זיי האָבן גע-שטרעבט מיט אַלע קויכעס, אַז די קינדער זאָלן אַרויסגיין פון געטאָ נישט קיין פאַרקריפּלטע, נאָר מענטשן שטאַלצע, באַוואוסטזיניקע, געזונטע און פייאיקע צו ווייטערדיקער אַרבעט.

אויסער די דערמאָנטע שולן, וואָס האָבן געהערט צו דער שול-אָפּטיילונג אין געטאָ, זיינען נאָך געווען אַנדערע לערן-אַנשטאַלטן, ווי אַ קונסט-שול, אַ שול פאַר ריטמיק און פּלאַסטיק (אָנגעפירט דורך נינע גערשטיין), אַ דראַמאַטי-שע שול א. א. געווען אויך צוויי אינטערנאַטן, אַ טאָג-היים, פאַך-קורסן, אַ ביי-דער און צוויי ישיבות.

*

לויט אַ באַפעל פון מורערן האָבן אין געטאָ זיך נישט געטאָרט געפינען קיין ראַבאָנים. מען האָט נישט געטאָרט דאַווענען און דורכפירן קיין רעליגיעזע צערעמאָניעס. ווי די מאַראַנען בעיים דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, האָבן די רעליגיעזע אידן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער גלויבן. אין ראָוו שאָולקעס קלויז האָבן זיי געגרינדעט אַ ישיבה אָפן נאָמען פון ראָוו כאַים-אויזער גראָדזענסקי. עס האָבן זיך דאָרט געלערנט דרייסיק באָכערים, דער ראָש-ישיבה איז געווען איצכאָק קאַרניקס. שפּעטער איז אויך געוואָרן אַ ישיבה-קטנה פאַר קינדער. דער ראָש-ישיבה איז געווען אַרן בערעק.

די ישיבה-לייט פלעגן לערנען אין די נעכט. בייטאָג איז מען געגאַנגען אָף צוואַנגס-אַרבעט. ווען די צוויי ישיבות האָט דער געטאָ-אוילעם קימאַט ווי נישט געוואוסט. בלויז אין דער צייט פון אַ שכיטע פלעגט אַדורכדרינגען דורך די געסלעך דער ניגן פון אַ קאַפּיטל טילים — דאָס פלעגן דעמאָלט די ישיבה-לייט העכער אופהויבן זייערע שטימען, דער גאָט, וואָס וואוינט אויסערן געטאָ, זאָל דערהערן און זיך דערבאַרעמען.

## טעאַטער

אין אַ טאָג אַרום נאָכן דערשיסן מיין מאַמען, איז געקומען מיך מענאַכעם-אָוול זיין דער יונגער רעזשיסער ווייסקינד. ער האָט מיך פאַרבעטן אָף אַ צע-נויפקום מיט אידישע אַקטיאָרן. עס איז דאָ אַ געדאַנק צו שאַפן אַ טעאַטער.

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— אַ טעאַטער אין געטאָ?

— יאָ, — האָט מיר ווייסקינד באַשטעטיקט, — מיר מוזן טאָן דאָס אונ-דזעריקע. אויך מיט אָט דעם געווער זיך אַנטקעגנשטעלן דעם סוינע. מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן אָף קיין איין מינוט. לאָמיר אויך שאַפן אַ טעאַטער — דערפרייען און דערמונטערן די געטאָ. מיר וועלן זיין עפּשער אַן אָנהייב צו אַ נייעם אידישן טעאַטער אין אַ באַפרייטער וועלט.

אַף סטראַשון-גאַס 7, אַף אַ קאַלט בוידעמל בײַ דעם אַרטיסט בליאַכער, האָב איך זיך געטראָפן מיט די געבליבענע אַרטיסטן. אַלע כאַווײרים זײַנען געװען פאַר אַ טעאַטער. איך בין אויך געװאָרן אָנגעשטעקט מיט דער מײנונג און האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון רעזשיסער צו װערן דער ליטעראַרישער אָנפירער פון פראָיעקטירטן טעאַטער.

עס איז געװען שװער מיטן צוקלײבן מאַטעריאַל. מיט װעלכן װאָרט זאָל מען קומען צום אוילעם, קעדײ ניט צו פאַרשװעכן דעם טרויער פון אַ פאָלק? װי אַזױ זאָל מען אַװעקנעמען פון די אויגן דעם אָפּבילד פון קװאָרים? און מיט װעלכן קױעך זאָל מען באַװעלטיקן דעם געטאָ-מענטש, ער זאָל אויפּסנײ באַנעמען די הערויִק פון זײַן געשיכטע, זאָל דערפילן שײנקײט און גלױבן אין דער צוקונפט?

דער פּראָגראַם פון דעם ערשטן קאָנצערט איז באַשטאַנען: „גלוסט זיך מיר װײנען" פון ביאַליק (כאָראַלע דעקלאַמאַציע). פאָלקס-לידער, געזונגען דורך אײדלסאָן און ליובע לעװיצקי. „מירעלע עפראָס" פון יאַנקעװ גאָרדין (פראַגמענטן). אין דער ראָל פון מירעלען האָט געשפּילט עסטער ליפּאָװסקי, קלאַװיר-קאָנצערט נאָקטורן (ב מאָלל) פון שאָפּען, אויסגעפירט דורך סאָניע רעכטיק. אַן אינסצענירונג פון סטעפאַן צװײגס דערציילונג „די מוטער ראָכל" און „די גאָלדענע קײט" פון י. ל. פּערעץ (פראַגמענט).

אויסער די דראַמאַטישע פראַגמענטן, װי „מאַזל טאָװ", „שלוימע מאָלכױ", „די גאָלדענע קײט", „דער גוילעם" און אַנדערע, זײַנען געשטעלט געװאָרן פאָלגנדיקע גאַנצע פּיעסן: „גרינע פעלדער" — פון פּערעץ הירשבײן, „דער מענטש אונטערן בריק", קאָמעדיע פון אָטאָ אינדיק (מען האָט די פּיעסע איבערגעזעצט אין געטאָ אַף אידיש), „דער מאַבל" פון בערגער, „דער אוצער" פון פּינסקי. „טעװיע דער מילכיקער" פון שאָלעם אַלײכעם האָבן מיר בלויז צוגעגרײט און ניש באַװיזן אויפצופירן. אין מעשעך פון די פראָבן אַף „טעװיעןׅ" זײַנען אומגעקומען אַרטיסטן.

פאַר די באַליבטע אַקטיאָרן האָבן זיך גערעכנט: יאַנקעװ בערענגאָלסקי, מאַקס שאַראָװסקי, עסטער ליפּאָװסקי, שאַבסע בליאַכער, דער קאָװנער אַרטיסט רויטבלום, יעקוסיעל רוטנבערג און דער „געטאָ-שטערן" כאַיעלע ראָזענטאַל.

עס זײַנען געװען אויך פיל פאָרשטעלונגען, ספּעקטאַקלען און פײערונגען פון יוגנט-קלוב, פון די שול-קינדער, פון אינטערנאַט פאַר הײמלאָזע „ילדים", פון די קינדער-גערטנער א. אנד.

## מוזיק

די װילנער אידישע מוזיקער האָבן אין די טעג פון די כאַפּונעס, אײדער מען האָט אַרויסגעטריבן פון די הײזער, פאַרגראָבן זײערע אינסטרומענטן אין דער ערד. דורך אַ קאַנאַל פון די פאַרמויערטע געטאָ-געסלעך איז מען שפּעטער

אַרויסגעקראָכן און אויסגעגראָבן די אינסטרומענטן פון דער ערד און אַדיינגע-בראַכט זיי אין געטאָ. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון וואָלף דורמאַשקין.

די מוזיקער האָבן געאַרבעט אַף צוואַנגס-אַרבעט אין שטאָט. פון דאָרט האָבן זיי אַריינגעטראָגן אין געטאָ אַ פּיאַנע. די פּיאַנע האָבן זיי געפונען אין אַ פּוסטער אידישער דירע. יעדער מוזיקער האָט ביגנייווע אַריינגעטראָגן אַ טייל פון דער פּיאַנע. אין געטאָ האָט זיך שוין געפונען אַ מייסטער, וועלכער האָט די פּיאַנע אויפגעשטעלט.

באַם סאָף געטאָ איז דער אָרקעסטער באַשטאַנען פון פערציק מוזיקער.

מען האָט געהערט טשייקאָווסקיס „פינפטע סימפאָניע". מאָצאַרטס אָו-ווערטיורע צו דער אָפּערע „פיגאַראָס כאַסענע", דוואָזשאַקס פינפטע סימפאָניע, שאָפּענס קלאַוויר-קאָנצערט ע-מאָל, בעטהאָווענס אָאווערטיורע לעאָנאַרע נומער 3, בעטהאָווענס נײַנטע סימפאָניע א. א.

עס זיינען אויך פאָרגעקומען קאָנצערטן פון באַזונדערע מוזיקער (קלאַוויר, פידל און געזאַנג). מיט מאָצאַרטס אַ קאָנצערט אַף צוויי קלאַווירן זיינען אויפ-געטראָטן די מוזיק-פּראָפעסאָרן, די פרויען גערשאָוויטש און פייגוס, י. ראַבי-נאָוויטשעס פידל-קאָנצערט פון פּאַגאַניני איז געווען דער הויך - פּונקט פון מו-זיקאַלישער דערגרייכונג פון די קאָנצערטן.

*

## „פאַריייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ"

דעם 17-2-1942 איז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג פאַר אַ פאַ-רייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער אין ווילנער געטאָ. עס זיינען בייגעווען אַרום הונדערט מענטשן: שרייבער, מוזיקער, אַרטיסטן און מאָלער.

מיטגלידער פון דער פאַרייניקונג האָבן געקאָנט ווערן אַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען אַקטיווע מיטגלידער פון ליטעראַטן-זשורנאַליסטן - אַרטיסטן-מוזי-קער- און פּלאַסטיקער-פאַריינען, און די פּערזאָנען, וואָס זיינען שעפעריש-טע-טיק אַף אַלע געביטן פון ליטעראַטור און קונסט.

אין דער ערשטער אויסגעקליבענער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין: ז. קאַלמאַ-נאָוויטש, יאַנקעוו גערשטיין, ה. גוטגעשטאַלט, הערמאַן קרוק, שאַבסע בליאַכער, י. שער, ס. שאַדאָווסקי, יוסעף גלאַזמאַן און אַ. סוצקעווער.

וואָס האָט די פאַרוואַלטונג אויפגעטאָן? — קוידעם-קאָל האָט זי געהאָלפן די מיטגלידער פון פאַרבאַנד, געזאָרגט פאַר זיי אין אַרויסבאַקומען געלט און ראַזע שיינען (דאָס איז אין יענע טעג געווען אַ פראַגע פון טויט און לעבן). זי האָט געזאַמלט פאַרלוירענע שאַפונגען פון די פאַרשלעפּטע כאַוויירים, צוגעטראָ-טן צו באַאַרבעטן אַ כראָניק וועגן אַלע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער, וועלכע די דייטשן האָבן דערמאָרדעט, און האָבן געגרייט אַ ליטעראַרישן אַלמאַ-נאַך פון די שאַפונגען אין געטאָ.

אַט זיינען עטלעכע פון די ליטעראַרישע-קינסטלערישע אוונטן: אַן אוונט לעקאַוועד באַרעך שפינאָזע, רעפעראַט פון דר. צעמעך פעלדשטיין; „אידישע מוזיק״ מיט אילוסטראַציעס, רעפעראַט פון יאַנקעוו גערשטיין; וועגן די פערצן טעג פון „מוזאַ דאַג״ פון פראַנץ ווערפעל, רעפעראַט פון לעאַ בערנשטיין; אַן אוונט געווידמעט מאַרק שאַגאַל, רעפערירט פון יאַנקעוו שער; „קידעש-האַשעם-מאָטיוון אין דער אידישער ליטעראַטור״, רעפעראַט פון באַרעך לובאַצקי; קאָלעקטיווע אוונטן געווידמעט דער קולטור-געשיכטע פון דער אַמאָליקער ווילנע און אַמאָליקער וואַרשע.

*

די פאַראייניקונג פון ליטעראַטן און קינסטלער האָט געשאַפן אויך אַ געטאָ-אוניווערזיטעט, אונטערן נאָמען „וויסנשאַפטלעכער קרייז״. עס האָבן געאַרבעט פינף סעקציעס: סעקציע פאַר מאַטעמאַטיק און פיזיק, אַ סעקציע פאַר כעמיע, פאַר נאַטור-וויסנשאַפט, פאַר לינגוויסטיק און אַ סעקציע פאַר פילאָזאָפיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון אַלע סעקציע-אָנפירערס בעראָש מיט ז. קאַלמאַנאָוויטש.

יעדע סעקציע האָט געפירט איר אַרבעט באַזונדער. בא דער סעקציע פון כעמיע האָט זיך געשאַפן אַ טעכנאָכעמישע לאַבאָראַטאָריע. בא דער פילאָזאָפישער סעקציע האָט זיך געעפנט אַ קורס פון עטנאָגראַפיע, עטנאָלאָגיע און פאָלקלאָר פאַרן ברייטערן עולעם.

*

די פאַראייניקונג האָט אויך פּראָקלאַמירט קאָנקורסן אַף די דריי געביטן פון קונסט: ליטעראַטור, מוזיק, מאָלעריי. די דאָזיקע קאָנקורסן האָבן זיך איבערגעכאַזערט צו דריי מאָל. עס זיינען אָנגעקומען צענדליקער פּאָעמעס, דראַמעס, קאָמפּאָזיציעס און בילדער. אַלץ געשאַפענע אין דער באַהאַלטענער געטאָ.

איך האָב געהאַט דעם קאָוועד צו באַקומען די ערשטע ליטעראַטור-פּרעמיע פון ווילנער געטאָ פאַר מיין דראַמאַטישער פּאָעמע „דאָס קיוועריקינד״.

## די קונסט-אויסשטעלונג

אין מערץ 1943 האָט זיך אין פּאָיע פון ווילנער געטאָ-טעאַטער געעפנט אַ קונסט-אויסשטעלונג. צווישן די עקספּאָנאַטן זיינען געווען: ראָכל סוצקעווערס פאַרביקע פּייזאַזשן; י. שערס גראַפיק פון „דער אַלטער געטאָ״; מיניאַטורן, אויסגעשניצט פון האָלץ, פון דייכעס, נאָטעס און מוליע. מאָדעלן פון דער אַרכיטעקטאָרן ראָס, און די אַרבעטן פון דעם ניין-יאָריקן זאַלמען באַק.

*

לעקאָוועד דעם אידישן דיכטער און טאַנאַך-איבערזעצער יעהואַש, האָט

דער ליטעראַרישער קרייז איינגעאָרדנט אַ רייכע, פאַרביקע אויסשטעלונג אין דעם לאָקאַל פון יוגנט-קלוב.

די אויסשטעלונג, ווי דאָס גאַנצע קולטור-לעבן אין געטאָ, איז געווען אומלעגאַל, בייטאָג פלעגט מען פאַרשטעלן די טיר מיט ברעטער; טאָמער וועלן די דייטשן ארומגיין קאָנטראָלירן. זאָלן זיי נישט זען דעם אריינגאַנג. ערשט ביינאַכט פלעגט מען עפענען די אויסשטעלונג.

## דאָס קולטור-הויז אַף סטראַשון-גאַס 6

איינער פון די וויכטיקסטע קולטור-צענטערס אין ווילנער געטאָ איז געווען דאָס קולטור-הויז אַף סטראַשון-גאַס 6. אין דער געביידע האָבן זיך געפונען פאָלגנדיקע אינסטיטוציעס: ביבליאָטעק, לייען-זאַל, ארכיוו, סטאַטיסטישער אמט, אדרעסן-ביוראָ און מוזיי.

*

נאָך מיט לאַנגע יאָרן פאַר דער מילכאָמע האָט אַף סטראַשון-גאַס 6 זיך געפונען די ביבליאָטעק „מפיצי השכלה". ווען די אידן זיינען געקומען אין געטאָ, האָבן זיי געזען ווי הונדערטער ביכער פון דער ביבליאָטעק וואַלגערן זיך אין די געסלעך.

דער וואַרשעווער ביבליאָטעקאַר הערמאַן קרוק האָט זיך מיט האַסמאַדע גענומען אויפשטעלן אפדאָסניי די ביבליאָטעק. דעם צענטן סעפּטעמבער 1941 האָט מען שוין געביטן ביכער.

מענטשן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָבן זעלטן ווען גענומען אַ בוך אין האַנט, זיינען איצטער געלאָפן אין ביבליאָטעק. אַ בוך איז געוואָרן אַ פּריינט, אַ טרייסט אין דעם עלנט. אין די מאַלינעס, אין די אונטערערדישע היילן, פאַר אַ קנויטל ליכט, פאַר אַ קאַרגן שטראַל, וואָס איז אריין דורך אַ שפּאַרונע, האָט מען געלייענט ביכער.

אין נאָוועמבער 1942 האָט די צאָל ארויסגעגעבענע ביכער פאַר דער צייט פון געטאָ דערגרייכט 100.000. לעקאָוועד דעם האָט די ביבליאָטעק דורכגעפירט אַ פייערלעכן פרימאָרגן, וואו מען האָט פאַרטיילט ביכער-פּרעמיעס דעם ערשטן און דעם לעצטן אַבאָנענט.

בא דער ביבליאָטעק איז אויך געווען אַ באַהאַלטענע ביכער-קראָם. די ביכער האָט מען אריינגעגאַנוועט פון שטאָט: פון די אידישע כאַרעווע ביבליאָטעקן און מוזייען.

*

דער געטאָ-ארכיוו און מוזיי האָבן געהאַט אויפגעזאַמלט אַ ריזיקן אויצער

דאָקומענטן פון געטאָ און שטאָט. די מאַטעריאַלן זיינען פאַרבאַסמעט געוואָרן אין בלעכענע קאַסטנס און מען האָט זיי באַגראָבן ביז צו בעסערע צייטן.

דער סטאַטיסטישער אַמט האָט געקליבן יעדיעס וועגן אַלע געטאָ-אַנשטאַלטן און האָט זיי באַאַרבעט אין דער פאָרם פון סטאַטיסטישע ביולעטינען. דער אַמט האָט פּאַרטיק געמאַכט ביולעטינען: וועגן געזונט-שוץ, סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, אַרבעט, קולטור-לעבן, אַדמיניסטראַציע, באַשפּייזונג און אַנדערע געביטן פון געטאָ-לעבן.

פון די איבער 300 קולטור-טוער אין ווילנער געטאָ (לערער, שרייבער, אַרטיסטן, געלערנטע, מאָלער און מוזיקער) איז קימאַט קיינער ניט געבליבן. פון די פּאָר טויזנט קינדער אין די געטאָ-שולן זיינען געבליבן בלויז עטלעכע צענדליק.

## דער שפּיטאָל און אָרגאַניזאַציע פון ריינקייט

140 יאָר האָט עקזיסטירט אין ווילנע דער אידישער שפּיטאָל, וועלכן מען האָט גערופן אַמאָל — דער העקדעש.

באַם שאַפן דעם געטאָ האָבן די דייטשן אַרויסגעשיקט פון שפּיטאָל אַלע ניט-אידישע קראַנקע און דאָקטוירים, זיי האָבן צוגענומען אַלע מעדיצינישע אינסטרומענטן, רעפּועס, פּראָדוקטן און האָבן אַריינגעשיקט אַהין די אידישע מעשוגאָים און אַלע אידן מיט קלעפּיקע קראַנקייטן, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויפגעהאַלטן אין די שטאָטישע שפּיטעלער. אַפן געטאָ-טויער האָט זיך באַוויזן אַ שילד: „אַכטונג, זעוכע-געפאַר! איינטריט פיר ניט-יודען פערבאָטען!" דערביי האָט הערינג (איינער פון די דעמאָלסטיקע שעפן פון געשטאַפּאָ) אָנגעזאָגט דעם אידנראַט: אויב ער וועט געפינען אַ קרעציקן, אָדער אַ קראַנקן מיט פלעקן - טיפוס, איז אַ סאָף צום געטאָ.

אין די ערשטע טעג פון געטאָ איז געקומען שווייגענבערג אין שפּיטאָל און גענוי באַטראַכט יעדן קראַנקן. אַ סאַך האָט ער „דערקלערט" פאַר אומהיילבאַרע און האָט באַפוילן זיי אַוועקפירן אין „אַ צווייטער שטאָט". שווייגענבערג האָט אויסגעקליבן דעם מעשוגענעם קאַמבער און אים באַשטימט פאַרן עלטסטן פון אידנראַט. ער האָט איינגעאָרדנט קאַמבערן אין אַ ספּעציעלן קאַבינעט אין אידנראַט און אים נעגעבן אַ שטאַב מיטאַרבעטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שווייגענבערג געקומען צו די מעשוגאָים אין קאַמער און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע:

— דאָ אין געטאָ איז אייך שלעכט, קומט, פאָרט מיט מיר אין אַ צווייטער שטאָט, דאָרטן וועט אייך גאָרניט פעלן. דערביי האָט ער אַרויסגענומען בולקעס און געוואָרפן פאַר די מעשוגאָים.

מיט פרייד און געלעכטער האָבן די קראַנקע זיך צוגעכאַפּט צו שווייגענ-

צערגס מאַטאָנעס. אַ סך האָבן אַריינגעטאַנצט אין אויטאָ. אַנדערע האָבן זיך געראַנגלט מיט די כאַפּונעס און ניט געלאָזט זיך נעמען. ווען דריי אויטאָס זיינען שוין געווען אָנגעפּאַקט מיט מעשוגאָים, האָט שווייגענבערג געפּרעגט קאָמבערן, צי עס גלוסט זיך אים ניט מיטפאָרן אין דער צווייטער שטאָט. אויב יאָ, וועט ער דאָרטן ווערן דער אָנפירער איבער אַלע עוואַקואירטע.

קאָמבער איז מאַסקים געווען. ער האָט זיך אַריינגעזעצט מיט שווייגענבערגן אינאיינעם און מיט פאַראַד האָט אים זיין האַר אַוועקגעפירט אין „דער צווייטער שטאָט”.

✻

אַף באַזונדערס קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס און וויכטיקע קאָנסיליומס פלעגט מען פאַרבעטן אין שפּיטאָל די ניט-אידישע פּראָפעסאָרן מיכיידאַ און יאַנושקעוויטש. געהיים, דורך אַ זייטיקן אַריינגאַנג, פלעגן זיי ביינאַכט זיך אַריינשאַרן אין געטאָ. אויך די שטאָטישע אַפּטייקן האָבן געהאָלפן דעם געטאָ-שפּיטאָל. אַזוי ווי לויטן געזעץ האָבן קיין אידן ניט געטאָרט באַקומען מעדיצינישע הילף מעבוץ די גרענעצן פון געטאָ, פלעגן די אידישע דאָקטוירים אויסשרייבן די רעצעפּטן אונטער פאַלשע נעמען. די שטאָטישע אַפּטייקער האָבן וועגן דעם געוואוסט. זיי האָבן אָבער קיינמאָל ניט געמאַכט קיין שוועריקייטן באַם אַרויסגעבן די רעפואָס. נאָך אַ מאָקער צו באַקומען מעדיקאַמענטן, און דער סאַמע וויכטיקסטער, זיינען געווען די שטאָטישע שפּיטעלער, וואו אידן האָבן געאַרבעט אַף צוואַנגס-אַרבעט. פון מיליטערישן שפּיטאָל אַף אַנטאָקאָל, פון שפּאַנישן קריגס-לאַזאַרעט פלעגן די אַרבעטער אַריינטראָגן אין געטאָ וואָס נאָר די דאָקטוירים האָבן באַ זיי באַשטעלט. שפּעטער האָט זיך אָנגעהייבן אין געטאָ גופע די פאַבריקאַציע פון מעדיקאַמענטן.

ווי שוין דערמאָנט האָט מען דעם געטאָ-שפּיטאָל געוואָרנט, אַז אויב מען וועט געפינען אַ קלעפּיקן קראַנקן איז דער געטאָ אין סאַקאָנע. וואָס אַן עמעס, קיין סאַך אַזוינע פאַלן זיינען נישט געווען. אָבער די עטלעכע קראַנקע, וואָס זיינען יאָ געווען (דער איקער — מענטשן, געבראַכטע פון פאַרשידענע לאַגערן) האָט מען געהיילט בעשטיקע אונטער אַנדערע דיאַגנאָזן.

צווישן אַנדערע אַנשטאַלטן איז באַם אידנראַט געווען אויך אַ געזונטהייטס אָפּטייל. ער האָט געהאַט פאַרשידענע סעקציעס, וואָס זייער אַלעמענס אויפגאַבע איז געווען: אויפהאַלטן די ריינקייט אין געטאָ און העלפן דער באַפעלקערונג איינהיטן דאָס געזונט.

עס האָט געאַרבעט אַ סאַניטאַר-עפּידעמיאָלאָגישע סעקציע, סאַניטאַרע פּאָליציי, אַ סעקציע פאַר הייל-אינסטיטוציעס, אַ קינדער-שוץ-סעקציע, אַ ביימ-אוילעם-סעקציע און אַנד.

צום דאָקטוירים-פאַריין אין געטאָ האָבן געהערט 150 מעדיצינער. זיי האָבן געשאַפן אַ מעדיצינישע אָרגאַניזאַציע. דער דאָקטוירים-פאַריין האָט אויך אַרויסגעגעבן אין געטאָ אַ צייטונג. זי איז באַשטאַנען פון די אָפּגעדרוקטע רע-

פעראַטן, וואָס פאַרשידענע דאָקטוירים האָבן געליינט אַ וואָך איבער אַ וואָך פאַר אווידיטאָריעס. די צייטונג האָט געהייסן: „פאָלקס-געזונט".

אַט איז דער אינהאַלט פון נומ. 6 „פאָלקס-געזונט", אַרויסגעגעבן אין ווילנער געטאָ דעם 7-טן נאָוועמבער 1942-טן יאָר.

1. דר. פייגוס — וועגן דערנערונג.
2. דר. ברייטבאַרט — שרעקט זיך ניט, ווען דאָס קינד ווערט געל.
3. דר. פייסאַכאָוויטש — ווען עס רייסט אַ פינגער.
4. דר. בוראַק — צי גרויסע היץ ביי אַ קראַנקן איז אַ סימן פון געפאַר.
5. דר. אַנטאָקאָלעץ — וועגן אַבערגלויבענישן אין דער מעדיצין, מעדיצינישע כראָניק, בריוו-קאַסטן.

# אין קעניגרייך פון אַלפרעד ראָזענבערג

דער ראָזענבערג-שטאַב אין ווילנע („איינזאַץ-שטאַב, רייכסלייטער ראָזענבער") איז באַשטימט געווען צו דערגאַנצן די אַרבעט פון געשטאַפּאָ. אויסגעפינען און פאַטערן ביזן גרונט די אידישע קולטור-אויצרעס. אין מעשעך פון אַ קורצער צייט מוז פולשטענדיק אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד דער האַלבער יאָרטויזנט אידיש ווילנע.

*

דעם 1-טן אויגוסט האָט מען אַרעסטירט נויעך פּרילוצקין. ער איז געזעסן באַ זיך אין שטוב, ווי אין ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, און געשריבן זיין „פאָנעטיק פון אידיש". מען האָט אים אַריינגענומען אין אַ טאַקסי און אָוועקגעשלעפּט אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ אויף מיצקעוויטש-גאַס. דאָרטן האָט געוואַרט אויף אים דער דייטשער פּראָפעסאָר פון יודאַיסטיק דר. גאָטהאַרט, וואָס איז געקומען ספּעציעל פון בערלין אויפצוקלייבן אין ווילנע די זעלטענע קולטור - אויצרעס. צו פּרילוצקין האָט ער זיך באַצויגן קלוימערשט העפלעך, גערעדט מיט אים וועגן ליטעראַטור, פון אים האָט דר. גאָטהאַרט פאַרלאַנגט, ער זאָל אויפשטעלן אַ רעשימע פון די אידישע איינקונאַבלען (ערשטע דרוקן ביזן 1-טן י. ה.). וואָס געפינען זיך אין דער באַרימטער ווילנער סטראַשון-ביבליאָטעק (סטראַשון, דער פאַרוואַלטער פון דער סטראַשון-ביבליאָטעק, דער אייניקל פון איר גרינדער, האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי די דייטשן באַלעבאַטעווען אין ביבליאָטעק און ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף די רעציעס פון זיינע טפילין).

נויעך פּרילוצקי איז געזעסן אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט דעם אַלטן אידישן שרייבער א. י. גאָלדשמידט. יעדער אינדערפרי פלעגט מען זיי פירן אין די ביבליאָטעק, וואו זיי פלעגן אויפשטעלן רעשימעס פאַרן דר. גאָטהאַרט. און ווען יענער איז אוועקגעפאָרן צוריק קיין בערלין, זיינען ביידע גע-



אַ מאַסן-קייווער אין פּאָנאַר, פון וועלכן די דייטשן האָבן נאָך
נישט באַוויזן צו פאַרברענען די טויטע.



דער מאַסן-מערדער מאַרטין ווייס, וואָס האָט זיך
אויסגעבויט לעבן פּאָנאַר אַ דאַטשע

לערנטע שוין פאַרבליבן אין געשטאַפּאָ. ווי מיר האָט שפּעטער דערציילט דער ביבליאָטעקאַר כײקל לונסקי, וואָס איז געזעסן מיט זיי צוזאַמען אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ, האָבן זיי די לעצטע נעכט, ביז מען האָט זיי אַרויסגעפירט, גע־רעדט וועגן ראַמבאַם. אין אַ כּוידעש אַרום האָט מען נאָך געזען פּרילוצקין אין טורמע. ער איז געלעגן אַ האַלב נאַקעטער אויף דער ערד, און זײַן העמד, אַרומגעבונדן אַרום זײַן קאָפּ, איז רויט געווען פון בלוט. לעבן אים איז געלעגן א. י. גאָלדשמידט און שוין מער נישט געאָטעמט.

*

דר. פּאָל, דער דירעקטאָר פון פראַנקפורטער מוזיי צו פאָרשן די מיזרעך־פעלקער, אַליין אַ מיטאַרבעטער פון „שטורמער", איז אין יאַנואַר 1942 געקו־מען אין אונדזער שטאָט אויסצופירן די אויפגאַבע. ער איז נישט געקומען אַליין. מיט אים איז געקומען אַ גאַנצער שטאַט „געלערנטע" — דער אָבער־איינזאַץ־פירער דר. מילער, דר. וואָלף (ביידע פון בערלין), שפּעטער איז צוגעקומען ספּאָרקעט און אַ געוויסער גימפּעל.

זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין געטאָ און געפאָדערט צוואַנציק אַרבעטער אויף אויפצוזאַמלען איבערן שטאָט די אידישע קולטור־אוצרעס. די צוואַנציק וועלן דאָס דאַרפן סאָרטירן, אײַנפּאַקן און אַוועקשיקן קיין דײַטשלאַנד.

— עס איז מילכאָמע־צײַט, — האָט דר. מילער געזאָגט. — אין אַזעלכע צײַטן קענען נאָך באַלילע באַרעוו ווערן די קולטור־ווערטן. מען טאָר עס נישט דערלאָזן. דעריבער שיקן מיר עס אָפּ קיין דײַטשלאַנד. ביז איבער דער מיל־כאָמע...

דר. מילער האָט געפאָדערט, אַז צווישן זײַנע צוואַנציק מיטאַרבעטער פון געטאָ זאָלן פינף זײַן אַזעלכע, וואָס קענען גוט אידיש און העברעאיש און אָריענ־טירן זיך אין פאַרשידענע מאַנוסקריפּטן און אַלטע ספאָרים. איך בין געווען איינער פון די פינף. מײַן ציל איז געווען: זען אָפּראַטעווען וואָס נאָר עס איז מעגלעך. וואָס עס באַטײַט אַזוינס „דײַטשישע קולטור־היטער", האָב איך שוין גוט געוואוסט וועדליק דעם, וואָס זיי טוען אָפּ מיט מענטשן. אין געטאָ איז שוין דערגאַנגען צו מיר אַ גרוס, אַז אין שטאָט הייצט מען די אויוונס מיט בי־בליאָטעקן.

איך בין אַוועק אין ראָזענבערג־שטאַב אויף זיגמונט גאַס 18. די ערשטע אַרבעט, וואָס דער שעף דר. מילער האָט באַפוילן צו טאָן, איז פאַרברענען די רײַכע מעדיצינישע ביבליאָטעק פון אוניווערזיטעט־שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין דער זעלבער וואוינונג.

דר. פּאָל האָט באַפוילן שאַפן אַ „געטאָ" פאַר די אידישע ביכער. די פער־ציק טויזנט ספאָרים פון דער וועלט־באַרימטער סטראַשון־ביבליאָטעק האָט ער געהייסן אַריבערפירן אויף אוניווערזיטעט גאַס 3, אַהין האָט מען אויך צונויפ־געפירט די ספאָרים פון די דרײַ הונדערט ווילנער קלויזן.

דר. פּאָל איז אין יאָר 1933 ספּעציעל געשיקט געוואָרן דורך דער היט־לעריסטישער פּאַרטיי קיין ירושלים. ביזן יאָר 1936 האָט ער שטודירט אָריענטאַלישע וויסנשאַפט אין ירושלימער אוניווערזיטעט. געקומען אַ „באַהאַוונטער" אין דער אידישער ליטעראַטור, איז ער געוואָרן אַ ראַטגעבער בײַ אַלפרעד ראָזענבערג, דעם שעפער פון נירנבערגער אַנטי־אידישע געזעצן. גלייכצייטיק איז ער געווען דירעקטאָר פונעם פראַנקפורטער מוזיי צו פאָרשן די מיזרעך־פעלקער און איז איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דעם מאָרד־בלעטל „שטורמער".

מיט די קאָלאָסאַלע אוצרות פון די ווילנער אידישע מוזייען האָט ער גע־וואָלט אָפּטאָן דאָס זעלבע, וואָס זיין קאָלעגע דער מאַסן־מערדער שווייגענבערג האָט געמאַכט מיט די אידן: סאָרטירן זיי אויף „לינקס־רעכטס" און ביידן פאַר־טיליקן. דר. פּאָל האָט באַפוילן אויסצאָרטירן די אַלע צונויפגעפירטע ביכער און מאַנוסקריפּטן לויט די יאָרהונדערטן. ער פלעגט אַליין באַשטאַטן יעדע אָפּטיי־לונג און וועדליק זיין כעסעד פלעגט ער אָפּקלייבן אַ קליינעם טייל ביכער פאַר זיין פראַנקפורטער מוזיי. פון די איבער הונדערט טויזנט ספרים האָט מען קיין דייטשלאַנד אַוועקגעשיקט אַרום אַ צוואַנציק טויזנט אין 74 קאַסטנס. די איבע־ריקע ספרים, ביז גאָר וויכטיקע, האָט ער פאַרקויפט ווי מאַקולאַטור אין דער ניי־ווילייקער פּאַפּיר־פאַבריק, צו 19 מאַרק אַ טאָן. דעם זעלבן גורל האָבן אויך געהאַט מאַנוסקריפּטן, די קונסט־בילדער און די סקולפּטורן.

*

גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע האָבן זיי דעם אידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַזאַרמע. אַלע אַרכיוון, עקספּאָ־נאַטן, קאָלעקציעס האָט מען ווי מיסט אַראָפּגעשליידערט אין דעם אונטערשטן קעלער. הימלערס ראַטגעבער דר. גאָטהאַרט איז געקומען אייליק אין אינסטיטוט קעדיי... צו געפינען גאָלד. דערזען אין קעלער דעם סייף, האָט ער באַפוילן אַרויסרופן אַ שלאָסער און יענער האָט אויפגעשמאָלצן דעם סייף. געעפנט, איז ער געבליבן אַנטוישט: שאָלעם־אַליינעמס און פּערעצעס קסאַוו־יאַדן האָבן אים אָנגעקוקט מיט כוויזעק... האָט ער זיי פאַר קאַס אַרויסגעוואָרפן פון סייף און גע־טראָטן מיט די פיס.

אַהער אין בנין פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט מען עס געבראַכט די ביכער, מאַנוסקריפּטן, בילדער, סקולפּטורן פון אַלע אידישע מו־זייען און ביבליאָטעקן און פון פּריוואַטע הייזער, — אַ כוץ דער סטראַשון־בי־בליאָטעק, וועלכע איז שוין געווען ליקווידירט. ווען מען האָט געבראַכט אַהער אַנטאָקאָלסקיס סקולפּטורן פון אַנסקי־מוזיי, האָט דר. פּאָל אַ גרויסן טייל צע־שמעטערט אָן דער ערד. די בליינע מאַטריצן פון טאַלמוד אין ראָמס דרו־קעריי, וועלכע עס האָט געדויערט אויסצוגיסן אַרום צוואַנציק יאָר, האָט דר. פּאָל פאַרקויפט אויף גוס צו 39 מאַרק אַ טאָן. 5 קאַסטנס מיט מאַנוסקריפּטן און זעל־

מענע אויסגאַבן האָט ער אוועקגעשיקט קיין בערלין. נאָר זיין מיטאַרבעטער, דער געוועזענער לעדער-סויכער ספּאָרקעט האָט באַם באַן אַרויסגעוואָרפן די מאַטע־ריאַלן און אַריינגעלייגט אַף זייער אָרט אין די קאַסטנס כאַזיירים אַף צו שמוג־לען זיי קיין דייטשלאַנד.

אינגיכן איז דער זעלבער ספּאָרקעט געוואָרן אין ראָזענבערג-שטאַב דער הויפּט-מאַכער. פינף-הונדערט סיפרײ-טוירעס האָט ער אָפּגעגעבן אין אַ לע־דער-פאַבריק איבערצואַרבעטן אַף אונטערשלאַקן צו שטיוול. די אַלטע פּאַרמע־טענע איינבונדן פון די ווענעציאַנער און אַמסטערדאַמער אויסגאַבעס האָט ער געהייסן אַראָפּרייסן. די מירמלנע מאַצייוועס פון זאַרעטשער בייסוילעם האָט ער אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד אַף צו ברוקירן די גאַסן.

דער ראָזענבערג-שטאַב האָט אַזוי פּינקטלעך און זאָרגעוודיק געגישטערט אַ אידיש וואָרט, ווי די געשטאַפּאָ האָט געזוכט באַהאַלטענע אידן. דער רעק־טאָר פון ווילנער אוניווערזיטעט האָט מיר דערציילט, אַז נאָכדעם ווי דער ראָזענבערג-שטאַב האָט אַרויסגעפירט פון דער ביבליאָטעק אַלע אידישע און פון אידן געשריבענע ביכער, האָבן זיינע לייט אויפגעריסן די פּאָדלאָגע און גע־נישטערט עטלעכע טעג, צי קיינער האָט דאָרט נישט אויסבאַהאַלטן אַ אידיש ביכל.

פונקט ווי די געשטאַפּאָ האָט צוזאַמען מיטן אויסקוילען אידן אויך אומ־געבראַכט הונדערטער, טויזנטער פון אַנדערע פעלקער, האָט דער ראָזענבערג־שטאַב אין ווילנע גלייך מיט די אידישע מוזייען און ביבליאָטעקן אויך צע־שטערט און באַראַבעוועט אַנדערע, ווי דעם פּוילישן מוזיי, „טאָוואַזשיסטוואָ פּשיאַציול נאַוק", דעם באַרימטן פּוילישן פאַרלאַג, „יוזעף זאַוואַדסקי", די פּוי־לישע ביבליאָטעק אַפן נאָמען פון טאָמאַש זאַן, די ביבליאָטעק פון עוואַנגע־לישן קלויסטער און פיל אַנדערע.

צוויי מאָל אין כוידעש פלעגט דער ראָזענבערג-שטאַב אוועקשיקן באַ־ריכטן וועגן זיינע אויפטועט אין דער ראָזענבערג-צענטראַלע פאַרן באַלטיקום אין ריגע. אין די באַריכטן איז געזאָגט געוואָרן: וויפל ביכער מען האָט אוועקגע־שיקט קיין דייטשלאַנד; פון וויפל איז געמאַכט געוואָרן מאַקולאַטור א. א. וו. דערביי האָט מען געדאַרפט גענוי אָנגעבן וואָס פאַרא ביכער זיינען דאָס און אין וועלכע שפּראַכן. דאָרט איז געפירט געוואָרן אַ גענויע סטאַטיסטיק פון דער פּאַרטיליקונג.

באַם אַרבעטן אין ראָזענבערג-שטאַב האָבן מיר, אַ גרופּע כאַוויירים פון געטאָ, אין מעשעך פון אַנדערהאַלבן יאָר געראַטעוועט אַ וויכטיקן טייל פון די גוואַלדיקע קולטור-אויצרעס, זיי פאַרמויערט אין ווענט, פאַרגראָבן אין קע־לערן און הײלן. מיטן גלויבן, אַז אינגיכן וועט קומען דער טאָג, ווען פרייע מענטשן וועלן דאָס אויסגראָבן צוריק פאַרן וואויל פון פאָלק און פאַר דער גאַנ־צער מענטשהייט.

די וויכטיקסטע מאַנוסקריפּטן און ביכער פלעגן מיר אַרונטערשפּאַרן

אונטער די קליידער און אַריינטראָגן אין געטאָ. איינמאָל האָב איך געבעטן בא ספּאָרקעטן אַ דערלויבעניש אַריינצוטראָגן אין געטאָ אַ ביסל מאַקולאַטור אַף צו הייצן די אויוונס. ספּאָרקעט האָט די דערלויבעניש געגעבן און האָט אָנגע־שריבן אַ צעטל, אַז די זשאַנדאַרמען באַם געטאָ־טויער זאָלן עס בא מיר נישט צונעמען. אין דעם פּעקל „מאַקולאַטור" איז געווען: טאָלסטאָיס בריוו (איך האָב זיי געפונען אין שניי לעבן דער סטראַשון־ביבליאָטעק), שאָלעם־אַליכעמס קסאַוו־יאַדן, בריוו פון גאָרקי, ביאַליק און ראָמען ראָלאַן, זעלטענע אויסגאַבעס פון 15־טן און 16־טן י. ה. רעפּינס אַ בילד, דר. הערצלס טאָג־בוך, דער איינ־ציקער אין דער וועלט מאַנוסקריפּט פון ווילנער גאָען, צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל און צענדליקער אַנדערע דאָקומענטן, בילדער און קולטור־ווערטן.

האָבנדיק ספּאָרקעטס דערלויבעניש, האָט מען שוין געקענט טאָג־טעגלעך איבערכאַזערן די קונצן; כוץ דעם, האָבן מיינע מיטאַרבעטער טעגלעך מיר גע־האָלפן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן געקענט פון ביניען אַרויסטראָ־גן בלויז אַ קליינעם טייל. דעריבער האָבן מיר דאָרטן גופע אויסגעבויט אַ מאַ־לינע און באַהאַלטן בא אַ פינף טויזנט זייער וויכטיקע ביכער אין אַלערליי שפּראַכן.

באַזונדערס שווער איז אונדז אויסגעקומען צו ראַטעווען די סקולפּטורן. אָבער אויך דאָ האָבן מיר זיך געגעבן אַן אייצע. מיר האָבן זיי פריער אַרויסגע־טראָגן פון ביניען, באַהאַלטן אַפן הויף, און שפּעטער איז שוין גרינגער געווען זיי אַריבערצופּעקלען אין געטאָ.

אין מאַי 1943 איז אין ווילנע געבראַכט געוואָרן דער סמאָלענסקער מו־זיי. — עטלעכע צענדליק קאַסטנס אָנגעפילט מיט מאַנוסקריפּטן און בילדער. דריי אַזוינע קאַסטנס האָב איך גלייך פון באַן, מיט דער מיטהילף פון מיינע באַוויירים, אַריבערגעפירט אין דעם שטאָטישן אַרכיוו אַף איגנאַטאָווער גאַס און זיי באַהאַלטן אונטער אַ קופּע אַקטן. אין די קאַסטנס, וואָס איך האָב שפּע־טער געעפנט, געפינט זיך דער טאָג־בוך פון פּיאָטר דעם גרויסנס דינער, אַלטע קירכלעכע כראָניקעס פון 15־טן און 16־טן י. ה. בילדער פון רעפּין, לעוויטאַן און פיל אַנדערע מוזעאַלע ווערטן. אַ טייל פון די אויסגערעכנטע מאַטעריאַלן האָב איך דערנאָך אַריבערגענומען און פאַרגראָבן אין געטאָ.

איך האָב עס געטאָן דערפאַר, ווייל איך בין נישט זיכער געווען, אַז אין דעם שטאָטישן אַרכיוו וועלן זיי בלייבן גאַנץ. איך האָב גערעכנט אַזוי: פון דיביידע ערטער — וועט עפּשער אין איין אָרט זיך אויפהיטן.

*

אין איינעם פון די ווילנער מוזייען, וואָס מיר האָבן זיינע עקספּאָנאַטן גע־בראַכט אין ראָזענבערג־שטאַב, האָב איך געפונען אַ דאָקומענט אונטערגעשרי־בן פון דעם פּויליש־אַמעריקאַנישן פרייהייטס־קעמפער טאַדעוש קאָסציושקאָ. עס איז געווען פרילינג 1943, אין די טעג פון מערצ אַף דער שטאָטישער באַ־

פעלקערונג. דעם דאָקומענט האָב איך אָפּגעגעבן אַ פּוילישער פרוי, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן פון אַ שכיטע צוואַנציק אידן. ווען די פרוי האָט דערזען דעם אונטערשריפט, איז זי געפאַלן אויף די קני און געקושט דעם נאָמען. אויף מאָרגן איז זי געקומען צו מיין אַרבעטס-אָרט און מיר דערציילט: ווען זי האָט באַוויזן קאָפּיע פון די מיטגלידער פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער זי געהערט, האָט עס געווירקט אויף זיי ווי אַ פונק אין פולווער. אירע באַוויירים האָבן מיר געבעטן איבערגעבן, אַז נישט נאָר זיי, נאָר זייערע קינדער און אייניקלעך וועלן דאָס געדענקען און מיר דאַנקבאַר זיין.

אינעם אויסבאַהאַלטן די קולטור-אוצרות האָבן מיטגעהאָלפן: ז. קאַלמאַנאָוויטש, ה. קרוק, ש. קאַטשערגינסקי, ראָכל קרינסקי, אומע אָלקעניצקי, נומע מאַרקעלס און דר. דאַניעל פיינשטיין. אויך די דאָצענטן פון ווילנער אוניווערזיטעט מאַריאַ אַבראַמאָוויטש און דער באַוואוסטער ליטווישער פּאָעט קאַזיס באָרוטאַ.

די וויכטיקסטע מאַנוסקריפטן פון דעם אידישן קלאַסיקער פּערעץ האָב איך אין מערץ 1942 איבערגעגעבן דער ליטווישער זשורנאַליסטין שימייטע. זי איז פיל מאָל געקומען אין דעם דייטשישן אַנשטאַלט, וואו איך האָב געאַרבעט, און אַרויסגעטראָגן פון דאָרט מיינע צוגעגרייטע פּאַקעטן.

שימייטע איז נישטאָ. פאַרן העלפן אידן האָבן זי די דייטשן פאַרפייניקט. אין דעם אויפגעהיטן געטאָ-אַרכיוו האָב איך געפונען אירן אַ בריוו. דעם בריוו האָט זי אַריינגעשיקט צו דער לערערן נינע גערשטיין אויף מאָרגן נאָך אַ פאַרשטעלונג אין געטאָ, וואו שימייטע איז בייגעווען. איך ציטיר אַ טייל פון דעם בריוו, ווי אַן אָנדענק פון אָט דעם זעלטענעם מענטשן:

„טייערע נינע, האָט נישט קיין פאַריבל, וואָס איך ווענד זיך צו אייך נישט קענענדיק אייך פּערזענלעך. אייער פּלאַסטישע אויפפירונג אין יוגנט-קלוב (פון געטאָ א. ס.), ביאַליקס „אַ פרײלעכס", רייזנס „די וואַנט" און די אינסצעניררונג פון די אידישע פאָלקס-לידער האָבן מיך באַצויבערט און דערוואַרעמט. יאָ, מען דאַרף זיין אַ פאָלק פון גאַוונים, מען זאָל אין אָט די קאָשמאַרן קאָנען שאַפן אַזוינע קינסטלערישע זאַכן. צוזאַמען מיט דער אויסגעצייכנטער אידישער יוגנט גלויב איך און האָף, אַז סאָף-כּל-סאָף וועט די וואַנט צעפאַלן און עס וועט הערשן אויף דער גאָרער וועלט די ברידערשאַפט פון אַלע פעלקער".

## דער ניין-יעריקער קינסטלער

מיין באַוואוסטע ראָכל סאַראַבסקי, אַ לערערן אין געטאָ, איז אין אַ קאַלטן ווינטער-אָוונט פון יאַנואַר 1943 געקומען צו מיר מיט אירן אַ נייעם שילער — דעם ניין-יעריקן זאַלמען באַק. זי וויל מיר באַווייזן זיינע צייכענונגען. איך האָב פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין געטאָ, אַז מיט אַ שאַ פריער איז אָנגעקומען אַ

יעדיע ווענן די שכיטעס אף דער פראָווינץ אין די לעצט-געבליבענע אידישע אי-שואווים. איך האָב באַטראַכט די צייכענונגען, און נאָך מער דעם בלייכן זייד-הווי-טיקן אינגעלע, מיט די גרויסע העל-בלויע אויגן, געקוקט אף די דורכזיכטיקע אָדערלעך, אף זיינע צאַרטע שלייפן, אף זיין לייכטן סוידעסדיקן שמייכל, וואָס דערמאָנט אָן דעם שמייכל פון אַ מאַדאָנע און דערפילט, אַז אין דעם אינגעלע איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע די, וואָס פאַרמעסטן זיך צו פאַרטיליקן אונדזער פאָלק.

איך האָב באַטראַכט די בילדער, געצייכנטע מיט אַ בלייער אף צופעליקע שטיקלעך פּאַפּיר — סקיצן פון קעפּ ערגעץ אַמאָל געזעענע. צייטיקע עכט-קינסט-לערישע ליניעס. ליניעס נישט דערצויגענע, האַלבע, וואָס אין דער נישט פאַרענ-דיקטקייט איז באַהאַלטן דער קינסטלער. און אָט איז אַ באַל. אַ קאָמפּאָזיציע. די באַוועגונגען לופטיקע, לייכטע, מיט אַאיפּיל כוש פאַר דאָס אַלגעמיינע גאַנצע!

— וואָס איז דאָס אַזוינס עקספּרעסיאָניזם? — האָט ער שטיל אָבער מיט אַ סאַך נייגער מיך אַ פרעג געטאָן.

זיין פראַגע האָט מיך צעטומלט. די לערערן האָט געלאַכט.

— איך בין נעכטן געווען אין לייען-זאַל אף סטראַשון-גאַס 6, — האָט ער ווייטער געצויגן מיט אַ לויטעריק אומעטיק אידיש, — האָב איך געמישט אַ קונסט-בוך, איז געווען דאָרטן אַ וואָרט „עקספּרעסיאָניזם” — האָב איך אים נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געפרעגט באַ מיין לערערקע, זאָגט זי מיר, מירן עס פרעגן באַ אייך.

איך האָב געפּרוווט דערקלערן. מיינע ווערטער זיינען אָבער געווען פאַר אים נישט איבעריק פאַרשטענדלעך.

— ווייסט איר וואָס, — שלאָגט ער מיר איבער די רייד. — צייכנט עס אָן.

— איך קען נישט, טייערער, — האָב איך אים געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— ווי קען מען דאָס נישט אָנצייכענען אַ זאַך, וואָס מען ווייסט? — הויבט מיט די אַקסלען דער ניין-יעריקער, און זיינע אויגן ווערן טיף, ווי טונקעלע היילן.

אין יענעם אָוונט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז צו אַלע אויסטערלישקייטן אין ווילנער געטאָ איז צוגעקומען נאָך איינע: זאַלמען באַק.

*

אין געטאָ איז ער סאַכאַקל אַ כוידעש. אַנדערהאַלבן יאָר איז ער צוזאַמען מיט זיין מאַמען אָפּגעלעגן אין אַ מאַנאַסטיר אַפּן בוידעם. דער הויז-וועכטער פלעגט אין די נעכט זיי אַרויפברענגען שפּייז. זיי האָבן געהאַפּט אף אַזאַ אופן איבערצולעבן די מילכאָמע.

זאַלמען האָט די לאַנגע פאַרשטאַנען נישט ווינציקער ווי אַ דערוואַקסענער. ער האָט נישט איינמאָל געזעען דורך די שפּאַלטן פון בוידעם, ווי מען שלעפּט אידן מאַסנוויז צו דער שכיטע. אַ בלייער האָט ער געהאַט. פּאַפּירלעך אויך, — האָט ער געצייכנט. גאַנצע טעג, אויך ווינטער, ווען דער פראָסט האָט דורכגע-

פּרוּוירן זיינע דינע, דורכזיכטיקע פינגערלעך, איז ער געזעסן אין אַ ווינקעלע און געצייכנט, די טעג האָבן עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט די שטאָט און אָנגעצונדן זייער דאַך. זיי זיינען קוים לעבעדיק אַראָפּגעקראָכן. עס איז געווען ווינטער. אַ פראָסט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברייערע, ווי צו קומען אין געטאָ.

די קינסטלער אין ווילנער געטאָ זיינען געווען פון אים באַגייסטערט. ראָכל סוצקעווער, די באַקאַנטע ווילנער מאָלערן, האָט אים גענומען צו זיך, געקליבן זיינע צייכענונגען ווי בריליאַנטן. פייסעך 1943 האָט מען אין פאָיע פון געטאָ-טעאַטער געעפנט אַן אויסשטעלונג פון בילדער. אַ האַלבע וואַנט האָט געהערט זאַלמענען, אַכוץ די צייכענונגען, וואָס ער האָט געבראַכט פון מאָנאַסטיר-בוידעם, זיינען דאָ געווען שוין נייע, געשאַפענע אין געטאָ גופא. איין בילד, געדענק איך, איז ווי מען גייט פון דער אַרבעט און די דייטשן קאָנטראָלירן באַם טויער. אַ צווייטס — געטאָ ביינאַכט. געצייכנט מיט טינט. אַ דריט בילד האָט דער קינסטלער אָנגערופן: „איך אין דער שכיטע” — ווי אַזוי באַוואָפנטע פּאָליציי-לייט געפינען אים אין אַ באַהעלטעניש און שלעפן צום טויט.

זאַלמענס בילדער האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלעמענס, כאָטש אין דער אויסשטעלונג האָבן זיך געהאַט באַטייליקט ביי אַ צען ווילנער מאָלער. — און ער האָט טאַקע באַקומען די מאָלער-פּרעמיע פון געטאָ.

*

עס האָט זיך דערנענטערט די ליקווידאַציע פון דער געטאָ. אויגוסט 1943. אַ פרייטיק. די גאַסן פול מיט געשרייען און פאַרביקע שמאַטעס. פענעמער פאַרבאַפּט אין זון-פאַרגאַנג, שפּריצן מיט מעשוגאַס. אַ אידענע שפּאַרט זיך צווישן אוילעם מיט אַ טשאָלנט-טאָפּ, איילט צו דער בעקעריי אים צו פאַרזוקן אויף שאַבעס, און גלייכצייטיק יאָמערט זי: „מען האָט דערשאָסן מיינע דריי קינדער!” אַ זאַקן שלאָגט זיך אין האַרצן און בעט אויף זיך דעם טויט, קינדער לויפן אַרום איבער די גאַסן. דאָקטוירים טראָגן אַ פאַרסאַמטע.

איך בין אַריין אויף שפּיטאָל-גאַס 7, וואו עס וואוינט זאַלמען. הינטער דער טיר לאָז איך איבער די גוימעסדיקע גאַסן.

אַרויפגעקאַשערט די אַרבל ביז אויבן, איז פאַרטאָן דער קינסטלער אין אויסקנעטן אַ פיגור פון ליים. זיינע הענטלעך, ווי צוויי שטראַלן, רונדן זיך, בייגן זיך אַרום אַ פייכטער ליימענער מאַסע, וואָס איז געהאָרכיק און אונטערטעניק די באַוועגונגען פון מייסטער. פון דער שטיק פאַרמלאָזער ליים וואַקסט אַרויס אַ קאָפּ און הויבט זיך שטאָלץ איבער מענערישע אַקסלען.

איך האָב געמיינט, עס איז אַ לעבעדיקער מענטש, אַ מענטש, וואָס איז איינגעשמירט אין ליים... זאַלמען, וואָס האָט, ווייזט אויס, מיך ביז איצט נישט באַמערקט, איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך באַגריסט מיט אַ שמייכעלע און גלייך מיר אויפגעקלערט:

— עס וועט זיין מוישע ראבײנע, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען...

די מאַמע האָט צוגעגעבן: „שוין אַ וואָך, ווי זאַלמען האַלט אין קנעטן אַ פיגור. פונוואַנען ער האָט אויסגעגראָבן ליים ווייס איך נישט. פונוואַנען ער קען די מעלאָכע — ווייס איך אויך נישט. צום ערשטן מאָל, ווי איך זע אים זיך אַרומפּאָרען ארום ליים. פון פרי באַגינען ביז אין דער נאַכט אַריין איז ער אין דעם פּאַרטאָן. נעכטן איז געווען אַ לעוואָנע-נאַכט, איז ער אויפגעשטאַנען, ווען אַלע זיינען געשלאָפן און איבערגעמאַכט די באַוועגונג פון אַ האַנט. זי דאַרף זיין אַנדערש, האָט ער מיר אויפגעקלערט, און פאַרטאָג, האָט ער איינגעדרימלט אין אַ ווינקל".

❊

צום לעצטן מאָל האָב איך געזען דעם קינסטלער עטלעכע שאָ פאַר מיין אַרויסרייסן זיך פון געטאָ, דעם 12-טן סעפּטעמבער 1943.

עס איז געווען אין די טעג פון ווידערשטאַנד און געראַנגל, איך האָב גע־וואוסט, אַז מאָרגן וועל איך שוין דאָ נישט זיין: אָדער איך וועל אומקומען מיט געווער אין האַנט באַם דורכרייסן די אַרומרינגלונג, אָדער איך וועל זיך ציִען דורך וועלדער צו אַ פּאַרטיזאַנער מאַכנע. איך האָב באַשלאָסן זיך צו געזעגענען מיט זאַלמענען.

איך בין צו אים אַוועק. די שפּיטאָל-גאַס — שוין דריי פערטל אַ פּוסטע. מויערן אויפגעריסן מיט דינאַמיט, די גאַסן קוים דורכצוגיין. איך באַגעגן דעם דר. פעלדשטיין, געוועזענער דירעקטאָר פון אַ קאָוונער גימנאַזיע. ער איז אַלט און גראָ געוואָרן ווי באַשאָטן מיט אַש. זיינע ווייעס צוקן פון נערוועזקייט. די ליפּן שוימען. ער זוכט ביי מיר אַן אייצע. וואָס טוט מען? איך ראָט אים אַוועק־צוגיין נאָך היינט אין שטאָט צו זיינע נישט-אידישע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים פאַרגעלייגט בעיים אַן אומגליק צו קומען.

מיר זיינען ביידע אַריין צו זאַלמענען. עס איז ווידער זון-אונטערגאַנג. נאָר דאָס צימערל זעט שוין אויס אַנדערש. פון די אויפרייסן איז אָפּגעפאַלן דער טינק. די זעלבע ווענט, וואָס זיינען נאָך נישט לאַנג באַצירט געווען מיט זאַל־מענס בילדער, זיינען איצטער הויל און צעשפּאָלטן. נאָר אין ווינקל באַם פענצ־טער איז די פיגור פון מוישען. מוישע אָנגעלענט אַן אַ שטיין פול מיט מעכ־טיקייט און צאָרן. זאַלמען שטייט אַ שטילער, אַ לויטערער און פאַרגלעט אַ באַק פון דער סקולפּטור: — נעכטן בעיים דער שיסעריי איז דאָ דורכגעפלויגן אַ קויל.

❊

אין וואַלד האָב איך נישט געקענט רוען. איך האָב אָנגעווענדעט אַלערליי מיטלען זיך צו דערוויסן וועגן זאַלמענס גורל. אָבער אָן רעזולטאַט. די פאַרבינ־דלער, וואָס זיינען געאַנגען פון וואַלד אין ווילנע, האָבן מיר איבערגעגעבן בלויז איינס: די געטאָ איז ליקווידירט. אפן באַן הענגט אַ שילדל: „יודען-ריין!"

אין שטאָט איז פאַראַן צוויי קאָנצענטראַציע-לאַגערן, וואו עס לעבן נאָך עט-לעכע טויזנט אידן. אין איינעם פון די לאַגערן, אין „קיילים" איז זאַלמען נישטאַ, א פאַרבינדלער איז דאָרט געווען. וואָס שייך דעם צווייטן לאַגער אין ה. ק. פּ. איז נישט מעגלעך זיך צו דערוויסן, ווייל דער לאַגער איז שטאַרק באַוואַכט און מען קען זיך אהין נישט אריינבאַקומען.

אין דעצעמבער 1943 איז אנטלאָפן פון קאָנצענטראַציע-לאַגער ה. ק. פּ. צו אונדזער באַזע אין וואַלד דער מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנער - אָרגאַניזאַציע אין געטאָ טעוועקע שערעס. פון אים האָב איך זיך דערוואוסט: זאַלמען איז מיט זיין מאַמען אין לאַגער. ער ליגט דאָרטן אפן בוידעמל (ווי פאַראַיאָרן אפן בוי-דעם פון מאַנאַסטיר) און ער צייכנט. צו דער געהיימער פאַרשטעלונג פון די קינ-דער אין קאָנצענטראַציע-לאַגער האָט ער אָנגעמאָלט וואונדערלעכע דעקאָראַ - ציעס. אויך די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט זיין קונסט.

ווי ראַטעוועט מען דעם קינסטלער? דער פּראָבלעם האָט מיך נישט אָפּ-געלאָזט. איך בין אוועק צום קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע און דערציילט אים וועגן דעם זעלטענעם אינגעלע.

— גיט אָן אייצע, כאַווער קאָמאַנדיר, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען, עפשער איז מעגלעך אהין צו שיקן מענטשן?

דעם קאָמאַנדיר, וואָס האָט אַליין זיך פאַרנומען מיט מאַלעריי, האָט די מאַיסע פאַרינטערעסירט.

— גוט — האָט דער קאָמאַנדיר מיר געזאָגט, — אין די נאָענטסטע טעג שיק איך קיין ווילנע מיינע מענטשן. צווישן אַנדערע אויפגאַבן וועלן זיי באַקומען א באַפעל אַרויסצוקריגן דעם קינסטלער פון קאָנצענטראַציע-לאַגער און אים ברענגען אהערצו.

איך בין געווען געשפּאַנט און גליקלעך. איך האָב אָנגעשריבן א צעטעלע זיין מאַמען, זי זאָל אָפּלאָזן זאַלמענען. מיר טוען עס, קעדיי צו ראַטעווען איר קינד. באַ דער מינדעסטער מעגלעכקייט זאָל זי מיטגיין.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אפן צוריקער פון די שעליכים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די-אַ טעג האָט מען דעם לאַגער אַרומגענומען מיט א דאָפּלטער וואַך, און אַלע פּרואוון זיך אריינצובאַקומען דורכן דראָט אין לאַגער האָבן זיך נישט איינגעגעבן. און מען איז געקומען צוריק אָן דעם קינסטלער.

און אָט האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט ווילנע. מיט א ברענענדיק האַרץ יאָג איך צו מיין היימשטאָט. איך באַגעגן אידישע פּאַרטיזאַנער.

— וואָס איז מיט זאַלמענען?

און צו מיין גרויס איבעראַשונג דערוויס איך זיך: ער לעבט. ער האָט זיך געראַטעוועט אינאיינעם מיט דער מוטער.

*

דער ליטווישער פּראָפעסאָר סטאַקאַוסקאַס, דער אָנפירער פונעם שטאָ-

טישן אַרכיוו האָט זיי ביידן אויסבאַהאַלטן. טאַקע אין אַרכיוו גופא, אַף איגנאַטאָווער געסל האָט סטאַקאָוסקאַס געמאַכט אַ באַהעלטעניש, און צוזאַמען מיט נאָך פּופּצן אידן האָט ער געראַטעוועט אויך דעם קינסטלער.

*

ווען די מאַמע האָט געהאַלטן אין דערציילן פון אירע צאַרעס און איבערלעבונגען, האָט זאַלמען זיך געבויגן איבער אַ פּאַפּיר און געצייכנט.

— אַט אַזוי האָט אויסגעזען מוישע איידער אַ פאַשיסט האָט אים אַ שליידער געטאָן אַן דער ערד, — האָט זאַלמען מיר אָנגעוויזן אַף אַ צייכענונג, וואָס איז אַקאָרשט אַרוים פון אונטער זיינע פינגער, — איך וועל נאָך אויפשטעלן די סקולפּטור, איר וועט זען...

— און וואו זיינען דיינע בילדער, געמאָלן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער?

— האָב איך אים געפרעגט און מיך האָט גלייך פאַרדראָסן וואָס איך וויקל אויף די וואונדן זיינע.

— איך האָב דאָרטן אין לאַגער איבערגעלאָזן דעם גאַנצן אַלבאָם, — האָט זיך זאַלמען איבערגעקוקט מיט זיין מאַמען. — מען וואָלט זיי עפּשער געקענט נאָך אויפזוכן. נאָר סיידי געפעלן מיר נישט די בילדער...

מיר זיינען אַוועק אַף סובאַטש, אַהין וואו עס האָט זיך געפונען דער לאַגער. ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין דער פאָרשטאָט, האָט אַ דייטשער באַטאַליאָן זיך אַ נעם געטאָן צו די לעצטע אידן. אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָבן הונדערט און פערציק זיך געראַטעוועט. די איבעריקע זיינען צעשאָסן געוואָרן אין דער אַרומרינגלונג.

צווישן די טויטע האָבן מיר געפונען זאַלמענס אַלבאָם. ער איז געלעגן אויפגעבלעטערט קעגן דער זון. און אַ טייל בילדער זיינען געהייליקט געווען מיט בלוט.

# די זינגערן

ווער האָט אין ווילנע נישט געהערט די זינגערן ליובע לעוויצקי? געענדיקט קאָנסערוואַטאָריע אין ווין, איז זי געקומען צוריק אין איר היימשטאָט. אירע קאָנצערטן, איר זינגען דורך דעם ווילנער ראַדיאָ האָט אַריינגעטראָגן עפּעס יאָנטעוודיקעס אין די הערצער פון די ווילנער אידן. זי האָט אָנגעפירט מיט אַ קלאַס אין דער ווילנער קאָנסערוואַטאָריע. מאָסקווע האָט זי אַרויסגערופן אַף קאָנצערטן.

*

אַ געוויסע צייט האָב איך זי אין געטאָ נישט געזען. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן בא אירע נישט אידישע פריינט. די מוזיקער אין דער פאָרשטאָט זוויע-

ריניע. ווען אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהייבן די גרויסע אַבלאַוועס, איז זי צו-ריקגעקומען אין געטאָ. איר אויסזען האָט זיך געענדערט. עפּעס איז איר קאָפּ גרעסער געוואָרן און איר גוף — קלענער. אירע האָר, אָפּגעפאַרבט אַף בלאָנד, מען זאָל זי נישט דערקענען, האָבן פאַרענדערט איר פּנים.

אין יאַנואַר 1942, ווען איינצייטיק מיט דער גרינדונג פון דער פּאַרטיזאַ-נישער אָרגאַניזאַציע, האָט אין געטאָ אויפגעלעבט אַן אונטערערדיש קולטור-לעבן, האָבן מיר געגרייט דעם ערשטן קאָנצערט אין זאַל פון דער געוועזענער רעאַל-גימנאַזיע. איך, דער ליטעראַרישער אָנפירער פונעם קאָנצערט און פו-נעם פּראָיעקטירטן טעאַטער, האָב פאַרבעטן ליובע לעוויצקי, זי זאָל זינגען פאָלקס-לידער.

יענעם קאָנצערט איז אומעגלעך צו פאַרגעסן. עס איז געווען אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער „נאַכט פון גלעזערנע שייבן". די שטימונג אין זאַל איז ענ-לעך געווען צו דער שטימונג פון אַ בית-עולם. יעדעס וואָרט, יעדער קלאַנג האָט דערמאָנט אין די געפאַלענע. מען האָט פאַרגעסן, אַז יעדע רגע קען מען ווערן אַרומגערינגלט, אַוועקגעטריבן צו די פּאָנאַרער גריבער: די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אומלעגאַלע — אָן מורא'ס ווייסן. מענטשן זיינען געשטאַנען ווי מען שטייט לעבן אַן אָפענעם קייווער און זיך איינגעהערט אין די קלאַנגען פון שאָ-פּענס טרויער - מאַרש, פון שלוימעס מאָנאָלאָג אין י. ל. פּערעצעס „די גאָלדע-נע קייט", אין דער כאָראַלער דעקלאַמאַציע פון ביאַליקס „גלוסט זיך מיר ווייַ-נען" און אין די ווערטער פון ליובעס האַרציקער פאָלקס-ליד, וואָס איז דורכגע-דרונגען געווען מיט אַזויפיל בענקשאַפט, מיט אַזויפיל הייליקן טרויער:

צוויי טייבעלעך זיינען איבערן וואַסער געפלויגן
און מיט די פּיסקעלעך האָבן זיי זיך געקושט.
פאַרשאָלטן זאָל ווערן יענער מענטש,
וואָס האָט זיך אין אונדזער ליבע אַריינגעמישט.

עס איז געווען אין אַ יאָר אַרום נאָך אָט דעם קאָנצערט. אין בנין פון געוועזענעם אידישן מעלוכע - טעאַטער, אַף קאָנסקע 3, וואָס זיין הינטער-טיר איז אַריינגעקומען אין געטאָ, איז געגאַנגען אַ אידישער ספּעקטאַקל. דער סימ-פאָנישער אָרקעסטער, אונטער דער אָנפירונג פון דיריגענט דורמאַשקין, האָט געהיים געגרייט אַן אָפּערע. ליובע האָט געזאָלט שפּילן די הויפּט-ראָל. די פּרובן האָבן זיך געצויגן כאָדאָשים... די קינסטלערן אומע אָלקעניצקי און ראָכל סוצקעווער האָבן צוגעגרייט ספּעציעלע דעקאָראַציעס. מען האָט פאַר-גרעסערט די בינע און אויפגענייט אין די געטאָ-וואַרשטאַטן צוגעפּאַסטע קאָס-טיומען. ליובע האָט זיך געגרייט. גייענדיק אינדערפרי צו דער צוואַנגס-אַרבעט האָט זי געזונגען, געזונגען שטיל, אין זיך, דער סוינע זאָל נישט דערהערן. דער טאָג פון דער פּרעמיערע האָט זיך דערנענטערט. ליובע איז געווען פול מיט

דערוואַרטונג: ווי וועט איצט קלינגען איר שטים? אַמאָל פּלעגט זי איר האַלדז היטן ווי אַן אויצער, אין אַ פּייכטן וועטער נישט אַרויסגיין אין דרויסן. איצט, באַם רייניקן די דילן אין די קאַזאַרמעס, ווערט איר האַלדז אויפגעפרעסן פון שטויב. באַ דער שכיטע אין דער „צווייטער געטאָ" איז זי געלעגן אַ וואָך נאָכאַנאַנד אין אַ מיסטקאַסטן צוגעדעקט מיט שמוץ. בעיים אַ צווייטער אַקציע איז זי פאַרשלעפּט געוואָרן אין די קעלערס פון געשטאַפּאָ, וואו דער דעמאָל-טיקער טאַליען שווייגענבערג האָט זי געטראָטן מיט די פיס: מיט זיין גילדער-נעם שווערדעלע געשטאָכן איר לייב. דורך אַ צופאַל האָט זיך איר איינגעגעבן פון דאָרט צו אַנטלויפן. זי איז געלעגן אין געטאָ-שפּיטאָל אַ קראַנקע און גע-שפּיגן מיט בלוט... זיך אַ ביסל צוגעהיילט, האָט זי גענומען אויפטרעטן מיט געזאַנג. ווען אווראָם סליעפּ, דער דיריגענט פון געוועזענעם ווילביג-כאָר, צוזאַמען מיט דער פּראָפעסאָרן גערשאָוויטש האָבן אין געטאָ געעפנט אַ מוזיק-שול, האָט ליובע דאָרט אָנגעפירט מיט אַ קלאַס.

און אָט איז זי פאַרנומען מיט דער אָפּערע. ס'איז ערעוו דער פּרעמיערע. זי ציילט די מינוטן, עס זאָל זיך פאַרענדיקן דער טאָג-אַרבעט אין די קאַזאַר-מעס. זי איז געשפּאַנט, פול מיט דערוואַרטונג און נייגער צו דערהערן איר אייגן געזאַנג... זי איז אויך צופרידן, וואָס אַ באַקאַנטע פון שטאָט האָט איר געבראַכט אַהער אַ מאַטאָנע — אַ זעקעלע מיט אַרבעס: איר מאַמע איז קראַנק געוואָרן פון הונגער. ענדלעך הויבט אָן נאַכט ווערן. מיט דער לאַטע איבערן ברוסט איילט זי איבערן ברוק. זי טראַכט וועגן דער אָפּערע און וועגן דער קראַנקער מאַמען. אַף רודניצקער גאַס איז אָנגעפאָרן אַף זיין מאַשין מורער און האָט פאַרהאַלטן די זינגערן. ער האָט קאָנטראָלירט אַף איר האַלדז דעם בלעכענעם נומער, די שפּיצן פון דער לאַטע און האָט באַטאַפּט דעם בויך, דעם בוזעם, צי זי שמוגלט נישט אין געטאָ קיין עסנווארג. ער האָט באַ איר געפונען דאָס זעקעלע מיט אַרבעס, געהייסן זי זאָל זיך אַריינזעצן אין זיין אויטאָ און האָט זי אַוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע.

אין טורמע איז זי געזעסן אַ כוידעש. יעדן טאָג האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון איר קאַמער מענטשן און זיי געוואָרפן אין שוואַרצן, גלאַנציקן אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט באַם אַריינגאַנג. זי האָט געוואוסט, אַז אַף דער פּרעמיערע אין געטאָ וועט זי שוין קיינמאָל נישט זינגען. אירע טעג, און עפּשער שאָען, זיינען שוין געציילטע. דערפאַר אָבער האָט זי געזונגען אין קאַמער, געזונגען פאַר די אידן, וואָס וואַרטן אַפן טויט.

וויים, דער שעף פון עקזעקוציע-פּאָלק, האָט ליובען אַוועקגעפירט קיין פּאָנאַר. פון זיין גראָען, יאָנטעוודיקן היטל האָט אַראָפּגעקוקט אַ זילבערן שאַר-בנדל, ווי אַ מיניאַטור פון זיין פּאָנים. ער האָט אַליין געפירט דעם אויטאָ. לעבן אים איז געזעסן זיין געליבטע, די דרייסיק-יעריקע געשטאַפּאָווקע פון האַמבורג, עלען רעגנער, און האָט געראויכערט אַ פּאַפּיראָס.

באַם דורכגיין די דראָטן, וואָס האָבן אַרומגעצוימט די גריבער, האָט

עלען זיך אָפּגעשטעלט און באַפוילן ליובען, זי זאָל זיך אויסטאָן נאַקעט. ווען די זינגערן האָט עס גלייך נישט געטאָן, האָט עלען אַרויסגעצויגן אַ שפּיז און געסטראַשעט, אויב ליובע וועט זיך טייקעף נישט אויסטאָן, וועט זי איר אויסשטעכן די אויגן. מיט דעם זעלבן מיטל פלעגט זיך באַנוצן וויים און קי-מאַט שטענדיק האָט עס געהאָלפן.

ליובע האָט זיך אויסגעטאָן, איז געגאַנגען נאַקעט. זי איז אַריין אין גרוב. דאָרט זיינען געלעגן טויטע, באַגאָסענע מיט קאַלך. פון דער זייט האָט זיך צוגעקוקט וויים און מורער מיטן מאַנאַקל. עלען רעגנער, די געוועזענע סטודענטן פון האַמבורגער אוניווערזיטעט, האָט מיט אַ געלעכטער אַ נעם גע-טאָן דעם אויטאָמאַט און מיט אַ סעריע קוילן דורכגעשניטן ליובען.

# דער מאַטעמאַטיקער

דער „יונגער זאַלקינדסאָן״ — אַזוי האָט מען אים גערופן — איז אַ כירורג... ער איז אָנערקענט פאַר אַן אויסגעצייכנטן מייסטער, נאָר אים אינ-טערעסירט דערהויפּט מאַטעמאַטיק, די „מיסטעריע פון צאָלן״, ווי ער פלעגט זאָגן.

אין געטאָ-שפּיטאָל האָט ער שוין אָדורכגעפירט אַ סאַך וויכטיקע אָפּע-ראַציעס. אָפּעריִרט און געהיילט קראַנקע, ווען אַף דער גאַס האָט מען געשניטן געזונטע. ער האָט אָנגעהייבן אין געטאָ צו שרייבן אַ גרויס ווערק וועגן אַס-טראָנאָמיע. צו דער אַרבעט אין שטאָט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו גיין: „בע-סער אומקומען איידער העלפן מיט עפּעס אונדזערע מערדער״. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די גראַמען ברויט, פון די פּאַרציעס פערדן-פלייש, וואָס די אידן רופן עס אָן „סוסינע״, און האָט קיינמאָל נישט פאַרמאָלדן אין מעלדונגס-אַמט פון געטאָ, אַז עס לעבט אַזאַ איד זאַלקינדסאָן: ער פלעגט שלאָפן בייטאָג און וואַכן אין די נעכט. ווען דער געטאָ אָנגעליט פון באַטאַגיקן צאָרן לעשט זיך, שרייבט ער זיין ווערק.

מיטן אויפגיין פון דעם מאָרגנשטערן האָט ער ליב צו שפּילן אַף זיין פידל. ער איז אַ מוזיקער אויך.

ווען דער געטאָ האָט גענומען גויסען, האָב איך גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו ראַטעווען דעם מאַטעמאַטיקער. איך האָב אים דעמאָלט נאָך פּער-זענלעך נישט געקענט, נאָר געהערט וועגן אים אַ סאַך פון זיין שאַכן, וואָס איז מיינער אַ באַוער.

איינער פון מיינע שטאָטישע פריינט, יוליאַן יאַנקאָוסקאַס, האָט זיך אונטערגענומען צו באַהאַלטן אין שטאָט, אין אַ ספּעציעל געמאַכטער מאַלינע, זעקס אידן פון געטאָ. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: ער האָט אַ באַוער, דער באַ-ווער איז אַליין אַ פּאָליציאַנט. ער איז אָבער אַן איינענער מענטש און העלפט

פּאַרטיזאַנער. דער פּאָליציאַנט וואוינט איינער אַליין. אין זיין וואוינונג איז פאַראַן אַ וואַנע-צימער. אָט אין דעם וואַנע-צימער וועט מען פאַרמויערן די טיר, פאַרקלעפּן מיט טאַפּעטן, מאַכן פון דער הינטערזייט אַ פאַרמאַסקירטן אריינגאַנג און באַזעצן דאָרט די זעקס מענטשן.

דעם זעלבן אָוונט בין איך אַוועק צו זאַלקינדסאָנען, זיך מיט אים באַ-קענט און אים דערציילט פון מיינע פּלענער. געזאָגט אים, אַז ער איז איינער פון די זעקס, וועלכע זיינען אָנגעמערקט צו באַהאַלטן זיי.

— פאַר מיר עקזיסטירט נישט קיין טויט, — האָט ער מיר געענטפערט, קנייטשנדיק מיטן שטערן. — איך האָב זיך נאָך קיינמאָל נישט באַהאַלטן, קוים שרייב איך מיין ווערק, האָט דער טויט אויף מיר קיין שליטע נישט, און ווען איך וועל דאָס ווערק ענדיקן, האָב איך נישט נאָך וואָס צו עקזיסטירן, — ער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל-קעשענע אַ ברעקל אויפגעדרייט פּאַפּיר און צוגעגעבן:

— ס'איז אַ ציאַנקאַלי. דאָ ליגט אויפגעדרייט מיין טויט.

— ווייסט איר וואָס, — האָט ער שפּעטער צו מיר זיך אָפּגערופן, — אויב איר טראַכט שוין יאָ וועגן מיר, וואָלט איך אייך בעטן אַ טויווע: אי-בערגעבן מיין ווערק רודניצקין, מיין פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, זאָל ער דאָס דורכלייענען און באַ זיך באַהאַלטן.

איך האָב גענומען זיינע דיקע פאַרשריבענע העפטן, זיי אַרומגעוויקלט אַרום לייב און אַוועקגעטראָגן זיי דעם פּראָפעסאָר.

אין אַ וואָך אַרום איז דער פּראָפעסאָר געקומען אין הויף פון „איוואָ", וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט און דורך אַ באַגעגנטן אידן מיך געהייסן אַרויסרופן. מיר זיינען אַריין צווישן דיביימער, קיינער זאָל נישט באַמערקן. דאָרטן האָט מיר דער פּראָפעסאָר געזאָגט:

— די גרעסטע פרייד אין מיין לעבן איז דער טאָג, ווען איר האָט גע-בראַכט זאַלקינדסאָנס ווערק. איך בין שטאָלץ און גליקלעך מיט מיין אידישן שילער! זאָגט אים, אַז איך קוש אים האַרציק: אַז די וועלט נאָך דער מילכאָ-מע, ווען זי וועט לייענען זאַלקינדסאָנס ווערק, וועט זי זיך נויגן פאַרן מע-כאַבער.

✻

די ערד אין געטאָ האָט געציטערט. קיטעל איז געוואָרן אַ טעגלעכער אריינ-גייער, און איטלעכעס מאָל עפּעס נייעס געפאָדערט. דאָ דאַרף ער קראַנקע, דאָ דאַרף ער אַלטע. זיין אַפּעטיט פאָדערט קינדער. יונגטלעכע זיינען געלאָפן אין וואַלד. עלטערן האָבן אויסגעבויט אונטערערדישע מאַלינעס. נאָר די מויערן זיינען געזונקען מיט די איינוואוינער אינאיינעם.

איך בין אַוועק צו זאַלקינדסאָנען. איך האָב גענומען צושטיין, ער זאָל

אריבער אין שטאָט. דער צימער איז שוין פּארטיק. די פראַגע וועגן עסן איז אויך שוין געלייזט. אפילע אַ ראַדיאָ איז דאָרט צוגעגרייט.

דריי טעג האָב איך מיט אים געטאַינעט, זיך געבעטן ווי בא אַ קינד. ענד־לעך האָב איך אים איבערגערעדט. ער האָט באַשלאָסן צו גיין דעם 30־טן אויגוסט 1943, פינף אַזייגער פּאַרטאָג האָט ער געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ. אינדרויסן וועט שוין אָפּוואַרטן דער פּאָליציאַנט, וואָס באַדאַרף אים אָוועקפירן קלוימערשט ווי אַן אַרעסטירטן.

זאַלקינדסאָן איז געווען פּינקטלעך. פּונקט פינף אַזייגער איז ער געקומען צום טויער. נאָר אין יענער סעקונדע איז אָנגעלאָפן זיין מומע, וואָס האָט אים זייער ליב געהאַט, און פאַרשטעלט אים דעם וועג. זי האָט באַמערקט, אַז ער איז נישטאָ אין צימער, איז זי אַוועקגעלאָפן אים זוכן, זי האָט אים אָנגע־כאַפּט לעבן טויער און נישט געלאָזט גיין, געטאַינעט אַז אין שטאָט איז אַ סאַ־קאָנע.

אויף מאָרגן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1943 האָט קיטעל אַרומגערינגלט מיט קוילנוואַרפער דעם געטאָ. דער יונגער זאַלקינדסאָן איז געוואָרן זיין קאָרבן.

## די פאַנטאַסטישע הייל

יעדן טאָג האָב איך אַריינגעבראַכט אין געטאָ קולטור - אויצרעס, און יעדן טאָג האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי. אין מיין וואוינונג אויף סטראַשון גאַס 1, זיינען פול געוואָרן די ווינקלען מיט קסאַוו־יאַדן און ספאָ־רים, בילדער און סקולפּטורן, וועלכע איך האָב געראַטעוועט פון דייטשע הענט. געבראַכט אַהערצו און געזוכט פּאַסיקע ערטער, וואו עס צו באַגראָבן.

יוסעף גלאַזמאַן, דער מיטגליד פון פּאַרטיזאַנישן שטאַב אין געטאָ, האָט מיר דערציילט וועגן איינעם אַ געוועזענעם יעשיווע־באָכער, וואָס מאַכט וואונ־דערלעכע באַהעלטענישן אונטער דער ערד. מיט אים דאַרף איך זיך פאַרבינדן. ער וועט מיר געבן אַן אייצע.

איך בין צו אים אַוועק. אַ הויכער, אויסגעצויגענער באָכער, אַ ביסל קאַסאָקע.

גערשן אַבראַמאָוויטש, אַזוי האָט מען גערופן דעם מאָדנעם אַרכיטעקטאָר, האָט מיר דערציילט וועגן זיין לעבן. זיין גאַנצע מישפּאָכע איז אין געטאָ. ער האָט דאָ צוויי ברידער און אַ פּאַראַליזירטע מאַמע. אַלע דריי ברידער האָבן געלערנט אין דער ראַמיילעס יעשיווע. דאָ אין געטאָ האָבן זיי געשוואוירן בא אַ סייפער - טוירע, אַז זיי וועלן ראַטעווען די פּאַראַליזירטע מאַמע.

די דריי ברידער האָבן אויסגעבויט פאַר דער מוטער אַן אונטערערדישע באַהעלטעניש. נאָר דאָס איז בלויז ציטווייליק. גערשן האָט נישט געוואוסט, אַז די דייטשן קענען קומען מיט שפּיר־הינט און געפינען דאָס אָרט. דעריבער

בויט ער איצט אונטער דער געטאָ א גרויסע הייל, עס איז א ווייטערדיקער קאַנאַל פון דער באַהעלטעניש, וואו עס געפינט זיך זיין מוטער. די הייל איז שוין האַלב פאַרטיק. געפינען זי איז אומעגלעך. פאַר באָמבעס, פייער און שפּיר - הינט האָט זי קיין מוירע נישט. אין דער נייער הייל וועט ער אריבער־טראָגן זיין מאַמען. אין דער זעלבער הייל וועלן זיך געפינען די דערמאָנטע קול־טור־אוצרעס און דער ארכיוו פונעם געטאָ.

ער האָט מיר צוגעזאָגט צו באַווייזן זיין ארבעט.

ער האָט מיך אריינגעפירט אין א פינצטערן קעלער אונטער כורוועס און ציגל און מיר געראָטן, איך זאָל זיך אָנהאַלטן אין זיין ארבל, קעדיי ער זאָל מיך אין וועג נישט פאַרלירן.

צוגעקומען צו א ווינקל פון דער כורווע, האָט ער אָנגעצונדן א לעמפּעלע, אָפּגעשאַרט מיט א פינגער די ערד און ארויסגעהויבן צוויי קליינע ברעטלעך: קומט.

א מינוט פינף זיינען מיר געקראָכן בארג אראָפּ דורך א שמאָלן קאָרידאָר, דערנאָך האָט ער מיר געהייסן זיך אָנהאַלטן אָן א פּאַרענטש. דורכגעשפּאַנט דעם וועג מיטן פּאַרענטש, האָט ער באַניים אויפגעהויבן צוויי ברעטלעך, און ס'האָט א בליץ געטאָן ליכט.

— דאָ באַהאַלט איך מיין מאַמען, — האָט ער געזאָגט צו מיר און אָנגע־וויזן אַף א פרוי, וואָס איז ווי א הויפןביינער געלעגן צווישן פּערענעס און קישנס, — די עלעקטרע האָב איך אריינגעצויגן נישט פון געטאָ. טאָמער ווערט דער געטאָ ארומגערינגלט און די דייטשן שליסן אויס די עלעקטרע, זאָל דער מאַמען זיין ליכטיק. דאָ איז שוין מיין מאַמע אנדערהאַלבן יאָר. איך האָב זי שוין אויסגעהיט פון זיבן 'שכיטעס און האָף, אז זי וועט איבערלעבן היטלערן.

דערהערט אונדזערע שטימען, האָט די פרוי אויסגעדרייט איר פּאָנים און זיך געווענדעט צום זון:

— גערשן, ליכט האָסטו געבראַכט?

גערשן האָט ארויסגענומען פון קעשענע צוויי ליכט און אוועקגעלייגט אַף א בענקל. עס איז געווען פרייטיק. ער האָט מיך צוגעפירט צו דער מוטער און אָנגעוויזן אַף מיר:

— מאַמע, אָט דער יונגערמאַן האָט דיר געבראַכט א נייעם קאָרבן־מינכע.

די אַלטימושקע האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, זי האָט אויסגעשטרעקט איר דאַרע האַנט, גענומען דעם קאָרבן־מינכע און אים פאַרוקט אונטערן קישן.

אין דער באַהעלטעניש האָט זיך דערהערט א גערויש. איך האָב געטאָן א ציטער.

דאָס האָב איך אָפּגעלאָזן דעם ווענטילאַטאָר, — האָט מיך באַרואיקט גערשן און ער האָט אָנגעהויבן מיך פירן ווייטער.

— מיט אָט דער באַהעלטעניש בין איך נישט צופרידן — האָט ער צו מיר געזאָגט, — די ערשטע צייט איז דאָ געווען זיכער, איצט אָבער דאַרף מען



זאלמען באק'ס צייכענונג פון זיין מוישע־סקולפּטור



דער געראַטעוועטער ניי־יערי־
קער קינסטלער זאלמען באק
און א. סוצקעווער.



איציק וויטענבערג, דער קאָמאַנדיר פֿון דער פּאַרטיזאַנישער
אָרגאַניזאַציע (געצייכנט פֿון נ. באָראָווסקי).

א בעסערע. קומט ווייטער, איך וועל אייך ווייזן די באהעלטעניש פאר אייערע ספארים, אהין וועט דער דייטש זיך שוין נישט דערקלייבן — זי געפינט זיך צוואנציק מעטער אין דער ערד. איצט האָבן מיר זיך געדרייט פּאַשעט אין א לאבירינט. ווידער האָט א בליץ געטאָן ליכט. מיר זיינען אריין אין א נייעם קעלער.

אָט דער קעלער, — האָט מיר אויפגעקלערט גערשן — איז שוין מיט זעקס הויפן ווייטער פון דעם ערשטן. פון דאנען ציט זיך א קאנאל ווייטער. אזש ביז צום שול - הויף. נאָר ער איז ערטערווייז פארשאָטן. דאָ, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אף א גרוב פארליינט מיט ציגל, — געפינען זיך דריי קאסטנס מיט ביכער, וואָס איך האָב אים נישט לאנג איבערגעגעבן. אין אָט דער הייל האָט גערשן גערעכנט אריבערצופירן זיין מאַמען... דאָ האָט ער אויסגעגראָבן א ברונעם.

איך האָב אריינגעקוקט אין דעם סוידעסדיקן ברונעם. ער איז אינעווייניק געווען אויסגעלייגט מיט ברעטלעך, קעדיי דאָס וואסער זאָל זיין ריין.

מיר זיינען געגאנגען צוריק. איך בין געווען רואיק פאר די ספארים; גערשן האָט זיי באהאלטן אין דער זעלבער הייל, וואו ער האָט באהאלטן זיין מאַמען.

זיך דערוואוסט, אז די דייטשן פארוואָרפן געטאָס מיט באָמבעס פון עראָפּלאנען, האָט גערשן זיך אנטוויקלט אין זיין אונטערערדישער ארכיטעקטור. ביי א שטארקער באָמבארדירונג פון אויבן קען איינפאלן איבער דער הייל א מויער און פארשיטן דעם ארויסגאנג. הייסט עס, מען דארף זוכן אן אייצע. ער האָט געטראכט און זיך דערטראכט.

אראָפּגעוואָרפן פון זיך די געלע לאטעס, איז ער מיט זיינע צוויי ברידער אוועק אין שטאָט, און בעערעך א קילאָמעטער ווייט פון געטאָ גענומען אויפלייגן ציגל פון א געביידע, אין וועלכער עס האָט געטראָפן אמאָל א באָמבע. קיינעם פון די הונדערטער אגענטן און געשטאפּאָ-מערדער אז נישט איינגעפאלן כוישעד צו זיין אין עטוואָס די דריי ברידער, וואָס האָרעווען אין גאס באַם אויפקלייבן די ציגל פון א כאָרעוון מויער.

גערשן האָט אויסגעבויט אונטערן מויער אן אויסגעצייכנטע באהעלטעניש. וואו נעמט מען אָבער דאָרט וואסער? אויסגעגראָבן א טונעל פון צוואנציק מעטער די לענג, האָט ער פארייניקט זיין באהעלטעניש מיט אן ארטעזיאנישן ברונעם. אין דער צעמענטענער וואנט פון ברונעם האָט ער אויסגעשניטן אן עפענונג, וואָס האָט אן סימאָנים זיך פארמאכט אף צוריק. די וואסער-פראָבלעם איז געווען געלייזט. כוץ דעם, וועט ער אין די נעכט קענען ארויסקריכן פון ברונעם אינדרויסן און איינקויפן שפייז.

בעיים זיין ארבעט אין שטאָט אן לאטעס, פון באגינען ביז אָוונט, איז געשען אן אומגליק. א באלקע איז אראָפּגעפאלן אפן עלטסטן ברודער און אים

צעבראָכן אַ פוס. גערשן האָט זיין ברודער געבראַכט אין געטאָ-שפּיטאָל. דעם פוס האָט מען דעם ברודער געמוזט אַמפּוטירן.

פאַר גערשענען איז געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי אַריבערצופירן די מו-טער אין דער נייער זיכערער באַהעלטעניש. דער געטאָ איז שוין צו יענער צייט געווען געשלאָסן. עס האָט געשמעקט מיט אַ נייער שרעקלעכער שכיטע, מעגלעך שוין מיט דער לעצטער. גערשן האָט דאַן פון זיין הייל אין געטאָ אונ-טערגעגראָבן אַ טונעל צו דער גרויסער קאַנאַליזאַציע - רער, אַריבערגעקראָכן אָן אַ שאַנד-לאַטע פון געטאָ אין שטאָט, אין זיין באַהעלטעניש. פון דאָרטן האָט ער אויך אויסגעגראָבן אַ טונעל צו דער קאַנאַליזאַציע-רער, און דער וועג איז געווען פריי: פון געטאָ וועט ער דורך דער אונטערערדישער הייל דורכטראָגן זיין פּאַראַליזירטער מאַמע, זיין ברודער דעם קאַליקע און זיין קליין ברודערל. שפּעטער וועט ער זיי דורך דער רער פון דער קאַנאַליזאַציע דורכטראָגן אונ-טער דער ערד, און אַף אַזאַ אופן ברענגען זיי אין דער נייער באַהעלטעניש.

*

מיט אַ טאָג פריער, איידער איך האָב זיך דורכגעריסן מיט געווער אין האַנט דורך דער אַרומגערינגלטער געטאָ, האָב איך באַגעגנט גערשענען אַף איי-נער פון די אויפגעריסענע גאַסן. עס איז געווען אַ וואַרעמער טאָג. דער זומער האָט זיך געזעגנט מיט דעם געטאָ. גערשן האָט געטראָגן אונטער די אָרעמס צוויי וואַרעמע קאָלדרעס. איך האָב אים אָפּגעשטעלט:

— וואוהין?

גערשן האָט אַ פינטל געטאָן מיט זיין קאָסאָקלעכן אויגל און אייליק גענו-מען זיך פאַרענטפערן:

— האָט קיין פאַריבל נישט, איך איל זיך. די קאָלדרעס האָב איך גע-טראָגן בײַ אַ כאַוער. איך מוז זיי אַריבערטראָגן וואָס גיכער צו מיין באַהעלטע-ניש. עס איז שוין באַלד האַרבסט. זיי איז קאַלט דאָרט אין דער ערד.

די פּאַראַליזירטע מוטער און דעם קאַליקן ברודער האָט ער שוין פאַריקע נאַכט געהאַט אַריבערגעטראָגן, צוערשט דורך זיין הייל, דערנאָך דורך די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע, און זיי געבראַכט אין שטאָט אונטערן צעפאַלענעם מויער.

## די אונטערערדישע שטאָט

אַמאָל פלעגט זיך אין אַ מאַלינע באַהאַלטן אַ גאַנעוו. „מען האָט געכאַפּט דעם גאַנעוו אין זיין מאַלינע" — פלעגט מען קענען הערן. איצט האָט באַדאַרפט איטלעכער ביידער פון געטאָ, כוץ אָן אָרט וואו צו וואוינען אַף דער ערד, זיך באַזאָרגן מיט אַ זיכערער באַהעלטעניש אין דער ערד גופע. דאָס וואָרט מאַלינע

איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז מען האָט עס געבויגן אין פאַרשידענע פאָרמען: „מען דאַרף זיך מאַלינעווען", „ביסט אַ גוטער מאַלינשטשיק", „איך בין גע-לעגן מאַלינירט" א. א. וו. און ווען דעם לערער סטאָליצקיס פרוי האָט אין אַ מאַלינע פון דער צווייטער געטאָ געבוירן אַ קינד האָט זי עס אַ נאָמען געגעבן — מאַלינע.

אין פעריאָד פון פאַר דער געטאָ זיינען די מאַלינעס געווען פּרימיטיווע, מען האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קעלער, אין אַן אויוון, אין אַ פינצטער צימערל, אַף אַ בוידעם א. א. וו. אין געטאָ-פעריאָד האָט זיך בויאונג פון מאַלינעס דערהויבן צו אַ קונסט. עס איז אויסגעוואַקסן אַן אונטערערדישע שטאָט.

ווען די דייטשן האָבן זיך אַ נעם געטאָן אין ווילנע אויסצוראָטן אויך ניט-אידן, איז דאָס וואָרט אויך אַריינגעדרונגען אין שטאָט. איך האָב געזען אַ לאָזונג אין אַן אומלעגאַל בלעטל: „פּאָלאַקן, באַהאַלט זיך אין מאַלינעס!"

מאַלינעס האָט מען געבויט בייַנאַכט, קיינער זאָל נישט באַמערקן. די מאַ-לינע מעג זיין די בעסטע, נאָר קוים ווערט זי באַמערקט פון אַ פרעמד אויג, איז זי אַ בראָכע-לעוואַטאָלע.

מאַלינעס האָט מען געבויט אומעטום: אונטער אַלטע כאָרעווע הייזער, אין קעלערס, אונטער מיסט-קאַסטנס, אין הייַלן און וואו נאָר אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך פאָרשטעלן. מען פלעגט פאַרמויערן אַ טייל צימער, פאַר-קלעפּן אים מיט טאַפּעטן, מאַכן הינטער-אָרום אַ פאַרמאַסקירטן אַריינגאַנג און ס'האָט געהייסן אַ שטוביקע מאַלינע. מיט אַזאַ מאַלינע האָט מען רואיקער גע-נעכטיקט. טאָמער אַ געפאַר — איז גלייך אין דער באַהעלטעניש.

אַף רודניצקער 6 האָבן פערציק רייכע אידן אויסגעבויט אַן אויסטער-לישע מאַלינע. דער אַריינגאַנג איז דורך אַן אויוון. עס עפנט זיך דאָס דעקל פונעם אויוון און פון דאָרט פאָרט מען אַריין אין דער מאַלינע אַף אַן עלעק-טרישער זיך-באַוועגנדיקער דעק, ענלעך צו אַן עסקאַלאַטאָר אין מעטראָ.

אין דער מאַלינע איז געווען אַ ראַדיאָ, אַ באָד, אַן אָוביקאַציע און, לעהאַבדל, אַ ביבליאָטעק.

דער אינזשעניער ספּאָקאָיני, וואָס האָט אויסגעבויט אונטער דער געטאָ ניט איין וואוינונג. האָט געמאַכט אַזאַ קונציקע מאַלינע, וואָס איר אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ ברונעם.

אין קאָנצענטראַציע-לאַגער ה. ק. פ. האָבן זיך געראַטעוועט פון דער קינ-דער-שכיטע אָרום אַכציק קינדער. אין לאַגער האָבן זיי זיך ניט געטאָרט ווייזן. די קינדערשע הויט איז באַשטימט געווען פאַר קאָסמעטישע אָפּעראַציעס. די עלטערן האָבן זיך צונויפגערעדט, מען האָט פאַרמויערט אַ טייל פון אַ זייטיקן צימער און הינטערן וואַנט האָבן געלעבט די קינדער. דער אַריינגאַנג צו די קינדער איז געווען דורך אַ בלעכענעם אויוון, וואָס איז ספּעציעל געווען צו-געגרייט צו דער וואַנט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען דעם אויוון געהייצט, קעדיי די דייטשע קאָנטראָלאָרן זאָל ניט איינפאַלן דאָרטן צו זוכן.

פאַר די אַכציק פאַרמויערטע קינדער האָט מען אין דער מאַלינע געעפנט אַ שול. דער לערער אַפּעסקין פלעגט פאַרטאָג אַריינקריכן דורכן אויוון און לערנען מיט די קינדער ביז אין אָוונט. אין דער מאַלינע האָט ער איינגעאָרדנט מיט די קינדער אַ פאָרשטעלונג. די בינע איז באַצירט געווען מיט גרינס און דאָס קליינוואַרג האָט מען אויסגעפּוצט אין יאָנטעוודיקע קליידער. דאָרט, אין דעם פאַרמויערטן צימער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט עם אַפּעסקין אויפגעפירט מיט די קינדער זיין ליד „דער איד פון דער מאַלינע". אָט איז דאָס ליד:

## דער איד פון דער מאַלינע

וואו גייסטו, איד, דורך נאַכט און ווינט?
וואָס ברענט דיין בליק מיט מאָרד און זינד
און פלאַמט מיט פונקען סינע?
— איך גיי, וואו ס'טראָגן מיך די טריט,
מיין וואונד אַ ברענענדיקע גליט.
איך בין אַצינד דער לעצטער איד,
דער איד פון דער מאַלינע.

וואָס זוכסטו, איד, אפן וויסטן שטיין? —
איך בלאָנקע אום אין נאַכט אַליין
און שלייך זיך ביז באַגינען,
וואו ס'רוט דאָס טייערע געביין,
וואו ס'גליט דאָס עלנדע געוויין,
וואָס כ'קען עס נישט געפינען.

די נאַכט דעקט צו מיך און פאַרהילט,
דער טאָג — ער דראָט מיר בייז און ווילד.
וואוהין זאָל איך אַנטרינען?
מיין צונג אַ קלאָגעדיקע שילט.
מיין טרוים איז היינט — דער הונט וואָס בילט
צום איד פון דער מאַלינע.

איז וואַנדער, איד, און גיי און שילט,
געבענטשט זאָל זיין די האַנט, וואָס צילט,
אָ, זאָלן הענט נאָך דינען!
וועט נאָך מיין ווייטיק זיין געשטילט?
וועט עפּשער זון נאָך שמייכלען מילד
צום איד פון דער מאַלינע?

— *** —

ווייטזעעוודיקע מענטשן האָבן נישט געהאַלטן פון אַ מאַלינע אין געטאָ, די דייטשן האָבן זיך אויסגעלערנט זוכן. באַ דער איפּאַטינגאַ האָבן זיך ספּעציאַליזירט באַזונדערע גרופּן כאַפּונעס, וואָס מען האָט בלויז געהאַלטן אַף אויפּצודעקן מאַלינעס. כּוץ דעם איז געווען די סאַקאַנע, אַז מען זאָל דעם געטאָ פאַרברענען, און דעמאָלט וועלן איינפאַלן די מויערן און פאַרשטעלן די אַריינגענג צו די מאַלינעס. דעריבער האָט מען געבויט די מאַלינעס אין שטאָט, און דער וועג צו זיי האָט געפירט פון דער געטאָ. פון שפּיטאָל גאַס 6 האָט מען אויסגעגראָבן אַן אויסטערלישן הייל צום „מאַנאַסטיר פון אַלע הייליקע". פון אידישן שפּיטאָל אין געטאָ האָט געצויגן אַן אונטערערדישער וועג צו דעם קאַרשול אַף זאַוואַלנע גאַס. פון דייטשישע 29 איז געגאַנגען אַ הייל אַזש אין דער צווייטער געטאָ.

מאַלינעס זיינען געווען רייכע און אָרעמע, גרויסע און קליינע, פאַר איינציקע מישפּאָכעס און פאַר הונדערט מאַן.

די מאַלינע אַף דייטשישע 21, אויסגעבויט פון הערץ זוסמאַן, איז באַשטאַנען פון דריי קעלערן. דעם לעצטן קעלער האָט זוסמאַן פאַרמויערט. דורך אים האָט זיך געצויגן אַ קאַנאַל צו די קאַנאַליזאַציע-רערן און דער קעלער איז געווען צוגעגרייט אַף דער צייט פון אַ סאַקאַנע. אין צווייטן קעלער און אין ערשטן האָבן געוואוינט 65 מאַן. זוסמאַן האָט אַריינגעצויגן אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט, און אין וואַנט פון דרויסן, אין אַ וואַסער-רער, איינמאָנטירט אַן אַפּאַראַט צום אונטערהערן, וואָס אַזוינס עס קומט פאָר אין גאַס. ער האָט דאָרט אַריינגעפירט פייער און וואַסער. אפן פאַל, אויב דאָס וואַסער און פייער וועט מען פון דרויסן אויסשליסן, האָט זוסמאַן דאָרט אויסגעגראָבן אַ ברונעם און אויפגעבויט אַן אויוון. דעם קוימען האָט ער פאַרייניקט מיט אַ קוימען פון אַ נישט-אידישן שאָכן, קעדיי ווען מען וועט הייצן זאָל דער רויך נישט אויסקומען פאַרדעכטיק. נאָר גראָד די דאָזיקע מאַלינע האָט נישט אויסגעהאַלטן מער ווי צוויי וואָכן. דער הויז-וועכטער האָט באַמערקט און געמאָסערט. ס'איז געקומען געשטאַפּאָ, אַ גאַנצן טאָג האָט מען געבראָכן די מאַלינע. דעמאָלט האָט זוסמאַן מיט נאָך פיר יונגען אויפגעבראָכן דעם לעצטן קעלער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע, און אַלעמען פאַנאַנדערגעשיקט אַף אונטערערדישע גאַסן. די פינף האָבן געמוזט פאַרבלייבן צו פאַרמאַסקירן דעם קעלער. אויבן האָט געבושעוועט די געשטאַפּאָ. מיט אייזן-בעטאָן האָט מען איילּיק פאַרמויערט דעם אַריינגאַנג און אַריבערגעטראָגן די רעזערוו-פּראָדוקטן אין די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע. אין צווייטן קעלער איז געבליבן בלויז איינער, וואָס האָט פאַרענדיקט פאַרמויערן די וואַנט, ווען געשטאַפּאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין קעלער, איז ער דורכגעקראָכן דורך אַ קוימען און זיך אַריינבאַקומען אין דריטן קעלער, וואָס האָט געהאַט די פאַרבינדונג מיט די רערן.

*

דער זעלבער זוסמאַן האָט זיך נאָכדעם אויסבאַהאַלטן מיט זיין מישפּאָכע זאַלבע-זעקסט אינעם קעלער פון די קעסלען אונטער דער דירע פון מאַסן-מערדער קיטעל אויף קאַשטאַן-גאַס 3.

זוסמאַן האָט זיך געטראַכט: ביי אַ וואָלף אין די ציינער איז אַמאָל זיכערער. דער הייצער פון די קעסלען, סטאַניסלאַוו סטאַנקעוויטש, האָט עס דאָרט איינגעאָרדנט זוסמאַנען, און אונטער אַן עמער אַש פלעגט ער אַריינטראָגן פאַר דער מישפּאָכע שפּייז.

די מאַלינע האָט זיך געפונען אונטער טרעפּ, פאַרוואָרפן מיט האָלץ. די מישפּאָכע איז דאָרט געלעגן צענויפגעדרייט, און איינמאָל אין טאָג, אַלע צוואַמען, האָט מען זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט. זוסמאַן האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַ ראַדיאָ אויף אויערן-הערערס און גאַנצע טעג פלעגט מען זיך צוהערן צו דער וועלט.

אָפּט פלעגן אַהין אַריינגיין קיטעל. דורך די שייטן האָלץ האָט מען געהערט זיין שטים. די ערנסטע טעג זיינען געווען די שאַבאַסים, ווייל די געשטאַפּאָ-לייט, וואָס האָבן באַוואוינט דעם גאַנצן מויער, פלעגן אין יענעם טאָג קומען מאַכן וואַנעס. און די וואַנט פון האָלץ, וואָס האָט באַשיצט די מישפּאָכע זוסמאַן, איז געוואָרן פון וואָך צו וואָך אַלץ דינער.

נאָך ביטערער איז געוואָרן די לאַגע, ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער זומער און מען האָט אויפגעהערט צו הייצן די קעסלען. דער ווערכטער האָט שוין נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו דרייען אין דעם קעלער און דערלאַנגען עסן. דערצו האָט מען פון דעם ווענטל האָלץ אַלץ מער און מער אַראָפּגענומען פאַר די וואַנעס. נאָך פיר כאָדאָשים ראַנגלענישן אין דער מאַלינע איז דאָס ווענטל שוין באַשטאַנען פון איינציקע שייטן האָלץ, און זוסמאַן מיט זיין מישפּאָכע האָט געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן. ער איז צוריק אַנטלאָפן אין דער ערשטער מאַלינע אויף דייטשישע 21, וואָס די געשטאַפּאָ האָט געהאַט פריער אַנטדעקט. דאָרט זיינען זיי אָפּגעווען ביז דער באַפרייאונג. אין אַן אַנטדעקטער מאַלינע פלעגט מען אָפּט זיך אומקערן אויף צוריק. דער מיין איז געווען אַ פּאַשעטער און אַ קלוגער: די דייטשן וועט נישט איינפאַלן, אַז מען וועט ווידער זיך באַזעצן אין אַ קאָמפּראָמיטירטן אָרט.

*

אין די מאַלינעס זיינען פאָרגעקומען גוואַלדיקע טראַגעדיעס. מענטשן זיינען דאָרט געשטאָרבן פון הונגער און פון מאַנגל אין לופט. בעיס דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ זיינען צענדליקער מאַלינעס מיט מענטשן פאַרשאָטן געוואָרן מיט די אויפגעריסענע מויערן. ביז היינט ליגן נאָך דאָרט די קאָרבאָנעס. פיל מאַלינעס זיינען דורכגעפאַלן צוליב קינדער: די קינדער האָבן געוויינט, און זייערע קוילעס האָבן אַרויסגעגעבן די באַהעלטעניש. מיר זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען עלטערן האָבן דערשטיקט אין די מאַלינעס זייערע קינדער. מערסטנ-

טייל האָבן זיי עס געטאָן געצוואונגען פון די מיטוואוינער. „צוליב איין קינד וועלן מיר אַלע אומקומען" — און באַהערשט פון דער מאַלינע-מעשוגאַס, האָט מען דערשטיקט קינדער.

איך בין אַליין נישט איינמאָל געלעגן אין אַ מאַלינע. איך ווייס גוט איר טאַם, די ווילדע שרעק פון די צונויפגעקאַרטשעטע גופים. יעדער שאָרך, אָדער באַוועגונג פלעגט אָפּרייסן דאָס האַרץ און אַרויסציען די קויכעס. אין אַזאַ צו-שטאַנד איז מען פּויאיק אויף אַלץ. איך וועל פיל פון מיינע איבערלעבונגען פאַר-געסן. שוין איצט איז מיר פאַרנעפּלט געוואָרן דער קאָליר פון בלוט. אָבער איך וועל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען אין דער מאַלינע האָבן זיך נישט אָנ-געצונדן די שוועבעלעך, ווייל אין דער לופט איז שוין נישט געווען קיין זויער-שטאָף.

✤

מיט עטלעכע טעג פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי האָט מען גע-מאָלדן די אידן פון קאָנצענטראַציע-לאַגער ה. ק. פּ., אַז דער לאַגער ווערט ליק-ווידירט און זייערע בירגער וועט מען עוואַקואירן טיפער צו דייטשלאַנד. וואָס דאָס באַדייט אַזוינס עוואַקואַציע, האָט מען גוט געוואוסט. און אויך דאָרט האָט מען גלייך גענומען זיך פאַרמאַלינעווען. דער ניין-יעריקער שמועל גוטמאַן האָט מיר דערציילט וועגן אַ מאַסן-מעשוגאַס, וואָס איז פאָרגעקומען בײַ אים אין דער מאַלינע. וועגן דעם פאַל פון מאַסן-מעשוגאַס האָב איך געהערט פון אַנ-דערע אויך. נאָר לאָמיר עס דערציילן מיט די ווערטער פון קינד:

„אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן קומט פּלאַנע 1) מיט אַ באַפעל, אַלע זאָלן צו-גרייטן פּעקלעך, ווייל די טעג דאַרף מען פון דאַנען אַרויספאָרן. ס'איז גלייך געוואָרן אַ טומל. מיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויף מאַכן מאַלינעס. ער האָט גענומען מיין מאַמען און מיך און אַריינגעפירט אונדז אין קאָאָפּעראַטיוו. דאָרט איז געווען אַ מאַלינע, וואו מען האָט באַהאַלטן די סחורה פון קאָאָפּעראַטיוו. מיין טאַטע האָט אויפגעהויבן אַ קליאַפּע פון פּאָדלאָגע און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ לייטער אין קעלער. דאָרט זיינען געווען זעקס צימערלעך. אין אַלע פול מיט מענטשן. מען האָט זיך פּאַשעט געשטיקט. מענטשן האָבן געכאַלעשט. עס איז נישט געווען וואָס צו טרינקען. מען האָט געמוזט טרינקען דאָס וואַסער פון אַ קאַנאַל. איך האָב עס אַליין געטרונקען. מיט אַמאָל האָבן מיר דערזען דורך אַ שפּאַלט, אַז אויפן הויף איז אָנגעפאָרן אַ מאַשין מיט דייטשן. אַלע האָבן זיי געטראָגן גראַנאַטן און קוילנוואַרפער. איי-נער אַ ביטערער מענטש, זשמיגראַר, האָט אויסגעהאַקט אַ לאָך אין וואַנט און איז אַריינגעקראָכן אין אַן אַנדער מאַלינע. דאָרט, האָט ער געזאָגט, וועט זיין זי-כערער. און מיין טאַטע און מיין מאַמע, צוזאַמען מיט אַ פולע מענטשן, זיי-נען אַריינגעקראָכן צו זשמיגראַדן אין מאַלינע. דאָרט איז געווען אַ קאַנאַל. אין

1) דער שעף פון קאָנצענטראַציע-לאַגער.

פון קאַנאַל איז געגאַנגען לופט. מיטאַמאָל האָט עמעץ אָנגעוויזן די דייטשן אַף דער מאַלינע, וואו מיר זיינען אַקאָרשט געווען. זיי האָבן גענומען וואַרפן גראַנאַ-טן און אויפגעריסן אַ וואַנט. זיי האָבן אַ סאַך מענטשן פון דאָרטן אַרויסגע-נומען. עפּשער אַ הונדערט. נאָר אונדזער מאַלינע האָבן זיי ניט באַמערקט. אַלע-מען, וועמען מען האָט אַרויסגעפירט פון דער מאַלינע האָט מען אויסגעשטעלט אַפן פּלאַץ און אויסגעשאָסן מיט קוילנוואַרפער.

פון די גראַנאַטן, וואָס מען האָט געוואָרפן אַהין, וואו מיר זיינען פריער געווען, איז אַריין צו אונדז אַ גאַז און איין פרוי האָט זיך דערשטיקט. אַלטע האָבן געכאַלעשט. נאָר קליינע קינדער, ווי איך, פלעגן ניט כאַלעשן.

דערווייל איז די מאַמע געוואָרן מעשוגע. זי האָט אָנגעהויבן שרייען: „באַלד כאַפּט מען די מאַלינע". נאָר אַזוי ווי עס האָט געמוזט זיין רואיק, האָבן מענטשן גענומען שלאָגן די מאַמען. די מאַמע האָט געשריגן ווייטער. אַז מען איז מעשוגע — שרייט מען. דערווייל איז געוואָרן מעשוגע נאָך אַ איד, איי-נער מאַלקעס, און מיט אַ ציגל גענומען שלאָגן די מאַמען. מיין טאַטע האָט גע-כאַפּט אַ מעסער און געשטאָכן מאַלקעסן. דעמאָלט האָבן זיך געוואָרפן אַף אים 6 מאַן און געבונדן אים. אַ געבונדענער האָט דער טאַטע געוויינט: אוי, וויי, איך האָב דערהאַרגעט אַ מענטשן. איינער קאַטלער האָט זיך באַם טאַטן געבעטן, ער זאָל אויפהערן שרייען. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. קאַטלער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און אַריינגעשאָסן דעם טאַטן אַ קויל. נאָר פון מעשוגאַס האָט נאָך דער טאַטע געהאַט אַביסל קויעך. ער האָט צעריסן די שטריק און זיך געוואָרפן אַפן מערדער. דעמאָלט האָבן אים דריי מענטשן דער-האַרגעט מיט ציגל... אַז איך דערצייל דאָס, הייב איך אָן צו וויינען. ווען די מאַמע האָט עס דערזען, האָט זי גענומען יאָמערן. מען האָט איר דערלאַנגט מיט אַ ציגל אין האַלדז און זי איז געפאַלן. זי האָט נאָך אַביסינקע געלעבט. האָט מען זי דערשאָסן מיט אַ רעוואָלווער. דערנאָך האָט מען אויסגעגראָבן אין דער מאַלינע אַ גרוב און מען האָט ביידן באַגראָבן. איך האָב געשריען: „האַז-בויניקעס, וואָס טוט איר?" נאָר מען האָט מיך ניט געהערט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די מענטשן אָנגעהייבן צו ריידן, מען זאָל אַרויסגיין פון דער מאַלינע. מיין טאַטנס אַ כאַווער האָט מיך גענומען מיט זיך. ווען מיר זיינען אַרויס, זיינען אין שטאָט שוין געווען די רוסן".

*

אין דעם זעלביקן קאָנצענטראַציע-לאַגער איז, ווי דערמאָנט, געווען אַ באַ-זונדער מאַלינע פאַר קינדער. די עלטערן האָבן גוט געוואוסט, אַז לאַנג וועלן זיך די קינדער ניט קענען איינהאַלטן. מען האָט זיך באַמיט די קינדער אַרי-בערצוטראָגן אין שטאָט. דאַוויד גיטעלמאַן האָט געהאַט אין דער מאַלינע אַ צוויי יאָריק טעכטערל. ווי אַזוי טראָגט מען עס אַרויס? דאָס קינד קען זיך נאָך צעוויינען און די וואַכליים וועלן עס כאַפּן צוזאַמען מיט טאַטע-מאַמע. אין

לאַגער איז געווען אַ דאָקטאָר. ער האָט געגעבן אַן אייצע: פאַרכלאָראָפאָרמירן דאָס קינד און עס אַרויסטראָגן אין אַ זעקל, דורך אַן אונטערגראָב אונטער די דראָטן, מען האָט אַזוי געטאָן, דאָס קינד איז געבליבן לעבן.

אַזוינע פאַלן פון פאַרכלאָראָפאָרמירן קינדער און זיי אַרויסטראָגן צו באַקאַנטע אין שטאָט זיינען מיר באַוואוּסט צען.

*

נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ האָט זיך אַף רודניצקער 6 אַריינגעקליבן אַ גרופּע כאַפּונעס מיטן אָפיציר לוקאַשים בראָש, זייער אויפגאַבע איז געווען אויסצוגעפינען די באַהאַלטענע אידן אין די מאַלינעס. גלייכצייטיק האָבן זיי געבראַכט אַרבעטער, וואָס האָבן וואָכנלאַנג אַרויסגעפירט פון דער געטאָ דאָס געבליבענע בעטגעוואַנט, מעבל און פאַרשידענע פּראָדוקציע פון די וואַרשטאַטן אין געטאָ. די אַרבעטער האָט מען אָנגעזאָגט: אויב זיי וועלן אויסגעפינען אַ מאַלינע, באַקומען זיי אַ פּרעמיע. די גרויס פון דער פּרעמיע, וואָס באַשטייט פון דעם אָנגערויבטן אייגנטום, איז אָפּהענגיק פון דער צאָל אידן, וואָס דער אַרבעטער וועט געפינען.

די כאַפּונעס זיינען דורכגעגאַנגען קורסן, געקומען אין דער באַפרייטער ווילנע, האָב איך געפונען אין זייער לאָקאַל אַ טאָוול, וואו עס איז געווען אָנגעצייכנט מיט קרייט קאַלערליי סיסטעמען פון מאַלינעס. דאָרטן האָבן זיך אויך געוואַלגערט בלעטלעך מיט אידישע אויסיעס. דאָס האָבן די כאַפּונעס זיך געלערנט אידיש, עס זאָלן גרינגער זיין אויסצוגעפינען אַ מאַלינע. זיי פלעגן אַרומגיין איבער די הייזער און אויסרופן אַף אידיש:

— קיינער איז ניטאָ אין געטאָ! מען קען שוין אַרויסגיין!

נאָכן אויפדעקן אַ מאַלינע פלעגן די כאַפּונעס אַריינפירן אירע איינוואוינער צו זיך אין ביוראָ, דאָרטן האָט מען צוגענומען אַלץ, וואָס מען האָט פאַרמאָגט, געפּאַרשט, און נאָכדעם אָפּגעפירט אין געשטאַפּאָ. יונגע מיידלעך פלעגט מען איבערלאָזן און זיי דאָרטן פאַרגוואַלדיקן. נאָכדעם פלעגט מען זיי פּרוּוון איינרעדן, אַז מען וועט זיי לאָזן לעבן, אויב זיי וועלן אָנווייזן, וואו מען באַהאַלט זיך.

איציק לוריע האָט מיר דערציילט: בעיס ער איז געלעגן אונטער דער פּאָדלאָגע אַף אַשמענער 1, האָט ער דורך אַ שפּאַרונע געזען ווי צוויי כאַפּונעס האָבן אַריינגעפירט אַ געפּענטעטן פערד אין דער געבוידע און אים אַרומגעפירט עטלעכע מאָל אין דעם לאַנגן זאַל פון די געוועזענע וואַליקעס-וואַרשטאַטן. לויטן אָפּהילך פון די פערדישע קאָפּיטעס האָבן די כאַפּונעס געפּרוּווט דערקענען, וואו עס איז אונטער דער פּאָדלאָגע אַ פּוסט אָרט. לוריע האָט בעיסמאיסע זיך צעטומלט. ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער בעיס דאָס פערד איז אַרויף אַף זיין מאַלינע, האָט ער דערהערט, ווי אַ כאַפּון האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאַכט זיך דאָ, לאָמיר פּרובירן, — און לוריע האָט דערהערט איבער, קאָפּ דעם אָפּהילך פון העק. ער איז אַנטלאָפן דורך אַ צווייטן אַרויסגאַנג.

די איינציקע מאַלינע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן ביז דעם טאָג פון דער באַפרייאונג, איז די מאַלינע פון עליאָהו קאַפּאַנסקי אויף רודניצקער 23. קאַפּאַנסקי האָט אָפּגעצוימט אַ טייל פון זיינעם אַ צימער און פאַרקלעפּט די וואַנט מיט צייטונגען. הינטער דעם ווענטל האָט ער זיך פאַרקליבן מיט זיין מישפּאָכע. דאָס צימערל האָט געהאַט דריי אַריינגענג: פון אַ קעלער, פון אַ וואַנט, וואו אַן עפענונג איז פאַרליינט געוואָרן מיט איינציקע ציגל און פון דרויסן פאַרשאָטן מיט ערד. און אַ דריטער אַריינגאַנג איז געווען דורך דעם ווענטל, וואָס ער האָט פאַרקלעפּט מיט צייטונגען. פאַרן אַריינגאַנג אין דער מאַלינע האָט ער בעקיוון פאַנאַנדערגעוואָרפן אין די ערשטע צימערן אַלע זאַכן, בעטגעוואַנט, עס זאָל מאַכן דעם איינדרוק, אַז מען איז שוין דאָרט געווען און מען זאָל ניט זוכן נאָכאַמאָל. קאַפּאַנסקי האָט אַפילע איבערגעלאָזט אויפן וואַנט דעם זייגער.

נאָכן אָפּליגן אין דער מאַלינע אַ כוידעש, זיך שפּייזנדיק בלויז מיט אַרבעס, איז ער אַרויסגעקראָכן פון זיין מאַלינע אין איינעם פון די צימערן און אַרויסגעקוקט אינדרויסן. ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, צי עס איז דאָ דער לאַגער ה. ק. פּ. ער האָט געזען פאַרבייגיין צוויי מיידלעך. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי זיינען אידישע. ער האָט אַרויסגערוקט דעם קאָפּ דורך דער אייזערנער טיר און געפרעגט די מיידלעך:

— איר ווייסט ניט, דער לאַגער ה. ק. פּ. עקזיסטירט נאָך?

די מיידלעך האָבן גאָרניט געענטפערט און זיינען אַוועק.

אַנטקעגן איז גראָד געשטאַנען אַ כאַפּון. ער האָט אויסגעשריגן צו די מיידלעך: איר ווייסט, ווער מיט אייך האָט גערעדט? אַ זשיד!

קאַפּאַנסקי איז גיך אַריינגעלאָפן אין דער מאַלינע און פאַרמאַכט דעם אַריינגאַנג. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אין זיין צימערל און געהאָרכט דורכן ווענטל, וואָס דאָ וועט זיין. אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָט זיך געעפנט די אייזערנע טיר און מען איז אַריין אין צימער. קאַפּאַנסקי האָט דערהערט צוויי מיידלשע שטימען. איינע האָט געפרעגט די צווייטע אין אידיש: פונוואַנען קומסטו, און די צווייטע האָט אין דער זעלבער שפּראַך געענטפערט: איך קום פון ה. ק. פּ .

געשפּרעכן אין די צימערן אויף אידיש האָבן זיך איבערגעבאַזערט אין מעשעך פון צוויי וואָכן, אויף דעם אויפן האָבן די מערדער געוואָלט אויסנאַרן קאַפּאַנסקין און געפינען זיין מאַלינע. אָבער דער איד האָט זיך פאַרשטאַנען אויף די קונצן און איז ניט געגאַנגען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר קאַפּאַנסקין אַ הונגער, די אַרבעס האָבן זיך געהאַלטן ביים ענדיקן. ער האָט אויסגעציילט וויפל אַרבעס עס איז נאָך געבליבן, און ער מיט זיין מישפּאָכע האָבן זיך גענערט מיט 50 אַרבעס אַ טאָג. די

לעצטע צוויי וואָכן פאַר דער באַפרייאונג האָט מען זיך געגערט אין דער מאַ-לינע מיט 22 אַרבעס אַ טאָג, ווען קאַפּאַנסקי, ניט קענענדיק שוין מער אויס-האַלטן דעם הונגער, איז אַרויסגעקראָכן פון דער מאַלינע נאָך שפּייז, איז שוין אַ וואָך צייט געווען פריי די שטאָט.

*

די מערהייט מאַלינעס, סיי אין געטאָ, סיי אין שטאָט, האָבן ניט אויס-געהאַלטן. דורך מעסירעס, דורך פאַרשידענע פּראָוואָקאַציעס זיינען זיי געוואָרן אַנטדעקט. דעמאָלט האָט דער כוש פון לעבן אַריינגעפירט צענדליקער געיאָג-טע אין די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע. דאָ אין קעניגרייך פון שמוץ און מייז האָט מען זיך געפילט זיכערער ווי ערגעץ אין שטאָט. גיך האָט מען זיך צוגע-וואוינט צו די שטראָמען וואַסער, וואָס בעשאַס זיי יאָגן אָן מוז מען זיך איינ-קלעמערן מיט די הענט און פיס אין די רערן, קעדיי ניט צו ווערן אַוועקגע-שלעפּט דורכן שטראָם. מען האָט זיך אויסגעלערנט דעם גאַנג פון די אונ-טערערדישע וועגן, געטראָפן בלינדערהייט אין אַלע ווינקעלעך, און מען האָט אָנגערופן די אונטערערדישע רערן ווערליק די גאַסן דורך וועלכע זיי פירן. אַז מען האָט זיך געפונען אין אַ קאַנאַל אויף רודניצקער גאַס, האָט מען געזאָגט: איך געפין זיך אויף רודניצקער גאַס, אָדער איך גיי אויף ברייטער גאַס א. א. וו. מען האָט אַרומגעשלייעט איבער די ווילנער „גאַסן" באַנאַכט, אַרויסגעקראָכן דורך אַ קאַנאַליזאַציע-דעק נאָך שפּייז און מען האָט געלעבט מיטן גלויבן אין אַ גי-כער באַפרייאונג.

קאַנאַליזאַציע-רערן זיינען פאַראַן פאַרשידענע. דורך די הויפּט-גאַסן גייען הויכע צו אַ מעטער מיט אַכציק און אַ מעטער מיט צוואַנציק. אונטער די קלענערע גאַסן האַלטן די קאַנאַליזאַציע-רערן צו אַכציק, צו פופציק, צו פער-ציק סענטימעטער. פאַראַן אויך קאַנאַלן זייער אַלטע, וואָס איצט ווערן זיי ניט באַנוצט. אין די קאַנאַלן זיינען דאָ אַזוינע ברונימלעך. ווען עס שטראָמט דאָס וואַסער זעצט זיך אָפּ אין די ברונימלעך דאָס שמוץ. באַם גיין דאַרף מען זיין נעוואָרנט. מען קען לייכט אַריינפאַלן, זיך צעקלאַפּן און אַפילו — אויב עס איז אַ גרויסער שטראָם, זיך דאָרט דערטרינקען.

אָבער לאַנג אַזוי ציען אין די קאַנאַלן איז געווען אומעגלעך. אַפילו זומער איז דאָרט נענוג קאַלט. אַ פּשיטע שוין ווען ס'האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער. פאַרשידענע גרופּעס און מישפּאָכעס האָבן זיך פאַרבונדן מיט באַ-קאַנטע נים-אידישע פאַמיליעס אין שטאָט, וואָס זייערע וואוינונגען זיינען געווען נאָענט צו די קאַנאַלן, און מיט זייער הילף האָט מען אויסגעגראָבן אונ-טער זייערע וואוינונגען מאַלינעס. פון די מאַלינעס האָט מען דורכגעגראָבן קאַ-נאַלן צו די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע, און פון די קאַנאַליזאַציע-רערן אויס-געשניטן דעקלעך, וואָס פלעגן ווערן צוגעמאַכט פון אינעווייניק. מען האָט

שוין געלעבט אין די ניי-אויסגעבויטע מאַלינעס. טאָמער אַ סאָקאָנע — אַנט-לויפט מען אין די קאַנאַלן.

מאַלינעס פאַרבונדענע מיט די רערן זיינען געווען באַ אַ פּופּצן. אין זיי אַרום הונדערט פּערציק איינוואוינער, צעוואָרפן איבער דער גאַרער שטאָט: אַף סטעפּן-גאַס און רודניצקער, נאָוואָגאָראָד און סובאָטש, גלעזער - גאַס און איגנאַטאָווער געסל.

בייטאָג פלעגן די קאַנאַג-מענטשן מערסטנטייל שלאָפן. דורך די קאַנאַלן איז מען ניט געגאַנגען, ווייל אָפּט פלעגן זיך דאָרט אַראָפּלאָזן קאַנאַליזאַציע - אַרבעטער. דאָס לעבן פלעגט זיך אָנהייבן ביינאַכט, דעמאָלט עפענען זיך די דעקלעך פון די רערן, און מען לאָזט זיך אַוועק צוגאַסט איינער צום צווייטן. פון דער מאַלינע אַף ווילנער 22 לאָזט מען זיך אַף סובאָטש 10. פון גלע-זער-גאַס 9 ווערט מען פאַרבעטן אַף טיי אַף דייטשישע 19.

אַף דייטשישע 19 איז איינע פון די כּאַשעוועסטע מאַלינעס. אין דער מאַ-לינע בין איך געווען. זי איז אַ מייסטערווערק אין פולן זין פון וואָרט. דער אַריינגאַנג אַהין איז דורך אַ פּריוואַטער וואוינונג. די באַלעבאָסטע, מאָניקאַ קאָלווייטיס, האָט געהאָלפן אויסבויען אַ מאַלינע. צוערשט הויבט זיך אויף פון דער פּאָדלאָגע אַ קלאַפּע און מען גייט אַרונטער אין אַ קעלער. אין קעלער איז טונקל, פייכט. אין אַ ווינקל שטייט אַ קאַסטן מיט קאַרטאָפל. פון אָט דעם קאַסטן נעמען זיך אַרויס צוויי ברעטלעך און מען קריכט אַף אַלע פיר אַזוי לאַנג ביז מיטן קאָפּ הויבט מען אויף אַ דעק און מען קומט אַריין אין אַ צוויי-טן קעלער, אין ווינקל קייקלט מען אָפּ אַ שטיין און אַף אַ מעשופּעדיקע טרעפּ קריכט מען ערגעץ אין דער הויך, ביז מען קומט צו אַן אָפּגעצוימט ווינקל צווישן זוענט. דאָרט איז דאָ אַ ברונעם. אַף אַ לייטער דאַרף מען זיך אַראָפּ-לאָזן אין ברונעם און אַן ערעך אַ צוויי מעטער פון דער וואַסער-פלאַך בייגן זיך אָפּ צוויי קלעצער און מען דאַרף זיך אַריינשאַרן ווייטער דורך אַ זייער שמאָלן קאַנאַל, ערשט נאָכן אַדורכגיין דעם קאַנאַל קומט מען אַריין אין דער מאַלינע.

די מאַלינע מאַכט אַן איינדרוק פון אַ נאָרמאַלער וואוינונג. עס ברענט עלעקטריע. אַ ראַדיאָ שטייט אַפן טיש. די הילצערנע בעטן זיינען פאַרבעט, די ווענט זיינען ריין געמאָלט. און וואָס מיר האָט אַמערסטן פאַרוואונדערט איז דער בלאָער שלעקל, וואָס איז איבערגעצויגן איבער די ווענט פון שיינקייט ווענגן. ווייטער גייט אַ שפּייכלער, אַ קיך, אַ באָד, אין דער באָד איז פאַראַן אַ שפּריץ, און דאָס וואַסער, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ אַף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע, גייט אַריין אין אַ רער, וועלכע פירט עס אַוועק וואו מען דאַרף. פאַרן אַריינגאַנג אין באָד ליגט באַ דער טיר אַ הילצערנער טרעטער אָפּצורייבן די שיך. דער טרעטער הויבט זיך אויף און מען גייט אַריין אין אַ הייל, וועלכע פירט צו די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע.

אין אָט דער מאַלינע אַף דייטשישע 19 פלעגן ביינאַכט אָנקומען צו

גאסט צענדליקער אידן פון פארשידענע „גאסן". פון דאנען פלעגן זיי פאנאנ-דערטראָגן איבער דער „שטאָט" די לעצטע ראַדיאָ-ידיעות.

אין די קאנאלן פלעגט מען זיך טרעפן אף ראַנדעוואוען. מען האָט גע-פירט דאָ ליבעס. קיין שוועבעלע פלעגט מען ניט טאָרן אָנצינדן, קעדיי דאָס פייערל זאָל זיך ניט זען דורך די אויבערשטע גראַטעס, אָבער יונגווארג האָט שוין געטראָפן די אָפגערעדטע ערטער. די ליבע האָט געלויכטן פאָרויס און געפירט דורך דער פינצטערניש.

צוליב אזא מין ליבע איז שיער ניט אומגעקומען א מאַלינע. עס איז גע-ווען אזוי: א יונגע פאָר האָט היים ראָמאנסירט אונטער אַ גראטע אנטקעגן דער לעוואָנע, פון גרויס פרייד האָבן די פארליבטע זיך פארגעסן, אז אויבן אפן טראָטואר גייען ארום דייטשן. די פארליבטע האָבן זיך צערעדט און צעלאַכט אפן קאָל. עס האָט דערהערט א פארבייגייער און געמאָלדן דער געשטאַפּאָ. אף מאָרגן איז געקומען געשטאַפּאָ.

דערהערט, אז מען ברעכט די מאַלינע, האָבן די דרייסיק אונטערערד-מענטשן זיך א לאָז געטאָן איבער דער הייל צו די רערן פון דער קאנאַליזאַ-ציע. די דייטשן אויבן האָבן פארצוימט דעם וועג און געשליידערט גראנאטן דורך די געעפנטע דעקן. די מערהייט איינוואוינער פון דער מאַלינע האָט דורכ-געריסן דאָס פייער און געפונען שוץ באַ די אונטערערדישע שכיינים. פון די דרייסיק זיינען געפאלן דריי: א פאראליזירטע פרוי, א זאָקן און א קינד.

*

שפּיז האָבן דעם גרעסטן ראָוו צוגעשטעלט די שכיינים, אין וועמענס קע-לערן עס האָבן זיך געפונען די מאַלינעס. פון צייט צו צייט פלעגט מען זיך אויך ארויסכאַפּן אינדרויסן און איינקויפן פּראָדוקטן. פאַר דעם קארגן יאָר פארברענגען אין דער אונטערערד האָט מען דאָרט געשאפן א שול צום דאווע-נען און א בייסוילעם. אפן בייסוילעם, אין א מאַלינע, אף גלעזער-גאס 9, האָט מען מעקאַבער געווען 6 מענטשן. אין די קאנאַלן פלעגן אויך פארקומען סימכעס. כאַנעקע האָט מען געבענטשט כאַנעקע-ליכט און געגעסן לאַטקעס.

אף אן אָריגינעלן אויפן האָט מען געפייערט דעם 1-טן מאַי. מיידלעך האָבן אויפגעהאָפטן רויטע פענדלעך און ביינאַכט האָבן דאָס כעוורע ארויסגע-וואָרפן אף די גאסן דורך די אויבערשטע דעקן פון דער קאנאַליזאַציע.

אויך די קונסט האָט אונטער דער ערד געדייעט. אין די רערן פון דער קאנאַליזאַציע האָט געוואוינט א האַלב יאָר די קאָמפּאָזיטאָרן בערנשטיין. איי-דער נאָך זי האָט געפונען א ווינקל אין א דערבייאיקער מאַלינע, איז זי גע-זעסן אין א ברונעמל, וואָס איז ארויסגעקומען אונטער דעם האָטעל „איירָאָפּע". די קינסטלערן פלעגט זיך איינהערן מעסלעסן לאנג ווי די מייז פליושקען מיט די פיסלעך אין די וואסערן און דורך דעם געוועלב פון די רערן הילכן אף

זייערע מעשונעדיקע קלאַנגען, דערבײַ פּלעגן אויך פּלייצן אין די וואַסערן קאַ־לערליי שטיקלעך גלאָז, בלעכלעך, שטיינדלעך, און דאָס אַלץ צוזאַמען מיט די מויזן־קלאַנגען, האָט באַשאַפן פאַר דער קינסטלערן אַזאַ האַרמאָניע אַז דאָרט גופא אין די רערן האָט זי אָנגעשריבן אַ קאָמפּאָזיציע.

*

בײַ מיר געפינט זיך אַ טאָג־בוך, געשריבן אין די קאַנאַלן פון דעם אונדז שוין באַקאַנטן אַרכיטעקט פון דער אונטערערדישער ווילנע, גערשן אַבראַמאָ־וויטש. איך וועל ציטירן עטלעכע מערקווירדיקע שטעלן פון אָט דעם טאָג־בוך:

„...מענדל קריכט דער ערשטער. אין מויל האַלט ער דעם זעקל סוכאַרעס, וואָס איז שוין עטלעכע מאָל אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער בעשאַס ער פּלעגט פאַר־געסן און אָנהויבן רערן. פון זעקל רינען פאַרשטונקענע טראָפּנס. אויף מענדלס פּלייצע ליגט זײַן טעכטערל. מיט די הענטלעך קלאַמערט זי אַרום זײַן האַלדז. מענדל איז פאַרשוויצט. צוליבן זעקל אין מויל מוז ער אָטעמען דורך דער נאָז. די רער האַלט 80 סענטימעטער די הויך, און ער מוז זיך שטאַרק אײַנבייגן, קעדיי ניט צו צערײַבן דעם טעכטערלס פּלייצע. פון הינטן זעט ער אויס ווי אַ לעגענדאַרע באַשעפעניש, וואָס טראָגט איר קינד דורך אוראַלטע הײלן. ער ווערט אומגעדולדיק און ציט אויס לענגער די רעכטע האַנט. דעם רעכטן פוס מוז ער מיטהאַלטן. פון דער באַוועגונג גיט זיך בײַ אים אַ הויב דער הינטן און זײַן טעכטערל גיט אַ פאַל פאָרויס. זי שרײַט: „טאַטע!" און פאַרכאַפּט אַליין דאָס וואָרט — זי ווייסט, אַז די דײַטשן קענען דערהערן.

הינטער מענדלען קריך איך. דאָס פּעקל זאַכן דריקט אויף מײַן פּלייצע, און די טאָרבע ברויט, וואָס איך טראָג אין מויל, וועט באַלד אַרויסרײַסן מײַנע פאָדערשטע ציינער. איך מוז טאַראַמאַזירן מיט די קני אין די מעשונעדיקע ווענט, אַניט, וועט מיך דער שטראָם אַוועקטראָגן.

דער טשוהון האָט שוין דורכגעריבן די הויזן. די קני ברענען פאַר ווײ־טיק. די הענט בלוטיקן אויך. הינטער מיר קריכט די מאַמע, און נאָך איר בײ־קע. און הינטער אונדז אַלעמען יאָגט דער גערויש פון וואַסער, וואָס פאַלט אַרײַן פון סטעפּן־גאַס אויף זאַוואַלנע. דער גערויש ווערט פאַרגרעסערט טויזנטפאַכיק און ער הילכט אויף דורך די רערן ווי אַ וואַסערפאַל.

מיר קריכן ווײַטער. דער גערויש פון אונדזער „וואַסערפאַל" ווערט שטי־לער. עס דערטראָגט זיך דאָס הודען פון פאַרנדיקע אויטאָס.

פּלוצים דערטראָגט זיך אַ געשריי. מיר דערהערן אידישע ווערטער. קיינער פאַרשטייט ניט פונוואַנען זיי קומען. די רער פאַרנעמט זיך אויף רעכטס. פון ווײַטן זעט זיך אַ טונקל־גראָע ליכטיקייט. מיר קומען צו אַ ברונעמל. איך מיט מענדלען קריכן אַרײַן אינעווייניק. די איבעריקע זעצן זיך אין וואַסער אָפּרוען. די קוילעס ווערן נענטער. דורך די שפּעלטלעך פון דער גראַטע זעען מיר שטיק־

לעך בלאָען הימל. עס דערטראָגט זיך אַ טופּען פון פיס. מיר הויבן אויף די קעפּ, און איבער אַלע שפּעלטעלעך טראָגן זיך שטיוול, וואַליקעס, טופל, צווישן זיי פלאַנטערן זיך אויך באָרוועסע פיסלעך. די פיסלעך לויפן, ווייזט אויס, אַז עמעצער יאָגט זיי. דאָס געפין איך זיך אַנטקעגן דעם טויער פון געטאָ. פון דאָרטן טרייבט מען איצט די לעצטע אידן. איך הער אַ קינדערשע שטים: „אוי, מאַמע, העלף! מען שלאָגט מיך!" די מאַמע פּרוּווט נאָך אירע קויכעס און רייסט זיך צום קינד. טויבע קלעפּ פון ביקסן פאַלן איבער פּלייצעס.

איך קריך אַרויף אַף די טרעפּלעך ביז אונטערן דעק. איבער מיין קאָפּ טאָפּטשען סאָלדאַטישע שטיוול. עס טיילט מיך אָפּ פון זיי בלויז 20 סענטימע-טער. אָט גייט אַ פרוי מיט אַ גרויסן פּאַק אַף די פּלייצעס, אַ קליין מיידעלע שפּאַרט אונטער דעם פּאַק. איך זע אַ גראָע פּאַרבלוטיקטע באָרד. איך דערקען דעם מענטשן. ער איז געווען מיינער אַ שכן אין געטאָ. און אָט גייען יונגע מענער מיט געבונדענע הענט.

אויטאָס שטעלן זיך אָפּ. זיי ווערן אָנגעפּילט מיט די איינוואוינער פון גע-טאָ. דאָס פירט מען צום טויט.

...שוין דעם פינפטן טאָג, ווי מיר וואָגלען אין די קאַנאַלן. נעכטן איז, קענטיק געווען אַ רעגן. עס האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ שטאַרקער שטראָם. אַף זאַוואַלנע גאַס האָט אונדז דער שטראָם אַזאַ דים געטאָן, אַז מיר זיינען אַף אים געשוואומען, גלייך ווי מיר וואָלטן געפאָרן אַף מאָטאָציקלען. אַ נעס, וואָס אַף טראָקער גאַס האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם אָפּצווייג פון דער רער, אַניט וואָלט איך פאַרטראָגן געוואָרן צו אַלדי רוכעס. שווימענדיק איז אַרויסגעפאַלן פון מיינע ציינער דאָס זעקל ברויט. נאָר אַף מאָרגן האָט עס מענדל געפונען בײַ דער גראַטע לעבן טייך.

✠

ווען די רויטע אַרמיי האָט אַרומגערינגלט די דייטשן אין ווילנע און פּאָר יעדער גאַס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, זיינען די קאַנאַל-מענטשן אַרומגע-לאָפן אין די קאַנאַלן און אַרויסגעקוקט דורך די גראַטעס, וואָס אַזוינס עס טוט זיך אין שטאָט — וואו זיינען זיי, בײַ די דייטשן, צי בײַ דער רויטער אַרמיי? ווען מען פלעגט דערזען אַף דער גאַס אַ רויטאַרמייער — אַ סימען, אַז די גאַס איז שוין באַפרייט — פלעגן די יונגען אין די קאַנאַלן שרייען צו זייערע ווײַ-טע באַוויירים:

— לויף אַוועק פון דייטשלאַנד און קום אַהער! אַף אונדזער גאַס אויבן איז שוין ניטאָ היטלער!

און מען פלעגט אַרויסקריכן דורך די גראַטעס אַף אַ באַפרייטער גאַס, קעדיי מיטצוהעלפן באַפרייען אויך אַנדערע גאַסן.

# קיטעל

קיטעל איז אַן אַרטיסט, אַ זינגער. ער האָט געענדיקט אַ טעאַטער־שול אין בערלין און אַ מאָרד־שול אין פראַנקפורט. די לערעס פון די ביידע שולן האָט ער „האַרמאָניש" פאַראייניקט. יעדער זונטיק פלעגט ער אויפטרעטן אין ווילנער ראַדיאָ, ער פלעגט שפּילן אויף אַ זילבערנעם סאַקסאָפאָן און צוזינגען לידלעך. יונג. געבוירן אין 1922. ער איז דער איינגסטער פון זיינע אַלע קאַלעגן, און, מען מוז צוגעבן, פון אַלע דער פלינקסטער.

ווען עס איז באַשטימט געוואָרן ענדגילטיק צו ליקווידירן דעם ווילנער געטאָ, האָט נויגעבויער פּאַרטרויט דעם קאָוועד ניט קיין אַנדערן ווי קיטעלן. אויף וויסן האָט ער זיך מוירע געהאַט צו פאַרלאָזן. ווייל איז בלויז אַ מיידים דע־מאָלט, ווען מען שטעלט זיך ניט אַנטקעגן, — אָבער ווייסנדיק, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אַ פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע, האָט נויגעבויער זיך פאַרלאָזן נאָר אויף קיטעלן, וועמענס רום אין אויסמאָרדן אידן האָט דערגרייכט אַהער פון הונדערטער קילאָמעטער ווייט — פון ריגע און טאַלין, לאָדזש און וואַרשע.

אויפן ערשטן אָנבליק איז זיך ניט פאָרצושטעלן, אַז קיטעל איז קיטעל. נאָכאַנאַנד ווי ער שמייכלט. זיינע ווייסע ציין בלענדן אַזש פון וויטן. שטענדיק טראָגט זיך פון אים אַ רייעך פון פּאַרפום. ער איז עלעגאַנט און העפלעך, מאָ־דערן און „דערצויגן". ווען ער לאָזט זיך ערגעץ אויף דער פּראָווינץ דורכצופירן אַ שכיטע, נעמט ער מיט דעם סאַקסאָפאָן...

ווי נאָר ער איז אָנגעקומען אין ווילנע, האָט מען זיך גלייך דערקענט אויף זיין אייגנאַרטיקן סטיל. ווייל האָט זיך פאַרשעמט: ער דאַרף זיך נאָך לערנען... ער האָט דאַן קיטעלן איבערגעגעבן די שליסלען פון פּאָנאַר און אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן זיין טאַלמיד.

אויפן ערשטן דעבויט איז קיטעל אָוועקגעפאָרן מיט וויסן צום אידישן אַרבעטס־לאַגער אין בעזדאַן, איז אַריין אין קאַנצעלאַריע און גערופן דעם אידישן שרעער, ער זאָל אים ראַזירן.

געענדיקט ראַזירן זיך, האָט קיטעל טראַקטירט דעם שערער מיט אַ פּאַ־פּיראָס. דערביי האָט ער העפלעך אַ פרעג געטאָן:

— פייער דאַרפסטו?

— יאָ, — האָט אָפּגעענטפערט דער איד און צוגעטראָגן דעם קליענט דעם פּאַפּיראָס, — קיטעל האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער:

— נאַ דיר פייער!

און אים אויפן אָרט דערשאָסן.

דער שאָס איז גלייכצייטיק געווען דער סיגנאַל פאַר וויסן מיט זיין האָרדע אָנצוהייבן די שכיטעס.

*



אילִיאַ שײנבױם, דער קאָמאַנדיר
פון דער באַריקאַדע אַף
סטראַשון-גאַס 12.



די באַריקאַדע אַף סטראַשון-גאַס 12, נאָכדעם װי די
דײטשן האָבן זי אױפגעריסן מיט דינאַמיט




ווילנער שול-הויף. דאָס אַלץ איז געבליבן פון דעם
גאָענס קלויז

בעיים דער ליקווידאציע פון ווילנער געטא האט קיטעל באפוילן זיינע מעשארסים, מען זאל אים ארויסטראגן אינדרויסן א פיאנע. ער האט זיך אוועק-געזעצט און גענומען שפילן. אין דער זעלבער צייט האבן כאפונעס אנטדעקט א מאלינע און ארויסגעפירט פון דארטן א אידישן באכער.

דער באכער האט געוויינט, זיך געבעטן, מען זאל אים לאזן לעבן. דערזעענ-דיק בא דער פיאנע קיטעלן, איז ער צוגעפאלן צו אים.

קיטעל האט ארויסגעצויגן זיין רעוואלווער, און ווען איין האנט האט געשאסן אין דעם באכער, האט זיין צווייטע נישט אויפגעהערט צו שפילן.

— *** —

ווען דער געטא איז שוין געווען ליקווידירט און אין שטאט זיינען בלויז איבערגעבליבן דריי קאנצענטראציע-לאגערן מיט דריי טויזנט אידן — „פאכ-מענער", האט קיטעל, שפאצירנדיק איינמאל מיט א פריילן איבערן שטאט, באמערקט אף דער אנדערער זייט טראטואר אן עלטערע איינגעהויקערטע פרוי מיט א קליין קינד. ער האט פונדערווייטנס דערקענט, אז דאס זיינען אידן. ער האט זיי פארהאלטן און אוועקגעפירט אין קאנצענטראציע-לאגער אף סו-באטש-גאס. דערוואוסט זיך פון דער פרוי, אז ביז איצטער האט זי צוזאמען מיט איר קינד זיך אויסבאהאלטן אין א מאלינע, האט קיטעל צונויפגערופן די אידן און געהייסן זיי אויפבויען אפן הויף א טליע. אין צווישנצייט האט ער אנגעקלונגען אין געשטאפא און ארויסגערופן זעכציק מערדער.

ווען די טליע איז שוין געווען פארטיק און דער הויף איז פול געווען מיט ס. ס.-לייט, וואס האבן ארומגערינגלט די געפאנגענע, האט קיטעל צוגערופן צו דער טליע די פרוי, איר קינד און איר מאן, וואס האט זיך גראד דעמאלט געפונען אין קאנצענטראציע-לאגער (זייער פאמיליע-נאמען איז זאלקינד), און האט געזאגט אזוי:

— דערפאר ווייל איר האט נישט געהערט מיין באפעל און זיך באהאלטן אין שטאט, אין דער צייט וואס איך האב דייטלעך אנגעזאגט, אז אלע אידן פון געטא מוזן פארן קיין עסטאניע, וועט מען אייך דא אויפהענגען פאר אלעמען אין די אויגן.

קיטעל איז אליין צו, האט אויסגעפרואווט די שטריק און עס האט זיך אנגעהייבן די פראצעדור פון הענגען. צוערשט האט מען געהאנגען דאס קינד. שפעטער זיין מאמען. ווען דער שלייף האט זיך פארצויגן אף זאלקינדס האלדז, האט זיך די שטריק איבערגעריסן. זאלקינד איז אראפגעפאלן אף דער ערד. ער האט זיך בא קיטעלן געבעטן:

— לאז מיך לעבן. עס פירט זיך דאך, אז א שטריק רייסט זיך איבער, הענגט מען שוין דעם פארברעכער נישט קיין צווייטן מאל.

קיטעל האט זיך פאנאנדערגעלאכט און געהייסן אויפבינדן דעם שלייף.

נאָר ווען זאַלקינד איז געהאַנגען צום צווייטן מאָל, האָט זיך ווידער איבערגע-ריסן די שטריק און דער געהאַנגענער האָט אויך איצטער געפּרוּווט אויסנוצן דעם צופאַל:

— לאָז מיך לעבן! זעסט דאָך, די שטריק האָט געפּלאַצט צום צווייטן מאָל. די שטריק אַליין וויל, איך זאָל לעבן...

נאָר קיטעלן האָט עס בלויז געוויילט.

—קענסט זיך אָפּרייסן הונדערט מאָל אויך, — האָט ער געשריגן צו דעם קאָרבן און האָט אַ וואָרף געטאָן פאַרן טאַליען אַ נייע שטריק.

ווען זאַלקינד איז שוין געווען טויט, האָט קיטעל באַפוילן אַלע אידן זיך אויסשטעלן און אָפּציילן לויט דער ריי. די ערשטע פופציק האָט ער אָפּגעטיילט באַזונדער, אַרומגערינגלט מיט זיין באַוואָפנטער האָרדע און געהאַלטן אַ דראָשע:

— דאָס וועט זיין פאַר אייך אַן אָנלערנונג מער נישט צו אַנטלויפן. אויב איך וועל אַ צווייטן מאָל כאַפּן אין שטאָט אַ אידן, וועט עס אייך קאָסטן דאָפּלט.

און ער האָט באַפוילן די אָפּגעציילטע פופציק מיטצונעמען אין אויטאָ. דער ניין און פערציקסטער איז געווען דער באַקאַנטער אידישער דיכטער כאַים סעמיאַטיצקי.

— ⁂ —

יאַנקל זאַלמאַנאָוויטש, אַ שילער פון אידישן טעכניקום ,האָט מיר דער-ציילט: פון סעפּטעמבער 1943 ביזן ערשטן יאַנואַר 1944 זיינען מיר דרייסיק אידן געלעגן אין אַ מאַלינע אַף גלעזער גאַס 6. די מאַלינע איז געווען אַ גאָלד און קיינער וואָלט זי נישט אַנטדעקט. עסן, פאַר אונדזער געצאָלט, פלעגן מיר באַקומען פון דער וועכטערן. איך בין זיכער, אַז אין אונדזער מאַלינע וואָלטן מיר איבערגעלעבט די מילכאָמע. מאַכט זיך אָבער אַ מאַיסע, אַז עס שטאַרבט בא אונדז אין מאַלינע אַן אַלטער איד, ר׳ טעוול אייזנשטאַט, אַ געוועזענער וויל-נער סויכער. קיין רידל האָבן מיר נישט געהאַט. די ערד איז געווען אָנגעפּרוי-רן און מיר האָבן נישט געוואוסט, ווי אַזוי אים מעקאַבער צו זיין. צוויי מעס-לעס האָבן מיר געגראָבן מיט די הענט. עס האָט זיך אָבער גאָרנישט באַקומען. דעמאָלט האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איינער פון אונדז זאָל אַרויסגיין פון מאַלינע און אַריינברענגען אַ רידל.

פון דער מאַלינע איז אַרויס שטיינהאַליץ. אויבן בא דער וועכטערן איז גראָד דענסטמאָל פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. ווי נאָר שטיינהאַליץ האָט אויפגע-עפנט די קליאַפּע פון אונדזער קעלער, האָט אים באַמערקט אַן אַגענט.

דעמאָלט איז געקומען געשטאַפּאָ און מען האָט אונדז אַלעמען אַרויסגע-פירט פון קעלער. דעם טויטן האָבן מיר געמוזט מיטנעמען.

עס האָט נישט געדויערט קיין צען מינוט, און מיר זיינען געווען שוין אין פאָנאַר. דאָ איז מיין סאָף — טראַכט איך, עס האָט זיך געעפנט דער אויטאָ,

און קיטעל (איך האָב אים דערקענט פון זיין קומען אין געטאָ) האָט אונדז באַ־פוילן אַרויסצוגיין.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירע און אויסגעפירט זיין באַפעל. ער צוזאַמען מיט צען באַוואָפנטע האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ פּאַרשנייטער גרוב און געהייסן זיך אויסטאָן. עס איז געווען אַ פראָסט, אַ ווינט האָט געשניטן. און אַנטקעגן פון דער אַנדערער זייט גרוב, האָט געפלאַקערט אַ שייטערהויפן (שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָרט האָט מען געברענט די מייסים).

ווען מיר זיינען געווען שוין נאַקעט, האָט קיטעל באַפוילן זיך אַוועקלייגן אין שניי און מיט די הענט צודעקן די אויגן.

ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געלעגן, ווייס איך נישט. איך האָב געבעטן גאָט, עס זאָל וואָס גיכער שוין אָנקומען די קויל. נאָר קיינער האָט נישט געשאָסן. איך האָב בלויז געהערט, ווי קיטעל רעדט צו זיינע כאַווייִרים און דורך די פינגער געזען, ווי מען כליאַבעט בראָנפן.

ווען איך האָב דערפילט, ווי מיינע פיס ווערן באַלד פאַרפרוירן, האָב איך אַלץ פאַרגעסן און געפּרואווט זיך שטעלן.

קיטעל איז צוגעלאָפן מיטן רעוואָלווער און געטאָן אַ געשריי:

— וואוהין גייסטו?

— מיר איז קאַלט, — האָב איך גערעדט האַלב מעשוגע, — מיר איז קאַלט, איך גיי זיך וואַרעמען...

קיטעל האָט מיך אַ וויילע אָנגעקוקט און געזאָגט: דיר איז קאַלט? נו גוט, טו זיך אָן, איך וועל דיך לאָזן פריי...

איך האָב געמיינט, אַז דאָס זאָגט ער גלאַט אַזוי, ער וויל זיך רייצן. נאָר ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן, האָט ער באַפוילן אַ שיסער, ער זאָל מיך אַרויספירן דורכן טויער...

— ביז איצט פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס קיטעל האָט דאָס געטאָן. מיסטאַמע צוליב שיקרעס.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ער אַלע אידן פון דער מאַלינע פאַרפרוירן צום טויט. צווישן די פאַרפרוירענע איז געווען מיין טאַטע.

ד ר י ט ע ר  ט י י ל :

# די „פאַרייניקטע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע

# אין ווילנער געטאָ" (פ.פ.אָ.)

# דער ערשטער אויפרוף

„לאָמיר נישט גיין ווי שאָף צו דער שכיטע!

אידישע יוגנט, גלויב נישט די פארפירער. פון די אכציק טויזנט אידן אין יערושאָלאים-דליטע איז געבליבן נאָר צוואַנציק טויזנט. פאר אונדזערע אויגן האָט מען אוועקגעריסן די עלטערן, ברידער און שוועסטער. וואו זיינען די הונדערטער מענער, געכאַפּטע אף ארבעט דורך דער שטאַטישער פּאָליציי? וואו זיינען די נאַקעטע פרויען און קינדער, ארויסגעפירטע אין גרויליקער נאכט פון דער פּראָוואָקאַציע? וואו זיינען די אידן געכאַפּטע אין יאָמקיפּער? און וואו זיינען אונדזערע ברידער פון דער צווייטער געטאָ? וועמען מען האָט ארויס-געפירט פון געטאָ וועט זיך מער נישט אומקערן, ווייל אלע וועגן פון דער גע-שטאַפּאָ פירן קיין פּאָנאַר. און פּאָנאַר איז טויט!

רייסט אראָפּ די אילוזיע פון פאריעשטע: אייערע קינדער, פרויען און מענער זיינען נישטאָ! פּאָנאַר איז נישט קיין לאַגער. מען האָט זיי אלעמען דער-שאָסן. עס האָט היטלער פארטראכט א סיסטעם אומצוברענגען אלע אידן אין אייראָפּע. אף אונדז איז אויסגעפאלן די ערשטע ריי.

לאָמיר נישט גיין, ווי שאָף צו דער שכיטע! עמעס, מיר זיינען שוואך און האָבן קיין הילף נישט. אָבער דער איינציקער ווירדיקער ענטפער אונדזער סוינע — איז ווידערשטאַנד!

ברידער! בעסער פאלן ווי פרייע קעמפער, איידער לעבן אין דעם מער-דערס גנאָד. זיך קעגנשטעלן ביזן לעצטן אָטעם!

ערשטער יאנואר 1942. ווילנע. אין געטאָ.

אף שפּיטאָל גאס 11, האָבן זיך אין קעלער באהאלטן צוואַנציק מענטשן. פּאָליציי איז ארומגעלאָפן מיט העק און שפּיר-הינט, האָט געפונען די מאַלינע און באפוילן די צוואַנציק, זיי זאָלן געשווינד ארויסגיין. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט און געבליבן אינעווייניק. אויב שטאַרבן, איז אָט דאָ אין קעלער. שוויינענבערג מיט דער באַנדע פּאָליציי האָט זיך ארייגגעריסן אין קעלער און צילנדיק אין די אידן מיט זיין אויטאָמאַטיש געווער, האָט ער באפוילן זיי טייקעף ארויסצוקריכן אפן הויף. ווי אַן ענטפער אף דעם טאַליענס פאָדערונג, האָבן צוויי יונגטלעכע, האוז און גאָלדשטיין, מיט די הוילע פויסטן זיך א וואָרף געטאָן אף די מער-דער. האוז האָט מיטגעריסן די אנדערע: „אידן! גייט נישט ארויס פון דער מאַ-לינע! ווארפט זיך אף די מערדער!”

אין דער טונקלקייט פון קעלער האָט א שניט געטאָן פייער. פלייש און ביין האָט זיך געראַנגלט קעגן ביקסן. ציין האָבן זיך איינגעביסן אין דייטשע גאָר-גלען. אין געראַנגל האָבן אויך אַנטיילגענומען די שפּיר-הינט. שוויינענבערג איז ארויסגעלאָפן און געבראכט הילף.

די צוואַנציק זיינען העלדיש אומגעקומען. אָבער זייער קאָוועד האָבן זיי אויסגעקויפט מיט עטלעכע שווער פאַרוואונדעטע, צעקאַליעטשעטע פּאָליציאַנטן.

אין מאָרגן, ווען די מאַכנעס אידן האָבן זיך צוריקגעקערט אין געטאָ, האָבן זיי געפונען אויפגעקלעפּט אויף די ווענט: „קאָוועד די קדושים האָוז און גאָלד־שטיין! קאָוועד די געפאַלענע!"

— *** —

דעם 23־טן יאַנואַר 1942 איז אויף אַ זיצונג פון פּאַרטייען־פאָרשטייער אין אַ פּאַרבאָרגענעם בוידעמל אויף רודניצקער 6, געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער שפּעטערדיקער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ.

דאָס איז געווען דער ערשטער אויפרוף, דער ערשטער בליץ אין די פאַר־טונקלטע געסלעך. דעם אויפרוף האָט אָנגעשריבן אַבאַ קאָוונער, וואָס צו יענער צייט האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מאָנאַסטיר און איז געקומען מיטן אויפ־רוף אין געטאָ אויף אַ צוגעגרייטער פאַרזאַמלונג.

עס איז געווען נאָך די מאַסן־שכיטעס אין ביידע געטאָס. נאָך די אַזוי גערופענע „געלע שיינען". אויף דער זיצונג פון דער איניציאַטיוו־גרופּע, וואו עס איז געלייענט געוואָרן דער אויפרוף, איז אויך באַטראַכט געוואָרן דאָס איידעס־זאָגן פון דער לערערן טעמע קאַץ, וואָס נישט לאַנג צוריק איז זי אַנטלאָפן פון אַ פּאָנאַרער גרוב. מיט קוילן אין לייב האָט זי ביינאַכט זיך אַרויסגעשאַרט פון קייווער און אַ האַלב־נאַקעטע זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ. די, וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן צו גרייטן אַ ווידערשטאַנד, האָבן אייגנטלעך נישט געדאַרפט קיין איידעס, ווייל פּאָנאַר האָבן זיי געוואוסט, מען האָט בעקיוון אָבער אַריינגעפירט די פאַרבלוטיקטע לערערן, וועלכע איז אַגעוו אַלעמען באַקאַנט געווען, ווי אַ באַ־וואוסטזיניקער, קעמפערישער מענטש, כּדי איר בייזיין זאָל נאָך מער פאַר־שטאַרקן די געפילן און דעם דורשט צו נעקאָמע.

שוין דעמאָלט, ווען די געטאָ געסלעך האָבן אָנגעהויבן אָפּגיין מיט בלוט און נויגעבוירערס קאַבינעט אין געשטאַפּאָ האָט געפּרוּווט מיט אַלע מיטלען צו פאַרטומלען און מאָראַליש צעברעכן די אידישע באַפעלקערונג, שוין דעמאָלט האָבן סטיכיש זיך אָנגעהייבן צו אָרגאַניזירן באַזונדערע גרופּירונגען, מיטן ציל אַרויסצושטעלן אַ פּויסט קעגן דעם סוינעס פאַרמעסטונג.

דעם 24־טן דעצעמבער 1941, בעיים דער שכיטע פון די ראָזע שיינען, איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַקט פון אַקטיוון ווידערשטאַנד.

אויף דער זיצונג זיינען ביינעווען: איציק וויטענבערג, אַבאַ קאָוונער, יוסעף גלאַזמאַן, כיענע באָראָווסקי, ניסן רעזניק און דער געוועזענער מאַיאָר אין דער פּוילישער אַרמיי — פּרוכט. נאָכן אַרומריידן די גרונט־יעסוידעס פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ שטאַב פון דריי מענטשן: איציק ווי־טענבערג (פּסעוודאָנים — לעאָן) קאָמאַנדיר. אַבאַ קאָוונער (פּסעוודאָנים — אורי). יוסעף גלאַזמאַן (פּסעוודאָנים — אַבראַם) — מיטגלידער פון שטאַב.

שפּעטער זיינען צוגעקומען צום שטאַב ניסן רעזניק, אווראַם כוואָיניק, יאַנ-קעוו קאַפּלאַן און זיסקאָוויטש.

דער ציל פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע (דאָס וואָרט „פאַראייניקטע" האָט מען צוגעגעבן דערפאַר, ווייל די אָרגאַניזאַציע האָט פאַראייניקט אין זיך אַלע פּאַרטייען) איז געווען: צוגרייטן אַ באַוואָפנטן ווידער-שטאַנד אין געטאָ, קעדיי צו פאַרטיידיקן דעם קאָוועד און די לעבנס פון דער גע-בליבענער אידישער באַפעלקערונג; דורכפירן סאַבאָטאַזש און דיווערסיע אין די דייטשע ווארשטאַטן און אונטערנעמונגען; פאַרבינדן זיך מיט דער פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג אין וואַלד.

מען האָט אָנגעהויבן אַריינצוברענגען געווער און צו ווערבירן קעמפער. אַ קעמפער פון פ. פּ. אָ. האָט בלויז געקענט זיין אַ גוט אויסגעפּרוווטער מענטש, פאַר וועמען עס איז אָרעוו זיין פּאַרטיי. דער שטאַב האָט אַרויסגעגעבן אַ קאַמפּס-רעגולאַמין פאַר די ערשטע קעמפער:

1. — די אָרגאַניזאַציע איז געבויט אױף דורכויס מיליטערישע פּרינציפּן. דער קלענסטער קאַמף-איינס איז אַ פינפטל. עס הייסט: פיר קעמפער און אַ גרופּן-קאָמאַנדיר. פיר גרופּן שאַפן אַן אָפּטייל — מיט אַן אָפּטייל-קאָמאַנדיר בעראָש. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי באַטאַליאָנען.

די ערשטע גרופּן-קאָמאַנדירן זיינען געווען: עדעק באָראַקס (דער שפּע-טערדיקער אָרגאַניזירער פון פ. פּ. אָ. אין ביאַליסטאָק, וואו ער איז געפאַלן אין קאַמף) און איצכאָק מאַצקעוויטש (געפאַלן ביים דורכרייסן זיך מיט געווער דורך דעם געטאָ).

באָרעך גאָלדשטיין, סאָניע מאַדייסקער און שמועל קאַפּלינסקי זיינען פון די ערשטע אָפּטייל - קאָמאַנדירן.

אבא קאָוונער און יויסעף גלאַזמאַן — באַטאַליאָן-קאָמאַנדירן.

עס האָבן זיך אויסגעפורעמט ביי דער אָרגאַניזאַציע באַזונדערע קאַמפּס-גרופּן: גראַנאַט - וואַרפלער, דיווערסאַנטן, מינעלייגער, קוילנוואַרפלער און אַן אויסשפּיר - גרופּע. אין קאַמפּס - רעגלאַמענט איז געזאָגט געווען וועגן מאָ-ביליזאַציע פון די פּאַרטיזאַנער אין דער צייט פון אַ פּלוצלינגדיקער כאַקאָנע. עס זיינען באַשטימט געוואָרן די האַנדלונג - אויפאַנים בעיים געשטאַפּאָ וועט אָנפאַלן. דער רעגלאַמענט האָט אויפגעקלערט די יעסוידעס פון קאַמף אין גע-טאָ. אין אַ באַזונדער פּאַראַגראַף איז פאָרמולירט געוואָרן די אויפגאַבע פון דעם אידישן דיווערסאַנט. יעדער קעמפער איז מעכויעוו אָפּצוגעבן זיין קאָ-מאַנדיר אַ באַריכט וועגן דער טעגלעכער סאַבאָטאַזש- און דיווערסיע-טואונג אין די דייטשע אונטערנעמונגען, וואו ער איז געצוואונגען צו אַרבעטן.

די פּאַראָל: „ליזע רופט" (ליזע — דער נאָמען פון אַ געפאַלענער העל-דין) איז דער סיגנאַל פון טייקעפּדיקער מאָביליזירונג. דערהערנדיק דעם רוף,

דאַרף יעדער קעמפער זיך שטעלן אפן אָנגעמערקטן פּאָסטן און מיטרייסן די נישט אָרגאַניזירטע איינוואוינער אין דעם באַשטימטן פּונקט. קעדיי די באַזונדערע קאַמפּס - גרופּן זאָלן זיך דערקענען אין דער צייט פון דעם אויפשטאַנד — זיינען צוגעגרייט געוואָרן באַזונדערע אָפּצייכנס: רויטע דרייעקיקע בלעכלעך.

## געווער

באָרעך גאָלדשטיין — דאָס איז דער נאָמען פון דעם, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין געטאָ פאַר דער אָרגאַניזאַציע דעם ערשטן פּיסטויל. עס איז געווען סאָף יאַנואַר 1942. באָרעכן האָט מען צוגלייך מיט אַכציק אידן אַוועקגעשלעפּט אַף צוואַנגס-אַרבעט אין דייטשן אַמוניציע-לאַגער בורבישאָק. אונטער אַ שטאַרקער שמירע פון ס. ס. האָט ער געשלעפּט באָמבעס און געלאָדעוועט וואַגאָנעס. מיטיק-צייט פלעגט מען אַ האַלבע שאָ רוען. די אידישע אַרבעטער פלעגן דאַן אומבאַמערקט פאַר דער וואַך דורכקריכן דורך די דראָטענע צוימען און איינקויפן באַ די אַרומיקע פּויערים עסנוואַרג אַף אַריינצושמוגלען אין געטאָ. באָרעך האָט געזוכט עפּעס אַנדערש: געווער און קוילן פאַר דער אָרגאַניזאַציע. עס איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן: ער האָט זיך אַרומגעוויקלט די לינקע האַנט מיט אַ טוך, קלוימערשט זי איז געשוואָלן, און צוויי טעג אַזוי געגאַנגען צו דער אַרבעט, די זשאַנדאַרמען ביים געטאָ-טויער און די ס. ס. אין בורבישאָק זאָל זיך עס וואַרפן אין די אויגן. אפן דריטן טאָג, אין דער צייט ווען זיינע אַנדערע מיטאַרבעטער האָבן זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ „קאָמפּרעס” מעל, האָט באָרעך איינגעבונדן אין זיין „געשוואָלענער” האַנט אַ פּיסטאָליעט, וועלכן ער האָט אַרויסגעגאַנוועט פון אַ בונקער און האָט אַזוי אַוועקגעשפּאַנט צום געטאָ.

באַם טויער האָט דעמאָלט גראַד קאָנטראָלירט דער „מייסטער”, — אַ ספּעציעלער טאַפּער פון געשטאַפּאָ, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו אַרעסטירן יעדערן פאַר וועלן אַריינטראָגן דורכן טויער עסנוואַרג. דער „מייסטער” האָט אַ שפּרונג געטאָן אַף באָרעכן און גענומען אים באַטאַפּן, נישטערן זיינע קליידער. ווען ער האָט זיך אָנגערירט אין באָרעכס „געשוואָלענער” האַנט, האָט באָרעך אָנגעהויבן צו שרייען פון ווייטיק. דער מייסטער האָט מער נישט געזוכט.

פון דעמאָלט גייט נישט אַריבער קיין טאָג, אַז גאָלדשטיין זאָל נישט אַריינטראָגן קיין געווער. אָט גייט ער דורך די שטאָט ווי אַ הינקענדיקער. זיינע באַווירים, וואָס וואַרטן אים אַף הינטערן טויער, קוקן אים אויס דורך די שפּאַרעס מיט האַרצקלאַפּעניש. דאָס טויער איז היינט באַוואַכט מיט שטורמיסטן. מען רעווידירט אויפסניי. באָרעך איז אין ריי דער נײנטער. פון די פאָדערשטע, וואָס האָבן דורכגעשפּאַנט דעם שפּאַלער נאַהייקעס, האָט מען אַ העלפט

אַרעסטירט: באַ וועמען מען האָט געפונען קאַרטאָפל, באַ וועמען — ברויט. אויב מען געפינט עסנווארג באַ אַ פרוי, טוט מען זי אויס נאַקעט און עפנ-טלעך ווערט זי געשמיסן. בערך איז שוין דער צווייטער אין דיי. אויב מען וועט געפינען באַ אים דאָס געווער, וועלן דערפאַר באַצאָלן הונדערטער מענ-טשן. בערך ווייסט עס.

די שטורמיסטן באַטאַפּן היינט יעדעס קנעפל. נאָר אָט האָט זיך אַרויס-געריסן דורכן טויער יאַשקע ראף און טוט אַ מעשונעדיקן שפרונג אף די שטורמיסטן, קעדיי אָפּצואַווענדן אף אַ מינוט זייערע בליקן פון בערכן. דער קונץ האָט זיך איינגעגעבן. בערך איז אַדורך, יאַשקען האָט מען אַרעסטירט.

אין אַרסענאַל פון פ. פּ. אָ. איז צוגעקומען אַ האַלבער קוילנוואַרפער פון דעכטיאַראָוום סיסטעם. אף מאָרגן האָט בערך אַריינגעטראָגן די צווייטע העלפט.

אין מעשעך פון גאָר אַ קורצער צייט האָבן די פ. פּ. אָ.-קעמפער מיט גרויס מעסירעס-נעפעש אַרויסגעטראָגן פון דייטשע בונקערס און פאַרפּלאָמ-בירטע וואַגאָנעס: 5 מאַשינגעווער, 50 גראַנאַטן, אַרום 30 רעוואָלווערן, עט-לעכע ביקסן און טויזנטער קוילן.

כאָטש דאָס דורכטראָגן געווער דורכן באַוואַכטן טויער איז געווען ריזי-קאַליש פאַרן טרעגער און פאַר דעם געטאָ, האָט מען דאָך מיט אַלערליי שפּיצ-לעך זיך געגעבן אַן אייצע: דאָס געווער איז אַריינגעשוואַרצט אומבאַמערקט: אונטער אַ טאָפּל-דעק פון אַ קעסטל מיט געצייג, אין פאַרבאָרגענע קעשענעס, אין אַ לאַבן ברויט, אין אַן אָרן פאַר מיסים, וואָס פלעגט אַרויספאָרן מיט אַ מעס און אַריינפאָרן מיט אַ ביקס.

אין מאַי 1942 האָט דער אָפּטייל-קאָמאַנדיר שמועל קאַפּלינסקי, צו-זאַמען מיטן פ. פּ. אָ.-קעמפער מאַטעס לעווין, זיך אָנגעטאָן אין קליידער ווי שטאָטישע קאַנאַליזאַציע-אַרבעטער, אַריין אין שטאָט-פאַרוואַלטונג און אַרויס-געגאַנוועט די רויטע סיגנאַל-צייכנס, וואָס מען שטעלט אף די וועגן. אפן מיטן סטעפּן-גאַס, קעגן באַוואַכטן טויער, האָבן זיי אויפגעשטעלט די רויטע סיג-נאַלן און אויפגעהאַלטן די באַוועגונג. דעמאָלט האָט קאַפּלינסקי אויפגעהוי-בן די קאַנאַליזאַציע-דעק, און צוויי צוזאַמענגעקלעפּטע מולטערס, אָנגעלאָדענע מיט געווער, אַריינגעשטויסן אין קאַנאַל. אין דער זעלבער נאַכט האָבן עטלע-כע אונדזערע יונגען, דורך אַ געהיימער עפענונג פון ספּאַקאַיניס וואַרשטאַט אין געטאָ, זיך אַראָפּגעלאָזט אין די קאַנאַלן, דערגרייכט סטעפּן-גאַס אונטער דער ערד און אף אַ טאַטשקע אַריינגעפירט דורכן קאַנאַל דאָס געווער.

צו 40 גראַנאַטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צינדערס, האָט דער זעל-בער קאַפּלינסקי אַליין אויסגעאַרבעט אין געטאָ אויסגעצייכנטע צינדערס. אָנ-הויב סעפּטעמבער 1943 האָט מען די גראַנאַטן אויסגענוצט קעגן די דייטשן.

עס האָט זיך איינגעגעבן אונטערצוקויפן די זשאַנדאַרמען באַם טויער. פאַר צען טויזנט רובל זיינען זיי מאַסקים געווען אַריינצולאָזן אין געטאָ קאַר-

טאָפּל און זאַלץ פאַר דער הונגעריקער באַפעלקערונג. אנשטאָט זאַלץ האָבן די ברידער הירש און לייבל גאָרדאָן אַריינגעבראַכט אַ זאַק פּולווער. פון דעם דאָזיקן אויפרייס - שטאָף האָט מען שפּעטער צוגעגרייט די ערשטע דיווערסיע. אויך אַכט הונדערט גראַנאַטן האָט מען אַליין אויסגעאַרבעט פון עלעקטרישע לעמפּלעך, אויסנוצנדיק דעם געבראַכטן שטאָף.

העלדישקייט האָט אויך אַרויסגעוויזן איסראָעל פּילאָווסקי. דער פּאַרטיזאַנער פון גרופּע 3, ערשטער באַטאַליאָן. בײַ אַ באַקאַנטן שוסטער אויף ליפּואַווקע פלעגט ער איינהאַנדלען געווער. איינמאָל, ווען דער קעמפער האָט זיך אַרומגעפּאַנצערט דאָס לייב מיט פּיסטוילן, האָבן צענדליקער געשטאַפּאָווצעס זיך אַריינגעריסן אין דער דירע. פּילאָווסקי האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן. ער האָט אויסגעגראָבן אַ שויב און צוזאַמען מיטן געווער אַנטלאָפן אין געטאָ.

— *** —

ניט ווינציקער ווי פאַרן דרויסן האָבן די פ. פּ. אָ.-קעמפער זיך געמוזט היטן אין געטאָ גופא. דער ברייטער עולם האָט וועגן דער אָרגאַניזאַציע ניט געוואוסט און האָט ניט געטאָרט וויסן. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ טיפּן עס האָבן אַרומגעשווימלט אין געטאָ? בייטאָג האָט זיך נישט געמערקט קיין סימען. נאָר בײַנאַכט, ווען די באַוועגונג אין געטאָ פלעגט ווערן אָפּגעהאַקט, פלעגט זיך אָנהויבן די באַוועגונג פון געווער.

אין אונטערערד, אונטער פּאָדלאָגעס, אין הײַלן, אין קונציק-קאָנסטרואירטע פּוסטע קלעצער האָבן זיך געפונען די אַרסענאַלן פון פ. פּ. אָ. ווי אַ סימען פון איינפאַלערישקייט איז קעדאַי צו דערמאָנען די עמערס מיט די טאָפּלטע דעקן, וואו עס זיינען געלעגן פּיסטוילן. די עמערס זיינען פול געווען מיט וואַסער און זיינען געשטאַנען פאַר אַלעמען אין די אויגן אויף סטראַשון-גאַס 12 אין דער פאָלקס-קיך.

אין די הײַלן אויף קאַרמעליטן 3, אין די קעלערן אויף דייטשישע 31 און אין דער ביבליאָטעק „מפיצי השכלה” אויף סטראַשון-גאַס 6, זיינען פאָרגעקומען מיליטערישע צוגרייטונגען פאַר באַזונדערע גרופּן. די לעקציעס האָבן געפירט פ. פּ. אָ.-אינסטרוקטאָרן, וואָס אין צווישן-צייט האָבן זיי שטודירט און פאַרפולקאָמט זייער מיליטערישע קענטעניש. וויטענבערג, וואָס אַליין האָט ער אין מיליטער נישט געדינט, איז אינגיכן געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער מיליטער-מאַן, האָט זיך גוט פאַרשטאַנען אויף קאַוואַלעריע געווער און פלעגט האַלטן פאַר די קאָמאַנדירן לעקציעס וועגן דער סטראַטעגיע פון פ. פּ. אָ. בעת אַן אָנפאַל אויפן געטאָ.

# זאַלמען טיקטין

...ער האָט געהערט צו דער ליטעראַרישער סעקציע פון „יוגנט-קלוב". מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע, מערסטנטייל שילער פון דער מיטל-שול אין געטאָ, האָב איך געלערנט ליטעראַטור. אין יענער צייט האָבן מיר געגרייט אין געטאָ אַ ליטעראַרישע פייערונג.

דער זעכצן-יעריקער זאַלמען טיקטין, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין טאַטע-מאַמע בעיים דער ערשטער פּראָוואָקאַציע, האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער פייערונג. פון די בורבישקער בונקערס, וואו ער אַרבעט באַם איבערטראָגן באָמבעס, האָט ער אַריינגעטראָגן צו דער פייערונג אַ בוקעט בלומען. ער האָט זיי געטראָגן באַהאַלטן, ווייל פאַרן אַריינטראָגן בלומען באַקומט מען צוואַנציק שמיץ.

די בלומען זיינען ניט קיין פּאַשעטע. זיי זיינען אויסגעוואַקסן אַפן קייווער פון די צוויי ברידער גאַרדאַן, וואָס אַ באָמבע האָט זיי צעריסן אַף שטיקער אין אַ לאַגער פון אַמוניציע, וואו זיי האָבן געאַרבעט. פון אויפרייס איז פאַרטיליקט געוואָרן דער לאַגער צוזאַמען מיט די ברידער. דער אָבער-לייטענאַנט וואַגנער, דער אויפזעער און באַלעבאָס פון בורבישאָק האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ צופאַל, אַ ראַיע: די אידן זיינען אומגעקומען. טיקטין ווייסט אָבער אַף זיכער, אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל, ווייל איינער פון די אומגעקומענע ברידער האָט אים פאַרטרויט אַ סאָד, אַז ער האָט באַשלאָסן אויפצורייסן אַ דייטשן לאַגער מיט אַמוניציע, מעג דאָס אפילע אים קאָסטן דאָס לעבן.

זאַלמען איז אַרומגעגאַנגען צווישן די קינדער און זיין פּאָנים האָט געשטראַלט. ניט בלויז צוליב די בלומען אַליין איז ער געווען צופרידן: היינט האָט ער כוץ די בלומען אַריינגעטראָגן אין געטאָ פאַר דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע צוועלף אויסגעצייכנטע גראַנאַטן!

אַז טיקטין איז אַן אייגענער, אַ פּאַרטיזאַנער, האָב איך געוואוסט, ער איז דער סאַמע אינגסטער צווישן די כאַווירים. אַז דאָס אינגל איז אַ מיידים אין אַרויסגאַנוועגען געווער, האָבן שוין געוואוסט צופיל. נאָר אַז דער זעכצן-יעריקער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן אויפצורייסן דעם ביניען פון געשטאַפּאָ, דאָס האָט ווינציק - ווער געוואוסט. זאַלמען האָט דאָס מיר איינמאָל דערציילט, ווען מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען פון אַ ליטעראַרישן קרייז.

ער האָט מיר גענוי דערציילט וועגן זיין גרויסן פּלאַן. אַפן הויף, וואו עס געפינט זיך די געשטאַפּאָ, אַרבעטן אידן. זיך אַריינבאַקומען אַהין איז גאָר ניט שווער. ער וועט זיך צונויפריידן מיט אַ אידן, זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס אַרבעט אַפן הויף באַם טראָגן שטיינער, און צוזאַמען וועלן זיי אויפרייסן דעם ביניען.

— איר פאַרשטייט, סוקעווער, סאַראַ קלאַפּ דאָס וועט דערלאַנגען! די גאַנצע שטאָט וועט זיך געבן אַ טרייסל!

איך האָב געראָטן זאַלמענען, אַז אַף דער אייגענער האַנט זאָל ער ניט דערוועגן זיך אַזאַ זאַך צו טאָן. ער געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, עס מוז זיין אַ דיסציפּלין. זאָל ער איבערגעבן זיינע פּלענער דעם שטאַב.

טיקטין האָט זיך פאַר מיר מוידע געווען, אַז ער האָט שוין געבעטן אַ דערלויבעניש און דער שטאַב האָט עס דערווייל אָפּגעוואָרפן. געהייסן אים זיין געוואָרנט און אַף דער אייגענער האַנט גאָרניט מאַכן. אָבער ער קען זיך ניט באַרואיקן. ער איז גרייט אַפילע אַרויסצוטרעטן פון דער אָרגאַניזאַציע, אַבי דאָס זייניקע אויספירן.

דאָס איינגל האָט געפיבערט, איך האָב געשפּירט: עס וועט געשען מיט אים אַן אומגליק. איך האָב אים געוואָרנט, ער זאָל ניט זיין היציק. מען דאַרף שטאַרק אַף דער וואַך זיין באַם קריגן די גראַנאַטן. ווייל מען שטעלט אין סאַקאָנע די צוואַנציק טויזנט אידן.

אַף מאָרגן, ווי אַלע טאָג, איז ער אַוועק צו דער אַרבעט. ווידער האָט מען געשלעפּט די באָמבעס. דער אָבערליטענאַנט וואַגנער, דער באַלעבאָס איבער בורבישאָק, האָט באַפוילן די אידן אַריבערצופירן אַן אַמוניציע־לאַגער אַף אַנטאָקאָל. עס דאַרף קומען אַף אַן אינספּעקציע אַ פּולקאָווניק, וויל אים וואַגנער איבעראַשן מיט זיין אויפטו: באַווייזן אים אין וויפל וויטע פונקטן עס איז צוגעגרייט אַמוניציע. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען דער פּולקאָווניק וועט אַוועקפאָרן, וועט דער אָבערליטענאַנט באַפעלן די אידן, וועלן זיי אַף צוריק דאָ אין בורבישאָק אַריבערפירן די באָמבעס. אַזוי נאַרט ער זיין נאַטשאַלסטווע. די זעלבע באָמבעס דרייען זיך אַרום ווילנע און אין כאַדאָשים אַרום קומען זיי ווידער אין בורבישאָק. וואַגנער איז אַ כיטרער דייטש. ער ווייסט דעם וועג, ווי צו פאַרטומלען די פּולקאָווניקעס. זיין איינציקער ציל — מען זאָל אים ניט שיקן אַפן פראָנט.

אין אָוונט, פאַרן אַהיימגיין, האָט טיקטין באַמערקט, אַז אַף די רעלסן איז אָנגעקומען אַ וואַגאָן. אויב אַ וואַגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז אַ סימען, אַז דאָרט איז פאַראַן אַמוניציע. טיקטין האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער מאַכנע, און שטיל, אומגעזען פון קיינעם, זיך צוגעגאַנוועט צום וואַגאָן. דער וואַגאָן איז געווען פאַרבלאָמבירט. זאַלמען האָט מיט די ציינער איבערגעריסן די פּלאָמבע, אַריין אין וואַגאָן און זיך גענומען אַרומקוקן. קיין גראַנאַטן זיינען היינט ניטאָ. בלויז צינדערס און מאַשין־געווער־לענטעס. נאָר אויך דאָס איז וויכטיק. קיין לײדיקער וועט ער פון וואַגאָן ניט אַרויסגיין. ער האָט זיך אַרומגעבונדן אונטער די הויזן מיט אַ שטריק און זיך גענומען אָנלאָדן. אַ פול־אָנגעלאָדענער איז ער אַרוים צוריק, באַוויזן נאָך צו פאַרמאַכן די טיר פון די וואַגאָנעס און אַריבערצוגיין דורך אַ ראָוו צו אַ דערבייאיקן וועלדל. נאָר דאָ האָט אים באַמערקט דער פּיראָטעכניקער מיקאָלאוסקאס. ער האָט געעפנט אַ פייער, פאַרוואונדעט זאַלמענען און עלף באַוואָפנטע כאַיעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן איינגל.

מען האָט זאָלמענען אַריינגעוואָרפן אין קאַרצער. וואַגנער האָט אָנגעקלונגען אין געשטאַפּאָ. אַלע אידישע אַרבעטער האָט ער דערווייל געהאַלטן אונטער דער וואַך אַפן אַנטקעגנדיקן פּלאַץ. פּלוצים האָבן די אידן דערזען: דער קאַרצער, וואו עס איז געזעסן טיקטין, האָט זיך אויפגעריסן און זאַלמען איז אַרויסגעשפּרונגען, געשווינד זיך אַריינגעריסן צווישן די דערבייאיקע קוסטעס און פון דאָרט זיך פאַרנומען צו די באַן-ליניעס. געטראָפן פון זיבן קוילן איז ער געפאַלן אין גראָז.

עס איז געקומען קיטעל. דערזען, אַז טיקטין לעבט נאָך, האָט אים קיטעל אַריינגענומען אין זיין אויטאָ און אַוועקגעפירט אין טורמע-שפּיטאָל. יעדער טאָג פלעגט אים קיטעל באַשטאַטן מיט אַ וויזיט, ברענגען אים גוטע זאַכן, שאָקאָלאַד, און פרעגן דערביי פאַר וועמען ער האָט געגאַנוועט די געווער-טיילן. טיקטין האָט זיך ניט צוגערירט צו די בלוטיקע מאַטאַנעס, ניט געענטפערט אַ וואָרט אַף קיטעלס אַלע פרעגענישן.

אַ שוועסטער, וואָס האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל האָט אונדז שפּעטער דערציילט, אַז ווען קיטעל איז שטאַרק צוגעשטאַנען, זאַלמען זאָל דערציילן דעם עמעס — פאַר וועמען ער האָט געגאַנוועט די צינדערס פון די גראַנאַטן, האָט דער זעכצן-יעריקער געענטפערט:

— איך האָב זיי געגאַנוועט פאַר אייך! ווייל איר האָט דערמאָרדעט מיינע עלטערן!

## פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט

אפן וועג ווילנע-ווילייקע, באַ דער באַן-סטאַציע ווילנער-קאָלאָניע געפינט זיך דער בענעדיקטינער מאָנאַסטיר, אַרומגערינגלט מיט אַ בעטאָנענעם פאַרקאַן. פון קראָקע זיינען אַהין געקומען זיבן נאָנעס און זיך דאָרטן באַזעצט. אין דעם דאָזיקן מאָנאַסטיר האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער שטאַב-מיטגליד אַבאַ קאָוונער, נאָכדעם ווי אים האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון טויט. די „מוטער", אָדער ווי מען האָט זי דאָרט גערופן מאַטקאַ פּשיאָריסיאַ, האָט אים אַריינגענומען אין אַ באַזונדער ביידערל און דאָרט אויסגעהיט.

די „מוטער", אַ פרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, איז אין דער יוגנט געווען אַ סאָציאַליסטן. זי האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט אין קראָקע. צוליב אַ טראַגישער פערזענלעכער איבערלעבונג האָט זי אַלץ פאַרלאָזן און איז אַוועק אין מאָנאַסטיר און איז דאָ די „מוטער" פון זיבן שוועסטער.

ווען די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון ווילנע, האָט זי אויסבאַהאַלטן באַ זיך אין צעלע אַ פאַרוואונדעטן רויטאַרמייער און ניט אָפּגעגאַנגען פון אים ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעהיילט.

אַכוץ קאָוונערן האָט זי שפּעטער אַריינגענומען אין מאָנאַסטיר נאָך אידן.

קאָוונערס ברודער מיכאל (אַ קאָמאַנדיר פון מיניאָרן-גרופּע, געפאַלן אין קאַמף אין די קאַזאַנער וועלדער), די 23-יעריקע טייבל געלבוים (אומגעקומען בעיס אַן אויסשפּיר-דינסט פון געטאָ צו אַ פּאַרטיזאַנישער באַזע), אַהער פלעגט אויך קומען עדעק באַראַקס.

זייער אָפט פלעגט די געגנט אויפציטערן פון רעוויזיעס. אין קריטישע מאָמענטן פלעגט די „מוטער" אָנטאָן די מענער אין נאָנע-קליידער און אַזוי אַרום זיי אויסבאַהאַלטן.

אין אָט דעם מאָנאַסטיר האָבן די דערמאָנטע כאַווירים זיך אויפגערעדט וועגן שאַפן אַ ווידערשטאַנד-אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. קאָוונער האָט דאָרט אָנגעשריבן אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג אין געטאָ. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו לייענען אים אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג פון דער יוגנט. אין דער נאַכט פון ניטל 1941, איז וויטקע קעמפּנער געקומען פון געטאָ אין מאָנאַסטיר און געמאָלדן, אַז די פאַרזאַמלונג איז אָרגאַניזירט.

דעמאָלט איז די גרופּע מאָנאַסטיר-אידן אַוועק אין געטאָ און שוין דאָרט געבליבן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט די „מוטער" געבראַכט קאָוונערן אויף אַן אָפּגערעדטן אָרט 4 גראַנאַטן. אַזוי ווי די גראַנאַטן זיינען געווען פון אַ באַזונדערער קאָנסטרוקציע, זיינען זיי ביידע אַריין אין דעם הויף אויף טראָקער 11 און די „מוטער" האָט באַוויזן קאָוונערן, ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט די ספּעציעלע גראַנאַטן. די דאָזיקע גראַנאַטן זיינען געווען די ערשטע אין געטאָ.

באַם באַגעגענען זיך האָט די „מוטער" אַזוי געזאָגט:

— איך וויל קומען צו אייך אין געטאָ, קעמפן און פאַלן מיט אייך צוזאַמען, אייער קאַמף איז אַ הייליקער. איר זייט נאָבעלע מענטשן. און כאָטש דו ביסט אַ מאַרקסיסט, אויסגעטאָן פון רעליגיע, האָסטו דאָך אַ גאָט, אַ גרויסן גאָט, און איצטער ביסטו נענטער צו אים ווי איך — זאָל ער אייך העלפן!

אין אַ צייט אַרום, ווען די „מוטער" האָט זיך דערוואוסט, אַז אין געטאָ עקזיסטירט שוין אַ קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, איז זי געקומען צום טויער און געוואָלט אַריינגיין, זי האָט אָנגעטאָן אויף זיך אַ לאַטע און באַוויזן די זשאַנדאַרן אַ פאַלשן שיין. די טויער-פּאָליציי האָט אָבער דערקענט, אַז זי איז ניט קיין אידיש און עס איז איר קוים געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון אַרעסט.

שפּעטער איז די „מוטער" געוואָרן די פאַרבינדערן צווישן די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ און דער פּוילישער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די מענטשן, מיט וועלכע די „מוטער" האָט אונדז פאַרבונדן, זיינען פון דער גרופּע „ניעפּאָדלעגלאָשטש". זייער ענטפער אויף אונדזער פאָרשלאַג וועגן געמיינזאַמען קאַמף קעגן דייטשן אָקופּאַנט איז געווען, אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט צו קעמפן מיט די אָקופּאַנטן. און זיי האָבן אונדז אָפּגעזאָגט צו געבן געווער.

נאָך דעם ווי די אונטערהאַנדלונגען מיט די פּוילישע קרייזן זיינען געוואָרן איבערגעריסן, האָט די „מוטער" אַליין צוגעשטעלט פאַר דער געטאָ געווער.

## אַ ראַדיאָ

קעדיי נישט צו זיין אָפּגעריסן פון דער וועלט, האָט די פּאַרטיזאַנער-אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, אױף קאַרמעליטן 3, אינסטאַלירט אַ געהיימען ראַדיאָ-אַפּאַראַט. יעדער אָוונט האָט מען געדרוקט און צעטיילט פאַר די פּאַרטיזאַנער אַ פּאָליטישן ביולעטין.

עס איז געווען ווינטער 1942, דער ווינטער פון דער גרויסער סאָוועטישער אָפענסיווע, און די פּאַרטיזאַנער, שלינגענדיק די ווערטער פון ביולעטין, זיינען באַפליגלט געוואָרן מיט מוט און גוואורע.

אין דער זעלבער הייל איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו אויפצושטעלן אַ טראַנסליר-סטאַציע אױף צו דערציילן דער וועלט וועגן די דייטשע רעציכעס.

## ניט-אידן פּאַרטיזאַנער פון געטאָ

צו דער פּ. פּ. אָ. האָבן געהערט און אַקטיוו מיטגעהאָלפן אַ גאַנצע ריי ניט-אידן.

אירענאַ אַדאַמאָוויטש, וואָס האָט גוט געקענט אידיש און העברעאיש, האָט כּדאָשים לאַנג צוגעשטעלט געווער די אידן אין וואַרשע. אין מערץ 1942 איז זי לויטן אויפטראַג פון איר אָרגאַניזאַציע געקומען קיין ווילנע און דאָ איז זי צוויי וואָכן אָפּגעווען אין ווילנער געטאָ. זי האָט געוואוינט אױף סטראַשון-גאַס 12. אירענאַ אַדאַמאָוויטש האָט אונדז געהאָלפן מיט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך. לויטן אויפטראַג פון אונדזער שטאַב איז זי אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע און שאַוועל, קעדיי צו גרינדן אויך דאָרט אַזוינע ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אױף צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

יאַדזיאַ דודזיעץ, אויך פון די פּוילישע דעמאָקראַטישע קרייזן, האָט אַ לענגערע צייט זיך געפונען אין געטאָ און האָט געמאַכט פּוילישע און ליטווישע דאָקומענטן פאַר די קעמפער פון פּ. פּ. אָ. בא איר אין שטוב, הינטערן שטאָט, האָט זי שטענדיק אויסבאַהאַלטן אידן. שפּעטער שוין, ווען אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אַריבער אין וואַלד, איז בא איר אין שטוב געווען דער טרעף-פּונקט, וואוהין עס פלעגן קומען די פּאַרטיזאַנישע שעליכים.

אַ לאַנגע צייט האָט געוואוינט אין געטאָ און געהערט צו דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע דער רוס וואַנקע. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער אומלעגאַ-

לער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז שפּעטער געוואָרן אַ פֿאַרבינדלער צווישן דעם פּאַרטיזאַנער-שטאַב אין וואַלד און דער פּאַרטיי אין שטאָט.

דער 16-יעריקער יאַנעק געפינט זיך דאָ פון ערשטן טאָג. ער איז געבוירן אַף יאַטקעוווער גאַס און רעדט אידיש ווי אַ וואַסער. ווען עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע איז ער, צוזאַמען מיט זיינע אידישע כאַווירים, אַנטלאָפן פון שטאָט, לעבן מינסק האָט אים געטראָפן אַ שפּליטער פון אַ באָמבע. אויך זיין אידישער כאַווער איז געוואָרן פאַרוואונדעט, האָבן זיך אַלע דריי אומגעקערט קיין ווילנע, זיך געהאַלטן צוזאַמען און אינאיינעם איז מען אריין אין געטאָ און געטראָגן געלע לאַטעס.

אין דער „נאַכט פון געלע שיינען" האָט מען יאַנעקן געכאַפּט. אים געפירט אַף פּאָנאַר מיט הונדערטער אַנדערע. לעבן די ווייסע סלופּעס אַף פּאָהולאַנקע האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אַ כוידעש האָט ער זיך געדרייט אין דער שטאָט, נישט אויפגעהערט בענקען נאָך זיינע אידישע כאַווירים. ווער ווייסט צי זיי לעבן? און אויב יאָ, זוכן זיי דאָך אים. און יאַנעק האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ.

פון זיינע צוויי כאַווירים האָט ער געפונען בלויז איינעם, זאַלמען טיקטין. דאָ האָבן זיי געלעבט צוזאַמען ווי ברידער. און זיי האָבן ביידע געהערט צו די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ.

## די פּאַראַשוטיסטן פון ביאַלאַווקע

אין פעברואר 1942 האָט אונדזער פאַרבינדלער אין ביאַלאַוואַקע הערש ראַזאַנאָוויטש געמאָלדן דעם שטאַב, אַז אין די סקאָרבוטשאַנער וועלדער, ניט ווייט פון ביאַלאָוואַקע, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרופּע סאָוועטישע פּאַראַשו-טיסטן. עס איז געווען דער ערשטער לעבעדיקער גרוס פון פּאַרטיזאַנער אין אונ-דזער געגנט.

דער שטאַב פון פ. פּ. אָ. האָט באַשלאָסן זיך צו פאַרבינדן מיט די פּאַרטי-זאַנער. דער קאָמאַנדיר איציק וויטענבערג איז אַליין אַוועק אין ביאַלאָוואַקע אויסגעפונען אין וואַלד די פּאַראַשוטיסטן און האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט זייער קאָמאַנדיר מאַרגיס. דאָס זיינען געווען קעמפער פון דער פּאַרטיזאַ-נער-באַוועגונג אין ליטע. זייערע נעמען זיינען: מאַרגיס, אַלקסנים, טשיבורים, מויסענקאָ, דער ראַדיסט טימאָוסקאַס און זאַלעסקי (דער לעצטער אומגעקומען אין שלאַכט באַם אַריינגיין אין ווילנע).

פון מאַרגיסן האָט וויטענבערג באַקומען די פאָרמעלע באַשטעטיקונג פוז דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. איציק וויטענבערג, בערל שערע-שניעווסקי און ביענע באָראָווסקי זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר מיטגלידער פון ווילנער שטאָטישן פּאַרטיי - קאָמיטעט, מיטן רעכט אַריינצונעמען נייע מיטגלי-

דער. דער קאָמיטעט האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיי-אַר-בעט אין שטאָט.

מארגים האָט אויך אָנערקענט די פּאַרטיזאַנער - אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער ליטווישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. דעמאָלט האָט דער סעקרעטאַר פון דעם שטאָטישן קאָמיטעט בערל שערעשניעווסקי זיך פאַרבונדן מיט דעם וויסרוס קאַראַבליקאָוו, מיטן באַקאַנטן פּאַרטיי-טוער יאַן פּשעוואַלסקי, און זיי האָבן אָנגעהויבן שאַפן פּאַרטיי-גרופּעס אין שטאָט, ווי אויך באַזונדערע פּאַרטיזאַנישע גרופּן אין פאַרשידענע פאַבריקן. דער הויפּט-ציל פון די פּאַרטיזאַנישע גרופּן איז געווען: סאַבאָטאַזש-אַרבעט אין די דייטשע אונטערנעמונגען.

ווען עס זיינען פאַרפעסטיקט געוואָרןביידע פּאַרטיי-גרופּן אין געטאָ און אין שטאָט, איז געבילדעט געוואָרן אַ נייער פּאַרטיי-קאָמיטעט אין ווילנע. אין אים זיינען אַריין: בערל שערעשניעווסקי (סעקרעטאַר פון שטאָטישן קאָמיטעט), איציק וויטענבערג (קאָמאַנדיר פון פ. פּ. אָ.), סאָניע מאַדייסקער (פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָמסאָמאָל אין ווילנע), מאַקאַר קאַראַבליקאָוו (אָרגאַניזאַטאָר פון די שטאָטישע קויכעס) און יאַן פּשעוואַלסקי (אַגיטאַציע).

דער שטאָטישער קאָמיטעט האָט זיך שטאַרק פאַרנומען מיטן אַגיטירן קעגן דער צוואַנגס - מאָביליזירונג, רופנדיק די באַפעלקערונג אָוועקצוגיין אין וואַלד. עס ווערן אויך אויפגעהויבן די פראַגן וועגן באַוואָפנטע קויכעס אין שטאָט און אין געטאָ. אונטער דער אָנפירונג פון שורקע מאַזיטש איז געשאַפן געוואָרן צווישן די באַן-אַרבעטער אַ גרופּע דיווערסאַנטן, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויפרייסן באַן-רעלסן און געבן קעסיידערדיקע ידיעות די פּאַרטיזאַנער וועגן דער באַוועגונג פון די באַנען.

## סאַבאָטאַזש און דיווערסיע

עס איז געווען זומער 1942, די דייטשן האָבן אָנגעהייבן אַן אָפענסיווע. אָפן בורבישקער באַן - אָפצווייג זיינען פאַרלאָרן געוואָרן טאַנקען. אינזשעניער איזאַק ראַטנער האָט קאָנסטרואירט כעמישע מיניאַטור - אַפּאַראַטן און זיי אַריינגעלייגט ביגנייווע אין די בענזין - רעזערוואוואַרן פון 14 טאַנקען. אין אכט שאָ אַרום, ווען די טאַנקען האָבן זיך גערוקט צום פראָנט, האָבן זיי זיך אָנגעצונדן און זיינען פאַרברענט געוואָרן.

דער זעלבער גאָלדשטיין, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אין געטאָ דעם ערשטן קוילנוואָרפער, האָט אין אַמוניציע-לאַגער בורבישאָק קאַליע געמאַכט 145 זע-ניט-אַפּאַראַטן. בא 90 קוילנוואָרפער, פאַרלאָדענע צום פראָנט, האָט ער אַרויס-גענומען די שלעסער-בעקלעך.

ווען די דייטשן פֿליִען באַפֿעלן אידן אויפֿצורייסן אַלטע באָמבעס, פֿלעגן די פּאַרטיזאַנער אַרונטערלייגן אונטער די אַלטע נייעם דייטשן וואָפּן, און דאָס פֿלעגט אויפֿגעריסן ווערן צוזאַמען מיט די באָמבעס.

אין אַ פֿרילינג-טאָג 1943 האָט אַ ניי-אָנגעקומענער דייטשער רעזערוו-סאָלדאַט אומפֿאָרזיכטיק מאַניפּולירט מיט אַ גראַנאַט, ניט קענענדיק זיין מע-כאַניזם. צו דעם צעטומלטן דייטש איז צוגעגאַנגען דער אינזשעניער ראַטנער און קאַלט אַ זאָג געטאָן: גיב אַ וואָרף דעם גראַנאַט אין יענער ריכטונג, אַניט ווערסטו צעריסן (ראַטנער האָט באַוואוסטזיניק אָנגעוויזן דעם דייטש אַ ריכטונג פֿון אַ פֿאַרמאַסקירטער אַמוניציע-שאַפֿע) און ווען דער דייטש האָט אַ וואָרף געטאָן אַהין דעם גראַנאַט, האָט זיך דערהערט אַ געוואַלדיקער אויפֿרייס. אָנ-דערהאַלבן מיליאָן ביקסן-קוילן זיינען אַוועק מיטן רויך.

דעם דייטש האָט מען באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש און מען האָט אים שפּעטער דערשאָסן.

אין „דויטשע דינסט-פּאָסט-אַמט" האָט געאַרבעט טעוויע גאַלפּערן. פֿירנ-דיק די פּאָסט פֿון אַמט צום באַן, האָט ער צעריסן און פֿאַרברענט טויזנטער בריוו און וויכטיקע מיליטערישע פּאַקעטן. דייטשע שפּייז-פּאַקעטן פֿלעגט ער אַריינטראָגן אין געטאָ און צעטיילן זיי פֿאַר די הונגעריקע. צום יאָרטאָג פֿון פֿ. פּ. אָ. האָט גאַלפּערן אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ וואַליזע בײַ אַ דייטשן אָפֿיציר אַ רעוואָלווער און געבראַכט אים אַ מתּנה דער אָרגאַניזאַציע.

וואַזגעל און גלעזער האָבן אַזוי לאַנג אויסגעדרייט שרייפֿלעך פֿון אַכט אויטאָס, ביז וואַנען זיי האָבן געפּאַטערט די מאַשינען.

אין „פֿלאַג בויטע" האָט געאַרבעט דער 17-יעריקער לייב דיסטעל, אַ קעמ-פֿער פֿון דער 33-טער גרופּע. זייענדיק אַליין אַ שלאָסער, האָט ער זיך גיך אויס-געלערנט צו פֿאַרשטיין אויף זעניט-האַרמאַטן, וואָס פֿלעגן דאָרט ווערן אויפֿגע-שטעלט. פֿון אַפּריל 1942 ביז יולי האָט ער קאַליע געמאַכט 43 שלעסער פֿון זע-ניט-האַרמאַטן.

עס איז געווען אין סאַמע ברען פֿון דער דייטשער זומער-אָפֿענסיווע. דורך דער ווילנער-באַן-סטאַנציע האָבן זיך באַוועגט צענדליקער עשאַלאָנען מיט מילי-טער. איצכאָק מאַצקעוויטש האָט זיך מיט פֿאַלשע דאָקומענטן פֿון אַ טאָטער אַריינבאַקומען אַרבעטן אויפֿן באַן. ער פֿלעגט נאָטירן די פּינקטלעכע באַוועגונג פֿון די מיליטער-צוגן און ראַפּאָרטירן אין פּאַרטיזאַנישן שטאַב.

דער דייטשער הויפּטמאַן פֿון „הערעס קראַפֿט-פּאַרק" (ה. ק. פּ.) האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי עס רינען אויס גאַנצע ציסטערנעס מיט בענזין. דער שטאַב פֿון פֿ. פּ. אָ. האָט געהאַט אין ה. ק. פּ. ניין אַרבעטער איבערגעגעבענע דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

אין בעזדאַן, 40 קילאָמעטער פֿון ווילנע, איז געווען אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער פֿאַר מענער און פֿרויען פֿון געטאָ. באַם אַרויסבאַקומען טאָרף האָבן גע-אַרבעט די דריי יונגטלעכע: איצקאָוויטש, קופּערבערג און ווײַנשטיין — קעמפֿער

פון פ. פּ. אָ. פון דאָרטן האָבן זיי געמאָלדן דעם שטאַב, אַז זיי האָבן פאַרטראַכט א פּלאַן פאַנאַנדערצורייסן די באַן-רעלסן. זיי האָבן געפרעגט א דערלויבעניש. דער שטאַב האָט אַוועקגעשיקט דעם קאַמפער הירש לעווין דאָס צו אָרגאַניזירן. דעם 20-טן פעברואַר 1942 האָבן די פיר יונגטלעכע צענומען מיט א שרויף-שליסל הונדערט מעטער רעלסן אַפן וועג ווילנע-איגנאַ-ליניע נישט ווייט פון בעזדאַן.

איינער פון די טיכסטיקסטע שעדיקער איז געווען זעליק גאָלדבערג, געוועזענער אינסטרוקטאָר פון ווילנער אידישן טעכניקום. באַם אַרבעטן ווי אַן אינזשעניער אין די מיליטערישע וואַרשטאַטן אַפן אַעראָדראָם אין פּאָרובאַנעק, האָט ער אין 50 אַעראָפּלאַנען, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן צום פאַריכטן, אַרויסגעדרייט זייער וויכטיקע טיילן און דורכגעבויערט די בענזין-רעזערוואַרן.

אַף דער קאָנטע פון פ. פּ. אָ. דאַרף מען אויך צורעכענען די צוויי סריי-פעס אין פעלץ-פאַבריק „קיילים" און אין בענזין-לאַגער בענזינואַווקע. אין „קיילים" האָבן די פ. פּ. אָ. - אַרבעטער זיך אויפגערעדט מיט זייערע פּוילישע און ליטווישע כאַווירים און האָבן צוזאַמען אין יאַנואַר 1942 אונטערגעצונדן דעם רעכטן פליגל פון דער פאַבריק, וואו צו יענער צייט האָבן זיך געפונען 60 טויזנט אויסגעפּאַרטיקטע פּעלצן, וואָס די דייטשן האָבן זיך געגרייט איבערצושיקן צים פראָנט פאַר די סאָלדאַטן. עס איז פאַרברענט געוואָרן ביז איין פּעלץ. דאָס פייער האָט אויך אַרומגעכאַפּט דעם צווייטן טייל פון דער פאַבריק און צעשעדיקט די מאַשינען.

אין בענזינואַווקע האָט דער קאַמפער פרידמאַן איבערגעקערט דאָס נאַפט לעמפל באַ דעם וואַכמאַן אין דער וואַך-בויד, דער וואַכמאַן האָט דאַן געדרימלט; ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען דאָס פייער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס ביידל. איידער מען האָט באַוויזן איינצולעשן די סרייפע האָט דאָס פייער זיך אַריבערגעכאַפּט אַף די פעסלעך מיט בענזין. עס האָבן זיך אויפגעריסן 300 פעסער. צוליב דעם וואָס די סרייפע איז אויסגעבראָכן ביי דעם וואַכמאַן אין בויד, איז דער געשטאַפּאָ נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז א דיווערסיע.

א דאַנק דער אַגיטאַציע פון פ. פּ. אָ. איז געפירט געוואָרן א סיסטעמאַטישער סאַבאָטאַזש אין אַלע דייטשע אונטערנעמונגען, וואו אידן האָבן געאַרבעט. יעדער איד, אומאָפּהענגיק צי ער געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע אָדער ניין, אָט געהאַלטן פאַר זיין כויוו צו ברענגען שאָדן.

אַכוץ דעם סיסטעמאַטישן אַרויסבאַקומען געווער אין די דייטשע אונטערנעמונגען, האָט די אָרגאַניזאַציע זיך גענויטיקט אין געלט - מיטלען צו קויפן וואָפן. מיר האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל אין מעשעך פון א האַלבן כוידעש אויפצוזאַמלען א האַלבן מיליאָן רובל.

די פערטע גרופּע מיטן גרופּן-קאָמאַנדיר מאַצקעוויטש האָט דורכגעפירט א ריזיקאַלישן פּלאַן. די קאַמפער פלעגן זיך טאָג-טעגלעך אַריינקלייבן אין דער דייטשער פעלד-באַקליידונג-אַמטן און מיט דער הילף פון קאַמפערן טאָ-

ליע זשאַבינסקי, וועלכע האָט דאָרט געאַרבעט, אַרויסטראָגן פּעק מיט דייטשע שינעלן, קאַראַקולענע מאַנטלען, פוטערס און וואַגנווייז דאָס אַוועקגעפירט צו אַ פויער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען די זאַכן צו פאַרקויפן. אַף אַזאַ אופן האָט די גרופּע אויפגעזאַמלט 40 טויזנט רובל.

דער דרוקער קאָוואַלסקי איז געקומען צום שטאַב מיט אַ טשיקאַוון איינפאַל: ער וועט אָפּדרוקן פאַלשע ברויט-קאַרטן און עס וועט זיין אַ גרויסער רעווער. דעם פּלאַן האָט מען דורכגעפירט. אַ ספּעציעלע גרופּע האָט זיך פאַרנומען מיטן אויסקויפן פּראָדוקטן אַף די פאַלשע ברויט-קאַרטן. די פּראָדוקטן האָט מען אין געטאָ פאַרקויפט און עס איז געווען אַ האַכנאָסע פון 100 טויזנט רובל.

דאַדיק ווידוצקי האָט אַרויסבאַקומען אין אַ דייטשער קאָנטראָל אַ געלטפּאַקעט פון 35 טויזנט רובל און עס אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע. ס'איז אויך געהיים געזאַמלט געוואָרן געלט באַ דער באַפעלקערונג. נישט פרעגנדיק אַף וואָס, האָבן געטאָ-אידן אַריינגעטראָגן טויזנטער. עס איז אויך געווען אַ פאַרמעסט צווישן די גרופּעס, ווער וועמען עס וועט אַריבערשטייגן אין אויפזאַמלען געלט. די קעמפער האָבן אָפּגעגעבן ווערט-זאַכן: לעצטע אָנדענקען נאָך זייערע פאַרשניטענע עלטערן, ווי זייגערס, רינגלעך, בראַסלעטן א. א. וו. דער קעמפער ראָטקין האָט אָפּגעגעבן דאָס זייגערל פון זיין פרוי, וועלכע מען האָט אָקאָרשט דערשאָסן. דערביי האָט ער געזאָגט: „די נעקאָמע איז מיר טייערער פאַר דעם לעצטן אָנדענק!” איך אַליין האָב אָפּגעגעבן אין פאָנד פון קויפן געווער דעם איינציקן אָנדענק פון מיין דערמאָרדעטער מאַמען: איר באַסענע - רינג. וואָס זי האָט מיר אָפּגעגעבן אַ טאָג פאַר דער עקזעקוציע.

דער ברען אין דער זאַמל-אַרבעט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַנשטאָט אַ האַלבן מיליאָן איז אַריין אין קאַסע פון דער אָרגאַניזאַציע אַ מיליאָן רובל.

## הילף פאַר קריגס-געפאַנגענע און מישפּאָכעס פון סאָוויעטישע קאָמאַנדירן

אין ווילנע זיינען געווען צוויי גרויסע לאַגערן פאַר סאָוויעטישע קריגס - געפאַנגענע און מישפּאָכעס פון סאָוויעטישע קאָמאַנדירן: אין די „ביליקע הייזער” אַף סובאָטש 37 און אין דער אַנטאָקאָלער טורמע. די אידן, וואָס האָבן נישט ווייט געאַרבעט, האָבן מיט אַלערליי מיטלען זיך באַמיט צו העלפן די געפאַנגענע. כאָטש דער דייטשער געזעץ האָט געזאָגט: „ווען אַ איד רעדט מיט אַ געפאַנגענעם ווערן ביידע דערשאָסן”.

אין די ערשטע כאַדאָשים, ווען די מערדער האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיט אידיש בלוט, האָבן זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציעס איבער טויזנטער קריגס - געפאַנגענע. צו די רוסן זיינען זיי געווען נישט בעסער ווי צו די אידן. איך

האָב געזען אַמאָל אַ בילד, וועלכעס עס איז נישט מעגלעך צו פאַרגעסן: אַ ביי-
זער, פראָסטיקער טאָג, לעבן די באַן-רעלסן בא דער אייזערנער בריק ליגט אין
שניי אַ קופּע פון אַ דריי הונדערט קריגס-געפאַנגענע. באָרוועסע, מיט צעפּרוי-
רענע הענט און פיס, פאַרפּייניקטע מיט הונגער-טויט אפן שניי-פעלד. זיי ליגן
אָנגעוואָרפן איינער אפן אַנדערן. פיל זיינען שוין טויט, אַנדערע צאַפּלען זיך,
אָטעמען קוים-קוים, ווי מילבן אונטער אַ פייער. אַנטקעגן זיי שטייט אַ דיקער,
רויט-פּאָנימדיקער דייטש און ער פרעסט אַזוי צו-לעהאַכעסדיק אַ קישקע
וואורשט.

אין די דייטשע וואַרשטאַטן ה. ק. פּ. פלעגט מען ברענגען אַף צוואַנגס-
אַרבעט די קריגס-געפאַנגענע. אַ סאַך פון זיי האָבן זיך באַמיט צו אַנטלויפן.
דער פּאַרטיזאַנער-שטאַב אין געטאָ האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע גרופּע קעמ-
פער, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו באַזאָרגן די געפאַנגענע מיט גע-
העריקע דאָקומענטן, מיט ציווילע קליידער און זיי אָנווייזן אַ ריכטונג, ווי
אַזוי אַוועקצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער. די קעמפער פעלדמאַן און בלומע מאַר-
קאָוויטש (געפאַלן אין די שלאַכטן באַם באַפרייען ווילנע) האָבן געהאָלפן אַכט
קריגס-געפאַנגענע מיטן קאַפּיטאַן סעריאָזשין בעראָש, באַזאָרגט זיי מיט אַל-
דאָס נויטיקע און זיי אַריבערגעשיקט אין די וועלדער אַרום לידע.

אין די „ביליקע הייזער" אַף סובאָטש-גאַס האָבן געוואוינט אַמאָל אַ
טויזנט אידן. מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם, איידער מען האָט אַריינגעטריבן די
אידן אין געטאָ, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די צוויי מויערן און דערמאָר-
דעט זייערע איינוואוינער. די הייזער פון די דערמאָרדעטע זיינען גלייך פאַר-
פולט געוואָרן מיט די פרויען און קינדער פון סאָוויעטישע קאָמאַנדירן און רויט
אַרמייער.

דער לאַגער פאַר געפאַנגענע איז געווען באַוואַכט. אַרויסגיין און אַריינ-
גיין איז געווען פאַרבאָטן. פונדעסטוועגן האָט זיך פון דאָרטן אַרויסגעריסן, ווי
אַ טויב, אַ רוסישע ליד, געשריבן פון אַ צען-יעריקן. דאָס ליד האָט מען אין
געטאָ געזונגען. די ווערטער פון דער ערשטער סטראָפע זיינען מיר געבליבן
אין זיקאָרן:

На улице Субоч два дома стоят,
Раньше евреи там жили;
Теперь там русские люди живут,
Евреев - то немцы убили...

צום ערשטן מאָל האָב איך געהערט דאָס ליד אין יאַנואַר 1942. עס איז
געווען אין די גרויסע פרעסט. ווען די רויטע אַרמיי האָט היטלערן אָפּגעטריבן
פון מאָסקווע. די אידן, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום באַן, פלעגן ברענגען יעדן
אָוונט נייעס, וויפל עשעלאָנען מיט „עפל" — ס'הייסט פאַרפרוירענע דייטשן
— זיינען אָנגעקומען פון פראָנט.

די דייטשן אין ווילנע און אין גאַנץ ליטע האָבן באַשלאָסן צו העלפֿן זייערע פֿאַרפֿרוירענע קאָלעגן. איבער דער שטאָט איז דערקלערט געוואָרן אַ „פּרייוויליקע” באַשטייערונג פֿאַר דער דייטשער אַרמיי: די איינוואוינער דאַרפֿן ברענגען אין די דייטשע קאָמיסאַריאַטן וואַרעמע קליידער, שיך, זאָליקעס, פּעלצן, פּוטערס, קאָלדרעס — אַלץ וואָס קען נאָר דערוואַרעמען די דערפֿראָרענע היטלעריסטן. אין דער מעלדונג, אונטערגעשריבן פֿונעם דייטשן אויבער-קאָמיסאַר רענטלען, איז צום סאָף געזאָגט געוואָרן: ווער עס וועט זיך פּריי-וויליק באַשטייערן, וועט באַקומען אַ קוויטאַנציע, אַז ער איז אַן ערלעכער בירגער. די באַשטייערונג איז כּלל געווען אויך אויף דער געטאָ. די באַפֿעלקע-רונג האָט אָבער נישט געוואָלט העלפֿן אירע פֿאַרקנעכטער. זײַנען די דייטשן געוואָרן „קליגער”. זיי פֿלעגן פֿאַרהאַלטן יעדער מאַן און פֿרוי אויף די גאַסן, אַראָפּציען די קליידער פֿון זיי און אָפּלאָזן זיי נאַקעטע. כּוח דעם האָט מען גע-מאַכט איבערן שטאָט רעוויזיעס, און וואָס נאָר מען האָט געפֿונען איז געוואָרן קאָנפֿיסקירט.

צום סאָרטירן, פּאַקן און צונויפֿברענגען די קליידער האָט מען אַרויס-גענומען אידן פֿון געטאָ. צווישן זיי בין איך אויך געווען.

איינמאָל, פֿאָרנדיק אויף אַן אויטאָ, פֿול געלאָדן מיט פּעלצן און וואַלי-קעס, האָב איך דערהערט פֿון אַ מיטפֿאָרנדיקן כאַווער דאָס ליד פֿון די „ביליקע הייזער”, דער כאַוועך האָט דערציילט, אַז די פֿרויען און קינדער, וואָס געפֿי-נען זיך אין די „ביליקע הייזער”, גייען אויס פֿון הונגער, ווערן פֿאַרפֿרוירן פֿון קעלט.

— פֿונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָט אים אַ פֿרעג געטאָן דער יוגנטלע-כער רודאַשעווסקי, וואָס איז צוזאַמען מיט אונדז געפֿאָרן אין אויטאָ.

— איך אַליין בין נישט לאַנג דאָרטן געווען. זיך אַרײַנגעקליבן דורך די דראָטענע פֿאַרצוימונגען און אַפֿילו גענעכטיקט אין לאַגער. איך האָב דער ערשטער אַרויסגעטראָגן דאָס ליד.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַט וואָס: גערשקע (אַזוי איז דער נאָמען פֿון דעם זינגער) האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דעם לאַגער פֿון די רוסישע געפֿינט זיך זײַנער אַ כאַוועך, אַ זון פֿון אַ געפֿאַלענעם רויטאַרמייער. גערשקע איז אַהין אוועק און געבראַכט פֿאַרן כאַוועך ברויט. דער כאַוועך האָט אים איבער-געגעבן דאָס ליד. גערשקע האָט עס אַרײַנגעבראַכט אין געטאָ און אַלע זינ-גען עס.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פּאָפּלאַוועס, לעבן דער דעזינפֿעק-ציע. מיר האָבן געדאַרפֿט אַהין אַריבערטראָגן די אָנגערויבטע זאַכן.

בײַם אַרײַנטראָגן די פּעק איז אונדז אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק: אַנשטאָט שלעפּן די זאַכן פֿאַר די דייטשן, בעסער זיי אַריבערטראָגן אין די „ביליקע היי-זער” פֿאַר די נאַקעטע קינדער און אויסגעהונגערטע פֿרויען.

דורך די אַרומגעצוימטע דראָטע פֿון די „ביליקע הייזער” גאַנוועגען זיך

אָפּט אַרויס צען־יעריקע קינדער, זיי גייען איבער די נאָענטסטע שטיבער און בעטלען ברויט. אויך דאָ, וואו מיר טראָגן איצט די פּעלצן, דרייען זיך אַרום די יאַטלעך; מיט זיי דאַרף מען זיך פאַרבינדן. איך האָב צוגערופן אַ באַרוועס יאַטל און אים געזאָגט: מאָרגן זאָל ער צוזאַמען מיט זיינע כאַוויירים זיך אַרויס גאַנווענען פונעם לאַגער און אַפּוואַרטן אונדזער אויטאָ אַף אַרויף סובאַטש־גאַס, לעבן מערקל, דאָרטן וועלן מיר אין אָוונט פאַרבייפאָרן מיטן זעלבן אויטאָ און פאַר זיי אַראָפּוואַרפן וואָס נאָר עס וועט זיך לאָזן. דער כעוורעמאַן האָט פאַרשטאַנען.

אַף מאָרגן האָבן אונדז אָפּגעוואַרט באַ אַ צען יאַטלעך. מיר האָבן אַראָפּ־געוואָרפן צענדליקער פּעלצן, וועש און וואַליקעס, שאַלן, סוועטערס, שיך און אַ זעקל עסנוואַרג. דאָס עסנוואַרג האָבן מיר געקויפט אַפן וועג באַ אַ פּויער פאַר אַ קאַראַקולענעם מאַנטל — פאַרשטייט זיך, נישט קיין אייגענעם.

דער דייטש, וואָס איז געזעסן מיטן שאָפער באַם רודער און האָט אונדז געהיט, מיר זאָלן נישט גאַנווענען, האָט גאָרנישט באַמערקט. דער שאָפער האָט יאָ געוואוסט. אַזוי ווי זיין וואַכמאַן, דער דייטש, האָט זיך נישט אָריענטירט אין די ווילנער גאַסן, האָט דער שאָפער געפירט די מאַשין דורך הינטער־גאַסן, און קומענדיק אַף סובאַטש־גאַס, צום באַשטימטן אָרט, האָט ער בעקיוון פאַר־פּאַמעלעכט דעם גאַנג פונעם אויטאָ, קעדיי מיר זאָלן באַוויזן אַראָפּצואוואַרפן די פּעק.

די יאַטלעך האָבן פלינק אויפגעכאַפּט אונדזערע מאַטאָנעס, זיי פאַרשאָ־טן מיט שניי, קיינער זאָל נישט באַמערקן, און באַנאַכט אַריינגעשמוגלט זיי צו זייערע מאַמעס.

אַזוי האָבן מיר איבערגעכאַזערט אַ וואָך נאָכאַנאַנד. די געפאַנגענע האָבן אויפגעלעבט.

פון די געפאַנגענע האָבן מיר באַקומען אַ בריוול:

„מיר געדענקען, און ווען עס וועט קומען די צייט, וועלן מיר דערציילן אונדזער היימלאַנד, אַז אין ווילנע, אין 1942, האָבן די פאַרקנעכטע און גע־פּייניקטע אידן פון דער געטאָ נישט פאַרלוירן זייערע מענטשלעכע געפילן. אין דער צייט, בעיים פאַרן ריידן מיט אַ נישט־אידן איז געקומען טויט־שטראָף, האָבן זיי איינגעשטעלט זייערע לעבנס און געראַטעוועט פון הונגער און פראָסט אויך מענטשן אַנדערע — קאָרבאַנעס פונעם זעלבן רעזשים".

## די ערשטע דיווערסיע

...איציק וויטענבערג, דער קאָמאַנדיר פון דער פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַ־ציע אין געטאָ, האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. מיר האָבן געדאַרפט זיך צונויפ־ריידן וועגן אַ סאָוועטישן אָפיציר, מיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט זיך אויס־

באהאַלטן אין געטאָ און געזוכט אַ וועג זיך צו פאַרבינדן מיט די פּאַרטיזאַנער.

עס איז געווען פאַרנאַכט. ווען מיר האָבן געענדיקט אונדזער געשפּרעך איז אַריין דער שטאַב-מיטגליד אבא מיטן געווער-מייסטער באָרעך.

— הער אויס, באָרעך, — האָט אים איציק אַ צי געטאָן צו זיך, — איך קען דיך פאַר אַ גוטן, געטרייען פּאַרטיזאַנער. איך ווייס אויך, אַז דו פאַרשטייסט זיך אויף געווער, אַלע פּיסטוילן, וואָס דו האָסט פאַריכט, שיסן אויסגעצייכנט. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן צוטרוי. פאַרשטיי מיך. דאָ גייט בלויז אין דעם, צי די מינע, וואָס דו האָסט אויסגעפּאַרטיקט אין געטאָ, וועט אויף זיכער אויפרייסן. ס'איז די ערשטע דיווערסיע... מיר וועלן שיקן אונדזערע בעסטע כאַווײרים, וואָס שטעלן איין דערביי זייער לעבן. אויב די באַן וועט נישט צעשפּרינגען אינדערלופטן, וועלן מיר אָן אַ שיר מער פאַרלירן, איידער מיר טוען גאָרנישט, ווייל אי עס קאָן קאָסטן קאָרבאָנעס, אי עס וועלן די רעלסן נאָכדעם אַזוי באַוואַכט ווערן, אַז אַ צווייט מאָל וועט אַ סאַך שווערער זיין אַהינצו צוצוקומען. דעריבער פרעג איך דיך נאָכאַמאָל: ביסט אינגאַנצן זיכער, אַז די מינע וועט אויפרייסן?

— יאָ, איך בין זיכער — האָט באָרעך געענטפערט.

אבא האָט צוגעגעבן: „אַז באָרעך זאָגט: זיכער, זאָג איך דאָס אויך". מען דאַרף, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָס גיכער צוגרייטן די דיווערסיע. די ידיעס פונעם אויסשפּיר זאָגן, אַז מאָרגן אַ גאַנצע נאַכט וועלן גיין דורך ניי-ווילייקע געלאָדענע עשעלאָנען. מען טאָר נישט דורכלאָזן דעם מאָמענט.

פונדרויסן האָבן זיך דערטראָגן קוילעס, איציק איז אויפגעשפּרונגען פון בעטל, אויף וועלכן ער איז געלעגן, און אָן עפן-געטאָן דאָס פענצטער. אַ צען אידענעס, מיט פאַרבראָכענע הענט אויף די קעפּ זיינען געלאָפן מיט אַ געשריי איבער די געסלעך: „וויי, אונדזערע קינדער!"

זייערע קינדער, וועלכע מען האָט געטריבן אין ניי-ווילייקע אויף צוואַנגסאַרבעט, האָבן זיך היינט נישט צוריקגעקערט אין געטאָ. מורער האָט באַ זיי געפונען קאַרטאָפל, האַלץ און אַ ליטער מילך. אַלעמען האָט ער אוועקגעפירט אין דער לוקישקער טורמע און זיי דערוואַרט דער טויט. מאָרגן וועלן שוין צו דער אַרבעט אין ניי-ווילייקע גיין אַנדערע אידן.

— באַשטימען מיר ניי-ווילייקע — האָט געזאָגט וויטענבערג.

—און איצט, איצט, האָט אים באָרעך איבערגעריסן, — בעט איך אייך, איר זאָלט מיר דערלויבן זיך צו באַטייליקן אין דער דיווערסיע. כאָטש דערפאַר אַליין וואָס איך האָב די מינע אויסגעפּאַרטיקט און קען גוט איר מעכאַניזם.

נאַכט נאָך נאַכט, אין מעשעך פון אַ פולן כוידעש, באַהאַלטן אין די היילן אויף קאַרמעליטן גאַס 3, האָט באָרעך זיך פאַרנומען מיטן אויספּאַרטיקן אַ מינע. ער האָט אַליין אין דעם דייטשן אַמוניציע-לאַגער געגאַנוועט טאָל, פּולווער און דאָס אַריינגעשמוגלט אַהער, אין דער טונקעלער הייל, קעדיי זיכער צו זיין אין

מעכאַנישן אויפֿזעער, האָט אים באַרעך פריער אויסגעפּרואווט אין דער זעל-בער הייל: דעם אויפֿזעער מיט עטוואָס דינאַמיט האָט ער איינגעגראָבן אין דער ערד, און פֿון ווייטן מיט אַן אייזערנעם פֿרענט אַ קלאַפּ געטאָן אין אַנדרי-קער. עס האָט זיך דערהערט אַן אויפֿרייס און אַ שטיק ערד האָט זיך אַ טראָג געטאָן אינדערלופֿטן, אין הייל. — „ער טויג!"

איצט שטייט דאָ באַרעך אין צימער, אַ בלייכער, די געלע לאַטע אויף זיין ברוסט הויבט זיך, אָטעמט אין ריטם פֿון זיינע ווערטער. ער האָט אַ באַקאַ-שע — מען זאָל אים דערלויבן צו באַטייליקן זיך אין דער ערשטער דיווערסיע.

— ליידער קען איך דיר נישט נאָכגעבן, — האָט אים וויטענבערג אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל. — דו ווייסט דאָך אַליין, אַז דערווייל ביסטו בא אונדז פֿון די איינציקע, וואָס קענען אויפֿשטעלן און פֿאַריכטן קאַלעראַיי געווער. אַכוץ דעם ביסטו דער אָנפֿירער פֿון דער גרופּע גראַנאַטן-וואַרפֿלער, און עס איז אַ זינד פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע דיך אַהין צו שיקן.

עס איז אַריינגעגאַנגען וויטקע קעמפּנער, די פֿאַרבינדלערן פֿון די פּאַר-טיזאַנער מיט דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אין שטאָט. אַ הויך-שטאַלטנע מיידל, מיט אַ אינגליש-געשווירענעם קאָפּ און געלבלעכע זומער-שפּרענקלעך אויף די אויסגעדאַרטע באַקן. זי האָט איבערגעגעבן וויטענבערגן דעם ביולעטין מיט די לעצטע פּאָליטישע נייעס, וואָס ווערט אויפֿגענומען פֿון דעם געהיימען געטאָ-ראַדיאָ, און זיך געווענדעט צו איציקן:

— איך ווייס וועגן וואָס איר דינגט זיך. מיר דאַרף מען קיין סאָך נישט דערציילן. די גאַנצע נאַכט האָב איך נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. קורץ: מיין נאָמען איז נישט וויטקע, אויב איך וועל נישט גיין אַראָפּלאָזן די באַן.

די כאַווירים האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

וויטענבערג האָט איבערגעהאַקט דעם געלעכטער:

— גוט, איך בין מאַסקים. און וועמען געבן דיר פֿאַר באַגלייטער?

וויטקע האָט אַ טראַכט געטאָן און אַבאַ האָט דערווייל אַרויסגעהאָלפֿן:

— איצכאָק מאַצקעוויטש און מוישע בראַוזען.

*

עס איז געווען אַ מאַי-נאַכט 1942. דורך אַ געהיימען דורכגאַנג פֿון ווילנער געטאָ, וואָס האָט אַרויסגעפֿירט אין דרויסן, האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ אינגל מיט אַ מיידל, ביידע אָן לאַטעס, און זיך געלאָזט מיטן טראָטואַר אין שטאָט אַריין צו דער ברייטער-גאַס. דער באָכער האָט פֿעסט געהאַלטן אונטערן אָרעם זיין כאַווערטע. ער האָט געריידט אויף אַ הויכן קלינגעוודיקן דייטש, קעדיי די פֿאַרבייגייער זאָלן נישט האָבן קיין כשאַד.

מען דאַרף זיך איילן. דער זייגער איז שוין האַלב צען, און דאָס גיין אי-בער די גאַסן איז פֿאַר „אַריער" דערלויבט ביז צען. זיי דאַרפֿן וואָס גיכער

דורכשפרייזן די שטאָט. דורך באָקשט, איבערן ווילענקע-בריקל, איילן זיי צו דער פּאָלאַצקער גאַס. שוין דורכגעשניטן די פּאָלאַצקער גאַס און ארויף אָפן טראַקט באַטאָרי.

זיי זיינען אַראָפּ פון טראַקט און געשניטן מיט זייטיקע שטעגלעך. אָף האַלב צוועלף האָבן זיי אָפּגערעדט זיך טרעפן מיט זייער כאַווער מוישע בראַו-זע, לעבן דער פּאַפּיר-פאַבריק באַ דעם אַלטן דעמב. בראַוזע איז געקומען דאָ פון סאַמע באַגינען מיט די אַרבעטנדיקע פון ווילנער געטאָ, וואָס טראָגן שטיי-נער און לייגן אויס אַ ברוק. דאָ האָט ער אָפּגעוואַרט די צוויי כאַווירים. באַ אים געפינט זיך די מינע.

דער זייגער איז שוין געוועזן צוויי. זיי זיינען אַריין אין אַ וועלדל. וויטקע מיט איציקן האָבן זיך צוגעשאַרט צו די רעלסן. בראַוזע איז געשטאַנען אָף דער וואַך און געקוקט, צי מען גייט נישט. איצכאַק האָט אַרויסגעצויגן אַ האַנט-רידל און אונטערגעגראָבן אַ רעלס. דאָס גריבל האָט ער אַרומגעלייגט מיט גלאַ-טע געהאַקטע שטיינדלעך, וואָס וויטקע האָט אים דערלאַנגט. די מינע זאָל זיך נישט אַריינקוועטשן אין דער ערד, ווען די באַן וועט זי אָנדריקן. ווען די מינע איז שוין געלעגן אינעווייניק, האָט מען זי פאַרשאָטן מיט זאַמד און זאַלבע-דריט זיך אָפּגעטראָגן צו די ווילענקע. זיי האָבן דורכגעשניטן דעם טייכל און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די ווערבעס, אָפּצוואַרטן די אָנקומענדיקע באַן.

שטיל. פון די צונויפגעגאָסענע האָריזאָנטיקע וועלדער טאַפּט עפּעס אַרויס, טראָגט זיך אַלץ נענטער. די שפּיצן בוימער ווערן באַצויגן מיט רויך.

— אַ באַן!...

אַצינד זיינען זיי שוין דייטלעך, ווי פון דער וואַלדיקער טיפעניש קריכט אַרויס אַ לאָקאָמאָטיוו און נאָך אים אַ קייט מיט נאָכקלאַפּנדיקע וואַגאָנעס. צען, צוואַנציק, דרייסיק, נישט איבערצוציילן. דייטשע לידער דערגרייכן צו זיי פון-דערוויטנס. וויטקען האָט זיך געדאַכט, אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז שוין אַריבער און די מינע האָט נישט אויפגעריסן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט מוירע עס צו זאָגן די כאַווירים. איצכאַק איז געוועזן זיכער. ער געדענקט גענוי, ווי ער האָט פאַרגראָבן די מינע: דער לאָקאָמאָטיוו איז נאָך אַהינצו נישט דער-גאַנגען. אָט איז ער שוין נאָענט. באַלד מוז עס געשען, אָט — — —

ערד, מענטש און אייזן האָבן זיך אויסגעמישט אינדערלופטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

*

אַ סאַך וואַגאָנעס, געלאָדן מיט געווער און דייטשן, אייל‌נדיק אין דער ריכטונג צו פּאָלאָצק, זיינען מיט האַס און פּאַק צעריסן געוואָרן אָף שטיקער. עס איז איינע פון די ערשטע דיווערסיעס, וואָס האָט אויפגעריסן די שטילקייט

אין ווילנער געגנט. ביז צום היינטיקן טאָג ווייסן נאָך ווייניק מענטשן, אַז דאָס האָבן אויסגעפירט דריי יונגטלעכע פון ווילנער געטאָ.

*

פון די פויערים, וואָס מען האָט אינדערפרי געטראָפן אַף אויפצוקלייבן די טויטע, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן אָנגעציילט בא צוויי הונדערט דערהאַרגעטע סאָלדאַטן. כוץ די פאַרוואונדעטע און צעריסענע, וואָס איז ניט מעגלעך צו ציילן. פון יענער דיוועסיע האָבן די פויערים אויפגעקליבן און באַהאַלטן פיסטאָלעטן, ביקסן און זייער פיל קוילן.

אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום, ווען אונדזער פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע איז געטאָ האָט זיך דורכגעריסן דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן און אַוועק אין וואַלד, האָבן מיר זיך דערמאָנט וועגן די ביקסן און פיסטאָלעטן, וואָס די ווילייקער פויערים האָבן אויפגעקליבן בעיים דער ערשטער דיוועסיע.

מיר זיינען אַהין אַוועק, אָפּגענומען בא די פויערים דעם וואָפן, און מיטן זעלבן דייטשן געווער — געהאַרגעט דייטשן.

## דער רוף צו אַנדערע אידישע אישוווים

ווען די פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ איז שוין געווען פאַרוואָר-צלט, איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצושיקן אונדזערע שעליכים אין אַנדערע אידישע שטעט, קעדיי אויך דאָרטן אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד. אין ביאַ-ליסטאָק איז געווען אַ געטאָ מיט 40 טויזנט אידן. אין וואַרשע — מיט אַ האַל-בן מיליאָן. די ביאַליסטאָקער האָבן נישט געגלויבט אין די שכיטעס אין וויל-נע. די וואַרשעווער זיינען געווען זיכער, אַז אַ האַלבן מיליאָן קען מען נישט פאַרטיליקן.

אין פעברואַר 1942 האָט זיך איינגעגעבן פאַרבינדן זיך מיטן טשעך יוזעף שמידט, וואָס איז געווען מאָביליזירט אין דער דייטשער אַרמיי.

אין זיין אייגענעם אויטאָ, אָן געצאָלט, האָט ער אַוועקגעפירט קיין ביאַ-ליסטאָק און וואַרשע די דריי אונדזערע מיטגלידער: עדעק באָראַקס, יוזעף קעמפּנער און סאָלאָמאָן ענטין. זיי זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבן דערציילט אין ביאַליסטאָק און וואַרשע וועגן די שכיטעס אַף די ליטווישע אידן. זיי האָבן דעם ערשטן מאָל דערציילט וועגן פּאָנאַר.

ווען עדעק באָראַקס איז צוריקגעקומען קיין ווילנע און איבערגעגעבן מיט וואָס פאַרא אומגליקן מען האָט אויפגענומען דעם עמעס וועגן כורבן, האָט דער שטאַב גון פ. פּ. אָ. באַשלאָסן צו איבערצייגן וואַרשע און ביאַליס-טאָק מיט פאַקטן. עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ ספּעציעלער אויפרוף צו אַלע

אידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. דער אויפרוף האָט דערציילט מיט אַלע גענויקייט וועגן דער סיסטעמאַטישער פאַרטיליקונג פון די אידן אין ליטע און ווייסרוסלאַנד, האָט דערציילט מיט בלוטיקע ציפערן וועגן ווילנע, ווילייקע, קאָוונע און מינסק.

„דער גוירל פון אַלע אידן אונטער דער היטלערישער אָקופּאַציע, — האָט זיך געזאָגט אין אויפרוף — איז אַלגעמיינע אויסראָטונג, נישט געקוקט אַף קיין שוםווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פאַר די דייטשן.

„ברידער! רייסט אַראָפּ די איינרעדעניש, אַז אונדז קען ראַטעווען ווירט-שאַפטלעכע נויטווענדיקייט. וואַרפט אַוועק די האָפענונג, אַז צוליב ווירטשאַפט-לעכע סיבעס וועלן די דייטשן נישט וועלן פאַרטיליקן 40 טויזנט אידן אין ביאַליסטאָק און אַ פּשיטאַ שוין דעם האַלבן מיליאָן אין וואַרשע. די אויס-ראָטונג פון די אידן איז אַ צענטראַלע אַקציע. זי איז נישט אָפּהענגיק פון קיין שום אָרטיקע אָרגאַנען. די דייטשן אין גראָדנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, קעדיי צו האָבן ארבעט און נישט גיין אַפן פראָנט, קענען פאַרציען דעם קיעם פון די געטאָס אַף אַ קורצער צייט. די אויסראָטונג איז אָבער אַ סיסטעמאַטישער פּראָצעס, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועט ער טרעפן אַלעמען. דאָ הערשט די פּאָליטישע פּראָגראַם איבער אַלע ווירטשאַפטלעכע פאַקטאָרן. וואו עס איז נאָר דאָ אַ אידישער אישעוו אונטער היטלערן וועט זיין אַ פּאָנאַר!

„אידן! אָרגאַניזירט זיך! נעמט זיך צום געווער!

„אידן! צום ווידערשטאַנד!”

די פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ.

די צוויי שוועסטער סאָרע און רייזל זילבער האָבן דעם אויפרוף אַריבערגע-פירט אין ביאַליסטאָק און וואַרשע. ער איז צעטיילט געוואָרן צווישן די מיט-גלידער פון באַזונדערע פּאַרטייען, דעם מאָל האָט ער פאַר אַלעמען געעפנט די אויגן.

צוריקפאָרנדיק זיינען די שוועסטער זילבער פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ לעבן מאַלקין און דאָרטן האָט מען זיי אין אַ טויט-פאַבריקביידן פאַרפייניקט.

נאָך זיי איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע די יונגע לערערן כאַיע גראָסמאַן. דאָרט האָט זי זיך פאַרבונדן מיט אַ שעליעך פון פּ. פּ. ר. (פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ ראָבאָטניטשאַ).

אין דער זעלבער צייט איז פון ווילנע אַרויסגעפאָרן עדעק באָראַקס אין ביאַליסטאָקער געטאָ. עס איז אויך געקומען קיין ביאַליסטאָק פון וואַרשע כאַיע גראָסמאַן, און זיי האָבן געהאָלפן שאַפן די אָרגאַניזאַציע „צום קאַמף מיטן דייטשישן אָקופּאַנט”. שפּעטער האָט זיך זיי איינגעגעבן אָנצובינדן אַ קאָנ-טאַקט מיט אַ נאָענטער פּאַרטיזאַנער-גרופּע אין וואַלד.

*

אָנהייב 1942 האָט דר. וואָלף, דער געביטס־קאָמיסאַר פון ווילנער גע־גנט, זיך פאַרמאָסטן אַף די לעצטע געבליבענע אידן אַף דער פראָווינץ. מיטן אויסרייד צו „פאַרהיטן" די דערמאָנטע אידן פון קלוימערשט פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן, זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין אָשמענע די אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך: סאָלס, מיכאַלישאָק, סוויר א. אנד.

קעדיי צו באַרואיקן די קאָנצענטרירטע אידן, זיינען געקומען אין אָשמע־נע געשטאַפּאָ־אַגענטן און אַרויסגעגעבן אַרבעטס־שיינען. זיך דערוואוסט פון די מערדערישע פּלענער, האָט די פּ. פּ. אָ. אַרויסגעשיקט קיין אָשמענע די קעמ־פערן ליזע מאַגון אַף צו אָרגאַניזירן גרופּן אַוועקצוגיין אין וואַלד.

דער אָשמענער געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט דורך פּאָליציי. ליזע האָט זיך אָבער אַריינבאַקומען אין געטאָ. דאָרטן האָט זי אַגיטירט: אידן! מען וועט אייך פירן צום טויט! די אַרבעטס־שיינען זיינען צום פאַרנאַרן, אַנטלויפט!

און זי האָט אָרגאַניזירט באַוואָפנטע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק אין די וועלדער.

נאָכן צוריקער פון אָשמענע האָט ליזע אויסגעפירט נאָכאַנאַנדיקע אויפ־גאָבן אין שטאָט. איינמאָל האָט זי געדאַרפט רעגיסטרירן אירע פאַלשע דאָקו־מענטן. צו דעם צוועק איז זי אַוועק אין דייטשישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, נאָר דאָרט האָט מען זי דערקענט און אַרעסטירט.

אין געשטאַפּאָ האָט מען זי געפּייניקט אַ בוידעש צייט. מיט אָנגעבערענ־טע אייזנס האָט מען איר געברענט דאָס ליב, נאָר קיין וואָרט פון איר נישט אַרויסבאַקומען. פון טורמע האָט זי נאָך באַוויזן איבערצושיקן דאָס בריוול:

„איך וויים געגוי, וואו איך האַלט אין דער וועלט. איך קען זיך גאָרנישט איינלעבן מיטן געדאַנק, אַז מיך וועט מען פירן אַף פּאָנאַר. איך בין רואיק. איך גרים אַלע כאַוויירים. וואָס טוט זיך אין ביאַליסטאָק?

זייט שטאַרק — ליזע".

הייליקנדיק ליזעס אָנדענק, האָבן אירע כאַוויירים געקויפט אַף איר נאָ־מען אַ רעוואָלווער. באַרעך גאָלדשטיין האָט צו אירע שלוישים אַרויסגעגאַנוועט ביי די דייטשן אַן אויטאָמאַט און געבראַכט אין געטאָ.

דעמאָלט האָט דער שטאַב באַשטימט פאַרן מאָביליזאַציע־סיגנאַל פון פּ. פּ. א. דעם לאָזונג — „ליזע רופט!"

## די געהיימע דרוקעריי

עס איז אויף דער געדאַנק זיך איינצושאַפן אַ דרוקעריי. צו יענער צייט, אָנהייב 1942, איז נאָך אין שטאָט נישט געווען קיין אויספאָרמירטע אונטער־ערדישע אַנטיפאַשיסטישע באַוועגונג. די פּוילישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַ־

ציע מיט איר בלעטל „ניעפּאָדלעגלאָשטש" האָט נישט אויפגעהערט צו אַגיטירן קעגן דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד און די פּאַרטיזאַנער.

אין פעברואר 1942 האָט דער שטאַב פון פּ. פּ. אָ. ארויסגעגעבן אַ העקטאָגראַפירטן אויפרוף צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די זאַך פון ווידערשטאַנד איז נישט בלויז קיין אידישע. די שכיטעס איבער די אידן זיינען בלויז דער אָנהייב פון אַ סיסטעמאַטישן מאָרד-פּראָצעס איבער די פעלקער פון איירָאָפּע.

אָט איז דער ערשטער העקטאָגראַפירטער אויפרוף, ארויסגעגעבן פון דער פּ. פּ. אָ. צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג:

בירגער פון אַלע אָקופּירטע געביטן!

עס בלוטיקט דער סוינע אויף אַלע פראָנטן.

אין פייער פון דער רויטער אַרמיי זיינען געוואָרן איינגעטונקט די גרעסטע טיילן פון דעם סוינעס רעזערוון.

מיט טויט און אומקום אָטעמען די אַרומגערינגלטע דייטשישע אַרמייען. אויסגעמוטשעטע, אויסגעשעפּטע, נישט פייאיקע צום קאַמף, ליגן די דייטשישע דיוויזיעס אויפן שלאַכטפעלד.

ס'האָט היטלער זיינע כאַיאַלעס געטריבן אין קאַמף, צוזאָגנדיק זיי זינט 14 טעג צו זיין אין מאָסקווע. פון טעג זיינען געוואָרן וואָכן, פון וואָכן — כאַדאָשים. און ווען ס'איז אריבער דער זומער, האָט ער געהייסן וואַרטן אויף האַרבסט. און ווען אין האַרבסט האָבן בלוטיק זיך פאַרבראָכן אַלע פּרואוון דורכצוברעכן די פּאַרטיידיקונגס-קראַפט פון דער רויטער אַרמיי, איז דער נייער טערמין געוואָרן — ווינטער. פאַר די דייטשן איז אָבער דער ווינטער געוועזן אַן אומגליק. מיליאָנען דייטשישע סאָלדאַטן זיינען געבליבן אויפן שלאַכטפעלד. מאַסן מילכאָמע-מאַטעריאַל איז צעפּאַטערט געוואָרן פון די נאָכאַנאַנדיקע קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי.

אויף די פראָנטן איז ערעוו פרילינג.

צוואַנציק מיליאָן סאָוויעטישע זעלנער שטייען אונטער געווער. 9 מיליאָן אויפן פראָנט. 11 מיליאָן גרייטע רעזערוון, די רויטע אַרמיי, אַ געשטאַרקטע מיט נייעם מעכטיקן קריגס-מאַטעריאַל, גרייט צו אַ געוואַלדיקע אַטאַקע, וואָס וועט דערלאַנגען אַ טויט-קלאַפּ און פאַרוויסטן דעם סוינע.

בירגער פון אַלע אָקופּירטע געביטן!

דער סוינע, אין מוירע פאַר ווידערשטאַנד, וויל אייך אייליקס פּאַרטיליקן. ער דערשיסט אייערע בעסטע זין. ער פירט אייך קיין דייטשלאַנד אין די הונדערטער, טויזנטער. אין וואַרשע, קאַליש,




דער פאַלשער פּאַס פון דער העלדישער קעמפערין סאָניע מאַדייסקער,
וואָס האָט אַ צייט געלעבט אין שטאָט ווי אַ פּוילישע, אונטערן
נאָמען קאַטאַרזשינאַ ראָמאַנאָווסקאַ



יוליאַן יאַנקאַוסקאַס אין די טעג
פון זיין אונטערערדישער אַרבעט



אימע לובאָצקי, דער העלדישער פּאַרטיזאַנער



בערל שערעשניעווסקי, דער
סעקרעטאַר פון דער קאָמו-
ניסטישער פּאַרטיי אין ווil-
נע בעיים דער דייטשישער
אָקופּאַציע

ווילנע, לעמבערג האָט שוין דער היטלער-טעראָר אומגעבראַכט האַמויִנים.

לאָזט זיך נישט פירן ווי שאָף צום טויט. אַז דער סוינע זאָל באַדאַרפן איינברעכן דעם ווידערשטאַנד פון יעדן איינציקן, וועט ער זיין פּלאַן נישט באַוויַזן דורכצופירן.

ס'פאַלן פון אייך טויזנטער פּאַסיווע קאָרבאָנעס. פרייהייט קעמפט מען אָבער אויס נאָר מיט אַקטיווע קאָרבאָנעס.

ווערט פּאַרטיזאַנער!

שטערט דעם סוינע אויף אַלע וועגן און שטעגן!

פירט דיווערסיע אַרבעט!

צעשטערט וועגן, טראַנספּאָרטן, פאַבריקן, לאַגערן — לאָזט נישט רוען דעם סוינע!

אַ טויט די אָקופּאַנטן!

דער ניצאָכן פאַר אונדז!

פאַרבאַנד צו קעמפן מיטן דייטשישן אָקופּאַנט.

ווילנע, פעברואַר 1942.

אין אַלע פאַבריקן, אונטערנעמונגען אין שטאָט איז דאָס בלעטל פאַרשפּרייט געוואָרן. עס איז די אַרבעט פון די אידישע צוואַנגס-אַרבעטער. נייענדיק צו דער אַרבעט אונטער באַגלייטן פון שטורמיסטן, האָבן זיי דאָס פאַנאַנדערגעקלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט.

*

פיל געטאָ-קינדער, צען- און צוועלף-יעריקע זיינען געגאַנגען אויף צוואַנגס-אַרבעט אין שטאָט. די פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט איין קינד פאַרטרויט וויכטיקע אויפגאַבן. און מיט וויפל באַוואוסטזיין, מיט וויפל מעסירעס-נעפעש דאָס קליינוואַרג האָט דאָס דורכגעפירט! צענדליקער און הונדערטער פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער שטאָט דורך אָט דער טייערער כעווּרע.

*

נאָכן ערשטן העקטאָגראַפירטן אויפרוף צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט זיך דער פ. פ. אָ.-מיטגליד קאָוואַלסקי, אַ ווילנער דרוקער, געווענדעט צום שטאַב מיט אַ דרייסטן פּלאַן — אויפצושטעלן אַ געהיימע דרוקעריי.

דער שטאַב איז אויף דעם פּלאַן איינגעגאַנגען. אין יענער צייט האָט זיך אונדזער אָרגאַניזאַציע אַלץ מער און ענגער פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט, וואָס האָט גענומען אויפלעבן אין אונטערערד.

דער פּלאַן אין קאָנטאַקטירט געוואָרן מיט דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע. אָט ווי עס דערציילט קאָוואַלסקי אַליין וועגן זיין אַרויסגאַנוועגען די שריפטן.

„מיט דער האַסקאָמע פון אונדזער שטאַב האָב איך זיך אַריינבאַקומען אַרבעטן אין דער דייטשישער מעלוכעשער דרוקעריי. אַדאַנק דעם, וואָס דער מערסטער טייל אַרבעטער האָבן מיך געקענט פון פריער, האָב איך גוויווער גע-וועץ אַלע שוועריקייטן.

„איך הייב גלייך אָן אַרבעטן פאַר אונדזער זאַך. סאָניע מאַדייסקער האָט מיט מיר אָפּגערעדט, אַז אַף מאָרגן צוועלף אַזייגער, ווען באַ אונדז איז מיטיק און די דרוקעריי איז אַ האַלבע שאָ אָפּן, וועט וואַרטן אַף מיר באַם טויער אַ מענטש, וועלכן איך דאַרף איבערגעבן אַלץ, וואָס איך וועל אַרויסבאַקומען פאַר דער דרוקעריי. דער סימען פון דעם מענטשן דאַרף זיין: מיטעלע הויך, אין ברילן, מיט אַ שוואַרצן מאַנטל און אַ קאַראַקולענעם קאָלנער, און אין האַנט וועט ער האַלטן אַן אויפגעדרייטע פּוילישע צייטונג „גאָניעץ צאַדזשעננע״.

פּינקטלעך צו דער צייט איז ער געקומען. ער נעמט צו מיין „פּאַיאַק״ און גייט זיך ווייטער. אין געטאָ האָט מיר שוין סאָניע אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַז דער פּאַקעט איז געבראַכט געוואָרן בעשאָלעם און אַז מאָרגן וועלן שוין קומען צוויי כאַווייִרים, קעדיי צו נעמען מערער. און אַזוי טאָקע אַ וואָך נאָכאַנאַנד פלעגן ביידע צו מיר קומען אין דער אָפּגערעדטער צייט און איך פלעג זיי איבערגעבן פאַרשידענע פּעקלעך שריפטן און מאַכשירים. שפּעטער, עס זאָל נישט אויסקו-מען פאַרדעכטיק, פלעגט קומען איינער — דער, מיט וועלכן איך האָב געהאַט די ערשטע באַגעגעניש. זיין נאָמען איז יאַן פּשעוואַלסקי.

אונדזערע טעגלעכע טרעפונגען האָבן אָנגעהאַלטן איבער אַ כוידעש. ביז אַף שלאָס-גאַס 15 איז פאַרטיק געוואָרן אַ געהיימע דרוקעריי מיט אַלדאָס נוי-טיקס, פּאַפּיר, פאַרב, שריפט, ראַמען, שליס-מאַטעריאַל א. אַנד. דאָס גאַנווע-נען און אַרויסטראָגן פון דרוקעריי איז פאָרגעקומען אַזוי:

באַם פאַנאַנדערנעמען די שוין אָפּגעדרוקטע זאַצן פון „גאָניעץ צאַ-דזשעננע״ קען מען צוקומען צו אַלע שריפטן און מען האָט נישט איבער זיך קיין באַלעבאָס. באַם פאַנאַנדערנעמען דעם שריפט פלעג איך אויפקלייבן און באַהאַלטן דאָס, אין וואָס מיר האָבן זיך גענויטיקט. איך האָב זיך געדאַרפט היטן פאַר דריי הונדערט אויגן.

מיין טרעף-צייט מיט יאַנען איז געווען האַלב פינף פאַרנאַכט, ווען איך פלעג גיין צוריק אין געטאָ.

איינמאָל רעד איך מיט אים אָפּ, אַז מאָרגן זאָל ער קומען מיט אַ גרויסן פאָרטפעל צונעמען באַ מיר אַ ראַם, אַ וואַלעק, אַ גראַנקע און אַ ווערסטאַק. איך האָב דאָס אָפּגעלייגט אין דרוקעריי און מען מוז דאָס אומבאַדינגט צו-נעמען.

די ראַם פּאַסעווע איך איין אַרום זיך. און די איבעריקע זאַכן פאַרוויקל איך אין מאַקולאַטור ווי אַ פּעקל. באַם טויער — אַן איבעראַשונג. עס שטייט

דער דירעקטאָר שקעמאַס. ער פרעגט מיך, וואָס איך טראָג. איך ענטפער אים קאַלט, אַז מאַקולאַטור, ווייל איך האָב נישט אין געטאָ מיט וואָס צו הייצן. און דער דירעקטאָר האָט מיר געגלויבט.

ארויס דורכן טויער מיט אַ פּויקנדיק האַרץ, זוך איך יאַנען, און פון יע-נעם נישט קיין סימען. איך לויף אַרום אין סאַד צווישן די ביימער, טאָמער פאַרשטעלט ער זיך. דער מענטש איז נישטאָ.

דערווייל ווערט שפּעט און מער ווי ביז 6 אַזייגער טאָר אַ איד זיך נישט באַווייזן אין די גאַסן. איך באַשליס צוריק אַריינגיין אין דרוקעריי, באַהאַלטן מיין סכוירע אין אַ מאַלינע און אַליין אַוועקגיין אין געטאָ. אָבער עס טוט זיך נישט ווי מען וויל. אין הויף פון דרוקעריי שטייט נאָך אַלץ דער דירעקטאָר, און וועגן אַריינגיין צוריק קען נישט זיין קיין רייד. איך מאַך אַשיבייינו נאַ-זאַד, און אַן אָנגעלאָדענער מיט בליי און אייזן שפּאַן איך אַוועק אין געטאָ.

אינמיטן וועג — אַ קאַטאַסטראָפע, ס'האָט געפּלאַצט דער פּאַסיק, און די שווערע ראַם ציט אַראָפּ מיינע הויזן. איך גיי און פאַריכט זיך. דורך דער מאַנ-טל-קעשענע האַלט איך אונטער די ראַם. מיין איינציקע האָפענונג — וואָס גי-כער אין געטאָ.

מיט מאַטערניש דערקראָכן צום געטאָ, ערשט מורער רעווידירט באַם טויער. וואו צו גיין צוריק האָב איך נישט, ווייל עס איז שוין 6 אַזייגער. די ראַם מיט מיינע הויזן ציען זיך אַלץ נידעריקער. איך האָב באַשטימט פאַר יעדן פּריז אויסצומיידן דעם קאָנטראָל. און ווען מורער איז געווען פאַרנומען באַם שמייסן אַ אידישע פרוי, האָב איך זיך אַריינגעדרייט אין געטאָ...

איך האָב אָפּגעגעבן מיין לאַדונג סאָניען און בערלען, און זיי האָבן דאָס אַף מאָרגן איבערגעגעבן יאַנען, וועלכער האָט שוין נישט געטאָרט צו מיר קומען, ווייל מען האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט.

אויסגעשטאַט פולשטענדיק די דרוקעריי אין שטאָט, בין איך צוגעטראָטן צו קאָמפּלעקטירן אַ צווייטע דרוקעריי אין געטאָ גופא.

אין די ביידע דרוקערייען זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרשידענע צייטונגען, פּלאַקאַטן, פלוג-בלעטלעך אין ליטוויש, דייטש און פויליש. אַף פּויליש איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די צייטונג „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי", וואו עס זיינען געדרוקט געווען די אַרטיקלען פון איציק וויטענבערג, סאָניע מאַדייסקער, יאַן פּשעוואַלסקי און דר. גאַרדאַן. שפּעטער זיינען צוגעצויגן געוואָרן פּוילישע ליטעראַטן. אין דער רעדאַקציע-קאָמיסיע זיינען אַריין: פרוי פּשע-וואַלסקי, וויעראַ אַגאַנאָווסקאַ און סאָניע מאַדייסקער.

## ספּעציעלע אָפּטיילונג ביי פּ. פּ. אָ.

דער ציל פון אָט דער אָפּטיילונג איז געווען: אַרויסבאַקומען געהיימע באַפעלן וועגן אידן פון דער דייטשישער מאַכט; אַרויסבאַקומען וויכטיקע מי-

ליטערישע סווידעס; אויפדעקן געשטאַפּאָ-אַגענטן פון דרויסן און אין געטאָ; האָבן אַ קאָנטראָל איבער די מיטגלידער פון פ. פּ. אָ.

די גרופּע איז געווען קאָנספּיראַטיוו פאַר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. קיי- נער זאָל נישט וויסן, ווער עס זיינען אירע מיטגלידער. מיט דער ספּעציעלער אָפּטיילונג האָט אָנגעפירט דער שטאַב-מיטגליד יוסעף גלאַזמאַן. איינע פון זיינע וויכטיקסטע אַגענטן איז געווען מירע גאַניאַנסקי (העלדיש אומגעקומען אין וואַלד ביים אַגיטירן די פּאָליציי, זיי זאָלן אַריבערגיין צו די פּאַרטיזאַנער). אַדאַנק איר קלוגשאַפט האָט זיך איר איינגעגעבן צו געווינען דעם צוטרוי פון דעם וויכטיקן שעף פון איפּאַטינגא בוראַקאַס און דעם מאַיאָר מאַרושים און אַרויסקריגן בא זיי ידיעות וועגן געפּלאַנטע גזירעס אויף אידן, פּאָלאַקן און קריגס-געפאַנגענע.

ווערליק אַ באַפעל פון פ. פּ. אָ.-שטאַב האָט גאַניאַנסקי זיך באַקענט מי- טן פּאָליציי-שעף פון געטאָ דעסלער. דאָרט האָט זי אַרויסגעגאַנוועט בלאַנקען פון געשטאַפּאָ, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט פאַר זיך אויסגענוצט.

עטלעכע מיטגלידער פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג זיינען בעקיוון אַריין דינען אין דער אידישער פּאָליציי, קעדיי צו זיין אויף דער וואַך איבער די גע- שעענישן אין געטאָ. די ספּעציעלע גרופּע האָט אויך אויסגעפונען פאַרעטער אין שטאָט, איבערגעגעבן זייערע נעמען דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. אויפן סמך פון אַזאַ אינפאָרמאַציע איז דערשאָסן געוואָרן די געשטאַפּאָ- אַגענטן ווילעזשאַנסקאַ און נאָך איינער.

די גרופּע האָט אויך געהאַט די וואַך איבער די מיטגלידער פון פ. פּ. אָ. ווען איינער אַ מיטגליד איז געווען אין כשאַד, האָט מען אים פון דער אָרגאַ- ניזאַציע נישט אַרויסגעוואָרפן, נאָר מען האָט אים אַריינגענומען אין אַ פּיק- טיווער גרופּע, וואָס האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין פּראַקטישער אַרבעט.

## דער הימען פון פ. פּ. אָ.

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלאָע טעג,
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שאָ,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיינען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען-לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי,
מיר זיינען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי.
און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גוואורע, אונדזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן-זון באַגילדן אונדז דעם היינט,

אונדזער נעכטן וועט פארשווינדן מיטן פיינט.
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פאַראַל זאָל גיין דאָס ליד פון דאָר צו דאָר.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און בליי,
ס'איז נישט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
דאָס האָט אַ פאָלק פון צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַהאַנעס אין די הענט.

דער מעכאַבער פון דעם הימען איז אַ יונגער אידישער דיכטער — הירש גליק. באַם דורכרייסן זיך דורך דער אַרומגערינגלטער געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן און איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין עסטאָניע אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער.

אָבער דאָס ליד איז אַוועק אין וואַלד מיט זיינע כאַוויירים נעקאָמע-נעמער.

## מיר פייערן דעם ערשטן מאַי (1943)

געהיים האָבן מיר זיך אויפגעקליבן אין קאַפּע אויף שאַוועלסקע 6. דער אוילעם איז באַשטאַנען פון די מיטגלידער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע, פון שול - יוגנט און קינדער פון יוגנט-קלוב. מען איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסע בלוזעס. יעדן איינציקן האָט מען אָנגעשטאָכן באַם אַריינקומען אַ רויט שלייפעלע. דער זאַל איז באַפּוצט געווען מיט גרינס, מיט בלומען. די יוגנט האָט עס אַריינגעטראָגן פון דער צוואַנגס-אַרבעט אין שטאָט, געטראָגן עס באַהאַלטן, די זשאַנדאַרן זאָלן נישט זען. די רייכעס פון גרינס רופן צו פרייהייט, אין אַ פּאָשעט צווייגל איז קאָנצענטרירט דער פרילינג.

די פייערונג האָט געעפנט אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע. אין אָנהויב האָט ער אַלעמען געבעטן זיך שטעלן, אָפּצוגעבן קאָוועד און זיך סאָלידאַריזירן מיטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן דעם 20-טן אַפּריל דעם יאָר. אין דער זעלבער צייט, ווען מיר פייערן דעם 1-טן מאַי, ראַנגלען זיך אונדזערע ברידער אין וואַרשע אין ברענענדיקע פייערן. נאָענט איז דער טאָג, ווען אויך מיר וועלן דאַרפן אַרויסטרעטן מיט געווער. לאָמיר נעמען אַ מוסטער פון וואַרשע און קעמפן ביזן לעצטן.

מען האָט איבערגעלייענט דעם פּאָליטישן ביולעטין פון געהיימען געטאָ-ראַדיאָ. מען האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. דער פידלער ראַבינאָוויטש האָט געשפּילט. איך האָב פּאָרגעלייענט מיין ליד „אַ נעם טאָן דעם אייזן".

אין זאָל, צווישן דער יוגנט און די פּאַרטיזאַנער, איז אויך בייגעווען די

ליטווישע שרייבערן שימיטע. זי איז געקומען אין געטאָ מיטפּייערן דעם יאָנ־טעוו.

*

נאָך דער אַלגעמיינער פּייערונג האָבן מיר זיך אויפגעטראָפן אַ גרופּע כאַווירים באַ וויטענבערגן אין שטוב. דאָ אין דעם ענגן קרייז האָט וויטענבערג געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער לאַגע אַפן פראָנט, דערציילט וועגן די דייטשישע מאַפּאָלעס און אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז ווען די רויטע אַרמיי וועט זיך דערנענטערן, וועט אונדז אויסקומען זיך אַריבערטראָגן אין שטאָט, אויפהייבן די גאַנצע באַפעלקערונג און, שלאָגנדיק דעם דייטשישן גאַרניזאָן, מיטהעלפן באַפרייען די שטאָט.

## אונטערן שוץ פון עסטער־ראָכל קאַמינסקי

איך האָב געאַרבעט אין ביניען פון געוועזענעם אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין דעם „איינזאַץ־שטאַב ראָזענבערג", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אויפזאַמלען און פאַרוויסטן די קולטור־אוצרעס פון די ווילנער מוזייען און ביבליאָטעקן. מיט מיר צוזאַמען האָט געאַרבעט מיין כאַווער קאַטשערגינ־סקי. מיר האָבן ביידע באַשלאָסן צו באַקומען אַ קוילנוואַרפער.

קאַטשערגינסקיס פרוי, אַליין אַ קראַקעווער, מיט אַ נישט־אידישן אויס־זען, איז פון ערשטן טאָג נישט אַריין אין געטאָ. זי האָט געלעבט ווי אַ נישט־אידישע אין צענטער שטאָט באַ איר מאַנס אַ גוטן כאַווער אַ ליטווינער, וועל־כער האָט זי באַזאָרגט מיט פאַלשע דאָקומענטן. איך האָב אים אויך געקענט. זיין נאָמען איז יוליאַן יאַנקאַוסקאַס. ער פלעגט אָפט קומען צו אונדז צום טויער פון אינסטיטוט, פלעגט ברענגען עסן און אויפרופן פון די אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציעס.

איינמאָל האָט ער אונדז געבראַכט אַ רעוואָלווער. אין מעשעך פון אַ כוידעש צייט האָט ער אונדז איבערגעגעבן אַ צוואַנציק שטיק: נאַהאַנעס, מאַוזערס און דרייצן־קוילִיקע בעלגישע פאַראַבעלן מיט אַ טויזנט קוילן. ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אַ קוילנוואַרפער.

אין אַן אָפּגערעדטן טאָג, זיבן אינדערפרי, גלייך ווי מיר קומען צו דער אַרבעט, האָט ער געזאָלט ברענגען דעם קוילנוואַרפער. מיר האָבן שוין געהאַט אַן אָרט, וואו די טיילן פון קוילנוואַרפער צו באַהאַלטן, אויך אַ פּלאַן ווי אים אַריבערצוטראָגן אין געטאָ.

יאַנקאַוסקאַס איז אינדערפרי נישט געקומען. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. עפּעס אַ דורכפאַל? שוין צען אַזייגער, עלף, און דער מענטש איז נישטאָ. אַפילע די דריי אומבאַקאַנטע בריוו שאָלעם־אַליייכעמס,

וואָס איך האָב צופעליק געפונען אין אַן אַלטער גמאָרע, האָבן נישט בעסער געמאַכט די שטימונג.

אין צימער גייט אַריין דר. ספּינקלער, דער „טעאָרעטיקער" פון דעם איינזאַץ-שטאַב ראָזענבערג אין ווילנע. היינט איז דר. ספּינקלער אין אַ גוטער שטימונג: ער האָט באַקומען פון בערלין אַ בריוו, וואו זיין פרוי איז לעבן געבליבן נאָך דער גרויסער באָמבאַרדירונג. אַט אַ פרייד! די גאַנצע גאַס איז צעפאַלן שטיקערווייז, בלויז דער אונטערשטער גאָרן, וואו עס וואוינט זיין מאַריטע, איז פאַרבליבן — אַזוי באַרימט ער זיך.

געקומען איז ער אָנזאָגן אונדז, אַז מיר זאָלן גוט אַרויפּנייען אויף אונדזערע בגדים די געלע לאַטעס, נישט בלויז אויף די אויבערערקלעך אַליין מוזן זיי זיין פאַרפעסטיקט, נאָר אויך אויף די העמדער און בלוזעס. אַזוי איז דער באַפעל פון מורגן. אין צוויי שאָ אַרום, נאָך מיטיק, וועט אַהער קומען אַ הויכע קאָמיסיע פון בערלין צו באַקוקן די אַנטי-אידישע אויסשטעלונג, וואָס אויפן אויבערשטן גאָרן. קען זיין, זיי וועלן אַריינקומען אין אַט די צימערן אויך. ביכלאַל ראָט ער אונדז זיך נישט וואַרפן אין די אויגן.

איך בין שוין צופרידן, וואָס יוליאַן איז נישט געקומען. מער ווי דאָס פעלט מיר נישט: ברענגען אין אינסטיטוט געוועזער אין דער צייט פון דער קאָמיסיע.

דער זייגער ווערט איינס. די דייטשן פאָרן אַוועק אויף מיטיק. עס בלייבט נאָר איבער דער אויפזעער ווירבעליס. ער דאַרף זיך צוהערן, וואָס די אידן ריידן, צוזען וואָס די אידן טוען.

מיטאַמאָל איך גיב אַ הויב דעם קאָפּ, און איך זע פון פענצטער יאַנקאַוסקאַסן. זיין הויכע, דאַרלעכע פיגור וואָלט איך דערקענט ביינאַכט. אין האַנט שלעפּט דער יונג אַ טשעמאָדאַן, אין וועלכן איך וואָלט אויף זיכער געקענט אַריינקריכן.

אין קאָפּ גיט אַ שלאָג דאָס בלוט. איך הייס דער לערערן ראָכל קרינסקי, זי זאָל אויף אַ האַלבער שאָ פאַרדרייען דעם קאָפּ אונדזער היטער ווירבעליסן. איך מיט קאַטשערגינסקין לויפן אַראָפּ אויפן הויף צו יאַנקאַוסקאַסן. יענער וואַרט שוין צווישן די ביימער. עס גיסט פון אים אַ שווייס. ער ווישט זיך מיט אַ טיכל דאָס פּנים און דערציילט: אינדערפרי האָט ער נישט געקענט קומען, ווייל דאָרטן, וואו ס'האָט זיך געפונען דער קוילנוואַרפער, וואָס איז געווען פאַרגראָבן אין אַ קעלער, איז גראָד פאָרגעקומען אַ רעוויזיע. מען האָט אַלע דריי הונדערט איינוואוינער אַרעסטירט און אַוועקגעשלעפּט אין געשטאַפּאָ. ערשט נישט לאַנג האָט ער אַרויסבאַקומען פון דאָרט דעם קוילנוואַרפער. ער איז איינגאַנצן אין טשעמאָדאַן. די פיסלעך טראָגט ער באַזונדער אַריינגעשפּאַרט אין גאַרטל פון די הויזן...

אויף אַזוינס האָבן מיר זיך נישט גערעכנט. אינמיטן העלן טאָג, איינס אַזייגער שפּאַצירן איבער די ווילנער גאַסן מיט אַ קוילנוואַרפער! נאָר לאַנג האָט

מען נישט געמאָרט טראַכטן: צוויי אַזיינער דאַרף אַהער קומען די בערלינער קאָמיסיע, אַנטקעגן דעם איוואָ-ביניען געפינט זיך דער שטראָף - באַטאַליאָן פון ס. ס. איבערן הויף דרייען זיך אַרום אַלערליי מענטשן.

זאַלבעצוויייט האָבן מיר דעם טשעמאָדאַן אַריינגעטראָגן אין קעלער פון ביניען און פאַרגראָבן אין אַ קופּע ציייטונגען. דאָרט האָבן מיר אים פאַנאַנ-דערגענומען און איין טייל אַרויסגעטראָגן אין דער הויך אין בילדער-צימער, דער קוילנוואַרפער זאָל אין יעדן פאַל נישט זיין קיין גאַנצער.

אין דער זעלבער צייט איז די פּאַרטיזאַנקע רייזל קאָרטשאַק אוועקגעלאָפן אַן אַ לאַטע אין שטאָט צו וויסן געבן די כאַוויירים אין געטאָ, מען זאָל קומען וואָס גיכער אָפּנעמען דעם קוילנוואַרפער.

דער בילדער-צימער איז מיט איין ווענטל געווען אָפּגעטיילט פון מיי-נעם. ער האָט געהערט, אַזוי צום זאָגן, צו מיר. אַלע אידישע בילדער, אויפגע-שלעפּטע פון קאָלערליי מוזייען, זיינען צוערשט געבראַכט געוואָרן צו „מיר" אין צימער. איך האָב זיי באַדאַרפט פאַרשרייבן, נומערירן און שפּעטער זיי אַריינטראָגן אין בילדער-צימער דורך אַ טיר, וואָס האָט פאַרייניקט ביידע צי-מערן. איך האָב גענומען די לופּע פונעם קוילנוואַרפער, זי צוגעדעקט מיט דריי בילדער. אונטן, אפן סאַמע אייזן, אַ פּאָרטרעט פון עסטער-ראָכל קאַמינסקי, די מאַמע פון אידישן טעאַטער איז דאָרט יונג, שיין, מיט אַ שלייער אריבער-געוואָרפן אַריבער די האָר... דאָס צווייטע בילד, וואָס האָט באַפּאַנצערט דעם קוילנוואַרפער איז אַ צייכענונג פון מאַרק שאַגאַל. דאָס דריטע סאַמע אויבן, מינקאָווסקיס באַקאַנט בילד — „פּליטים" געבראַכט אַהער פון אַנסקי-מוזיי.

דעם אַנגעלאָדענעם דיסק פון קוילנוואַרפער האָב איך אַריינגעטראָגן צו מיר אין מאַנוסקריפּטן - צימער, אים אַריינגעלייגט אין אַ טעקטורענעם שאַכ-טל און אים צוגעדעקט מיט אַ טאַנאַך.

דאָס מיידל,, וואָס איז אוועקגעלאָפן אין שטאָט, האָט זיך אומגעקערט מיט אַ טרויעריקער יעדיע: קיטעל איז געקומען אין געטאָ אַרעסטירן דעם קאָ-מאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע וויטענבערג. דער טויער ווערט שטאַרק געהיט און עס איז היינט נישט מעגלעך אַריינצוטראָגן דעם קוילנ-וואַרפער.

עס האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל פון אַן אויטאָ. עס איז אַריינגעפאָרן די בערלינער קאָמיסיע...

פיר קנאַקעדיקע דייטשן זיינען אַרויס פון דער מאַשין. אַלע אין ברוינע אוניפאָרמען, ווי די מיטאַרבעטער פון ראָזענבערג-שטאַב און אף די אַרבל שוואַרצע האַקנקרייצן אף אַ רויטן פאָן.

די געסט זיינען אַרויף אין דער הויך צו דער ספּעציעל-צוגעגרייטער אַנטי-אידישער אויסשטעלונג.

די אויסשטעלונג איז נישט געפעלן דער דייטשער קאָמיסיע. זיי שרייען

עפּעס מיט ווייסטע קוילעס, און ספּאַרקעטס שטיוול קלאַפּן נערוועז איבערן קאָרידאָר.

איך דערהער ווי עס עפנט זיך די טיר פון בילדער-צימער. דורכגעפאַלן מיט דער אויסשטעלונג, האָט ספּאַרקעט אָפּגעטאָן אַ פאַרשלאָסן מעכאַבעד צו זיין זיינע געסט מיט די אידישע בילדער. איך הער דורכן ווענטל, ווי ער דאַרשנט וועגן דעם הויכן ווערט פון די בילדער, און מיט וויפל שוועריקייטן עס איז אים אָנגעקומען זיי צו געפינען.

— „דיזעס בילד שטעלט יודישע פליכטלינגע דאַר" — הער איך ווי ספּאַרקעט נעמט אַראָפּ דאָס בילד פון מינקאָווסקי, אונטער וועלכן עס ליגט די לופּע פון קוילנוואַרפער, און באַווייזט עס זיינע בערלינער לייט. איך פיל ווי מיין האַרץ ווערט אַ קעסל-גרוב. דאָס בלוט שפּאַרט מיר אין די אויגן. באַלד קומט פאַר די קאַטאַסטראָפע. מען וועט געפינען די לופּע, און אַכוץ די דריי-סיק אידן, וואָס אַרבעטן אין איוואָ, וועט מען זיכער אומברענגען די געטאָ! און ווער איז שולדיק? איך! ווי אזוי בין איך געווען אזוי לייכטזיניק? ווי ראַטעוועט מען די לאַגע? ווי גיט מען זיך אַן אייצע? מיטאַמאָל פאַלט מיר איין אַ מעשוגעדיקער געדאַנק. נישטאָ קיין צייט איבערצוטראַכטן, מען מוז האַנ-דלען גיך.

איך לויף אַריין אין בילדער-צימער, שריי „פערצייען זי", לויף אַרויס צו-ריק דורך דער צווייטער טיר און דורכן קאָרידאָר קום איך ווידער אין מיין צי-מער. מיט דעם האָב איך געוואָלט אָפּווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט צו די בילדער. זאָלן זיי מיינען, אַז איך בין אַ מעשוגענער, אַבי צורו לאָזן די בילדער, הינטער וועלכע עס געפינט זיך די לופּע פון קוילנוואַרפער.

איך שטיי ווידער בא דער טיר. הער וואָס עס טוט זיך אין בילדער-צי-מער. מיין אַריינלויפן האָט זיי צעטומלט: „ווער איז דער פאַריקטער יודע?" — האָט אַ דייטש אַרויסגעצישעט. ספּאַרקעט האָט אים געפּרוואווט פאַרעדן: אַראָפּ-גענומען דאָס צווייטע בילד. מאַרק שאַגאַלס צייכענונג. „דער מאַלער איז אַ איד, וואָס האָט פאַראידישט די קונסט אין אייראָפּע"... — קלערט אויף ספּאַר-קעט. אין קאָפּ ברענט מיר. דער גאַרגל ווערט מיר אויפגעקוועטשט, ווי אין אַ פויסט. נאָך אַ סעקונדע, און עס וועט געשען דער אומגליק. איך האָב קיין צייט נישט צו וואַרטן. דער קנויט ברענט שוין, און נאָענט איז דאָס פּולווער. צום צווייטן מאָל טו איך אַ ריס די טיר און שנייד זיך אַריין מיט אַ געלויף צווישן די דייטשן. מיינע הענט וואַרפן זיך פאַרויס, פון מיין קאָפּ גיסט אַ שווייס, און ווילדע פאַרצווייפלונג טראָגט זיך פון מיין יעדער באַוועגונג. די דייטשן פאַר-שטייען נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. דער „מעשוגענער איד" האָט זיך דורכגע-דרייט ווי אַ שעד דורכן צימער און איז ווידער נעלעם געוואָרן. ספּאַרקעט, מיט מאַרק שאַגאַלן פאַרגליווערט אין האַנט, ווייסט נישט וואָס זיך צו פאַרענט-פערן און דער הויכער דייטש רופט זיך אָן צו זיינע באַוויירים:

„שנעל, פאָרט אוים דיזעם אירען-הויז". און די דייטשן האָבן בייז אַרויס-מאַרשירט פון צימער.

✻

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר דעם קוילנוואָרפער אַריינגעטראָגן אין געטאָ, אים אויפגעשטעלט און זיך געגרייט אויפצונעמען דעם סוינע. דעם 12-טן סעפּטעמבער 1943 האָט ער אונדז געהאָלפן דורכצורייסן זיך דורך דער געטאָ, אַנטלויפן אין וואַלד און זיך אָנצושליסן אָן אַ פּאַרטיזאַנישער מאַכנע.

## איציק וויטענבערג

דער אָרגאַניזאַטאָר און באַגייסטערער פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַני-זאַציע אין געטאָ, איר קאָמאַנדיר, איז געווען איציק וויטענבערג. געבאָרן אין 1907 אין ווילנע, אין אַן אַרבעטער-מישפּאָכע. ער האָט געענדיקט אַ אידישע פאָלקס-שול און איז אויפגעוואַקסן זיך לערנען שטעפּערייַ.

גאַנץ יונג האָט ער גענומען אַרבעטן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ער האָט געהערט צו דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַדאַנק זיין קלוג-שאַפט און ערלעכקייט האָט ער דערוואָרבן די אַלגעמיינע סימפּאַטיע פון די אַרבעטער. אין 1936 האָט מען אים אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער פון פּראָ-פעסיאָנעלן פאַריין פון לעדער-אַרבעטער, וועלכן עס פלעגט אָפט אויסקומען צו אַרבעטן אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד פונעם ראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ווילנע.

סאָף אָקטאָבער 1939, נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט די מיירעוו-געגנטן פון ווייסרוסלאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין ווייסרוסישן שטעטל דאָקשיץ, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דער קולטורעלער און פּאָליטי-שער אַרבעט אין שטעטל.

אין יאָר 1940, נאָך דער שאַפונג פון דער ליטווישער סאָוועטן-רעפּובליק, איז ער צוריקגעקומען קיין ווילנע. ער איז געוואָרן דער פאָרזיצער פונעם פּראָ-פעסיאָנעלן פאַריין פון די לעדער-אַרבעטער. נאָכן אָנפאַל פונעם פאַשיסטישן דייטשלאַנד האָט וויטענבערג נישט באַוויזן זיך צו עוואַקואירן פון ווילנע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים אַ שווערע צייט, מען האָט אים געזוכט ווי אַ קאָמוניסטישן טוער. אַרבעטן אין אַ דייטשער אונטערנעמונג איז ער נישט געגאַנגען, און דאָס האָט נאָך מער געשטעלט זיין לעבן אין סאַקאָנע. דאָ אין די 7 בלוטיקע געסלעך האָט אים פאַרכאַפּט בלויז איין געדאַנק: צוגרייטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דעם דייטשן אָקופּאַנט. דער סעקרעטאַר פון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין שטאָט, איינער פון די אַקטיווו-סטע פּ. פּ. אָ.-קעמפער בערל שערעשניעווסקי האָט מיר געזאָגט וועגן ווי-טענבערגן:

„ער איז געװען אַ פּאָליטיש געשולטער מענטש. אין די שװערסטע סי־טואַציעס פון אונדזער קאַמף אין געטאָ האָט ער געפונען אַן אױסװעג. ער איז געװען דרײסט און קלוג. יעדע סיטואַציע פלעגט ער באַטראַכטן רואיק מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער קאַלטקײט".

אבא קאָװנער, װיטענבערגס פאַרטרעטער, האָט צוגעגעבן: „ער איז גע־װען פון די אױפריכטיקסטע מענטשן, װאָס איך האָב װען־נישט־איז געזען אין לעבן. דער איקער האָט מיך באַגײַסטערט זײַן פּאַשעטע און אָביעקטיװע באַ־האַנדלונג פון פּראָבלעמען".

✻

װיטענבערג, און זײַן מײנונג האָט אָנגענומען דער שטאַב, האָט גע־האַלטן: דער ציל פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ דאַרף זײַן — פאַרטײדיקן די באַפעלקערונג פון דער געטאָ אין געטאָ גופא. אויב די אָר־גאַניזאַציע זאָל אַװעקגײן פון געטאָ, װעט עס הײסן, אַז מיר לאָזן איבער אױף טױט די אומבאַװאָפנטע באַפעלקערונג.

װען עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע װעגן פאַרײניקן זיך מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַװעגונג אין װאַלד, האָט זיך װיטענבערג געהאַלטן בײַ דער מײנונג:

— װען מיר װעלן זיך דערװיסן, אַז מען פאַרמעסט זיך אומצוברענגען די געטאָ, װעלן מיר רופן די באַפעלקערונג, אונטער דער שוץ פון אונדזער געװער, דורכרײַסן די טױערן און אַװעקגײן אין װאַלד.

אַגעװ, איז בײַ װיטענבערגן געװען אַ פּלאַן אונטערצוצינדן, בײַם פאַר־לאָזן די שטאָט, אַלע מיליטערישע אָביעקטן. דער דאָזיקער פּלאַן װיטענבערגס האָט געגאָלטן װי אַ שטעלונג פון דער פ. פּ. אָ. ביזן 16־טן יולי 1943.

✻

דעם 9־טן יולי 1943 איז אַרעסטירט געװאָרן דער דעמאָלטיקער סעקרע־טאַר פון שטאָטישן פּאַרטײ־קאָמיטעט װיטאָס און דער קאָמיטעט־מיטגליד קאָז־לאָװסקי. אױף מאָרגן איז קיטעל געקומען אין געטאָ און געפאָדערט װיטענ־בערגן. עמיצער האָט דאָס אים געזאָלט אַרױסגעבן, אַז װיטענבערג איז דער קאָמאַנדיר פון 5 הונדערט באַװאָפנטע אידן אין געטאָ.

װי אַ באַװײַז, אַז װיטענבערגן דאַרף מען בלױז אױספאָרשן, האָט קיטעל פריער אַרעסטירט אײנעם אַן אַװערבוך און נאָך דער אױספאָרשונג אים גלײַך באַפרײַט. „זאָל קומען אױך װיטענבערג, װעט מען אים אױך אױספאָרשן און באַפרײַען".

אױף קיטעלס שפּיצל האָט מען זיך אָבער פאַרשטאַנען. מען האָט געמאָלדן, אַז װיטענבערג איז געשטאָרבן און באַװיזן קיטעלן אַ פאַלשן שײַן פונעם שפּי־טאָל אין געטאָ.

קיטעל האָט זיך אָבער נישט בארויקט. ער האָט אריינגעצויגן אין זיין שפּיצל דעם אידישן פּאָליציי-שעף פון געטאָ, דעם פאַרעטער דעסלערן, וואָס איז געווען אין געטאָ קיטעלס געהיימער אגענט.

דעם 15-טן יולי 1943, איינס ביינאַכט, אַף אַ באַראַטונג אין אידן-ראַט, וואו עס איז בייגעווען וויטענבערג, איז געקומען פּאָליציי, ארעסטירט וויטענבערגן און אים געשמידט אין קייטן. באַם טויער פון דער געטאָ איז אָבער וויטענבערגן, מיט דער הילף פון עטלעכע פּאַרטיזאַנער, געלונגען צו אנטלויפן.

עס איז דערקלערט געוואָרן אַ מאָביליזאַציע פון אַלע פּאַרטיזאַנער אין געטאָ.

באַגינען דעם 16-טן יולי איז אין געטאָ אָנגעקומען אַן אולטימאַטום:

אויב ביז 6 אָוונט וועט מען נישט ארויסגעבן וויטענבערגן, וועלן קומען פון קאָוונע עראָפּלאַנען און מיט באָמבעס פאַרברענען די געטאָ. דערביי האָט קיטעל פאַרזיכערט, אַז אויב וויטענבערג וועט קומען אין געשטאַפּאָ, וועט ער אים נאָך דער אויספאַרשונג באַפרייען.

צווישן דער אידישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהייבן אַ טראַגישער גערא־נגל. איין טייל האָט געהאַלטן: זיך קעגנשטעלן און פאַרטיידיקן וויטענבערגן, דער אַנדערער טייל האָט געהעצט די באַפעלקערונג, אַז די געטאָ איז נישט מעכוייעוו אומצוקומען צוליב איין מענטשן. אַ מיעסע ראָל האָט דערביי געשפּילט די אונטערוועלט, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו כאַפּן וויטענבערגן. אין געטאָ האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. דער אָרגאַניזירער פון אָט די פינצטערע קויכעס איז געווען דער דערמאָנטער דעסלער.

וויטענבערג איז געזעסן אַף אַשמענער געסל נומער 3, וואו מען האָט אויפגעשטעלט די צענומענע מאַשין-געווער, און האָט ארויסגעגעבן באַפעלן, ווי אזוי צו פירן דעם קאַמף, ווען די דייטשן וועלן אהער אריינקומען. ער האָט נישט געגלויבט, אַז די געטאָ וועט מען פאַרוואַרפן מיט באָמבעס — עס איז בלויז קיטעלס אַ דראָונג, כאָטש אונדז איז נישט באַקאַנט געווען, אַז פיל געטאָס האָט מען יאָ פאַרוואָרפן מיט באָמבעס. אזוי איז געשען אין גלובאָק, וואָלאָזשין און בעיים דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע.

די פּאַניק באַ דער באַפעלקערונג איז אַלץ מער געשטיגן. דער שטאַב האָט באַשלאָסן, אַז וויטענבערג זאָל אַריבערגיין אין אַן אַנדער אָרט, וואו קיינער ווייסט נישט. די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און דער שטאַב האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. דער גרעסטער טייל אנטיילנעמער האָט געהאַלטן, אַז די אָרגאַניזאַציע קאָן נישט קעמפן קעגן די אייגענע ברידער. אפילע דעמאָלט, ווען זיי זיינען נישט גערעכט און פאַרשטייען נישט, אַז דאָס פאָדערן וויטענבערגן איז בלויז אַ מיטל לייכטער אומצוברענגען די געטאָ.

וויטענבערג האָט געהאַלטן, מען זאָל קיטעלן נישט נאָכגעבן, ווען אפילע אינעם היינטיקן קאַמף וועט מען נישט מיטציען די גאַנצע באַפעלקערונג.

אויב אָבער די אָרגאַניזאַציע איז מיט אים נישט מאַסקים, וועט ער באַגיין זעלבסטמאָרד.

נאָר דאָס באַגיין זעלבסטמאָרד האָט נישט געקענט ראַטעווען די לאַגע. קיטעל האָט געפאָדערט אַ לעבעדיקן וויטענבערגן.

וויטענבערג האָט זיך געזעגנט מיט זײַנע כאַווײרים, באַשטימט אַף זײַן אָרט דעם שטאַב-מיטגליד אַבע קאָוונער און איז אַוועק צום טויער. דאָרטן האָט שוין געוואַרט אַף אים קיטעל. ער האָט אים אַרײַנגענומען אין אויטאָ און אַוועקגעפירט אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ.

אין געשטאַפּאָ האָט מען אים גלײַך איבערגעגעבן אין די הענט פון מאַקס גראָס, דעם ספּעציעלן אויספאָרשער פון פּאַרטיזאַנישע איניאַנים.

אַף מאָרגן האָט וויטענבערגס קערפּער זיך געוואַלגערט אין די קאָרידאָרן פון געשטאַפּאָ. זײַנע האָר זײַנען געווען פאַרברענט, די אויגן אויסגעשטאָכן און די פאַרבונדענע הענט אַף הינטן — צעבראָכן.

## נײַער טאָג-באַפעל

נאָכן 16-טן יולי, נאָכדעם ווי די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרלוירן איר קאָמאַנדיר, האָט זיך אָנגעהויבן אין געטאָ אַ טעראָר אַף די אָנפירער און באַזונדערע פּאַרטיזאַנער. די געשטאַפּאָ האָט אַרײַנגעשיקט אירע אַגענטן אין געטאָ און יענע האָבן נאָכגעשפּירט יעדן טראָט פון די קעמפער. די געשטאַפּאָ האָט געפאָדערט, מען זאָל איר אָפּגעבן דאָס געווער. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. דאָס געווער האָט מען געהיים אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע פאַרמאַסקירטע ערטער, די מיטגלידער פון שטאַב האָבן זיך זעלטן באַוויזן אַף די געסלעך.

דעמאָלט האָט דער שטאַב באַשלאָסן צו ענדערן די טאַקטיק פון דער אָרגאַניזאַציע. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ טאָג-באַפעל, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן:

„אין צוזאַמענהאַנג מיטן טעראָר און רעקאָגנאָספּירירונג פון דער אָרגאַניזאַציע נאָכן 16-טן יולי, זײַנען מיר געצוואונגען זיך צו עוואַקואירן אַף אַנדערע, פּאַרטיזאַנישע פּאָזיציעס: ס׳הייסט, אַוועקגיין אין וואַלד.

עס איז פאָרמירט געוואָרן די ערשטע גרופּע אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יויסעף גלאַזמאַן; און דעם 22-טן יולי 1943, פינף פאַרטאָג, האָבן זיך אויפגעקליבן 25 באַשטימטע קעמפער. יעדערן איז אײַנגעטיילט געוואָרן פּיסטאָלעטן, טיילן פון קוילנוואַרפער און אויטאָמאַטן.

די פּאַרטיזאַנער מיט לאַטעס אַף די ברוסטן, האָבן אַרויסגעמאַרשירט ווי אַ קאָלאָנע, וואָס גייט צו דער אַרבעט. „ווי אַ וועג-ווײַזער איז מיטגעגאַנגען דער אידישער פּאַרטיזאַנער פון סוויענציאַן שיקע גערטמאַן. ער איז גראָד

אין יענע טעג געקומען פון די נאראָטשער וועלדער, לויטן אויפטראג פון פאר-טיזאנישן קאָמאנדיר פון דער וואָראָשילאָוו - בריגאדע פאָלקאָווניק מארקאָוו, קעדיי ארויסצופירן פון געטאָ באוואָפנטע אידן אין וואלד.

מארקאָוו האָט נאָך מיט א צייט צוריק געשיקט א שעליעך צו וויטענ-בערגן, אז די ווילנער פארטיזאנער פון דער געטאָ זאָלן קומען צו אים אין וואלד. פארטיזאנער, האָט ער געשריבן צו וויטענבערגן, דארפן קעמפן אין די וועלדער. און ער האָט אָנגעוויזן די ריכטונג וואוהין צו גיין.

ווען די גרופּע איז געקומען אין ניי-ווילייקע, האָבן די אידן, וואָס אר-בעטן דאָרט אין לאגער, דערקענט, אז די גרופּע גייט אין וואלד. און 30 מאַן האָבן זיך אין דער גרופּע אָנגעשלאָסן.

צען קילאָמעטער הינטער ווילנע איז די גרופּע אריין אין וואלד. אויפ-געשטעלט די אויטאָמאטן און די קוילנווארפערס און פון איצט איז מען שוין געגאנגען ווייטער ווי עכטע פארטיזאנער.

ס׳איז געווען נאכט. לעבן לאַווארישאַק האָט מען געדארפט אריבערגיין א בריקל. די אויסשפּירער זיינען אריבער דאָס בריקל אָן שטערונגען. דעמאָלט האָט דער קאָמאנדיר גלאַזמאַן אָנגעהויבן צו שיקן איינציקווייז די פארטיזא-נער. אָבער ווי נאָר די ערשטע האָבן אָנגעהויבן צו מארשירן, האָט זיך געעפנט אף דער גרופּע א פייער פון מאַשין-געווער. אין דער פינצטערניש האָט זיך אָנגעהויבן א שלאכט. די פארטיזאנער, ווינציק געניט און צעטומלט פון פּלו-צימדיקן אָנפאל, האָבן נישט באוויזן צו פארנעמען די געהעריקע פּאָזיציעס פון פארטיידיקונג. א שטער זיינען אויך געווען די נישט באוואָפנטע, וואָס האָ-בן זיך אָנגעשלאָסן אין ניי-ווילייקע, און גלייך זיינען געפאלן אין שלאכט די ברידער גאָרדאָן און דער העלדישער קעמפער איצכאָק מאַצקעוויטש. ראָזע שערעשניעווסקי און ראָכעלע בוראַקיסקי זיינען געכאַפּט געוואָרן בעיס דער שלאכט לעבעדיקע. דער קעמפער כאַזאַן האָט דערשאָסן צוויי דייטשן. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען אין אָט דער שלאכט אומגעקומען 5 פּאָליציאַנטן.

צו מארקאָוון אין די נאראָטשער וועלדער זיינען דערגאנגען בלויז 14. זיי האָבן עס דאָרטן אָרגאניזירט די אידישע פארטיזאנער-מאַכנע „נעקאָמע", וואָס האָט שפּעטער אריינגענומען צו זיך בא א 400 אידן: א העלפט ווילנער און די אנדערע העלפט — פון דער אַרומיקער פּראָווינץ.

אף מאָרגן, נאָך דער שלאכט אין לאַווארישאָק, איז געקומען אין געטאָ נויגעבויער און צוגענומען די מישפּאָכעס פון אַלע די, וואָס זיינען נעכטן אוועק פון געטאָ.

כוץ דעם האָט נויגעבויער צוגענומען און אוועקגעפירט אף פּאָנאַר 32 בריגאַדירן, ס׳הייסט אָנפירער בא דער ארבעט, צו וועלכע עס האָבן געהערט די אנטלאָפענע. מיט די בריגאַדירן האָט ער אויך צוגענומען זייערע מישפּאָ-כעס, צוזאַמען 80 מענטשן. עס איז אויך ליקווידירט געוואָרן דער ארבעטס-

לאַגער אין ניי־ווילייקע, פּונוואַנען עס זיינען אַנטלאָפן די אַרבעטער.

גלייכצייטיק האָט נויגעבויער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פאַר יעדן אַנטלאָפענעם אידן, וועט ער צונעמען זיין מישפּאָכע. און אויב דאָס וועט נישט אָפּשרעקן, וועט ער אויסשיסן אַלע איינוואוינער פון דער וואוינונג, און אַפילע דעם גאַנצן הויף. כּוח דעם ווערן אַלע אַרבעטנדיקע אידן איינגעטיילט אין צענדליקער. אַנטלויפט איינער, ווערן דערשאָסן אַלע צען צוזאַמען מיטן בריגאַדיר. אַ מעשוגענע שרעק איז אַנגעפאַלן אַף דער געטאָ. מען האָט אָנגעהייבן היטן איינער דעם אַנדערן.

עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען עלטערן פלעגן צובינדן זייערע קינדער צו דער בעט — זיי זאָלן נישט אַנטלויפן אין וואַלד. עס האָט זיך געשאַפן אַן אויסערגעוויינטלעך טראַגישע סיטואַציע. ווי אַזוי זאָל מען אוועקגיין אין וואַלד, ווען פאַר יעדערן וועלן אין געטאָ פאַלן קאָרבאָנעס?

אין יענע טעג האָט געשטאַפּאָ אין דער ווילנער געטאָ צונויפגעפירט די לעצט־געבליבענע אידן פון סוויענציאַן, רעשע, בעזדאַן און אַנדערשוואו. די יוגנט פון די דערמאָנטע שטעטלעך זיינען נאָך נישט געווען פאַרמאָלדן און די געשטאַפּאָ האָט נישט געוואוסט זייערע נעמען. דער שטאַב האָט גיך אָרגאַניזירט די פּראָווינצער יוגנט, זיי באַזאָרגט מיט געווער, און צוויי גרופּעס, אונטערן אָנפיר פון מוישע מאַרק און שלוימע בעקער, אַוועקגעשיקט אין וואַלד.

## ליזע רופט!

די ליקווידאַציע פון דער געטאָ האָט זיך געמערקט פון טאָג צו טאָג. דעם 1־טן אויגוסט 1943 האָט מען אַראָפּגענומען די אידישע אַרבעטער פון קימאַט אַלע אונטערנעמונגען און מען האָט געצוואונגען צו גיין אַרבעטן צוויי טויזנט מענער און פרויען אַפן אַעראָדראָם אין באַרובאַנעק, און אַל פּי ערעך אַזאַ מין צאָל אַפן באַן. אַף איבערמאָרגן, ווען די אַרבעטער זיינען אַוועק אין די דערמאָנטע ערטער, זיינען זיי געוואָרן אַרומגערינגלט דורך געשטאַפּאָ און פּאָליציי און מען האָט זיי אָנגעהייבן שטויסן צו די צוגעגרייטע וואַגאָנעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די געפירטע און באַוואָפנטע דייטשן. אַרום דריי הונדערט אידן זיינען געבליבן טויטע אַפן אָרט, אַף די פעלדער. די איבעריקע, נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, זיינען אַריין אין די וואַגאָנעס און דעם 6־טן אויגוסט האָט דער באַן זיי אַוועקגעפירט אין די קאָנצ.־לאַגערן פון עסטלאַנד. אַפן וועג האָט זיך אַ פּאָר צענדליק איינגעגעבן צו ראַטעווען — זיי האָבן אַרויסגעשניטן די דילן פון וואַגאָנען און זיינען אַרויסגעשפּרונגען.

אין געטאָ איז אָנגעקומען אַ באַפעל: די עלטערן און די קרוווים פון אַלע די, וואָס מען האָט אַוועקגעפירט קיין עסטאָניע, דאַרפן „פּרייווויליק" פאָרן צו זייערע נאָענטסטע. אויב עמיצער וועט זיך אָפּזאָגן און אַנטלויפן, וועט מען צונעמען אַנשטאָט אים אַלעמען פון דער וואוינונג.

ווידער האָט מען אויפגעקליבן אַ טראַנספּאָרט אידן און זיי געשיקט צו די קרוויווים אין עסטאָניע. דעם 1-טן סעפּטעמבער 1945 איז די געטאָ פולשטענדיק געשלאָסן געוואָרן. עס איז געקומען נייגעבויער און געמאָלדן: פון היינט און ווייטער טאָר קיינער נישט אַרויסגיין פון געטאָ. אַרבעטן וועט מען דאָ גופא אין ספּעציעלע וואַרשטאַטן. אָבער אַזוי ווי 16 טויזנט מענטשן איז צופיל, וועט ער 6 טויזנט עוואַקואירן קיין וויוואַרי און ריגע — דאָרט איז דאָ וויכטיקע אַרבעט און ספּעציעלע פאַבריקן. און קעדיי איינצורעדן דעם עולם, מען זאָל פרייוויליק פאָרן, האָט ער פאַלסיפיצירט בריוו, געשריבן קלוימערשט פון די אידן אין וויוואַרי, אַז די דאָרטיקע רופן צו זיך זייערע באַקאַנטע. נאָר אין געטאָ איז נישט געוועזן צו וועמען צו ריידן. די דערשראָקענע אידן האָבן זיך אַלע באַהאַלטן אין זייערע מאַלינעס.

דער שטאַב פון פ. פ. אָ. האָט גלייך דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון אַלע אירע מיטגלידער. עס זיינען טייקעף פאָרמירט געוואָרןביידע באַטאַליאָנען. מען האָט אויפגעשטעלט די קוילנוואַרפער, צעטיילט פאַר די באַזונדערע קעמפער רעוואָלווערן, גראַנאַטן און געוואָרט אַף אַ באַפעל פון שטאַב.

די ערשטע באַריקאַדע איז געווען אַף שפּיטאָל-גאַס 6, אָבער איידער מען האָט באַוויזן אהין צוצוטראָגן געווער, איז זי געוואָרן אַרומגערינגלט דורך די אָנגעפלייצטע האָרדעס פאָליציי און אַ גרופּע גוטע קעמפער האָט מען גענומען געפאַנגען.

פאַרשפּעטיקט די ערשטע עפעקטיווע האַנדלונג, האָט מען געגרייט די פאַרטיידיקונג אַף סטראַשון-גאַס 12. און ווי נאָר עס האָבן זיך דערנענטערט אַהין די דייטשן, האָט איליאַ שיינבוים, דער קאָמאַנדיר פון דער באַריקאַדע, דער ערשטער אויפגעעפנט אַ פייער אַף אַ גרופּע דייטשן, וואָס האָבן געפּרואווט זיך אַריינרייסן אין טויער. די דייטשן האָבן אַרויסגערופן פאַרשטאַרקונג. הונדערטער מערדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער געטאָ און געעפנט אַ פייער אַף סטראַשון-גאַס 12. דער קאָמאַנדיר שיינבוים, וואָס האָט פון אַנטקעגנדיקן פענצטער געשאָסן אין די דייטשן, איז דער ערשטער געפאַלן אַף די הענט פון זיינע כאַוויירים. די קעמפערן רייזל קאָרטשאַק איז באַשטימט געוואָרן פאַרן קאָמאַנדיר.

באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, האָבן די דייטשן אונטערגעלייגט דינאַמיט אונטערן מויער, וואו ס'האָבן זיך געפונען די קעמפער.

דער מויער האָט זיך אויפגעריסן אינדערלופטן, באַ הונדערט מענטשן זיינען פאַרשאָטן געוואָרן אונטערן שטיין און ציגל.

נאָכדעם האָבן די דייטשן גענומען אויפרייסן מיט דינאַמיט יעטוועדער פונקט, פונוואַנען מען האָט אַף זיי געשאָסן. גלייכצייטיק זיינען הונדערטער אידן געכאַפּט געוואָרן אין מאַלינעס, און מען האָט זיי אָפּגעשיקט אַף ראָסעגאַס אין די גערטנער פון געשטאַפּאָ, וואו עס איז געוואָרן צוגעגרייט אַ טראַנספּאָרט אָפּצושיקן קיין עסטאָניע.



אבע קאָוונער, שטאַבס-מיטגליד פון דער
פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ
און דער שפּעטערדיקער קאָמאַנדיר פון
דער פאַרטיזאַנישער מאַכנע „נעקאָמע-
נעמער".



אַ טייל געראַטעוועטע סקולפּטורן פון די ווילנער אידישע מוזייען

דערהערט, אַז מען רייסט מויערן, זיינען א סאַך אידן, נישט פאַרשאַטן צו ווערן אין די מאַלינעס, פּריוויליק אַרויס און זיך געלאָזן פירן קיין עסטאָניע. אַזוי האָט זיך איבערגעכאַזערט ביזן 4-טן סעפּטעמבער. יעדן טאָג האָט מען פון געטאָ אַרויסגעפירט מענטשן. איין טאָג האָבן די דייטשן גענומען בלויז מענער, א צווייטן טאָג — פרויען. ווען א פרוי האָט געוואָלט מיטגיין מיט איר טאַטן אָדער מאַן, האָט נויגעבויער דאָס נישט דערלויבט. פיל פרויען האָבן זיך דעמאָלט אָפּגעשאָרן די האָר, זיך אָנגעטאָן אין הויזן, און בלויז אויף אַזא אופן געהאַט דאָס „גליק" אַוועקצופאָרן קיין עסטאָניע.

די מערהייט פון דער אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיטן שטאַב, האָט זיך געפונען דעמאָלט אין דער באַריקאַדע אויף סטראַשון-גאַס 6 — אין דער ביבליאָטעק „מפיצי-השכלה". דאָ איז קאָנצענטרירט געווען דער וויכטיקסטער קויעך און די מערהייט געווער. גרייט צו פאַלן אין קאַמף פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונדזער קאָוועד, האָט דאָרט יעדער איינער געלויערט פון זיין פּאָסטן און געוואַרט אויף א באַפעל א דריק צו טאָן דאָס צינגל. ווען פאַרטיידיקן די אַרויסגעפירטע אידן האָט נישט געקענט זיין קיין רייד, ווייל יענע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זייער איינציקע רעטונג איז וויוואַרי. פאַר די קעמפער פון דער לעצטער באַריקאַדע איז געבליבן איצט איינס: אויפנעמען א שלאַכט מיט די דייטשן, וואָס וועלן פּרואוון זיך דערנענטערן צו דעם טויער. אָבער די דייטשן זיינען צו סטראַשון-גאַס 6 נישט דערגאַנגען. דעם 4-טן סעפּטעמבער אין אָוונט, נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעריסן פון געטאָ פאַר די עטלעכע טעג בא אן 8 טויזנט מענטשן, האָבן די האָרדעס באַקומען א באַפעל אַרויסצוגיין פון געטאָ.

אויף מאָרגן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, איז געקומען קיטעל און נויגעבויער און האָבן געמאָלדן: „די געטאָ בלייבט ווי געווען: אַלע וועלן אַרבעטן אין די ניי-אויסגעבויטע וואַרשטאַטן. עס איז געקומען א באַשטעלונג איבערצואַרבעטן 50 טויזנט פּאָר וואַליקעס און איבערצונייען 10 טויזנט שינעלן. אַלץ וואָס איז נויטיק פאַר דער געטאָ וועט דאָ ווערן אַריינגעפירט. מען זאָל אַרבעטן פלייסיק ווי פאַר זיך אַליין".

## דורך די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע

קיינער האָט נישט געגלויבט דער געשטאַפּאָ. מער פאַר אַלעמען איז דאָס קלאָר געווען פאַר די קעמפער פון פ. פ. אָ. מ'האָט אייליק גענומען אָרגאַניזירן גרופּן און יעדער טאָג האָבן זיי זיך דורכגעריסן. מען האָט געצויגן קיין נאַראָטש, אין דער אידישער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע „נעקאָמע".

דעם 8-טן, 9-טן און 10-טן סעפּטעמבער 1943 האָבן דורך געהיימע אַרויסגאַנג זיך דורכגעשלייכט באַוואָפנטע גרופּן. דעם 12-טן סעפּטעמבער אין אָוונט האָב איך זיך אויך דורכגעריסן מיט נאָך 30 כאַוויירים דורך דער געטאָ

און אוועק אין אַן אָפּגערעדטער ריכטונג זיך צו טרעפן מיט די אַנדערע אין דעם גוט מאַרקוציע, לעבן פּושקין-מוזיי. די אַרויספירערן פון אַלע גרופּן איז געווען זעלדע טרעגער, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַן לאַטעס אין שטאָט און אָנגעזאָגט די קעמפער, וואוהין מען זאָל גיין אויסמיידנדיק די זשאַנדאַרן. זעלדע איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט ווי אַ ווירבל. יעדע צוויי שאָ איז זי געווען אין געטאָ. צען קילאָמעטער הינטער ווילנע, באַם אַריבערגיין די באַן-רעלסן, האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיטן סוינע. פאַרלירנדיק איין קעמפער, האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורך דער דייטשער וואַך און זיינען אַוועק ווייטער צו דעם אָנגעמערקטן ציל.

דעם 14-טן סעפּטעמבער איז דער אידן-פאַרשטייער גענס, פאַר זיין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער דערשאָסן געוואָרן דורך נויגעבויערן אפן הויף פון געשטאַפּאָ. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער געשטאַפּאָ-אַגענט דעסלער. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער נייער מושל אַנטלאָפן מיט זיין בנופיע פון געטאָ, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז היינט-מאָרגן וועט אויך קומען זיין ריי. דעמאָלט איז אויפסניי געוואָרן אַרומגערינגלט די געטאָ. באַ יעדן ראָג זיינען געשטאַנען קוילנוואַרפער. ביינאַכט האָט מען באַלויכטן די מויערן מיט רעפלעקטאָרן. די געבליבענע באַפעלקערונג איז געלעגן אין מאַלינעס און די קעמפער פון פ. פּ. אָ. האָבן זיך אַלע פאַרבאַריקאַדירט אויף סטראַשון-גאַס 6, זוכנדיק אַ גינסטיקן מאָמענט, ווי אַזוי זיך אַרויסרייסן פון געטאָ, אַרויסטראָגן מיט זיך דאָס געווער. אַזוי ווי אין געטאָ זיינען געווען אָנגעוואָרפן פיל טויטע, האָט מען באַקומען אַ דערלויבעניש זיי אַרויסצופירן אפן ביסוילעם. אונטער די אַרויסגעפירטע מייסים האָט מען אוועקגעלייגט די קוילנוואַרפער און זיי געבראַכט אפן זאַרעטשער בייסוילעם. דאָרט האָבן שוין געוואַרט אַ פּאָר כאַווייריִם און מען האָט באַגראָבן די קוילנוואַרפער אין אַ באַשטימטן אָרט.

דעם 23-טן סעפּטעמבער 9 פרי איז אַריינגעפאָרן אין געטאָ קיטעל, און אָפיציעל געמאָלדן, אַז די געטאָ ווערט ליקווידירט. ביז 12 אַזייגער דאַרפן זיך אַלע אויפפּאַקן און זיין גרייט אַרויסצופאָרן אין די אַרבעטס-לאַגערן אין עסטאָניע. אַזוי ווי קיין אויסוועג איז נישט געווען, האָט זיך דער אוילעם אָנגעהויבן גרייטן. די לעצטע גרופּע פון פ. פּ. אָ. איז געבליבן אין קלעם: אַן קוילנוואַרפער און אָן דער מעגלעכקייט זיך דורכצורייסן דורכן פּאָליציייִשן קאָרדאָן. די לעצטע צוויי הונדערט קעמפער צוזאַמען מיטן רעשטל געווער האָבן זיך דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן אין קאַנאַליזאַציע-רער, קעדיי דורך דאָרטן זיך דורכצורייסן הינטערן שטאָט און אוועקגיין אין דער רודניצקער פּושטשע — אַ וויכטיקער צענטער פון דער ליטווישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, מיט וועלכער מען האָט שוין באַוויזן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט.

דער אַריינגאַנג אין דער קאַנאַליזאַציע-רער האָט געפירט פון ספּאָקאַינים וואַרשטאַטן, דייטשישע גאַס 31. דאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויסער קאַבל-

נער אויוון. אונטער אים איז געווען אַן עפענונג, פון וועלכער קיינער האָט נישט געוואוסט, כוץ דעם שטאַב פון פ. פ. אָ.; אַראָפּגעלאָזן די קעמפער אין דעם שמוץ האָט מען אייצניקווייז לויט גרופּן. מיט יעדער גרופּע האָט אָנגע-פירט אַן אַרבעטער פון דער קאַנאַליזאַציע, וואָס האָט געוואוסט דעם וועג. די קאַנאַליזאַציע - רערן זיינען פון פאַרשידענער מאָס — פון אַ מעטער מיט אַכ-ציק אויף די הויפּט-גאַסן ביז רערן פון פערציק סענטימעטער, וואָס אונטער די קלענערע געסלעך. מען האָט געמוזט קריכן אויף די קני אין דעם שמוץ. דערביי נאָך האָט מען געטראָגן אַרום לייב דאָס געווער און וויכטיקע דאָקומענטן. פיר שאָ האָט מען געוואָגלט דורך די טרויבן. דורך אַ טעלעפאָן-סיסטעם האָט מען איבערגעגעבן די באַפעלן די גרופּן, צי מען קען גיין ווייטער און אין וועלכער ריכטונג. ווען די גרופּן זיינען געבליבן שטיין, האָט זיך דער שמוץ אויפגע-הויבן און דערגרייכט ביזן האַלדז. מען האָט געמיינט, אַז די דייטשן האָבן זיך דערוואוסט און אָנגענומען מיטלען צו פאַרטרינקען די וואָגלדיקע קעמ-פער. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שמוץ האָט געשטיגן דערפאַר, ווייל מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ גרופּע האָט אין וועג פאַרבלאָנדזשעט און נישט געוואוסט וואוהין צו גיין. גיין אויף צוריק איז געווען שווער, און אפילע טיילמאָל אומעגלעך, ווייל דער שטראָם האָט געטראָגן מיט זיך. ווען מען האָט געפּרואווט זיך לאָזן קעגן שטראָם, האָט דער שמוץ אַריבערגעפּליצט איבערן קאָפּ. מענטשן האָבן דאָרט נעבאַלעשט, געוואָרן מעשוגע. געווען אויך אַ פאַל פון באַגיין זעלבסטמאָרד. דערצו נאָך האָט מען געמוזט גיין זייער פאָרזיכטיק, נישט ריידן קיין וואָרט, ווייל דורך די קאַנאַליזאַציע - רערן אויבן האָט מען געקענט דערהערן.

ענדלעך איז מען דערגאַנגען אונטער דער ערד צו איגנאַטאָווער 5, אויפן הויף פון דער ליטווישער קרימינאַל-פּאָליציי, וואו עס איז באַשטימט געווען דער אַרויסגאַנג. דאָרטן האָט שוין געוואַרט סאָניע מאַדייסקער, וואָס האָט גע-לעבט אונטער אַ פאַלשן נאָמען אין שטאָט, און צוויי ליטווישע פּאָליציאַנטן, מיט וועלכע מיר זיינען געווען פאַרבונדן. נאָסע, שמוציקע האָט מען קוים זיך אַרויסגעהויבן פון דער ענגער פאַרמאַסקירטער לאָך און אַריין אין אַ קעלער זיך אָביסל אָפּצורייניקן. דעמאָלט האָט מען פּאָרווייז אויסגעשטעלט די קעמ-פער, זיי געהייסן אָנלאָדן דאָס געווער און אַוועקגיין אויף סובאָטש אין אַן אַלט גום. די שטאָט איז פול געווען מיט זשאַנדאַרן און אַגענטן. די קעמפער האָבן אין וועג איינע די אַנדערע פאַרלוירן. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ צוזאַמענ-שטויס מיט די זשאַנדאַרן. די קעמפער האָט זיך איינגעגעבן דורכצושניידן די שטאָט. מען האָט אַרויסגעגראָבן אויפן בייסוילעם די קוילנוואַרפער און מיטן געווער אויף די אַקסלען, שוין ווי עכטע פּאַרטיזאַנער, אָנגעקומען אין דער רוד-ניצקער פּושטשע.

*

צוזאַמען מיט די לעצטע קעמפער פון דער גויסעסדיקער ווילנער געטאָ האָבן זיך דורכגעריסן דורך די קאַנאַליזאַציע-רערן די צוויי שטאַב-מיטגלידער יאַנקל קאַפּלאַן און אווראָם כוואָיניק, ווי אויך די באַטאַליאָן - פאַרבינדלערן פון פ. פּ. אָ. די סטודענטן אַסיע ביג. צוזאַמען זיינען זיי אַרויסגעקראָכן דורך דער עפענונג אַף איגנאַטאָווער געסל און זיינען אַוועק דורכן שטאָט אַף סו-באַטש צום אָפּגערעדטן זאַמל-אָרט.

אַפן ראָג ברייטער און רודניצקער, לעבן קינאָ „קאַסינאָ", האָט זיי פאַר-האַלטן אַ דייטשישער פּאַטרול. די דייטשן האָבן געפאָדערט דאָקומענטן. די דריי האָבן אַרויסגעכאַפּט פּיסטאָלעטן. לעבן קינאָ זיינען פול געווען דייטשישע הויכע באַאַמטע. קאַפּלאַנס אַ קויל האָט געטראָפן וואוהין מען דאַרף. עס איז געטויט געוואָרן מאַקס גראָס, דער אויספאָרשער פאַר פּאַרטיזאַנישע איניאַ-נים אין ווילנער געשטאַפּאָ, צוזאַמען מיט אים איז אויך געפאַלן אַ הויכער באַאַמטער פון קאָוונע — אַ סוואָרע, דער שטורעם-פירער פון דער דאָרטיקער געשטאַפּאָ. קאַפּלאַן, כוואָיניק און אַסיע ביג האָבן אַלע זייערע קוילן באַוויזן איינצוטיילן די דייטשן. אין דורשט נאָך נעקאָמע איז פאַר זיי אַ שאָד געווען איבערצולאָזן צו איינציקע קוילן פאַר זיך. און די דריי העלדן האָט מען נאָכ-דעם אַריינגעכאַפּט לעבעדיק.

מען האָט זיי געבראַכט אַף ראָסע אין די גערטנער, וואו עס זיינען מאָר-טירט געווען די לעצטע אידן, ערעוו זייער אָפּפאָרן קיין עסטאָניע.

קיטעל האָט דאָרט אויפגעשטעלט דריי טליעס: פאַר דעם לערער יאַנקל קאַפּלאַן, פאַרן אַדוואָקאַט אווראָם כוואָיניק און פאַר דער צוואַנציק-יעריקער סטודענטין אַסיע ביג.

קיטעל האָט דאָרט אויפגעקליבן אַלע אידן און געוואָרנט: אַזוי וועט גע-שען מיט יעדן, וועמ ס'וועט זיך נאָר דערוואַגן אויסצושטרעקן אַ האַנט קעגן דייטשן. ער האָט אַליין אויפגעהאָנגען די דריי העלדן. קאַפּלאַן און כוואָיניק בא די זייטן, און אַסיע האָט ווי אַ זאַנג זיך געוויגט אינמיטן.

## סאָניע און יוליאַן

ווען דער געטאָ איז געוואָרן ליקווידירט און די פּאַרטיזאַנישע אָרגאַני-זאַציע האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אַף קאַמף-פּאָזיציעס אין וואַלד, איז געבליבן וואוינען אין שטאָט, אַף פּוילישע פּאַפּירן, אַ ליכטיקע געשטאַלט פון דער רע-וואָלוציאָנערער ווילנע — סאָניע מאַדייסקער.

אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען דאָס געזעלשאַפט-לעכע לעבן אין שטאָט איז אָפּגעשטאָרבן און מער ווי אַף אַלעמען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער צאָרן איבער דער אידישער באַפעלקערונג, איז סאָניע געווען פון די ווייניקע, וועלכע האָבן זיך נישט פאַרלוירן. אין געטאָ האָט זי אָרגאַ-ניזירט דעם קאָמסאָמאָל; זיך פאַרבונדן מיט די שטאָטישע אַרבעטער; איז גע-

וואָרן פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון שטאָטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט. גלייכצייטיק אַרבעט זי אין דער רעדאַקציע פון דער אומלעגאַלער צייטונג „שטאַנדאַר וואָלנאָשטשי".

נאָכן דורכפאַל וויטאַס - קאָזלאָווסקי, ווערט סאָניע די וויכטיקסטע אָנפירערן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין שטאָט. בעיִם דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ ווערן אונטער איר אָנפירונג אַריבערגעוואָרפן הונדערטער אידישע קעמפער אין דער ליטווישער פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע.

סאָניע בלייבט אין שטאָט. זי גיט אַרויס צייטונגען און פּראָקלאַמאַציעס צו דער פּוילישער און ליטווישער באַפעלקערונג.

נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָבן די דייטשן נאָך איבערגעלאָזן אין שטאָט דריי אידישע לאַגערן מיט אַרום דריי טויזנט אידן. אין איינעם פון אָט די לאַגערן, אין „קיילים", פלעגט קומען יעדן זונטיק סאָניע, אָרגאַניזירן גרופּן, באַזאָרגן זיי מיט געווער און מיט ספּעציעלע מענטשן אַריבערוואַרפן אין וואַלד.

צוזאַמען מיט סאָניען האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט יוליאַן יאַנקאָוסקאַס, דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער פאַבריק „פּלאַקאַטאַס".

ער האָט אויסבאַהאַלטן אין זיין וואוינונג נישט איין אידן און האָט צוגעשטעלט פיל געווער פאַר די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ.

יוליאַן איז געוואָרן אַריינגעצויגן אין דער אונטערערדישער אַרבעט. ער האָט אָרגאַניזירט אַרום זיך אַן אַקטיוו פון ליטווישע אַרבעטער, און אַפילע איינציקע פּאָליציאַנטן האָט ער אַריבערגעצויגן צו זיך. יוליאַנס אויסזען האָט זיך געענדערט. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, מען זאָל אים נישט דערקענען. אויף זאַרעטשער 3, אין אַ פאַרמאַסקירט צימערל האָט געוואוינט סאָניע. אַהין האָט זיך אויך אַריבערגעקליבן יוליאַן. ביידע האָבן ליב געהאַט די וועלט, פאַר וועלכער זיי האָבן געקעמפט.

עטלעכע באַדאַשים פאַר דעם, איידער עס האָט אַריינגעמאַרשירט אין ווילנע די רויטע אַרמיי, האָט אַ שטאַרקע געשטאַפּאָ-וואַך אַרומגערינגלט זאַרעטשער גאַס און צענדליקער דייטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זאַרעטשער 3. פאַר יוליאַנס און סאָניעס קעפּ האָט מען שוין לענגער צוגעזאָגט אַ באַלוינונג.

ביידע האָבן זיך פאַרטיידיקט: געשאָסן אויף די באַלאַגערער דורך די פענצטער און אוועקגעלייגט אויף טויט עטלעכע געשטאַפּיסטן.

געטראָפן דורך אַ קויל, איז יוליאַן געפאַלן טויט. סאָניע האָט די לעצטע קויל אַריינגעשאָסן אין זיך. צום אומגליק האָט די קויל זי בלויז פאַרוואונדעט. געשטאַפּאָ האָט זי אוועקגעפירט אין שפּיטאָל. אויסגעהיילט זי און געפּרוּווט עפּעס-וואָס פון סאָניען זיך דערוויסן. ווען מען האָט פון איר נישט אַרויסבאַקומען קיין איין וואָרט, האָט מען זי געבראַכט צו פייניקן אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ.

# דער העמשעך אין וואַלד

די קעמפער פון ווילנער געטאָ האָבן זיך אריבערגעוואָרפן אין וואַלד. דער ווידערשטאַנד אין געטאָ האָט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויסגעגליטשט פון אונדזערע הענט. נישט אַזוי האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט וועט דער קאַמף אויסזען. די אידייע — פאַרטיידיקן די צוואַנציק טויזנט מענטשן אין געטאָ, אַלס אַ זעלבשטענדיקע אויפגאַבע, נישט פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם ציל — פאַרטיליקן די דייטשישע אָקופּאַנטן, האָט זיך נישט באַרעכטיקט. היינט מוזן מיר מודיע זיין, אַז דער באַשלוס פון שטאַב, וויטענבערג זאָל זיך איבערגעבן ווי אַ קאָרבן פאַר די 20 טויזנט, איז געווען אַ פעלער, דעם 16-טן יולי, בעיים עס איז אָנגעקומען פון קיטעלן דער אולטימאַטום, האָט מען טייקעף געמוזט אַרויסטרעטן מיט געווער. אָבער ווער עס איז ביינגעווען דעמאָלט אין געטאָ, וועט זיך נישט אונטערנעמען צו מישפּעטן, ווי מען האָט געדאַרפט האַנדלען. ווי אַזוי וואָלט זיך געקענט רעהאַביליטירן די אָרגאַניזאַציע, ווען צוליב איר קאָמאַנדיר וואָלט אומגעקומען דער געטאָ? און וויטענבערג אַליין? איז דען מעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אַז אַזאַ ריינע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט ווי ער, זאָל האַנדלען אַנדערש אין יענער גורלדיקער שאָ? אין דורעם אַרום וועלן אונדזערע אייניקלעך דערמאָנען: דער ווילנער שוסטער וויטענבערג, דער העלד פון די פּאַרטיזאַנער אין געטאָ, האָט זיך איבערגעגעבן דעם טאַליען אין די הענט אויס האַס צום סוינע און אויס ליבשאַפט צום פאָלק.

*

אויף די קאַמפּס-פּאָזיציעס אין וואַלד האָבן זיך די ווילנער איבערהויפּט קאָנצענטרירט אין צוויי באַזעס: בײַ דער אָזערע נאַראָטש און אין דער רודניצקער פּושטשע. די מאַבנע „נעקאָמע" באַם נאַראָטש האָט לאַנג זיך נישט אויפגעהאַלטן ווי אַ דורכוים אידישע. די קעמפער זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין פאַרשידענע באַזונדערע מאַבנעס פון מאַרקאָווס בריגאַדע. נאַראָטש איז ווייט פון ווילנע 130 קילאָמעטער. די ווילנער פּאַרטיזאַנער אידן האָט גע-צויגן נענטער צו זייער היים-שטאָט, און צענדליקער קעמפער זיינען אַוועק אין די ליטווישע באַזעס, ווי צו דער מאַבנע „ווילנע", וואָס איז איינגעשטאַנען נישט ווייט און איז געוואָרן אָנגעפירט דורך דעם קאָמאַנדיר איבער אַלע ליט-ווישע פּאַרטיזאַנישע קרעפטן אין וואַלד — דעם ליטווישן פּאָלקאָווניק קאַזימיר (שומאַוסקאַס), וואָס האָט זייער כאַוועריש און וואַרעם אויפגענומען אונדזע-רע ווילנער.

פיל ווילנער זיינען אויך אַוועק פון נאַראָטש אין דער רודניצקער פּוש-טשע (40 קילאָמעטער פון ווילנע), וואו ס'האָבן שוין דעמאָלט עקזיסטירט פיר דורכוים אידישע מאַבנעס, פון געוועזענע מיטגלידער פון פ. פּ. אָ., וואָס האָבן

זיך דורכגעריסן דורך די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע. די דאָזיקע מאַכנעס האָבן זיך געפונען אין רעשוס פון בריגאַדע-קאָמאַנדיר יורגיס (זימאַן).

די צװײ מאַכנעס „קאַמף" און א „טויט דעם פאַשיזם", אָנגעפירט פון קאָמאַנדיר בערל שערעשניעװסקי, האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן װי באַזונדערע אײנסן. זײ זײנען פאַרײניקט געװאָרן מיט די ליטװישע טײלן. דורכױס אידישע אָטריאַדן זײנען געבליבן צװײ: „נעקאָמע-נעמער" און „פאַרן ניצחון". דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער מאַכנע איז געװאָרן אבא קאָװנער, א כאװערישער יונג און א גוטער אָרגאַניזאַטאָר. אין אַלע װיכטיקע אָפּעראַציעס האָט קאָװנער זיך אַלײן באַטײליקט.

שמועל קאַפּלינסקי, אינסטרוקטאָר פון פּ. פּ. אָ. אין געטאָ, איז געװען דער קאָמאַנדיר פון דער מאַכנע „פאַרן ניצחון". זײנע קעמפער, װעלכע ער האָט באַזאָרגט מיט געװער, האָבן אים געאַכט און ליב געהאַט.

דער שטאַב פון די בײדע מאַכנעס (איבער צװײ הונדערט קעמפער) איז געװען א געמײנזאַמער.

פאַר די ערשטע דרײ כאָדאָשים פון זײער קאַמף האָבן די צװײ אידישע מאַכנעס זיך באַזאָרגט מיט געװער. זײ האָבן דורכגעפירט 3 באַן-קאַטאַסטראָפעס; בעיים דער ערשטער — זײנען אראָפּ פון די רעלסן 12 װאַגאָנען מיטן לאָקאָמאָטיװ. בעיים דער צװײטער — 6 װאַגאָנען פול געפּאַקטע מיט דײטשן. בעיים דער דריטער — אפן װעג װילנע-אָראַן זײנען אומגעבראַכט געװאָרן צװײ הונדערט היטלעריסטן. אין זשעגאַרין און לעבן דראַגוטשי האָבן די קעמפער אױפגעריסן דרײ בריקן. אין אַלקעניק — אױפגעריסן א דײטשישע אונטערנעמונג און מיטגעהאָלפן צעקלאַפּן און פאַרברענען א דײטשישן גאַרניזאָן פון אוי טאָמאַטלער און קױלנװאַרפער אין גרױסן באַפעסטיקטן דאָרף קאָניוכי.

נאָכדעם װי די מאַכנע „נעקאָמע-נעמער" האָט דערװאָרבן שטאָל און מער קױלנװאַרפער, האָט זי אָנגעהײבן צו פירן די רעלסן-מילכאָמע. דער קעמפער איצכאָק רודניצקי האָט אַלײן אַף זײן קאָנטע 12 עשאַלאָנען אַף די ברײטע און דרײ עשאַלאָנען אַף די שמאָלע ליניעס (קלײנבאַן); ער האָט אָנטײלגענומען מיט נאָך פיר כאַװײרים אין אױפרײסן די עלעקטרא-סטאַציע אין סװיענציאַן. זײן גרופּע האָט געבראַכט אין געפאַנגענשאַפט 4 היטלעריסטן און האָט באַפרײט דעם פּאַרטיזאַנער סעמיאָנאָװ פון סװענציאַנער שפּיטאָל.

װיטקע קעמפּנער, די העלדין פון דער ערשטער דיװערסיע, האָט ערשט אין װאַלד געװיזן, װאָס זי קען. אין אָקטאָבער 1943 האָט זי מיט א פּױלן טשעמאָדאַן מינעס אין מעשעך פון אײן נאַכט דורכגעמאַכט צופוס 40 קילאָמעטער און זיך אַרײנבאַקומען אין װילנע. זי האָט דאָרט אױפגעריסן די שטאָטישע עלעקטרא-סטאַציע מיט די װיכטיקסטע עלעקטרישע טראַנספאָרמאַטאָרס. מיט דעם האָט זיך אָבער װיטקע נישט באַגנוגנט. אַף מאָרגן בײנאַכט האָט זי זיך אַרײנבאַקומען אין קאָנצענטראַציע-לאַגער „קײלים" און אַרױסגעפירט פון דאָרט 60 מענטשן צו די פּאַרטיזאַנישע באַזעס. װיטקע האָט אָרגאַניזירט די אױס-

שפּיר - גרופּע פון דער מאַכנע „נעקאָמע - נעמער". זי האָט אַנטיילגענומען אין באַן - אויפרייס לעבן אָראַן, וואו עס זיינען צעריסן געוואָרן צוויי הונדערט דייטשן. מיט נאָך פינף פאַרטיזאַנער האָט זי אונטערגעצונדן אין אַלקעניק דעם טערפּענטין-זאַוואָד. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן אין דיינאָווע אין יאַנואַר 1944 און האָט אַליין גענומען אין געפאַנגענשאַפט צוויי געשטאַפּאָ-אַגענטן. זי האָט אַנטיילגענומען אין אויפרייסן צוויי לאָקאָמאָטיוון און פאַרברענען צוויי בריקן.

אין נאָוועמבער 1943 האָט וויטקע באַקומען אַן אויפגאַבע אַריבערצוברענגען פאַרן ווילנער פּאַרטיי-קאָמיטעט וויכטיקע דאָקומענטן. אפן וועג איז זי אַריינגעפאַלן צו אַ דייטשישן פּאַטרול. אונטער אַ באַוואָפנטער וואך האָט מען זי געפירט אין ווילנער געשטאַפּאָ. אַדאַנק איר פלינקער אָריענטאַציע איז זי אַנטלאָפן פון די דייטשישע הענט. אַף צוריקוועגס האָט זי געבראַכט אין דער באַזע אַ וויכטיקן טוער פון דער קאָוונער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

גרישע גורוויטש האָט איינמאָל בעיים אַ לויערונג דערהאַרגעט 12 דייטשן, וואָס זיינען געפאָרן אַף צוויי מאַשינען און גענומען טראָפייען: צען ביקסן, אַן אויטאָמאַט און אַ דייטשישן קוילנוואַרפער, וועלכן ער האָט געלאָזט פאַר זיך און איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער שיסער פון מאַשינגעווער. מיט אים צוזאַמען האָט געקעמפט אויך זיין מוטער — אַ 39-יאָריקע פרוי. ביידע זיינען זיי געגאַנגען אַף לויערונגען. אין געמיינזאַמע אָפּעראַציעס האָבן זיי דערשאָסן 18 דייטשן. איינמאָל וואָרן מאַמע און זון אַרומגערינגלט דורך אַ שטאַרקן פּאַטרול, עס קומט פאַר אַ שלאַכט. גרישעס מוטער שיסט אויס אירע אַלע 75 קוילן און באַוויזט נאָך צו וואַרפן אין סוינע אירע פינף גראַנאַטן. געטראָפן פון אַ קויל, פאַלט זי לעבן איר זון. דערזען, אַז זיין מוטער איז טויט, האָט גרישע אַ שפּרונג געטאָן אפן מערדער און מיטן פלאַמען-לעשער פון קוילנוואַרפער אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ. גרישע אַנטלויפט. ער איז פאַרוואונדעט. ער שווימט אַריבער אַ טייך, קריכט דורך זומפּן, ער בלייבט ליגן פאַרכאַלעשט ערגעץ אין אַ בלאָטע, אַ פּאַסטעך באַמערקט אים, זאָגט אָן די פּאַרטיזאַנער אין דאָרף פּאַסיעקאָ. מען ברענגט אים צו דער באַזע און ער ווערט אויסגעהיילט. ווידער גייט ער מיט זיין קוילנוואַרפער אַף אויפגאַבן, און ווי אַ נעקאָמע פאַר זיין מאַמעס בלוט רייסט ער אויף צוויי עשאַלאָנען.

אויך כאַים לאַזאַר, איינער פון די אַקטיווע פ. פּ. אָ.-קעמפער אין געטאָ, האָט אין וואַלד נישט פאַרשעמט זיין פאַרגאַנגענהייט. אין קאַמף מיט די דייטשישע מאָטאָ-אַפּטיילונגען אַפן וועג ווילנע-גראָדנע דערשיסט ער מיט זיין קוילנוואַרפער דריי אָפיצירן און די איבעריקע פּופּצן ווערן צעקלאַפּט דורך אים און זיינע כאַווירים. דעם 23-טן אַפּריל 1944 באַ אַ באַן-דיווערסיע רייסט זיך אומגעריכט אויף אַ מינע און שיסט אַראָפּ זיין רעכטע דלאָניע.

צווישן די העלדישע ווילנער מיידלעך דאַרף פאַרעכנט ווערן די פּאַרטי-

זאַנקע זעלדע טרעגער. זי האָט אַכצן מאָל זיך דורכגעריסן דורך דייטשישע גאַרניזאָנען און איז מיט וויכטיקע דאָקומענטן געקומען קיין ווילנע, ווי די פאַרבינדלערן פון דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב און דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. צוריק אין וואַלד פלעגט זעלדע קיינמאָל נישט קומען מיט ליידיקן. זי פלעגט זיך אַריינקריגן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס און אַרויסראַטעווען מענטשן. צענדליקער ביקסן פון שטאָט האָט זי געבראַכט צו די פּאַרטיזאַנער. פיר מאָל איז די קעמפערין אַריינגעפאַלן צום סוינע: צוויי מאָל אין די הענט פון געשטאַפּאָ, איין מאָל אין דער פּאָליציי, און צום סאָף צו די ווייסע פּאָלאַקן, וואָס האָבן גראַסירט אין די אַרומיקע וועלדער און פלעגן ספּעציעל טשאַטעווען אַף אידישע פּאַרטיזאַנער. אַדאַנק איר קאַלטער און פעסטער האַלטונג האָט זי זיך אַלע פיר מאָל אַרויסגעריסן פון די באַנדיטן און דורכגעפירט אירע אויפגאַבעס.

נישט ווינציקער האָט אויך אויפגעטאָן די פּאַרטיזאַנקע דינע גרינוואַלד, איינע פון די וויכטיקסטע פאַרבינדלערנס צווישן וואַלד און שטאָט.

און רייזל קאָרטשאַק? אָט דאָס באַשיידענע העלדישע מיידל, וואָס אַף אַלע אויפגאַבעס, סיי אין געטאָ, סיי אין וואַלד, איז זי געווען פון די ערשטע, פון די סאַמע דרייסטע. און נישט בלויז רייזל. ווי דערמאָנט מען נישט דעם שעף פון די אויספירער באַ דער מאַכנע „נעקאָמע־נעמער" כאַנען מאַגיד, וואָס יעדער טראָט פון דעם סוינע אַף אַ ראַדיוס פון 40 קילאָמעטער האָט ער שוין געוואוסט פון פריער.

און סראָליק דער איישישקער, ניוסע לובאַצקי, רוואַן ראַבינאָוויטש, ליאָווע לעווין, טעווקע גאַלפּערן, בערל שערעשניעווסקי, איציק קאָוואַלסקי, דאָס זיינען אַלץ נעמען, וואָס וועגן איטלעכן פון זיי איז קעדאַי צו שרייבן באַזונדער וועגן זייער דרייסטקייט, שרעקלאָזיקייט און העלדישקייט אין קאַמף.

די אָקאָרשט דערמאָנטע ווילנער פּאַרטיזאַנער האָבן געוואָרפן זייערע לעבנס אין קאַמף און דאָס לעבן נישט פאַרלוירן. אָבער וויפל באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע העלדן ליגן איצט אין די נאַראָטשער און רודניצקער וועלדער! אייביקער אָנדענק זייערע ערלעכע נעמען!

זאָלן דאָ בלויז דערמאָנט ווערן די צוויי ברידער דאַניע און אימע לובאַצקי — די זין פון דעם באַקאַנטן לערער באַרעך לובאַצקי.

בעיים די קאַמפן אין געטאָ איז דאַניע אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן. צען טעג האָט מען אים געפייניקט אין געשטאַפּאָ. פון דאָרט האָט ער געבעטן סאַם באַ די עלטערן אין געטאָ. איך דערמאָן זיך, ווי דער לערער לובאַצקי איז אַ צעבראָכענער געקומען צו מיר נאָך אַן אייצע. וואָס טוט מען? זיין פרוי איז דערפאַר, מען זאָל אַריבערשיקן פאַרן זון סאַם, קעדיי ער זאָל זיך אין געשטאַפּאָ נישט מאַטערן. ער, דער טאַטע, האָט זיך נישט געקענט באַשליסן מיט די אייגענע הענט אומצוברענגען זיין קינד!

עס איז אַריבער אַ פּאָר טעג, און דאַניע האָט זיך באַוויזן אין געטאָ. באַם פירן אים צו דער עקזעקוציע איז דער יונגער קעמפער אַנטלאָפן. נישט לאַנג האָבן זיך די עלטערן געפרייט. בעיים דער ליקווידאַציע פון געטאָ זיינען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן דורך קיטעלן. דאַניע האָט זיך דורכגעריסן אין וואַלד. דאָרט האָט ער געטראָפן זיין ברודער אימען, — דעם איינציקן לעבן-געבליבע-נעם פון זיין מישפּאָכע, וואָס האָט זיך דורך די קאַנאַליזאַציע-רערן אַרויסבאַקו-מען פון געטאָ.

דאַניע, דער קאָמאַנדיר פון דער דריטער גרופּע אין דער מאַכנע „פאָרן ניצאָכן", איז געווען דער דרייסטסטער פון זיינע כאַווירים. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויף דער באַזע. די נעסאַמע האָט אים נישט געלאָזט רוען.

סאָף דעצעמבער 1943 איז דאַניע מיט זיין גרופּע אַוועק אין אַ דאָרף. זיך דערוואוסט, אַז דאָרט גראַסירט אַ וויכטיקער אַגענט פון געשטאַפּאָ, האָט דאַ-ניע באַ זיך באַשלאָסן: ער מוז אים כאַפּן! באַם באַלאַגערן דאָס הויז פון גע-שטאַפּאָ-אַגענט האָט זיך דערהערט אַ שאָס, דער קאָמאַנדיר דאַניע איז גע-פאַלן. מען האָט אים געבראַכט אַ שווער-פאַרוואונדעטן אויף דער באַזע און דאָרט איז ער אויסגעגאַנגען.

אין יענעם טאָג איז געקומען אויף דער באַזע אימע. ער האָט זיך אומ-געקערט פון דער נאַראַטשער פּושטשע, וואו ער איז געווען קאָמאַנדיר איבער 60 מאַן — ער האָט דאָרט געפירט אַ שלאַכט מיט די ווייסע פּאָלאַקן.

אימע איז אָנגעקומען, ווען מען האָט געגראָבן פאַר זיין ברודער אַ קייווער. דאָס אינגל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין ביקס, געשטאַנען אויפן פרישן זאַמד און אין גרוב זיינען געפאַלן זיינע הייסע טרערן איבערן טויטן ברודער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אימע מיט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער אַוועק אויף אַ שאָסיי אונטערצוזעגן טעלעגראַף-סלופּעס. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. די סלופּעס זיינען געוועןֿ פאַרמינירט. אימע מיט זיינע כאַווירים זיינען צעריסן גע-וואָרן אויף שטיקער.

איצט ליגן זיי ביידע ברידער אין רודניצקער וואַלד.

*

בעיים דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ זיינען אַ טייל פ. פּ. אָ.-קעמפער פאַרשלעפּט געוואָרן אין ווילנער קאָנצענטראַציע-לאַגער ה. ק. פּ. און אין די קאָנצענטראַציע לאַגערס פון עסטאָניע. גופע אין ה. ק. פּ. איז אָרגאַניזירט גע-וואָרן אַ פאַרטיזאַנישע גרופּע דורך דעם לערער לייב אַפּעסקין און דעם אַקטיאָר יאַנקעוו בערעאָגלסקי. די גרופּע האָט דערוואָרבן געווער און געהאַט פאַרבינדונג מיט די באַזעס אין וואַלד. דעם 10-טן יולי 1944 האָט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג עס-עס אַרומגערינגלט דעם לאַגער און געפּנט אויף די אידן אַ פאַרטיליקונג-

פּייער. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ שלאַכט. די פּאַרטיזאַנער האָבן געשאָסן אין די דייטשן. אַדאַנק אָט דעם אומגעריכטן װידערשטאַנד האָבן זיך העכער הונ־דערט אידן דורכגעריסן און זײַנען אַנטלאָפן אין שטאָט, װאו זײ האָבן דער־װאַרט די יעשוע.

אָפּעסקין און בערעגאָלסקי זײַנען געפאַלן אין די קאַמפן.

❀

די קעמפער פון װילנער געטאָ, די שפּעטערדיקע פּאַרטיזאַנער אין די ליט־װישע און װײַסרוסישע װעלדער, האָבן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמײ, בעיים די קאַמפן פאַר באַפרײַען װילנע, די ערשטע זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט און אויפגענומען אַ שלאַכט קעגן די פאַרבאַריקאַדירטע דײַטשן.

איבער די טויטע קערפּערס פון 15 טויזנט מערדער האָבן די קעמפער פון װילנער געטאָ און פון װאַלד אַריבערגעשפּאַנט צו זיך אין דער היים־שטאָט. זײ האָבן געפײַערט דעם יאָנטעװ פון באַפרײַאונג, װאָס איז אויסגעפאַלן אין טאָג פון דעם יאָרצײַט נאָך איציק װיטענבערג.

פערטער טייל:

# אַפֿן הייסן אַש

# די שייטערן אין קלאָגע

דעם 23-טן סעפּטעמבער 1943 איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. אונטער אַ שטאַרקער וואַך פון געשטאַפּאָ האָט מען די לעצטע - געבליבענע ווילנער אידן אַרויסגעפירט אויף אַרויף סובאַטש-גאַס און דאָרט האָט מען זיי סאָרטירט — די פרויען און קינדער האָט מען מערסטנטייל אַוועקגעפירט אין די קרעמאַטאָריעס פון מאַידאַנעק און די מענער — אין די לאַגערן פון עסטאָניע.

אין עסטאָניע זיינען צו יענער צייט געווען 23 לאַגערן. אין זיי זיינען געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן אַרום צוואַנציק טויזנט מענטשן, געבראַכט פון פאַרשידענע געטאָס און קאָנצענטראַציע-לאַגערן אין אייראָפּע, צווישן זיי בערך אַכט טויזנט ווילנער.

עס דערציילט דער געראַטעוועטער בּיניאָמין וויינטרויב: „נאָך פיר מעסלעס פאָרן אין די פאַרשטיקטע וואַגאָנען זיינען מיר אָנגעקומען אין קאָנצענטראַציע לאַגער וויוואַרי. פון דאַנען האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין קלאָגע.

אין לאַגער האָבן מיר אויפגעהערט צו טראָגן אונדזערע נעמען. יעדער איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ נומער, וועלכן ער האָט געדאַרפט טראָגן אויף דער פּלייצע, אויפן אָרעם און אויף דער קני. פון שטערן ביזן אַקן האָט מען אונדז אויסגעשוירן אַ פּאַס האָר. די פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם לאַגער נאָך פון אויגוסט (בעיס דער כאַפּעניש אויפן פּלי-פּלאַץ אין פּאַרובאַנעק און בעיס דער ערשטער „עוואַקואַציע"), האָט מען אָפּגעגאָלט די קעפּ.

נאָך דער רעוויזיע, בעת וועלכער מען האָט בײַ אונדז צוגענומען די מינדסטע קלייניקייט, האָט מען אונדז פאַנאַנדערגעטיילט אין בריגאַדעס און אָפּגעשיקט אויף אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַריבערטראָגן פופציק-קילאָיקע זעק מיט צעמענט פון אַ זאַוואָד ביז צו דער באַן-סטאַציע, אַ שטעקל פון הונדערט פופציק מעטער. מיט די זעק האָבן מיר געדאַרפט לויפן.

די פרויען, וואָס האָבן געוואוינט אין באַזונדערע באַראַקן, זיינען באַשעפטיקט געווען אין אויסגראָבן שטיינער און זיי אַריבערשלעפּן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. אין מעשך פון דעם אַרבעטס-טאָג האָט אַ פרוי געדאַרפט אַריבערשלעפּן פיר טאָנען שטיינער.

מיר האָבן געאַרבעט פון פרי ביז 6 אָוונט. אַ מיטיק-איבערייס אויף 45 מינוט. אונדזער מיטיק איז באַשטאַנען פון אַ שיטערער זופּ — מער גאָרנישט. נאָך דער אַרבעט איז פאָרגעקומען אַן „אַפּעל". מען האָט באַדאַרפט זיך אויסשטעלן צו הונדערט מאַן אין אַ ריי און שטיין אַזוי לאַנג ביז דער וואַכמאַן וועט באַפעלן אַריינצוגיין אין לאַגער. ווער עס איז נישט ריכטיק געשטאַנען, אָדער פלעגט זיך מיט עפּעס „פאַרזינדיקן", פלעגט דער ראָטן-פירער פאַרשרייבן זיין נומער, אים שפּעטער אַרויסרופן און פאַר אַלעמען אין די אויגן פלעגן אים די עס-עסאָווצעס אַוועקלייגן אויף אַ ספּעציעלער באַנק. די באַנק האָט געהאַלטן

א מעטער און איז געווען דרויסנדיק אויסגעפּוקלט. צו דער באַנק פלעגט מען צובינדן דעם באַשטראָפטן פאַר די הענט און פיס! איין עס-עסאָווער פלעגט זיך זעצן אים אויפן קאָפּ און אַן אַנדערער פלעגט שמייסן מיט אַן אָקסענעם גליד, דורך וועלכן עס איז געווען דורכגעצויגן אַ מעטאַלענער שנור. דערביי פלעגט דער באַשטראָפטער אַליין דאַרפן ציילן די שמיץ. ווען דער קאָרבן פלעגט זיך פאַרפּלאָנטערן אין די קלעפּ, פלעגט זיך די עקזעקוציע אָנהייבן אויפסניי.

די קראַנקע, די געשוואָלענע פון הונגער פלעגט מען אַריינעמען אין אַ שפּיטאָל, באַם אַריינגאַנג אין דער פּאַלאַטע פלעגט דער דייטשישער דאָקטאָר וואָדמאַן, אויסשרייען: „אכטונג!” דעמאָלט פלעגן אַלע קראַנקע באַדאַרפן אַרויסליינן זייערע הענט אויף די דעקעס, האָט עמעץ דאָס נישט געטאָן גענוג פלינק — פלעגט אים דער דייטשישער דאָקטאָר צעמיימעסן מיט אַ שטעקן.

נאָכדעם ווי מען פלעגט די קראַנקע אין שפּיטאָל מאַכן איינשפּריצונגען, פלעגן זיי שטאַרבן אין דעם זעלבן טאָג.

אין אויגוסט 1944 איז ליקווידירט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון די עס-טאָנישע לאַגערן. צווישן זיי: קוויאַלי, ערעדי און פּיליקאַני. מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט פון די אויפשריפטן, וועלכע מיר האָבן געפונען אויף די זעק פון צעמענט, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון יענע ערטער.

דעם 19-טן סעפּטעמבער 1944 איז אין דעם לאַגער קלאָגע פאָרגעקומען דאָס סאַמע גרוילעקסטע: אינדערפרי האָט מען אונדז אויסגעשטעלט בריגאַדעס-ווייז. מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. מען האָט געמאָלדן, אַז מען עוואַקואירט אונדז קיין דייטשלאַנד. גלייכצייטיק האָט מען פון אונדז אויסגע-טיילט דריי הונדערט סאַמע געזונטע מענער און אונטער אַ שמירע זיי אַוועקגע-פירט אין וואַלד, קעדיי אָנצוגרייטן ביימער. דאָס האַלץ, — האָט איינגערעדט דער לאַגער-פירער — דאַרפן מיר מיטנעמען קיין דייטשלאַנד.

קעדיי צו הויבן ביי אונדז די שטימונג, האָבן די דייטשן געהייסן צוגרייטן אַ מיטיק פאַר אונדז אַלעמען, ווי אויך פאַר די דריי הונדערט, וועלכע מען האָט אַוועקגעפירט ברענגען האָלץ. אין דער זעלבער צייט האָט מען אַריינגעפירט צו אונדז אין לאַגער אַ גרופּע קריגס-געפאַנגענע.

ווען דאָס האָלץ איז אין וואַגנס געבראַכט געוואָרן צו אונדזער לאַגער און די דייטשן האָבן עס אויסגעלייגט אויף דער ערד אין אַ באַשטימטער פאָרם, — האָט פונעם וואַלד, וואו ס'זיינען אַוועק די דריי הונדערט אַרבעטער, זיך דערטראָגן אַ שיסעריי. מיר האָבן נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען. דערווייל זיינען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַלץ מער דייטשן. אונדזער יעדע באַוועגונג איז שוין געהיט געוואָרן דורך אָנגעצילטע קוילנוואַרפער. דעמאָלט האָט מען אַרויסגערופן פון אונדז דרייסיק מאַן, זיי צוגעפירט צו די שיכטן אויסגע-לייגטע קלעצער און באַפוילן די דרייסיק זיך אַרויפלייגן אויף די קלעצער מיטן בויך אַראָפּ, אַזוי אַז דער קאָפּ זאָל אַראָפּהענגען באַם ראַנד. ווען דער באַפעל איז געוואָרן אויסגעפירט, איז צו אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער און



רויטאַרמייער אין די גאַסן-שלאַכטן פאַר ווילנע



א גרופּע קעמפער פון דער „פאַראייניקטער פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע"
בעיס דער באַפרייאונג פון ווילנע.

איטלעכן אריינגעשאָסן אין קאָפּ. געוואָרן פאַרטיק מיט די דרייסיק, האָט מען ווידער אָפּגעקליבן דרייסיק, זיי באַפוילן אַרויפצוליייגן אַף די דערשאָסענע אַ נייעם שיכט האָלץ און שפּעטער אַליין זיך אַוועקלייגן ווי די ערשטע. אַזוי האָט מען אויסגעפילט פיר שייטערס צו זיבן שיכטן אין אַ שייטער. ווער עס האָט געפּרואווט אַנטלויפן, איז דערשאָסן געוואָרן אַפן פלאַץ.

ווען דער וואַרטנדיקער אוילעם האָט דערזען וואָס דאָ קומט פאָר, האָט מען זיך אַ יאָג געטאָן איבערן פּלאַץ, וואוהין די אויגן טראָגן. מיר מיט נאָך צוואַנציק, האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוכאַפּן זיך אין דער אַנטקעגנדיקער געביידע און זיך באַהאַלטן אויבן אַפן בוידעם. דייטשן האָבן אונדז נאָכגעיאָגט. צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן בלויז אין די אונטערשטע צימערן — זיינען דערשאָסן געוואָרן דאָרטן גופא דורך די עסעסאָווצעס.

עטלעכע מעסלעס זיינען מיר געלעגן אָן אָטעם. דורך די שפּאַלטן איז צו אונדז אַריינגעדרונגען דער רויך און דער רייעך פון די ברענענדיקע בוימער דורכגעפלאָכטן מיט מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן. מיר האָבן נאָכאַנאַנד געמיינט, אַז עס ברענט אונדזער געביידע.

מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען איבערן לאַגער אַ סאָוויעטישן אַעראָפּלאַן און ס'האָבן אַריינגעשפּאַנט די ערשטע רויטאַרמייער.

✤

פון די שייטערן אין קלאָגע האָבן זיך געראַטעוועט הונדערט ווילנער אידן. צווישן זיי — דער בראַווער פּאַרטיזאַנער באָרעך גאָלדשטיין און דער אינזשעניער ראַטנער.

אין קלאָגע זיינען פאַרברענט געוואָרן די באַקאַנטע ווילנער דאָקטוירים: זאַלקינדסאָן (טאַטע און זון), גערשאָוויטש און וואָלקאָוויסקי. דער דיריגענט וואָלף דורמאַשקין און דער אַקטיאָר בליאַכער. דער זשורנאַליסט הערמאַן קרוק און דער געלערנטער ז. קאַלמאַנאָוויטש.

## און אַזוי זיינען אומגעקומען אונדזערע קינדער

עס איז געווען ערעוו פּייסעך 1944. אין ווילנער קאָנצענטראַציע-לאַגער „קיילים", וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די אידן, וואָס אַרבעטן אין דער שטאָטישער פּעלץ-פאַבריק „קיילים", איז געקומען ווייס און געמאָלדן די אידישע מאַמעס, אַז אין שטאָט הערשט אַן עפּידעמיע. דעריבער זאָל מען מאָרגן פרי וואַרעם אָנטאָן די קינדער און זיי אַריינפירן אין דער קליניק, וואָס אַף דער צווייטער זייט גאַס, כּדי זיי מאַכן אַן איינשפּריצונג קעגן טיפוס.

אַ סאַך מאַמעס האָבן נישט געהאַט קיין חשד. זיי האָבן די קינדער אָרומ-

געוואשן, אויסגעפוצט אין יאָנטעוודיקע קליידער, פאַרקעמט די הערעלעך און אין זוניקן פרילינג-טאָג זיי אַריינגעטראָגן אין דעם אַנטקעגנדיקן שפּיטאָל.

ווען די קינדער זיינען שוין געווען אינעווייניק און די וואַרטנדיקע מאַ-מעס זיינען געשטאַנען הינטערן פּלאַנקען פון לאַגער, האָט דער דר. שולצע, דער דירעקטאָר פון דייטשישן שפּיטאָל, אָנגעקלונגען צו וויסן אין קאַבינעט, אַז די קינדער זיינען שוין פאַראַן.

אין פינף מינוט אַרום איז געקומען די „שוואַרצע וואָראָנע". ווייס איז אַריינגעשפּרונגען אין שפּיטאָל, געכאַפּט די קינדער און זיי געשליידערט אין אויטאָ.

די מאַמעס, וואָס האָבן דאָס צוגעזען פון הינטערן פּלאַנקען האָבן גע-ריסן זיך מיט אַ געוויין צום אויטאָ צו ראַטעווען זייערע קינדער. ווייס האָט זיי אָבער נישט צוגעלאָזט און געהייסן זיינע לייט צו שיסן פון אויטאָמאַטן אין די לויפנדיקע מאַמעס. נישט געקוקט אויף דער שיסעריי, זיינען עטלעכע מאַמעס צוגעלאָפן צום אויטאָ און געפּרואווט מיט אַלע קוחעס זיך אַריינרייסן אינע-ווייניק. ווייס האָט זיך דערבאַרעמט און עטלעכע מאַמעס אַריינגעלאָזט. די מוטערס האָבן געוואָלט שטאַרבן צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

דער לאַסט-אויטאָ איז אַוועקגעפאָרן, לויט דער רעשימע, וואָס ווייס האָט געהאַט אין האַנט, האָבן אים געפעלט נאָך באַ אַ 60 קינדער. ער איז אַריין אין בלאָק אויפצוזוכן די געבליבענע.

*

די אַבציק יעריקע פרומע-ריווע בורשטיין האָט מיר דערציילט:

ווען איך האָב דערהערט, אַז אַלע קינדער מוז מען אַריינשיקן אין שפּי-טאָל, אָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע זאַך. מיר האָבן דאָך אין „קיילים" אַ דאָקטאָר מיט אַן אַמבולאַטאָריע, איז צוליב וואָס באַדאַרף מען די קינדער אַריבערטראָגן אין אַ דייטשישן שפּיטאָל? איך האָב באַשטימט אָפּצוואַרטן, וואָס דאָ וועט זיין. באַטש דער דייטש ריכטער האָט הויך געזאָגט פאַר אַלעמען: די וועלכע וועלן נישט אָפּשיקן זייערע קינדער, וועלן האַרב באַשטראָפט ווערן.

דערהערט די קוילעס אין אַנטקעגנדיקן שפּיטאָל, האָב איך זיך גלייך אי-בערצייגט, אַז דער אומגליק איז אַ פאַרטיקער. איך האָב געכאַפּט מיינע דריי איי-ניקלעך און מיין פּלימעניטשקע און זיי באַהאַלטן אין אַ מאַלינע. אַליין בין איך אַראָפּגעלאָפן אַפן הויף און געוואַרט וואָס דאָ וועט זיין. דער גאַזלען ווייס, צוזאַמען מיטן דייטש ריכטער, זיינען אַרומגעלאָפן איבערן הויף מיט אַ רעשימע און געריטשעט, אַז עס פעלן זיי קינדער. אויב מען וועט באַלד נישט אַרויסגעבן די באַהאַלטענע, וועט אָנקומען אַ פּאַלק שטורמיסטן און דעם גאַנצן לאַגער וועט מען אויסשיסן. געזען, אַז פרייוויליק קומט מען נישט, האָט ווייס אַ פייף געטאָן, און אַ סאַך דייטשן זיינען אַריינגעלאָפן אין לאַגער. די

דייטשן האָבן שוין געוואַרט הינטערן טויער, און אַף דעם ערשטן פּיף זיי-נען זיי שוין געווען אינעווייניק און גלייך זיך פאַנאַנדערגעלאָפן איבער די הייזער. זיי האָבן אַלע אידן אַראָפּגעטריבן אַפן הויף און אַליין זיך גענומען זוכן מאַלינעס.

איך בין געשטאַנען אונטן און געטראַכט: עפּשער וועט געשען אַ נעס און מיינע קינדער וועט מען נישט אויפזוכן. נאָר ווי איך טראַכט אַזוי, ערשט איך הער זייער געוויין. מען טראָגט זיי אונטן און מען שטעלט זיי באַזונדער. ווען אַלע איינוואוינער האָבן זיך געפונען אַפן הויף, האָט מען פאַרמירט: אַלטע און קינדער פון איין זייט, און געזונטע פון דער אַנדערער זייט. אַזוי ווי איך בין שוין נישט געווען קיין יונגע, האָט מען מיך געשטעלט צו די קינ-דער. אוי! — ווי מיר האָט זיך געוואָלט זיי ראַטעווען! איך האָב וועגן זיך נישט געטראַכט, נאָר וועגן די ריינע נעשאָמעלעך.

ווען אַ גאַזלען האָט זיך אַף אַ ווייל אַוועקגעקערט, האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס אינגסטע קינד, די איבעריקע איז נישט מעגלעך געווען צו ראַטעווען, און זיך אַוועקגעשאַרט אין דער ריכטונג צו די געזונטע, וועלכע זיינען באַשטימט אַף לעבן.

ריכטער האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג: „וואוהין גייסטו?״ איך האָב געזאָגט, אַז איך גיי בלויז אַנקאַרמען דאָס קינד און באַלד וועל איך צוריק-קומען.

די אידן, וואָס זיינען באַשטימט געווען אַף צום לעבן, האָבן מיך פאַר-שטעלט. מיין צוויי-יעריק אייפעלע האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס. מיטאַ-מאָל זיינען אָנגעפאָרן לאַסט-אויטאָס און מען האָט גענומען וואַרפן אַהין די קינדער מיט די אַלטע.

איך האָב געזען, ווי מען וואַרפט אַהין די צוויי אייניקלעך מיינע. זיי האָבן געשריגן: „באַבעלע, מיר האָבן מוירע!״ אָבער גאָרנישט האָב איך נישט געקענט זיי העלפן, ווייל אויך מיטן געראַטעוועטן קינד בין איך נאָך נישט גע-ווען זיכער. ריכטער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — די גאַלאַשייקע, האָט פאַרגעדענקט, אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען אָנקאַרמען דאָס קינד, ער האָט נישט אויפגעהערט מיך צו זוכן.

ס'איז אַוועק אַ היפּשע צייט. מיר האָבן פיל געליטן פון ריכטערן. ער פלעגט פיר מאָל אַ טאָג קומען זוכן קינדער. איך האָב אויסבאַהאַלטן מיין קינד אונטער אַ קאָרב אין קלאָזעט. דאָרטן איז עס אָפּגעלעגן באַ אַ צען טעג. שפּעטער זיינען מיר אַנטלאָפן פון לאָך און זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט באַ אַ באַקאַנטער.

✻

אַ טאַטע דערציילט וועגן זיין קינד:

ווען די געשטאַפּאָ איז אַריינגעקומען אין קיילים-בלאָק צורויבן די קינ-דער, האָט זיך מיין גאָלדעלע נישט פאַרלאָרן. װעדליק איר וואוקס וואָלט זי

דערווייל זיך געקאָנט אַרויסדרייען. גאָלדעלע האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קינדער. זי האָט מיט זיי געזונגען און געהיים אַפן בוידעם איינגעאָרדנט נישט איין פאָרשטעלונג. גאָלדעלע פלעגט זאָגן:

— בעסער שטענדיק זיין מיט די קינדער, אויב אומקומען איז צוזאַמען.

ווען מען האָט געשלעפּט די קינדער פון קעלערן און מאַלינעס, געריסן זיי פון יאָמערדיקע טאַטע-מאַמעס און געשליידערט זיי אין מאַשין, האָט זיך גאָל-דעלע נישט באַהאַלטן. וויפל די נאָענטסטע האָבן זי נישט געוואָלט אויפהאַלטן, אויסהיטן, האָט גאָלדעלע זיך אָפּגעזאָגט ,ענדלעך האָט זי ווייס באַמערקט און אַ רוף געטאָן:

— קאָם הירּ!

און צוזאַמען מיט אַ קלאַס קינדער האָט מען זי אוועקגעפירט צום באַן. אַ פּוילישער באַן - באַאַמטער, וואָס האָט באַגלייט די קינדער אין זייער לעצטן וועג, איז אַריינגעקומען שפּעטער אין „קיילים" און זיך נאָכגעפרעגט ווער איז דאָ באַ אייך געווען גאָלדעלע קריזשעווסקי? ער האָט דערציילט:

— אין באַן האָבן די קינדער געיאָמערט, איימעדיק געשריקן. גאָלדעלע האָט אָבער אַלעמען באַרויקט. זי האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט מען די דייטשן נישט שענקען, אַז נאָענט איז שוין דער טאָג, ווען זיי וועלן טייער באַ-צאָלן. שפּעטער האָבן זיך פון די וואַגאָנעס געטראָגן רעוואָלוציאָנערע לידער.

א אינגל דערציילט:

דעם 27-טן מערץ 1944, אַזיינער האַלב זיבן אינדערפרי, איז אין לאַ-גער - הויף אַריינגעפאָרן דער פעלדפעבל ריכטער און באַקוקט די צוויי מויערן, ער איז גלייך אַרויסגעפאָרן צוריק און אַריינגעפירט סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן האָט ער אָנגעוויזן: דו — דאָ, דו — דאָרטן. און גלייך האָבן די באַוואָפנ-טע סאָלדאַטן פאַרנומען פּאָסטנס. איך בין דעמאָלט געווען אין באָד, איך האָב געהייצט אַן אויוון. אַז מען איז אַריין און מיר געמאָלדן, אַז דער בלאָק איז אַרומגעשטעלט, האָט מיר אָפּגעריסן באַם האַרצן. ווען איך בין אַרויסגעלאָפן פון באָד איז אָנגעפאָרן אַנטקעגן מיר אַן אויטאָ מיט אַ דרייסיק-פערציק פּאָ-ליציאַנטן אָנגעטאָן אין גראַנאַטענע מונדירן.

איך בין אַרויף אין שטוב צו דער מאַמען. ערשט דאָרטן איז אַ געוויין. איך ווער צעשניטן. איך האָב אָנגעטאָן עטלעכע פּאָר קליידער. די מאַמעס אויך. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מען ליקווידירט דעם בלאָק. די שטימונג איז גע-ווען ווי פאַרן טויט. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז באַ דער ערשטער געלעגנהייט זאָלן מיר לויפן. אויב מען וועט אונדז אוועקשלעפּן מיט אַ באַן — זאָלן מיר שפּרינגען.

דערווייל זיינען די צימערן פול געוואָרן מיט פּאָליציי און מיט דייטשן. די פרויען און קינדער האָבן זיי געשיקט אין שניידער-ווארשטאַט, און די מע-נער — וואו יעדער אַרבעט. קיינער האָט זיך נישט געאיילט: ווער ווייסט, וואו

ס'איז בעסער. מיטאמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס מאָל איז נישט קיין ליקווידאַציע, מען נעמט „בלויז" די אַלטע און קינדער.

וואָס טוט מען! ווי ראַטעוועט מען מיין מאַמען? איך האָב זיך נישט פאַרלאָרן, זי אַריינגעפירט אין באָד, אײַנגעוויקלט זי אין אַ ווינקל און צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, וועגן זיך אַליין האָב איך נישט געטראַכט, אַז מען וועט מיך דאָס מאָל נעמען, ווייל קודעם, אַרבעט איך און, צווייטנס, בין איך נישט קיין קינד.

פאַרדעקט די מאַמע, בין איך אַרויס פון באָד. איך טו אַ קוק אין פּאָדערהויז. דער לייטער, וואָס פירט אויפן בוידעם איז נישטאָ. איך פרעג וועד איז דאָרט, — ענטפערט מיר צילקע רודענסקים קאָל: „מיר זײַנען עס, קום זיך באַהאַלטן".

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר אויפן בוידעם האָט מיך נישט געצויגן. איך בין אַריין אין שלאָסעריי-וואַרשטאַט (לויט דער רעשימע, וואָס האָט זיך געפונען בײַ די דײַטשן בין איך אַ שלאָסער), דורכן פענצטער פון שלאָסעריי זעט זיך דער פּלאַץ לעבן טויער.

אָט פירט מען דאָרט עלטערע פרויען און קינדער. זיי שטייען שוין צווישן פאַרקאָן און טויער. זיי טראָגן מיט זיך קליינע פּעקעלעך. די קעפּ זייַנען אַראָפּגעלאָזט. אַנטקעגן זיי שטייען פּאָליציאַנטן און עסעסאָווצעס. די וואָס קוקן אַרויס דורך אונדזער פענצטער, דערקענען דאָרט באַם טויער, וועד זײַן קינד און וועד זײַן מוטער. זיי כאַפּן זיך פאַר די קעפּ און נעמען אַרומשפּרייזן מיט גרויסע טריט איבער די וואַרשטאַטן: „אוי מיין קינד! אוי מיין טאַטע!"

אָט זע איך, ווי מען פירט די פרוי יאַבראָוו, איר זון, וואָס שטייט אַנטקעגן פענצטער, נעמט זיך קלאַפּן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. מיין מאַמען האָט מען דערווייל נאָך נישט דורכגעפירט; מיסטאָמע נישט געפונען. עס ווערט מיר לייכטער. עס גייט איבער אַ פאַר שאָ. דורכגעזוכט דעם ערשטן מויער, האָט מען זיך גענומען צום צווייטן. ווייס גייט אַרום איבער די וואַרשטאַטן און זוכט, צי מען האָט נישט באַהאַלטן קיין קינדער. איצט איז ווייס אין סטאָלעריי, אַ טיר לעבן אַ טיר מיט אונדז. איך הער פון דאָרט אַ קינדעריש געוויין. ווייס האָט געפונען אַן אייפעלע און טראָגט עס אונטערן אָרעם. באַם אַרייַנגיין אין אונדזער וואַרשטאַט גיט ער איבער זייַן געפינס אַ צווייטן. איך שטיי ווי אַ געליימטער און ווייס נישט וואָס צו טאָן. אָט איז ווייס. צום ערשטן מאָל דערזע איך זייַן עקלדיק פּאָנים, מיט די ברילן אויף דער נאָז, ער טראָגט אַ האַק מיט אַ ברייטער טאַפּאָריסקע. ער באַפעלט, אַז די, וואָס אַרבעטן זאָלן אַריבערגיין אין אַ צווייטן צימער. די איבעריקע כאַפּט ווייס פאַרן קאָלנער און שלײַדערט צום הויף. איצט איז מיין ריי. איך פּרוּוו זיך שטעלן אויף די שפּיץ פינגער, איך זאָל אויסזען העכער. ווייס'ן וועסטו אָבער נישט אָפּנאַרן. ער ווייזט מיר די טיר, און אַן עסעסניק טוט מיך אַ וואָרף אינדרויסן. איך פּרוּוו צו לויפן, ערשט מען פאַרשטעלט מיר דעם וועג: לויף איך צוריק ערשט

ס'פאַרשטעלט מיר אַ צווייטער און אָט בין איך באַם פּאַרקאַן אין איין קופּע מיט די קינדער.

דאָ איז מיין סאָף, טראַכט איך, פון דעם טיגערס ציין וועל איך זיך נישט ארויסדרייען. פונדעסטוועגן פּרוואו איך מיין מאַזל: ווען אַף אַ רעגע קערט זיך אָפּ אַן עסעסאָוועץ, לויף איך ווייטער אין דער ריכטונג צו אַ מויער. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. אפן וועג יאָגט מיך אָן אַ צווייטער פּאַרשוין (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס לוקאַשיס, אַ פירער פון איפּאַטינגאַ) און מיטן הענטל פון רעוואָלווער צעשפּאַלט ער מיר דעם קאָפּ.

איך ליג אין זאַמד, בין האַלב פּאַרכאַלעשט. דער ציווילער פּאַרשוין לאָזט מיך אָבער נישט אָפּ, פאַרן האַנט שלעפּט ער מיך אין אַ באַראַק און בעיס-מאַיסע לאַכט ער. אין באַראַק האָט מען געבראַכט אַ טישל. ווייס האָט זיך אוועקגעזעצט, די בלוטיקע האַק אונטער דער מאָרדע, און עס איז פאָרגעקומען די סאָרטירונג. קינדער — אין באַראַק, און אינגערע פרויען לאָזט ער אָפּ. אָט גייט אַ מאַמע מיט אירע צוויי קינדער. די קינדער — אַ וואָרף, און די מאַמע אָפּגערוקט. און וויל גיין אַ מאַמע מיט איר קינד אינאיינעם, רייסט ער אָפּ מיט געוואַלד. די עלטערן פּאַרגינט ער נישט דעם טויט. ווען עס דערגייט צו מיר, ווייזט ער אָן דעם באַראַק. ווידער נעם איך לויפן, נאָר אַן עסעסניק כאַפּט מיך.

איך האָב זיך פּאַרוקט אין אַ ווינקל און געזוכט אַן אויסוועג. וועגן אנטלויפן קען נישט זיין קיין רייד. איך זוך בלויז אַן אָרט, וואו מען קען זיך באַהאַלטן. מיט אַמאָל באַמערק איך, אַז אין סטעליע איז ארויסגענומען אַ ברעטל, איך טראַכט נישט קיין סעקונדע און קריך ארויף אפן בוידעם. נאָך מיר קריכן אַנדערע. דער בוידעם ווערט פול. איך הער, ווי עס רוישן מאָטאָרן. דאָס זיינען אריינגעפאָרן די „שוואַרצע וואָראָנעס". דער גערויש איז אויסגעמישט מיט געוויינען. דאָס לאָדט מען איצט די צענדליקער קינדער.

אין אָוונט איז שוין געווען נאָך אַלעמען. איך בין אַראָפּ פון בוידעם. צו מיין פרייד האָב איך באַגעגנט מיין מאַמען. זי איז געלעגן ביז איצטער אונטער די קאָלדרעס אין באָד. דער שירמייסטער דרישער, וואָס האָט דורכגענישטערט יעדן ווינקל, האָט זי נישט באַמערקט.

הונדערט פופציק קינדער האָט מען דעם טאָג ארויסגעריסן פון לאַגער (צווישן זיי די צוויי קינדערלעך פון דעם ארטיסט בערעגאָלסקי). איינע אַ פרוי באַם האָט איר קינד בעשום-אויפן נישט געגעבן. וויפל ווייס האָט נישט געשלאָגן, האָט זי עס נישט געטאָן. צוזאַמען מיטן קינד האָט זי פאַרשלונגען די וואָראָנע.

אַ צווייטע פרוי, זשוקאָווסקי, האָט ווייס דערשאָסן אַף אַן אָרט, ווייל זי האָט אים אָנגערופן קינדער-מערדער!

*

זעליג לעווין דערציילט:

איינמאָל איז וויים געקומען אין געטאָ אויפצונעמען מענער צו שיקן קיין עסטלאַנד. דער צען־יעריקער שמוליק קאַטלער איז אַרומגעלאָפן איבער דער געטאָ און געזוכט זיין טאַטן. אנשטאָט זיין טאַטן האָט ער געטראָפן אַף וויסן:

— דו וועסט באַ מיר פאָרן קיין עסטלאַנד אַף אַרבעט, — שרייט אויס דער מערדער.

— הער וויים, — האָט זיך גענומען בעטן שמוליק, — איך בין דאָך אַלט צען יאָר!

— צען יאָר? — האָט איבערגעבאַזערט וויים און גוט אָנגעקוקט דעם צעשראָקענעם שמוליקן.

דערווייל האָט דער מערדער דערזען אַ באַהאַלטענעם אידן, און שמוליק האָט זיך אַרויסעגריסן פון זיינע הענט.

אין אַ האַלב יאָר אַרום, באַם דורכפירן די שכיטע אַף קינדער, האָט וויים זיך ווידער אָנגעשטויסן אַף שמוליקן. צוזאַמען מיט זיין כאַווערל מאַרעק לעווין איז שמוליק געלאָפן זיך ערגעץ ראַטעווען.

וויים האָט זיך צעשמייכלט:

— אַך דו! איצט גייסטו מיט מיר, — זאָגט ער צו שמוליקן — און אויך דו וועסט מיטגיין, — לאָזט ער נישט אָפּ מאַרעקן.

שמוליק האָט זיך אָנגעהויבן בעטן:

— מיין הער, איך בין דאָך שוין 15 יאָר!

וויים האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט איבערן גאַנצן הויף:

— זינט עטלעכע כאָדאָשים ביסטו שוין אַלט געוואָרן 15 יאָר? עס וועט דיר גאָרניט העלפן! — און ער האָט זיי געפירט פאַר די אַקסלען צום שוואַרצן אויטאָ.

שמוליק האָט זיך אָנגעצונדן. סייווי, האָט ער געטראַכט באַ זיך, איז מיין לעבן פאַרפאַלן, האָט ער אַ שפרונג געטאָן אָפן מערדערס האַלדז און מיט די פיסלעך געבריקעט וויסן אין בויך. אויך מאַרעק איז נישט אָפּגעשטאַנען און געשלאָגן אין וויסן.

וויים איז אָבער גיך געקומען צו זיך, און מיט דער מיטהילף פון דער־בייאיקע געשטאַפּאָווצעס בייגעקומען די קינדער.

צוליבן ווידערשטאַנד זייערן האָט ער זיי אין אויטאָ נישט אַריינגע־וואָרפן. ער האָט זייביידן אָנגעכאַפּט פאַר די העלדזער און דערשטיקט.

❦

אַ מאַמע דערציילט וועגן איר קינד:

ווי נאָר מען האָט אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז פרויען און קינדער דאַרפן אַראָפּגיין אָפן הויף, האָט לייבל צו מיר געזאָגט:

— עס איז נישט קיין קונצן אַליין זיך צו באַהאַלטן: מען דאַרף ראַטעווען

אויך אַנדערע. — ער האָט מיך מיט זיין ברודערל יאָסעלע אַריינגעפירט אין אַ סקלאַדיק, אונדז צוגעדעקט מיט צוויי מעטער האָלץ און אַליין איז ער פאַרשוואונדן.

אונטער די האָלץ האָב איך נישט געקענט איינליגן. אָך בין געווען זיכער, אַז מיין לייבלען האָט מען געכאַפּט. נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אָט וואָס:

ווען ער איז פון מיר פאַרשוואונדן, האָט ער געפונען אַ האַק, עס איז גע-ווען די זעלבע האַק, מיט וועלכער ווייס האָט אַרומגעזוכט די קינדער. לייבל איז געלאָפן מיט דער האַק און נאָך זיך מיטגעצויגן אַ צוויי צענדליק קינדער. אויך אַ פּאָר עלטערן זיינען נאָכגעלאָפן לייבלען.

ער האָט זיי אַלעמען אַרויפגעהויבן אויפן בוידעם און גענומען זעצן מיט דער האַק אין בלעך, קעדיי צו מאַכן אַן עפענונג איבערצוקלעטערן ווייטער. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אויפן בוידעם צוויי גוואַלדיקע גרויסע קעסלען, וואו ס'איז געזאַמלט געוואָרן דאָס וואַסער פאַר דער באָד. ווען ער האָט זיך אי-בערגעצייגט, אַז איין קעסל איז אַ פּוסטער, האָט לייבל אין מאָמענט באַשלאָסן, אַז ס'איז דאָס בעסטע אָרט אַף צו באַהאַלטן די קינדער. אָבער ווי אַזוי דער-קריכט מען צו די קעסלען, ווען זיי זיינען דריי מעטער די הויך? לייבל איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען נאָך אַ לייטער, זיך שנעל געקערט צוריק, איבערגענו-מען פון די עלטערנס הענט די קינדער און זיי אַראָפּגעלאָזט אין קעסל. אין קעסל האָט ער אויך אַריינגענומען נאָכדעם דעם לייטער, מען זאָל גאָרנישט באַמערקן.

דאָ האָט מען ווייסן געמאָסערט, אַז אויפן בוידעם, וואו עס שטייען די קעסלען, האָט מען באַמערקט אַרויפקריכן קינדער.

ער איז גיך אַהין אַוועקגעלאָפן און אָנגעהויבן נישטערן. ער האָט קיינעם נישט געפונען. דער לייטער צו די קעסלען איז נישט געווען. קעדיי צו זיין אין אָרדענונג מיטן „געוויסן", האָט ער גענומען קלאַפּן מיט אַ שטעקן אין די קעסלען:

— קינדער, קומט אַרויס, איך האָב פאַר אייך פּוטער, צוקערקעס!

— צוויי-יעריקע קינדער זיינען אָבער געלעגן מיט פאַרשלאָסענע אָטעמס. פון קעסל האָט זיך נישט געהערט קיין פּיפּס.

✻

פון דעם באַן-מאַשיניסט יוזעף רינצעוויטש, וואָס ער אַליין האָט גע-פירט דעם באַן מיט די קינדער, האָט מען זיך שפּעטער דערוואוסט:

די קינדער אי פון „קיילים", אי פון „ה. ק. פּ.", צוזאַמען ביי אַ צוויי הונדערט, האָט דער מאַשיניסט דערפירט ביז קראָקע, וואו מען האָט זיי אַריינ-געבראַכט אין אַ דייטשישן שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט מען די קינדער פאַרמירט, פון אַ טייל האָט מען אַרויס-

געצווינגן דאָס בלוט, אַף טראַנספּאָזיעס פאַר דייטשן. און בא דעם אַנדערן טייל האָבן דייטשע ספּעציאַליסטן אָראַפּגעצויגן פון די פּענימער די צאַרטע הויט, קעדיי אויסצונוצן זי אַף קאָסמעטישע אָפּעראַציעס — פאַר פאַרוואונדעטע און אָפּגעבריטע דייטשע סאָלדאַטן.

## אין דער באַפּרייטער ווילנע

גלייך ווי איך בין געקומען אין דער באַפּרייטער ווילנע, איז איינער פון מיינע ערשטע באַזוכן געווען אין דער קאַמער נומ. 16, אין געשטאַפּאָ. די קאַמער איז טרויעריק באַרימט געווען אין געטאָ. אין דער דאָזיקער קאַמער איז פאַרפייניקט געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ — איציק וויטענבערג. דאָ איז וואַכנלאַנג געזעסן נויעך פּרילוצקי. די דאָזיקע קאַמער איז באַשטימט געווען בלויז פאַר אידן — אויך אין טורמע האָט מען אָפּגעטיילט אידן פון „אַריער".

און, אָט בין איך אינעווייניק. די קאַמער אָטעמט נאָך מיט די ווי-געשרייען פון מיינע פריינט און כאַווײרים. די ווענט זיינען באַשפּריצט מיט בלוט. טויזנטער אויפשריפטן איז נאָך צו מערקן אַף די ווענט. אַ סאַך פאַרמישפּעטע האָבן דאָרט אָנגעשריבן זייער אייגענע מאַציייווע. בא דער שיין פון זון-פאַרגאַנג, וואָס טיילט נאָך בוילעטער אויס די רויטקייט פון די ווענט, לייען איך:

נעמט נעקאָמע!

איציק וויטענבערג.

16-טער יולי 1943.

*

אָט איז נאָך אַן אויפשריפט:

ווער עס קען רייבאָווע, אַף באַן-גאַס 9, זאָל וויסן, אַז זי האָט אומגעבראַכט צוויי אומשולדיקע נעשאָמעס. ביזן לעצטן דאָר זאָל זי פאַרשאָלטן זיין! איר בלוט זאָל רינען פון אירע אייניקלעך און אור-אייניקלעך, ווי עס רינט פון אונדז אומשולדיק בלוט. זי האָט אונדז אַרויסגעגעבן און מיר גייען אַף פּאָנאַר.

די שוועסטער טראַקונסקי.

— ⁂ —

אַ סאַך אויפשריפטן זיינען שוין אָפּגעמעקט פון די ווענט. עס איז קענטיק, אַז מען האָט זיי ספּעציעל געשאָבן, עס זאָלן נישט איבערבלייבן קיין סימאָנים.

אויך אין דער געטאָ-טורמע אַף לידסקער געסל זיינען פאַרשריבן די ווענט

פון די צום טויט-פאַרמישפּעטע. אַט זיינען עטלעכע געזעגענונגען מיט זיער וועלט:

טעג איר גאָלדענע פון יוגנט,
כ'האָב אייך ווינציק וואָס געזען.
טעג איר טריבע, פּעכיק לאַנגע,
ווען וועט איר פאַרגיין שוין, ווען?

ווילנער געטאָ-טורמע
5. 9. 1943.

דער עמעס מוז זיגן.
לידסקע איז דער וואָקזאַל צו פּאָנאַר.

*

דאָ איז געזעסן יאָסעלע, ער גרייט זיך צו פּאָנאַר.

## דאָס פאַרברענען די מייסים

ווען אין פּאָנאַר איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן איבער הונדערט טויזנט מענטשן, איז געקומען אַ באַפעל פון הימלערן צו דעם הויפּט פון ווילנער געשטאַפּאָ נויגעבויער: פאַרברענט די מייסים, עס זאָל נישט איבערבלייבן קיין סימן. גלייכצייטיק איז צוגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעל-אָפּגעדרוקטע בראָשור פון הימלערס געהיימע אויסגאַבע, וואו עס ווערט אָנגעוויזן מיט אַלע גענויקייטן די סיסטעם, ווי אַזוי דורכצופירן די פאַרברענונג.

דער איד קאַמערמאַכער, וואָס ביז יוני 1944 האָט ער געאַרבעט אויפן הויף פון געשטאַפּאָ, איז באַהאַוונט געווען אין אַלע פּראַטים, וואָס עס האָט זיך געטאָן בײַ די מערדער. ער האָט דערציילט:

אין סעפּטעמבער 1943, גלייך נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ, ווען די ספּעציעל-אויסגעטיילטע בריגאַדע אַף צו פאַרברענען די טויטע איז דורכגעגאַנגען דעם אינסטרוקטיוון קורס, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט נויגעבויער אַליין, האָט מען אָנגעהייבן פּראַקטיש דורכצופירן די זאַך.

די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרן פאַרברענען די הונדערט טויזנט מענטשן זיינען געווען נויגעבויער און זיין שפּעטערדיקער פאַרבייטער פּוילהאַבער, די טרויעריק-באַקאַנטע מאַרטין ווייס, קיטעל, לעגעל, שניידער, קראָס, פידלער און איינער אַ שטורעם-פירער, וועלכן קיינער האָט נישט געקאָנט בײַם נאָמען. בײַכלאַל מוז מען זאָגן, אַז די גאַנצע ווילנער געשטאַפּאָ איז געווען פאַרטאָן אינעם פאַרברענען די הארוגים. די דייטשישע מאָשלים האָבן קענטיק געפילט, אַז אין די נאָענטסטע כאָדאָשים וועט זיך דער פראָנט דערנעגנטערן, און אַז סאָף-קאָל-סאָף וועט מען זיי פון דער שטאָט פאַרטרייבן.

קעדיי צו האָבן ארבעטער, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער שרעקלעכער ארבעט, האָט ווייס צונויפגענומען פון די טורמעס מענטשן און האָט זיי אוועקגעפירט אַף פּאָנאַר. די געבראַכטע זיינען געווען זיכער, אַז מען פירט זיי שיסן. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען פירט זיי אַף עפּעס אַנדערש. זיי האָבן באַדאַרפט מאַכן אַ בונקער פאַר די, וואָס וועלן ברענען די מייסים. ווי דערמאָנט, זיינען געווען אין פּאָנאַר פאַרשידענע גריבער. איין גרוב, וואָס איז אויסגעפלאַסטערט געווען רונד אַרום מיט געהאַקטע שטיינער, די-אָ גרוב, באַ אַ הונדערט פופציק מעטער פונעם אַריינגאַנג דורכן גראָדנער שאָסיי, — איז באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן פאַר דער „היים" פון די מייסים-ברענער.

*

די, וואָס מען האָט געבראַכט אין פּאָנאַר אַף אויסצובויען דעם בונקער, האָבן נישט געוואוסט, אַז אויך זיי גופא וועט דאָרטן אויסקומען צו וואוינען. צוערשט פלעגן זיי אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז אָוונט, און דערנאָך פלעגט מען זיי אָפּפירן צוריק אין לוקישקער טורמע, אָדער אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ.

די גרוב איז קיילעכדיק, אַ מעטער פופצן די ברייט, אין דער טיף האַלט זי פיר מעטער. זי איז דורכאויס שטאָציק. די שטיינער אין די ווענט זיינען איינגעמויערט גלאַט, נישט מעגלעך דאָ אַריינצורוקן אַ פינגער. אין דער-אָ גרוב זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע אָפּטיילונגען: אַ קעמערל פאַר עסנוואַרג, אַן אוביקאַציע, און צוויי לאַנגע קאַמערן מיט נאַרעס אַף צו שלאָפן. פון אויבן איז די טורמע פאַרלייגט געוואָרן מיט שווערע קלעצער. אַף די קלעצער האָט מען נאָך אָנגעלייגט שטיינער, ערד און קאָלערליי אָפּפאַל. בלויז אין צוויי ערטער האָט מען געלאָזט אָפן. אין יעדע עפענונגען האָט מען אַריינגעשטעלט לייטערס. איין לייטער איז באַשטימט געווען פאַר די אַרעסטאַנטן, און דער אַנדערער, אַ פיל בעקוועמערער — פאַר די דייטשן, קעדיי אַראָפּצוגיין קאָנטראָלירן.

ווען דער בונקער איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען זיינע בויער שוין מער נישט אָפּגעפירט נעכטיקן אין די טורמעס. פאַרקערט, מען האָט געבראַכט אַהער פון געשטאַפּאָ נאָך אַ סאַך געפאַנגענע און אַלעמען באַזאָרגט מיט געלעגער אין דעם פּאָנאַרער בונקער. צווישן די אַכציק פאַרשלעפּטע קיין פּאָנאַר זיינען געווען 70 אידן, 9 רוסישע געפאַנגענע און איין יונגער פּאָליאַק, באַ וועמען מען האָט געפונען באַהאַלטן אַ אידיש מיידעלע לייעלע, פון דאָרף לעשניק.

דעם בונקער האָט מען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, הינטערן דראָט אַרומגעלייגט מינעס, און הינטער די מינעס ווידער אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. דערצו נאָך איז הינטער דער צווייטער דראָטענער צוים אַף יעדער צוויי מעטער געשטאַנען אַ וואַכמאַן מיט אַן אויטאָמאַט.

שלוימע גאָל, איינער פון די שפּעטער אַנטלאָפענע פון דעם פּאָנארער בונ-קער, האָט מיר דערציילט: ווען אַלע אַכציק האָבן זיך שוין געפונען אין בונ-קער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַפּן באַזונדערן לייטער דער שטורעם-פירער — אַ הויכער, בלאָנדער דייטש, מיט גאָלדענע אַרויסגעשטאַרצטע ציינער. ער האָט באַקוקט דורך אַ מאָנאָקל, ווי אַזוי עס איז אויסגעשטאַט די נייע „וואוינונג" און האָט אַלעמען אַרויסגערופן אינדרויסן. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע:

„פון היינט, — האָט געזאָגט דער שטורעם-פירער, — בלייבט איר שוין דאָ אַרבעטן אויף שטענדיק. עס וועט אייך זיין נישט שלעכט... צום עסן וועט איר באַקומען גוט און גענוג. אָבער האָרעווען וועט איר מוזן טיכטיק. איר וועט זיין באַשעפטיקט בא אַ ספּעציעלער מעלוכעשער אַרבעט. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס די ליטווינער האָבן אָפּגעטאָן שרעקלעכע באַזרייעןן; זיי האָבן אויסגעהאַרגעט 90 טויזנט מענטשן און דאָ פוילן זייערע קערפּערס. דאָס איז אַ שאַנד פאַר דער וועלט און פאַר דער געשיכטע! דעריבער מוז מען פאַרווישן אַלע סימאָנים. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, וועט איר דאַרפן אויסגראָבן אויף צו-ריק אַלע מייסים און אויף ספּעציעלע שייטערהויפנס זיי פאַרברענען. נאָכדעם וועט איר דאַרפן פאַרשיטן די גריבער און זיי פאַרגלעטן, עס זאָלן נישט אי-בערבלייבן קיין מינדעסטע סימאָנים.

ווי אַזוי צו מאַכן די שייטערהויפנס וועט מען אייך לערנען באַזונדער. אויב נאָכן פאַרברענען די קערפּערס וועלן איבערבלייבן שטיקער ביינער, דע-מאָלט באַדאַרף מען זיי צעשטויסן אויף אַש און דעם אַש איבערמישן מיט געלן זאַמד. אויב איר וועט אַרבעטן אָרנטלעך, וועלן מיר אייך דערנאָך אָפּשיקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. יעדערער וועט אַרבעטן לויט זיין געביט, ווי ער וועט זיך אַליין אויסקלויבן".

דעמאָלט האָט ער געהייסן אונדז נעמען דאָס הילצערנע לייטערל, וואָס איז באַשטימט פאַר אונדז, און זיך אַראָפּלאָזן אין גרוב. ווען מיר זיינען אַלע שוין געווען אינעווייניק, האָט אַפּן באַזונדערן לייטערל זיך אַראָפּגעלאָזט דער שטורעם-פירער מיט זיינע אַדיוטאַנטן קראַס און פידלער. ער האָט אונדז אויס-געשטעלט אין אַ ריי און געמאָלדן:

„ווי געזאָגט, בלייבט איר שוין בא מיר אויף דער אַרבעט. נאָר קעדיי איר זאָלט פון דאַנען נישט אַנטלויפן — מוזט איר געשמידט ווערן אין קייטן. — און דערביי האָט דער שטורעמפירער אַליין געבראַכט אַ שווין צוגעגרייטע קייט, זי אָנגעטאָן אויף איינעם פון אונדז און געוויזן דעם מאָדעל, ווי אַזוי דאָס דאַרף געמאַכט ווערן.

דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן: „וואו איז דאָ דער שמיד?"

פון דער ריי איז אַרויסגעקראָכן אַוראָם גאַמבורג, וואָס האָט זיך פריער געהאַט אָנגעגעבן פאַר אַ שמיד.

יעדערער האָט געמוזט אַוועקשטעלן זיין פוס אויף אַ שטיין, און פאַרן שטורעם-פירער אין די אויגן האָט גאַמבורג אונדז געשמידט אין קייטן איבער

די שטיוול. דער אָפּשטאַנד אין די קייטן איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט געקענט בלויז מאַכן אַ געוויינלעכן טראָט.

נאָכדעם איז דער שטורעם-פירער צוגעגאַנגען צו איטלעכן און האָט קאָנ-טראָלירט, צי ער איז גוט געשמידט. ער האָט העפלעך יעדערן אויסגעפרעגט — פונוואַנען ער איז, וויפל יאָר, זיין פאַך, און ווידער געהאַלטן אַ רעדע:

איר זאָלט גאָרנישט פּרוּוון פונדאַנען צו אַנטלויפן, ווייל פון פּאַנאַר איז נאָך קיינער נישט אַנטלאָפן. יעדער פּאָר שאָ וועט מען אייך קאָנטראָלירן די קייטן. אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די קייטן זיינען נישט אין אָרדענונג, ווערט איר גלייך דערשאָסן. באַם גיין מוזן די קייטן קלינגען. נישט בלויז באַ אַלעמען צוזאַמען, נאָר באַ איטלעכן באַזונדער. דעריבער דאַרף מען הויבן די פיס. אַרבעטן זאָלט איר גוט, פלייסיק, ווי פאַר זיך אַליין. פאַר דעם מינדעסטן סאַבאָטאַזש ווערט מען דערשאָסן. פאַר ברעכן די דיסציפּלין ווערט מען דער-שאָסן.

נאָכדעם האָט ער אונדז געהייסן אַרויפקריכן אין דער הויך און אַרויפ-ציען נאָך זיך דעם לייטער.

# פּ י ג ו ר ן

שלוימע גאָל דערציילט ווייטער:

פיר סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע אויטאָמאַטן האָבן אונדז אַוועקגעפירט צו דער אַרבעט. צוערשט גייען מיר אַריין אין אַ קאַמער. דאָרטן ליגן די אינ-סטרומענטן: רידלען, קירקעס, שופלען, קאַטשערעס, לאָמען, גראַבליעס און העק. יעדערער נעמט זיך דאָס נייטיקע און מיר גייען ווייטער. דער שטורעם-פירער איז אַ לאַנגן פעלץ באַגעגנט אונדז אַפן וועג. ער הייסט אונדז אַוועקלייגן די מאַכשירים צוריק. — קעדיי איר זאָלט זיך צוגעוואוינען צו אַרבעטן — זאָגט ער, — זיינען צום ערשטן מאָל נישט נייטיק קיין מאַכשירים. איר וועט טראָגן די פאַרפוילטע קערפּערס מיט די הוילע הענט. — און קעדיי אונדז געבן צו פאַרשטיין, אַז מען וועט נישט מאַכן קיין צערעמאָניעס, האָט ער גלייך גע-כאַפּט אַ נאַהייקע און אונדז איינגעטיילט די ערשטע שמיץ.

— דיסציפּלין, האָב איך געזאָגט, דיסציפּלין!

אָבער ווי נאָר מען האָט אונדז אַראָפּגעפירט אין איינעם פון די הויפּט-קוואָרים, וואו אָפּשאַרנדיק אַ שיכט זאַמד האָבן מיר דערזען אַ קופּע מייסים איינער אַפן אַנדערן, האָבן אַ סאַך אַרבעטער אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַ-טישן געוויין און זיך נישט געקענט צורירן צו די קדוישים, אונטער אַ האָגל קלעפּ האָט זיך ענדלעך אָנגעהייבן די אַרבעט.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָט מען אונדז שוין דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט די מאַכשיירים אף אויסצוגראָבן די מייסים און זיי טראָגן צום שייטער,

דערביי האָט אונדז דער שטורעמפירער אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אײַנפּאַקן פאַרגעסן, אַז די מייסים זײַנען געווען אַמאָל מענטשן. היינט זײַנען דאָס טויטע קעגנשטאַנדן — „שייסדרעק" — און מען דאַרף זיך דערמיט בלויז רעכענען, ווי מיט שטיקער מאַטעריאַל. קלעצער אָדער ענלעכעס... ער האָט אונדז פאַרבאָטן אָנצורופן די מייסים „מענטשן", „קערפּערס", אָדער ענלעכס. ער האָט געהייסן באַם ציילן אָדער ראַפּאָרטירן אָנצורופן זיי — „פיגורן".

*

דער קריגס-געפאַנגענער קאָנסטאַנטין פּאַפּאַנין, וואָס אויך ער איז אַרײַנגעפאַלן צווישן די מייסים-ברענער און האָט זיך נאָכדעם געראַטעוועט, האָט מיר דערציילט:

...מיר האָבן גענומען לאָפּעטעס און זײַנען אַוועק ווייטער. מיר דערזעען אַ גרויסע גרוב. און מענטשן, געשמידטע ווי מיר, שטייען דאָרטן און וואַרפן אָפּ די זאַמד פון אויבן. עס שטינקט פונדערווייטן, אַז מען קען נישט צוגיין. באַם ראַנד גרוב שטייען דעם שטורעמפירערס פּאַרטרעטער פידלער און לעגעל. ביידע זײַנען זיי אָנגעטאָן אין פעלצן און הויכע וואַליקעס. באַ ביידן אין די קעשענעס שטעקן פלעשער וויין. יעדע ווײַלע נעמען זיי אַרויס די מאַשקע און גיבן אַ זופּ. פידלער גיט אונדז אינסטרוקציעס. ער הייבט אָן אַף דייטש און ענדיקט אַף פּויליש:

— אויב איר וועט געפינען ביינער, לייגט אָפּ אין אַ זייט! באַ אונדז גייט דאָ קיין זאַך נישט פאַרלוירן.

איך שטעק אַרײַן די לאָפּעטע אין דער ערד און דערפיל, אַז זי גייט נישט ווייטער. עס רײַסט זיך אַרויס פון מיר אַ געשריי:

אַ מעס, דאָ ליגט אַ מעס!

— נישט קיין מעס, נאָר אַ פיגור! — לאַכט זיך פאַנאַנדער לעגעל, און ער טוט אַ זופּ פון דער פלאַש, — אויב דו געפינסט אַ פיגור, זאָלסטו זי אָפּריניקן, זי זאָל אײַנגאַנצן זײַן קאָנטיק. דערביי ריטשעט ער: שנעלער! נעם מערער זאַמד אַף דער לאָפּעטע! רייניק אָפּ פון דער פיגור דעם זאַמד! נענטער! נענטער! איך וועל דיך אויסלערנען אַרבעטן!

עס קומט צו דער שטורעמפירער אַליין. יעדעס מאָל, ווען איך זע אים טראָגט ער אַנדערע קליידער. דאַכט זיך, אָקאָרשט געגאַנגען אין ווייסע וואָליקעס און אַ פעלץ, איצט איז ער שוין אין שטיוול און אַ לעדערנעם מאַנטל. ער שטעלט זיך מיר אַנטקעגן און באַפעלט אויפצוהערן גראָבן. איך מיט איינעם מיכעלמאַן (געוועזענער אייגנטימער פון אַ ווילנער רעסטאָראַן) דאַרפן טראָגן די פיגורן, גראָבן וועלן אַנדערע. מיר באַקומען אַ נאָסילקע, וואָס איז געמאַכט פון צוויי לאַנגע בעריאָזעווע פלעקער, צוגעשלאָגן צו צוויי ברעטלעך, און דער שטורעמפירער ברענגט אונדז צו אַ צווייטער גרוב. איך זע, ווי דאָרט אינעווייניק שטייען געשמידטע אַרבעטער: איציק דאָגים, טשמעלינא, גאָלד-

בערג, און מיט אייזערנע קירקעס ציען זיי אָפּ אין אַ זייט די אויסגעגראָבענע פיגורן. מיר זאָלן זיי קענען נעמען.

די „פיגורן" ליגן אין איין גרויסן געמיש. קעפּ, פיס, הענט זיינען פאַר-פלאָכטן איינס אַף ס'אַנדערע. מען ליגט אַפן זייט, אַפן בויך, אַף דער פּלייצע. בא אַנדערע זיינען פאַרדעקט די פּנעמער מיט די הענט. אַרום פּרויאישע העלדזער זיינען צוגעטוליעט קינדער. אָט איז אַ מאַן מיט אַ פרוי: די אָרעמס זיינען אַרומגעקלאַמערט איינער אַרום צווייטן. אייניקע זיינען נאַקעט, אַנדערע אָנגעטאָן. פון דער ערד קריכן אַרויס פיס און אויסגעשטרעקטע פויסטן. די פאַרב פון די קליידער איז אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען — גרוי, די קערפּערס זיינען פאַרשיידנקאָליריקע: גרינע, רויטע, בלויע, און וויפל נאָר קאָלירן עס זיינען דאָ אַף דער וועלט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די פאַרשיידנפאַרביקע קליידער זיינען אין דער פייכטער ערד אָפּגעגאַנגען אַף די לייבער. אַנדערע „פיגורן" זיינען דין ווי פּאַפּיר, דאָס זיינען פון די אונטערשטע שיכטן, בא אַנדערע טיילן. די קעפּ זיינען גאַנץ און די אונטערשטע טיילן צעשיטן זיך.

*

איינמאָל האָט דער שטורעמפירער באַמערקט, אַז צוויי פיגורן-טרעגער גייען עפּעס וואַקלדיק און האַלטן זיך פאַר די קעפּ, ער איז צו און זיי גע-פרעגט:

— וואָס, עפּשער נישט געזונט?

די אַרבעטער האָבן זיך מוידע געווען:

— יאָ, מיר האָבן היץ. דער קאָפּ טוט וויי.

— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט דער שטורעמפירער, — טאָ וואָס-זשע שווייגט איר? קומט איך וועל אייך אָוועקפירן אין שפּיטאָל.

די אַרבעטער זיינען אַוועק צוזאַמען מיטן שטורעמפירער. ער האָט זיי אָפּגעפירט בא אַ קילאָמעטער און דערשאָסן אין אַ ספּעציעל צוגעגרייטער גרוב.

פון דעמאָלט אָן פלעגט דער שטורעמפירער אַרומקוקן יעדן איינציקן — און ווער עס איז' געווען קראַנק פלעגט ער אָוועקפירן אין „שפּיטאָל".

ווען די אַרבעטער האָבן זיך פון דעם דערוואוסט, פלעגן שוין קראַנקע מיט 40 גראַד היץ אַרבעטן ביז די לעצטע קויכעס.

## די פאַרטיילונג פון די פונקציעס

די אַרעסטאַנטן זיינען פאַרטיילט געוואָרן אין פאָלגנדיקע פאַכן: יעדער איינער האָט זיך געדאַרפט ספּעציאַליזירן אין זיין „געביט" און ווערן אַ מייסטער:

פיגורן-גרעבער,

פיגורן-טרעגער,
האָלץ-פאַרזאָרגער,
פייער-מייסטער,
אַשן-זיפּער,
און סימאָנים-פאַרגלעטער.

פאַרן בריגאַדיר, עס הייסט פאַרן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער אַרבעט איז באַשטימט געוואָרן מאָטל גאָלדבערג (געווען אַ פּריקאַזטשיק בא שורן אין פאַרב-קראָם, אַף גיטקע טויבעס זאַוואָלעק). גאָלדבערג האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז מען זאָל געוויסנהאַפטיק אויספירן די אַרבעט און יעדער אַרעסטאַנט זאָל זיך געפינען אַף זיין פּאָסטן.

איינמאָל, באַם אויסגראָבן די מייסים, האָט ער דערקענט זיין פרוי מיט זיינע צוויי קינדער, וועלנדיק אָפּגעבן קאָוועד זיינע טייערסטע, האָט ער זיי אַליין אַוועקגעטראָגן צום שייטערהויפן און ווען די מייסים האָבן געברענט האָט ער־געזאָגט קאַדיש.

די פיגורן-גרעבער. זייער אויפגאַבע איז אַ פּראָסטע: אויפגראָבן די טויטע, מיט ספּעציעלע האָקנס זיי אַרויסשלעפּן פון די גריבער און צוגרייטן פאַר די טרעגער. אויב צוויי גופים זיינען צונויפגעפּאַרט אינאיי־נעם, באַדאַרף מען זיי פאַנאַנדערשפּאַלטן און צעטיילן באַזונדער. די פיגורן דאַרף מען רייניקן. עס טאָר נישט איבערבלייבן קיין סימען זאַמד. באַם געפינען באַזונדערע מענטשן-טיילן, ווי קעפּ, פיס, הענט, איז דער כעשבן אַזאַ: צוויי קעפּ איז אַ פיגור. פיר הענט און צוויי פיס איז אַ פיגור. צוויי גופים אָן הענט און פיס איז אַ פיגור.

באַם עפענען אַ מאַסן-קייווער פלעגט שטענדיק מוזן בייזיין וויים. ער, וואָס האָט אַליין אומגעבראַכט די טויזנטער, האָט בעסער ווי אַלע אַנדערע געוואוסט די ערטער. ער פלעגט גוט באַשמעקן די פעלדער און אָנווייזן:

— היר, היר...

ווען אַ קייווער איז שוין געווען פּוסט, — אַלע מייסים אַרויסגעטראָגן און פאַרברענט, — פלעגט וויים באַפעלן די אַרבעטער, מען זאָל אַריינלייגן צוריק עטלעכע פיגורן. אויב מען וועט אַמאָל נאָך דער מילכאָמע, גראָבן אין פּאָנאַר, זאָל מען נישט געפינען קיין הונדערט טויזנט, נאָר אַ צענדליק קאָרבאָנעס.

די פיגורן-טרעגער האָבן געהערט צו דער זעלבער קאַ־טעגאָריע. זאָלבעצווייט דאַרפן זיי אַרויסטראָגן דריי טויטע מיטאַמאָל און זיי איבערגעבן די פייער-מייסטערס, וואָס גרייטן צו דעם שייטער. דערביי האָבן זיי באַדאַרפט געגעבן ציילן, וויפל פיגורן זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון קייווער.

די האָלץ-פאַרזאָרגער האָבן געאַרבעט גרינגער: זיי פלעגן זעגן ביימער פון די דערבייאיקע וועלדער און אַריינפירן אין פּאָנאַר. די קלעצער האָבן באַדאַרפט זיין צו פינף און צו אַכט מעטער.



ווילנער אידן אױף די שייטערן אין קלאגא (עסטלאנד)




דער בונקער פון די מייסים-ברענער אין פאנאר

די פייער-מייסטער האָבן זיך גערעכנט באַ די דייטשן פֿאַר די פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטער. זיי פֿלעגן אויפֿבויען דעם שייטער-הויפֿן, אַרויפֿלייגן די מייסים אין פֿאָרעם פֿון אַ פּיראַמידע און זיי פֿאַרברענען.

יעדע פיגור האָט מען פֿאַרן אַרויפֿלייגן אפֿן שייטערהויפֿן באַדאַרפֿט גענוי דורכקוקן, דורכטאַפּן די קעשענעס און אַרויסנעמען פֿון דאָרט וואָס נאָר מען האָט געפֿונען. איין אַרבעטער איז דערביי געשטאַנען מיט אַ צוואַנג און אַרויסגעריסן ביי די מייסים זייערע גאָלדענע ציינער. די ציינער פֿלעגן געקליבן ווערן אין באַזונדערע קאַסטנס און דער שטורעמפֿירער אָדער ווייס פֿלעגן עס שפּעטער צונעמען.

די ביינער-שטויסער דאַרפֿן אויפֿקלייבן אַלע ביינער און ביינדלעך, וואָס זיינען נישט פֿאַרברענט געוואָרן אפֿן שייטערהויפֿן, זיי אַריינעמען אין אַ גרויסע שטיינערנע סטופּע, און מיט אַ שווערן אייזערנעם טוקאַטש צעשטויסן זיי אַזוי, עס זאָל בלייבן אַש. דאָס ווערט אויפֿגענומען אויף אַ טאַטשקע און אַוועקגעפֿירט צו די אַשן-זיפּער.

די אַשן-זיפּער זיינען נישט אַלעמאָל אפֿן זעלבן אָרט. זיי שטייען באַ די פּוסטע קוואָרים לעבן גרויסע געדיכט-געפֿלאָכטענע זיפּן און מיט לאָפּעטעס זיפּן זיי: אַ לאָפּעטע — מענטשן-אַש און אַ לאָפּעטע זאַמד.

די שערבלעך און שטיקלעך ביינדלעך, וואָס זיינען איבערגעבליבן ביי דעם ראַנד פֿון דער זיפּ, פֿלעגט מען ווידער אַריינעמען אין שטייסל און נאָכאַמאָל שטויסן.

אין קייווער שטייען די סימאָנים-פֿאַרגלעטער מיט גראַבליעס און מישן דורך נאָכאַמאָל די אַריינגעקומענע מאַסע אַש און זאַמד און באַשיטן עס מיט פּאָשעטער ערד, פֿאַרגלעטן עס, און די אַרבעט איז געענדיקט.

## דער געבוי פֿון שייטערהויפֿן

דער סיסטעם פֿון שייטערהויפֿן איז געמאַכט געוואָרן אַזוי:

מען פֿלעגט אויסגראָבן אין דער ערד דריי פּאַראַלעלע קאַנאַלן צו אַנדערהאַלבן ביז צוויי מעטער ווייט איינער פֿון צווייטן; פֿופֿציק סענטימעטער די ברייט און זעכציק סענטימעטער די טיף און באַ אַכט מעטער די לענג. אין דער קווער פֿון די ערשטע דריי קאַנאַלן פֿלעגט מען אויסגראָבן ווידער דריי קאַנאַלן פֿון דער זעלבער גרויס און עס פֿלעגט זיך באַקומען אַזאַ מין פיגור.



אינמיטן, בײַ דער קרייציקונג פֿון די מיטלסטע צוויי קאַנאַלן, פֿלעגן זיין אײַנגעגראָבן פֿיר קלעצער צו פֿינף מעטער די הויך, וועלכע פֿלעגן אין זייער אויבערשטן טייל עטוואָס צוגענייגט ווערן איינע צו דער צווייטער און אויבן פֿלעגן זיי ווערן פֿאַרבונדן. אַזוי אַרום פֿלעגט זיך באַקומען אַ קאָנוס־אַרטיקער פּיראַמיד־קוימען פֿון האָלץ. אַרום דעם קוימען פֿלעגט מען אויסלייגן צו פֿינף אַכט־מעטערדיקע קלעצער פֿון יעדער זייט. דערנאָך פֿלעגט מען זיי אַרומלייגן מיט טרוקענע בלעטער־צווייגן און ערשט אויף דעם האָט מען אויסגעלייגט די קערפּערס מיט די קעפּ צום דרויסן און די פֿיס צום קוימען אין צוויי רייען, דאָס הייסט, צוויי קרייזן קערפּערס — אַן ענגערער קרייז נאָענט צום קוימען און אַ צווייטער, ברייטערער קרייז — אַרום דעם ענגערן. אויבן אויף די קערפּערס פֿלעגט מען אַרויפֿלייגן קירצערע שייטלעך טרוקענע האָלץ און זיי באַגיסן מיט שוואַרצן מינעראַל־אייל און מיט בענזין. דאָס פֿלעגט זיין דער ערשטער שיכט. אויף דעם דאָזיקן שיכט פֿלעגט קומען אַ צווייטער שיכט מיטן זעלבן סיידער, נאָר מער נישט אין אַן עטוואָס קלענערן קרייז, קעדיי, ביז אויבן זאָל זיך באַקומען אַ פּיראַמידע.

יעדער שיכט איז באַשטאַנען פֿון אַרום 250 מייסים, און די גאַנצע פּי־ראַמידע ביז 3.500. ווען אַזאַ פּיראַמידע פֿלעגט פֿאַרטיק ווערן, פֿלעגט מען פֿון אויבן דורכן הילצערנעם קוימען נאָך אַרייַנגיסן 12 עמער אייל און עטלעכע ליטער בענזין. נאָכדעם פֿלעגט מען אויך דורך די לעפֿצונגען פֿון יעדן קאַנאַל אַרייַנגיסן צו דריי קריגלעך אייל און בענזין. און צו דעם אַלעמען פֿלעגט מען נאָך אַרייַנוואַרפֿן אין דעם קוימען און אין קאַנאַל צינד־באָמבעס, צולעצט פֿלעגט מען אָנצינדן אַ שטיקל האָלץ, געטונקט עם אין אייל און בענזין, און פֿונוויטן אַרייַנוואַרפֿן עס אין איינעם פֿון די קאַנאַלן. דער שייטער פֿלעגט מאָמענטאַל אויפֿלאַקערן מיט אַ שרעקלעכן קנאַל אין אַן אויסערגעוויינלעכן גרויסן פֿייער.

„איך בין געווען באַשטימט פֿאַרן פֿייער־מייסטער, צו מאַכן דעם פֿלאַ־קער, — דערציילט מיר גאָל, — דאָס איז געווען איינע פֿון מיינע שטאַרקסטע איבערלעבונגען.

דער רויך און דער טשאַד האָט געשטיקט און פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם.

אַ שייטערהויפֿן פֿלעגט ברענען אַמאָל 7, 8, ביז 10 טעג. מען פֿלעגט מוזן שטיין אַרום פֿייער און היטן: אינמיטן פֿלעגט אָפּט אַראָפּפֿאַלן פֿון שייטער אַ פֿוס, אַ האַנט, אַ קאָפּ, איך האָב דאָס געמוזט אַרויפֿנעמען אויף אַן אייזער־נעם שופֿל און צוריקוואַרפֿן אין פֿייער.

אַזאַ איז געווען דער סיידער פֿון דער אַרבעט, וועלכע פֿלעגט זיך איבער־כאַזערן פֿעריאָדיש ביז עס זיינען פֿאַרברענט געוואָרן 56.800 מייסים. דאָס איז געווען אַ העלפֿט פֿון די פּאָנאַרער קאָרבאָנעס.

# די געעפנטע גריבער

איצכאָק דאָגים, איינער פון די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פּאָנאַרער געהענעם, האָט מיר דערציילט וועגן די געעפנטע גריבער:

דעם ערשטן האָבן מיר געעפנט דעם מאַסן־קייווער פון דער צייט פון די כאַפּונעס. ער געפינט זיך באַ אַ 150 מעטער פון דעם גראָדנער שאָסיי. אַז דאָס שטאַמט פון יענער צייט האָבן מיר דערקענט לויט די האַנטעכער און זייף, וואָס יעדערער האָט געהאַט מיט זיך (אַזוי האָט מען דעמאָלט באַפוילן די אידן: מיטנעמען האַנטעכער און זייף, ווייל „זיי פאָרן אַף אַרבעט") אַלע — דורכ־אויס יונגע מענער, און אַפן ברוסט די לאַטע מיטן געלן "ז", באַ דער מערהייט זיינען געווען פאַרבונדן די הענט אַף הינטן און די אויגן פאַר־בונדן. מיר האָבן דאָרט אָנגעציילט ניין טויזנט מייסים, צווישן זיי פינף הונ־דערט קריגס - געפאַנגענע און גאַלאַכים אין שווארצע סוטאַנעס.

די מייסים זיינען געלעגן שיכטנווייז באַגאָסענע מיט קאַלך.

דער צווייטער קייווער איז געווען פון די דערמאָרדעטע אין דער צייט פון דער פּראָוואָקאַציע דעם 1־טן סעפּטעמבער 1941: מענער, פרויען און קינ־דער. נישט אַלע זיינען געווען אויסגעטאָן. קימאַט ביי אַלעמען האָבן מיר גע־פונען די שליסלען פון שטוב: די מענטשן האָט דעמאָלט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי וועלן נאָך קומען צוריק. דאָרט האָבן מיר איבערגעציילט 9.500 מייסים, פון דער צווייטער געטאָ, אָקטאָבער 1941. דעם ערשטן מאָל באַמערקן מיר, אַז די מערדער האָבן געשאָסן מיט אַ סיסטעם: אין קאָפּ, פון הינטן. אין דער לענג פון דער גרוב איז געווען אויסגעצויגן אַ דראָט, אין וועלכער די פאַלנדיקע מענ־טשן פלעגן פאַרטשעפּען זיך און אַריינפאַלן אין אַ גלייכער ריי. דאָרט האָבן מיר איבערגעציילט 10.400 מייסים. קימאַט באַ אַלע קינדער איז נישט געווען צו מערקן קיין סימען פון אַ קויל. וועדליק די אויסגעשטרעקטע צינגלעך, קען מען זיך אָנשטויסן, אַז מען האָט זיי פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט.

אין דעם פערטן מאַסן־קייווער — דעם גרעסטן, — זיינען געלעגן 24 טוי־זנט מייסים. צווישן זיי מערסטנטייל פון דער שכיטע בעיים די „געלע שיינען". גלייכצייטיק האָבן מיר געפונען אין דער זעלבער גרוב נישט־אידן: גאַלאַכים, נאָנעס, פּאָליאַקן, איין דייטש אין אַ מונדיר און פיל סאָוועטישע געפאַנגענע.

אין פינפטן מאַסן־קייווער, נישט ווייט פון טויער, זיינען געלעגן 3.500 פרויען, מענער און קינדער. אַלע נאַקעטע, אומגעבראַכטע דורך אַ קויל אין קאַרק.

אין דער זעקסטער גרוב האָבן זיך געפונען פינף טויזנט מייסים, אַלע נאַקעטע.

אַ באַזונדערע גרוב איז געווען פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, געבראַכטע פון דער לוקישקער טורמע. 51 מאַן. איך האָב דערקענט דאָרט מיין שוואָגער

שמועל שאַץ, וועלכן מען האָט צוגענומען פון געטאָ ווי אַ באַשולדיקטן אין קאָמוניזם.

אין באַזונדערע צוויי גריבער זיינען געלעגן די הארוגים פון דער „קאָוו־נער אַקציע" דעם 5-טן אַפּריל 1943. אַלע מוטער־נאַקעט — מענער, פרויען און קינדער.

אין די פרישע קווּרים זיינען געלעגן אידן נאָך דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ און געפונענע אין מאַלינעס.

פאַר דער צייט, וואָס מיר האָבן דאָרט געברענט די מייסים, האָב איך געזען ווי מען האָט דאָרט געבראַכט פאַרטיעס מענטשן צום דערשיסן. צווישן אַנ־דערע — פיר הונדערט אידן פון ווייוואַרי. שפּעטער, אַן ערעך דרייסיק ביז פערציק פּאָליאַקן און פופצן ציגיינער.

אין דער צייט, ווען די דייטשן פלעגן אויספירן די עקזעקוציעס, פלעגט מען אונדז געבן אורלויב. מיר פלעגן דאַרפן אַראָפּקריכן אין בונקער און דאָרט איבערוואַרטן די שיסעריי. דאָס געוויין פון די קאָרבאָנעס פלעגט אָפט דורכ־בויערן די שטיינער פון אונדזער בונקער.

באַם אַרויפליינגן די מייסים אָפן שייטער האָב איך דערקענט מיין מיש־פּאָכע: די מוטער, די פרוי, דריי שוועסטער און צוויי פּלימעניצעס. מיין פרוי האָב איך דערקענט לויטן מעדאַליאָן, וואָס איך האָב איר געגעבן אַ מאַטאָנע צו אונדזער כאַסענע. ווען מיין פרוי האָט שוין געברענט אָפן שייטער, האָב איך אַראָפּגעצויגן פון איר האַלדז דעם מעדאַליאָן, די צוויי קליינע בילדלעך מיינע און אירס, וואָס זיינען געווען אינעווייניק — האָט שוין דאָס פייער נעהאָט פאַרשלונגען.

## דער טונעל אונטערן פּאָנאַרער בונקער

פון ערשטן טאָג, ווי מען האָט אַראָפּגעלאָזט די אַרבעטער אין בונקער האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זייער גוירל איז שוין אַ פּאַרויס באַשטימטער, אַנט־לויפן איז נישט מעגלעך. באַ דער אַרבעט היט מען אָפּ יעדן טראָט. און דערצו נאָך איז מען געשמידט אין קייטן. דער בונקער איז אַרומגערינגלט מיט אַ צוויי־פאַכער ליניע פון שטעכל־דראָט. צווישן דעם שטעכל־דראָט איז דאָס פעלד מי־נירט. בלויז איין שמאָל שטעגל איז אַן אָפנס. נאָר באַ דעם שטעגל שטייט אַ וואַכמאַן מיט אַן אויטאָמאַט, און נישט נאָר דאָרטן — אַף יעדע צוויי מעטער אַרום בונקער שטייט אַן עסעסניק און היט די געפאַנגענע. דערצו נאָך לאָזט זיך אַראָפּ יעדע פאַר שאָ אַ ספּעציעלער פּאַטרול און קאָנטראָלירט די קייטן. מיט אַזאַ וואַך ווערן געהיט די אַרבעטער.

דעם שטורעמפירער גייט אין לעבן, אַז קיינער זאָל פון דעם פּלאַץ נישט אַנטלויפן, עס זאָלן נישט בלייבן קיין אֵיידעס, ווען די אַכציק וועלן ענדיקן

זייער אַרבעט, וועט דער שטורעמפירער זיי אַליין פאַרברענען אויף די שייטער-הויפנס און ער וועט אַוועקפאָרן קיין בערלין. דעם אָבערשאַרפירער פידלערן האָט שוין דער שטורעמפירער די טעג דערשאָסן: פידלער האָט צו פיל גע-וואוסט, ער איז מער נישט געווען נויטיק.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָבן זיך געפונען אין בונקער מענטשן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו באַקלערן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון געהענעם.

איצכאָק דאָגים איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער אונטערנעמונג. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיטן קריגס-געפאַנגענעם יודי פאַרבער, אַן אינזשע-ניער, און זאַלבע פינפט איז מען צוגעטראָטן צו גראָבן אַ טונעל פון 72 ביז 80 מעטער, וואָס זאָל אַרויספירן פון בונקער ווייט הינטער דער דראָט - פאַר-צוימונג אין אַ סאָסנאָוון וועלדל.

אַרבעטן פלעגט מען בלויז ביינאַכט, ווען אַלע איבעריקע, פאַרהאַרעוועט און פאַרטומלט פון אַ טאָג האַווען אַרום די מייסים, זיינען געלעגן ווי שטיינער.

מען האָט אויסגעגראָבן אין שטעלעכל פון עסנוואַרג אַ פאַרשטעלטן ברו-נעם פון צוויי אַ האַלב מעטער די טיף. פון אָט דעם ברונעם האָט זיך אָנ-געהייבן דער טונעל. קיין שום מכשירים זיינען אין בונקער נישט געווען. מען האָט געגראָבן מיט די הוילע הענט און מיט פלעקלעך. ווען די הענט האָבן נענומען בלוטיקן, האָט מען געגראָבן מיט לעפלען. דרייסיק מעטער טונעל האָט מען אויסגעגראָבן מיט לעפלען! דאָס זאַמד האָט מען געשאָטן אונטער די נאַרעס אונטער דער פּאַדלאָגע און צום סאָף איבערן סופּיט פון קיך. וואָס פון טאָג פלעגט העכער ווערן די פּאַדלאָגע, אָבער אַ דאַנק דעם, וואָס דער בונקער איז געווען זייער אַ הויכער, האָט מען עס נישט געמערקט.

איבער דער גאַנצער לענג פון טונעל האָבן אָט די פינף (שפּעטער האָבן מיטגעהאָלפן נאָך) געשטעלט רעשטאָוואַניעס-אָנשפּאַרער, קעדיי דער זאַמדיקער באָדן זאָל נישט איינפאַלן. נישט איינמאָל האָט דאָרט די סאַקאָנע געדראָט פאַר-שאָטן צו ווערן לעבעדיקערהייט. אָבער דער אימפּעט צום לעבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָגימען האָט זיך איינגעגעבן אַריינצוציען אין טונעל עלעקטרע. דעם שטראָם האָט ער גענאַנוועט פון אַ דייטשן וואַך-פּאָסטן און דורך אַ פאַרמאַסקירטן עלעקטרישן דראָט אים אַריינגעבראַכט אַהערצו.

די שווערסטע אויפגאַבע איז געווען — די ריכטונג פון טונעל. ווי אַזוי דאַרף מען גראָבן, קעדיי דער אַרויסגאַנג זאָל נישט אויסקומען נאָענט צו די וואַך-פּאָסטנס? נאָך אַ לאַנגער געפערלעכער אַרבעט, וואָס האָט געדויערט קאַרעוו דריי כאָדאָשים, איז דער טונעל געוואָרן פאַרטיק.

דעם 19-טן מאַי 1944, פיר אַזייגער ביינאַכט, נאָכדעם ווי דער קאָנ-טראָל - פּאַטרול איז אַרום פון בונקער, האָט דאָגים אַלעמען אויפגעוועקט און נעזאָגט:

— עס איז פאַרטיק אַ טונעל. ווער עס וויל פון דאַנען אַנטלויפן, זאָל הערן מײַנע באַפעלן!...

ער האָט אויסגעשטעלט דעם אוילעם צו צענדליקער. יעדער צענדליק האָט באַקומען אַ קאָמאַנדיר. די שטיוול, אַף וועלכע ס'זײַנען געהאָנגען די קייטן, האָט מען געלאָזן אין בונקער.

דער ערשטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טונעל דאָגים. הינטער אים האָבן געצויגן די צענדליקער מיט זייערע קאָמאַנדירן. ווען אַלע האָבן שוין אַדורכגעשפּאַנט די אַכציק מעטער, האָט דאָגים איבערגעריסן דעם עלעקטרישן דראָט, עס זאָל ווערן פינצטער און ער האָט גענומען דורכקלאַפּן דעם לעצטן שיכט. עס האָט אַ שטראָם געטאָן פרישע לופט. פונדערווייטן האָט זיך געזען דער אָפּבלאַנק פון שייטער. דאָגים האָט דערלאַנגט אַ קאָמאַנדע: גיין! און איינציקווייז האָבן די אַכציק זיך אַריינגעשאַרט אין וועלדל.

נישט ווייט פון דער עפענונג האָט פאַטרולירט די וואַך. אין אָנהויב האָט זיך גאָרנישט געהערט, ווייל די אַרעסטאַנטן זײַנען געגאַנגען באָרוועס און זייער פאָרזיכטיק געשטעלט די טריט. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שאָרך — דאָס האָט דער אוילעם אַרויפגעטראָטן אַף טרוקענע צווייגן. די סאָלדאַטן האָבן דערשפּירט און געעפנט אַ שיסערײַ. עס האָבן אויפגעבליצט ראַקעטן און רונד אַרום באַלויכטן.

די באַפרײַטע אַרעסטאַנטן האָבן גענומען לויפן. דורכן דראָט, דורך גריבער האָט מען געיאָגט צום פאַרקאַן. קוילן האָבן געשניטן. מענטשן זײַנען געפאַלן — און צו די פּאַרטיזאַנער אין דער רודניצקער פּושטשע איז מען דערגאַנגען זאַלבע עלפט.

## אַף קיווער-אָוועס אין פּאָנאַר

אַז דער מענטש איז שטאַרקער פאַרן טויט האָב איך דערפילט ערשט היינט דעם 18-טן יולי 1944, ווען איך בין אַוועק אין פּאָנאַר אַף די קווּאָרים פון איבער הונדערט טויזנט מענטשן. ווי אַזוי איך פאַרצייכן דאָ אַזוי רואיק מײַנע איבערלעבונגען, ווי אַזוי איך קען ביכלאַל שרײַבן וועגן דעם, וואָס איך האָב דאָרט געזען, בין איך אַליין נישט מעסוגל צו באַנעמען.

אין פּאָנאַר איז מײַן מאַמע, מײַן קינד, מײַנע כאַווײרים, וואָס רייד איך, קיינער איז שוין נישטאָ: זייערע גופים האָט מען דאָך פאַרברענט אַף די שייטערהויפנס און די ביינער צעשטויסן, עס זאָל נישט בלײַבן קיין סימען. מיר דאַכט, אַז אויך מײַן האַרץ איז פאַרברענט געוואָרן אַפן שייטער. עס קלאַפּט אין מיר וואָס אַנדערש, קען זײַן, דאָס איז די סינע.

ווי שיין איז דער וועג! רעכטס בלענדט די ווייליע פון בלויקייט, און

די יאָדלעס פאַרכאַפּט אין זון-פאַרגאַנג, לאָקן אַזש פונדערווייטן. איז דאָס דער אַריינגאַנג צום גערעדענעם? איז דער גערעדענעם שיין?

טויזנטער און טויזנטער זיינען געגאַנגען מיט אָט דעם וועג.

עס באַגלייטן מיך די דריי פּאַרטיזאַנער: שלוימע גאָל, דאָגים און גלאַ-זער. זיי האָבן דאָרטן מיט קייטן אַף די פיס, אין מעשעך פון פיר כאַדאָשים, זיך פאַרנומען מיט אָט דער שרעקלעכער אַרבעט. זיי זיינען דאָס פון די עלף געבליבענע, וואָס האָבן דורכגעריסן די ערד אונטערן בונקער.

— *** —

איצט גייען מיר אַהין, וואו אונדזערע נאָענטע זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. אַפן ערשטן טויער, לינקס פון דעם גראָדנער שאָסיי, דורך וואַגען עס פלעגן אַריינפאָרן די „שוואַרצע וואָראָנעס", הענגט נאָך דאָס דייטשע שילדל: „איינטריט אויך פיר דויטשע אָפיצערע שטרענג פאַרבאָטן!" מיר גייען דורך דעם טויער פון טאָפּל-דראָט און פאַרטיפן זיך אין סאָסנאָוון וועלדל. אָפּגעגאַנגען אַ הונדערט טריט, ווייזט מיר אָן גאָל:

— דאָס איז דער לעצטער מאָסן - קייווער, וואָס מיר האָבן געעפנט ערעוו אונדזער אַנטלויפן. דאָ ליגן נאָך לויט אונדזער אויסרעכענונג פיל טוי-זנטער.

מיט פאַרפרעסטע ציין לויף איך צו דעם קייווער.

אַ שווערער שטינקנדיקער רייעך טוט מיר אַ שפּאַר אָפּ צוריק. איך זע אַ גרויסע גרוב, אַן ערעך אַ פופציק שפּאַן אין דיאַמעטער. אינעווייניק איז אַן אינדזעלע מיט קוסטעס. אין גרוב אַריין פירט אַ לאַנגער גראָבן. וואָס נענ-טער צו דער גרוב, אַלץ מער איז איינגעטיפטער דער גראָבן. דורך אָט דעם גראָבן, ווייזט מיר אָן גלאַזער, — האָט מען דעם 6-טן דעצעמבער 1941 אים אַריינגעפירט אין קייווער צום דערשיסן. דאָ האָט ער געדאַרפט פריער אויסטאָן די קליידער. צוליב דעם, וואָס זיינע אונטערהויזן זיינען געווען זייער צעריסענע, האָט מען אים דערלויבט זיי צו טראָגן. די בעסטע זאַכן זיינען גלייך צעכאַפּט געוואָרן פון די אַרומיקע סאָלדאַטן. דער גראָבן איז דענסטמאָל געווען טיפער ווי איצטער: אַן ערעך 6 מעטער. קענטיק, מען האָט שפּעטער דאָ פאַרשאָטן די מענטשן, וואָס זיינען נישט דערלאָפן צום קייווער. צו זעקס האָט מען זיי אַריינ-געפירט אינעווייניק, און פון די קוסטעס, וואָס זיינען אינמיטן גרוב, האָט ער דערזען אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן. אַנטקעגן אים אַף אַ בערגל איז געשטאַ-נען שווייצענבערג מיט צוויי כאַפּונעס. זיי האָבן געקוקט דורך בינאָקלען און אָבסערווירט אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר אין די גריבער. ווען גלאַזער האָט דער-הערט דעם באַפעל „פייער", איז ער געפאַלן אַף דער ערד. עס האָבן אָפּגע-הילכט 6 שאָסן. 3 מענטשן זיינען געפאַלן אַף אים און האָבן באַשפריצט זיין פּאָנים מיט זייער וואַרעם בלוט. ליגנדיק אונטער די מייסים, האָט ער געזען, ווי מען

דערשיסט אנדערע, צו 6 מאן אין א גרופע. א יונג מיידל, וואס איז נאך געבליבן לעבן פון דער ערשטער קויל, האט זיך געבעטן בא די מערדער:

— איר האט דערמארדעט מיין מוטער, דערמארדעט אויך מיך!

ווען די שיסעריי האט זיך אפגעשטעלט, איז גלאזער אנטלאפן. אז ער וועט זיין אין פאנאר נאכאמאל און ווידער אנטלויפן, האט ער זיך נישט געקענט פארשטעלן.

מיר זיינען אראפ אין גראבן. צעריסענע געלט, פאפירלעך, דאקומענטן פון געטא וואלגערן זיך האלב צעפוילטע אין זאמד. אט איז א קינדערש העמדעלע מיט א רויטער מאנאגראם באם דעקאלט. פון די דורכגעפעטסטע זייטן פאפיר איז קאנטיק, אז די קארבאנעס האבן דא מיטגעבראכט עסנווארג — ברויט מיט פעטס. אט וואלגערט זיך שמינקע צו די ליפן, א צעדרייטער שוך, צעריסענע פאטאגראפיעס, שטיקלעך פון שוין פארפוילטע טאליסים, און אט איז א פאר טפילן, וואס א פרומער איד האט מיט זיך גענומען אין זיין לעצטן וועג.

גאל פילט זיך דא ווי א „היימישער". ער שפרינגט אריין אין קייווער, און שוין צוגעוואוינט אנצונעמען די מייסים מיט די הענט, ציט ער ארויס עטלע-בע פון דעם לייכט - פארשאטענעם זאמד און פרואווט דערקענען די קארבאנעס.

דאס שטאמען זיי אלע פון די לאגערן „קיילים" און ה. ק. פ. די גופים זיי-נען נאך פריש. מען קען זיי דערקענען.

מיטאמאל טוט גאל א געשריי: „אט איז דר. פייגוס!"

און ווירקלעך. מיר דערקענען דעם באקאנטן ווילנער דאקטער. מען האט אים אומגעבראכט מיט עטלעכע טעג פריער איידער די רויטע ארמיי איז אריין אין שטאט.

אט איז אויך א צייגעניש, אז מען האט געענדיקט א שול אין געטא, אפן נאמען פון לייזער רודניצקי, מיטן פאלגנדיקן טעקסט:

ווילנער געטא
קולטור-אפטיילונג
**קינדער-פארזארגונג**
נום. 9

דערמיט ווערט באשטעטיקט, אז רודניצקי לייזער האט געענדיקט די פאלקס-שול אין געטא.

געטא-פארשטייער:

לייטער פון דער קולטור - אפטיילונג
(דער אונטערשריפט נישט דייטלעך.)
אינספעקטאר פון די שולן — — — י. ברוידא.
פארוואלטער פון דער שול — — (נישט דייטלעך)
ווילנער געטא 1943.

בא א האלבן שוין צעפאלענעם גוף, וואס לויט די גראע האר איז עס א איד פון א יאר 55 — 60, האט גאל ארויסגעצויגן א אידיש ליד, געשריבן מיט א בלייער אף אן אויפגעקלעפטן, האלב-צעריסענעם בלעטל. דעם דערמארדעטן איז נישט צו דערקענען. דאס פאנים שווארץ. לעבער אנשטאט אויגן. אין ליד ווענדעט ער זיך צו זיין טעכטערל סארעלע, וואס איז אומגעבראכט געווארן נאך פארן טאטן. אט איז דאס ליד:

ווען א גיפטיקע שלאנג וואלט איינגעביסן אין מיין הארצן,
וואלט זי דערשטיקט געווארן פון דעם גיפט
וואס איז נאך גיפטיקער פאר איר אליין.

דו ביסט אוועק מיין היים-געליבטע קינד
מיין אויסגעבאלעמט פלאטערל, מיין שעפעלע,
דו ביסט אוועק און קומסט נישט מער צוריק
אוועק אף אייביק סארעלע פון מאמע-טאטע.

נעשאמע און הארץ געווייקט אין בלוט.
נעשאמע וועבט אויס, און הארץ?
און הארץ ווערט צעשפרונגען
פון ווייטיק און פיין, צוליב דיין נישט זיין.

פארוואס אלמעכטיקער האסטו אזוי שטארק
באאוולט א מאמע-טאטע?
האסט צוגערויבט דאס גליק, וואס רופט זיך קינד,
האסט געמאכט פון מענטשן צווי א שמאטע
פארוואס, פאר וואן, פאר וועמענס זינד?

איך וואלט וועלן בלינד ווערן
נישט זען דעם אנקומענדיקן זומער מיט זיין פראכט.
זונען-שטראלן, ביימער בליען
קיין בעז, פיוואניעס און רויזן,
וואס פלעגט דערקוויקן די נעשאמע פון מיין טייער קינד.
ווען כ'וואלט געווען בעקויעך, וואלט איך מיט א שווערד א בלויזן
דאס אלץ פארשניטן צוזאמען מיט מיין לעבן
ווייל כ'האב שוין נישט נאך וואס צו שטרעבן.

איך וואלט וועלן טויב ווערן
נישט הערן קיין געזאנגען פון סאוועטישע לידער.

דאָס צוויטשערן פון פויגעלעך אויף ביימער,
ווייל דאָס צעפּרעסט מיינע אַלע גלידער
און ס'ווערט דער ווייטיק אין הארצן אַזוי שאַרף, און ווידער
פאַלן טרערן און בויערן דעם בעכער דורך
און קיינמאָל וועט ער פול נישט ווערן.

איך וואָלט וועלן שטאַרבן, פאַרייניקט ווערן מיטן קינדס נעשאָמע
און דאָס וואָלט געווען מיין איינציקע נעכאָמע,
און נאָך מיין טויט ווען איך וואָלט געקענט
צום הארצן צודריקן מיין קינד,
וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער
פון אַלע טויטע
וואָס זיינען ווען נישט איז געשטאָרבן אויף דער וועלט.

— *** —

די מייסים-ברענער האָבן מיך ארומגעפירט איבער די פּאַנארער פעלדער. זיי האָבן מיר באוויזן די נייע גריבער, פונוואַנען מען האָט אויסגעגראָבן צוריק די טויטע. וויפל עס איז נאָך פאַראַן קוואָרים איז שווער צו דערגיין. נישט ווייט פון באַן-רעלסן, אין ערעך אַ קילאָמעטער פון גראָדנער שאָסיי, פירט אריין אין אַ קייוועך אַן אָפּגעהאַקט בריקל, אויף אָט דעם בריקל, דערציילן מיר די באַגלייטער, האָט מען דאָס געדאַרפט לויפן און אריינפאַלן אין קייווער. ווען די מענטשן פלעגן לויפן אויפן בריקל, פלעגט אין זיי שיסן די ארומיקע וואַך. יעדער קייווער האָט געהאַט זיין אייגנאַרט.

—וואו איז דער מענטשן-אַש? פרעג איך דאָגימען.

דאָגים, דער אויפבויער פון פּאַנארער טונעל, פירט מיך אריין אין אַ גראָבן, און מיט אַ שטעקל נעמט ער אויפשאַרן די ערד. אונטערן אויבערשטן שיכט גרעלן זאַמד איז נאָך צו מערקן אַ גראָע מאַסע. דו איז קלעפּיק גראָ. איך נעם אַ ביסל אַש אין האַנט, און דריק עס צום הארצן.

אַלע געביידעס, מאַכשירים, דראָט - פאַרצוימונגען ארום די קוואָרים האָבן די דייטשן צעשטערט. פון דעם בונקער, וואו עס האָבן געוואוינט די אַכציק מייסים-ברענער, איז געבליבן בלויז די גרויסע קיילעכדיקע גרוב, אויסגעפּלאָסטערט מיט געהאַקטע שטיינער. דאָגים דערמאָנט זיך נאָכאַמאָל, ווי אַזוי ער האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן. אָט שטייען מיר בא דעם אויסטערלישן טונעל, וואָס די מייסים-ברענער האָבן אויסגעגראָבן מיט לעפלען.

בלויז אין אַ צושטאַנד פון אַ געוואַלדיקער שפּאַנונג, פון אַן אומגלויבלעך מעשוגעדיקן ווילן צום לעבן, איז מעגלעך געווען אין אַזוינע באַדינגונגען צו דורכבויערן די ערד.

באַם צוריקגיין, טוט מיר גאָל אַ פרעג:

— די געשיכטע מיט דער טראָגעדיקער פרוי האָב איך אייך דערציילט?

ווען מען האָט געבראַכט די פיר הונדערט אידן פון ווייוואַרי, מענער, פרויען און קינדער, איז צווישן די געבראַכטע געווען אַ טראָגעדיקע פרוי, וואָס אַט-אַט האָט זי געדאַרפט געבוירן. די פרוי צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע האָט מען דערשאָסן. ווען זייערע גופים זיינען נאָך געווען וואַרעם, האָט מען זיי גע-טראָגן צום שייטערהויפן פאַרברענען. אַלע זיינען זיי געווען נאַקעט. אויף דער ברוסט פון דער טראָגנדיקער פרוי האָט גערינען אַ שנירעלע בלוט. אירע אויגן זיינען געווען אָפן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי לעבט. ווען די פרוי איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט מיט די פייערדיקע צינגער, איז פון דער מוטער-טראַכט אַרויסגע-שוואומען דאָס קינד. אַ ווייסער פלאַם האָט אים אַרומגענומען און האָט זיך פאַראייניקט מיט די פייערדיקע צינגער.

## דער אַרויסגעוואָרפענער בריוו

דעם 20-טן יולי 1944 איז געקומען צו מיר אין דער באַפרייטער ווילנע אַן עלטערע פוילישע פרוי און איבערגעגעבן אַ בריוו, וואָס מיט אַ כוידעש צוריק האָט זי געפונען אויפן גראָדנער שאָסיי — דער וועג, וואָס פירט קיין פאָ-נאַר. דער בריוו — צוויי ראָזע צעטעלעך, פאַרשריבן מיט אַ בלייער אויף פויליש. ער איז אַדרעסירט: „איבערגעבן אין אידישע הענט". די פרוי האָט דעם בריוו אויסגעהיט, באַהאַלטן אים, ווי זי האָט דערציילט, אין אַ פלאַש, און איצט פילט זי אויס די באַקאָשע פון די צום טויט-פאַרמישפּטע און גיט אים איבער אין אידישע הענט.

מיר האָבן געלייענט, אַ גרופּע כאַווירים, דעם בריוו, געלייענט און גע-שווידערט. נאָכדעם ווי מיר זיינען אַליין אָפּגעווען צוויי יאָר אין געטאָ, וואָלט אונדז אייגנטלעך שוין גאָרנישט געדאַרפט וואונדערן, אָבער, ווייזט אויס, אַז מיר האָבן ווייניק וואָס געוואוסט, ווי אַזוי די געשטאַפּאָ האָט געפּייניקט פאַרן טויט אונדזערע ברידער. אָט איז דער בריוו — (אין אַ קליינער קירצונג), דער אָריגינאַל געפינט זיך אין ווילנער אידישן מוזיי.

זאָל דער בלוטיקער דאָקומענט ריידן פאַר זיך:

## אַ באַקאָשע צו מיינע ברידער און שוועסטער אידן

טייערע ברידער און שוועסטער. מיר ווענדן זיך צו אייך מיט אַ גרויסער באַקאָשע. ערשטנס, זייט אונדז מויכל אַלץ, וואָס מיר האָבן אייך געטאָן שלעכטס. מיר ווייסן נישט, פאַרוואָס עס איז געפאַלן אויף אונדז אַזאַ שטראָף, אַז מען נעמט צו אונדזער לעבן. אַז מען נעמט צו אונדזער לעבן איז נאָך גאָרנישט.

אונדזערע קינדער האָט מען אַף אַ בעסטיאַלישן אויפן געמאַטערט. אכט-יעריקע מיידלעך פלעגט מען צווינגען צו געשלעכטלעכע באַציאונגען. די מאַמע האָט געמוזט זיין דערביי און אכטונג געבן, דאָס קינד זאָל נישט שרייען. שפּעטער פלעגט מען די מאַמעס אויסטאָן נאַקעט, שטעלן באַם וואַנט, צובינדן די הענט אין דער הויך און צופּן די האָר פון קערפּער. דעם אויסגעשטעקטן צונג האָבן זיי געשטאָכן מיט שפּילקעס. זיך דערליידיקט אַף אים. געשמירט די אויגן מיט קאַל. די מענער פלעגט מען הייסן אַרויסנעמען די געשלעכטס-אָרגאַנען, מען פלעגט אַריינשטעכן אין זיי אָנגעגליטע דראָטן, וועלכע מען האָט געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זיי פלעגן נישט ווערן שוואַרץ.

— גענוג, פלעגן זיי זאָגן, אייך צו לעבן. מיר וועלן אויסהאַרגענען אַלע-מען. עס איז נישט קיין קונץ צו דערהאַרגענען. מיר וועלן אייך אויסמאַטערן. עס וועט זיך אייך אָפּוועלן צום לעבן און וואַרטן אַף סטאַלינען. זיי פלעגן אונדז אָפּשניידן די פינגער פון די הענט און פיס. די וואונדן האָבן מיר נישט געטאָרט פאַרבינדן, אַזוי אַז בלוט פלעגט גיסן אָן אויפהער. זיי האָבן אונדז אַזוי געמאַטערט פיר טעג, און שפּעטער — אַף פּאַנאַר.

מיר זיינען געווען 45 מאַן אין איין באַהעלטעניש. דורכן קאַנאַל האָבן מיר געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט אַ צווייטער גרופּע — 67 פּערזאָן — דערוואַקסע-נע און קינדער. מיר זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ פּוילישער פרוי מאַריסיע — אַן אַלמאָנע מיט דריי קינדער. זי פלעגט נעמען באַ אונדז זאַכן און צו-שטעלן אונדז עסנוואַרג.

נאָך צוויי טעג האָבן אונדז די דייטשן אַנטדעקט, געמאַטערט אונדז אַזוי ווי עס איז באַשריבן און אַוועקגעפירט אונדז אַף פּאַנאַר.

דעם בריוו וואַרף איך אַרויס אַפן וועג קיין פּאַנאַר, קעדיי גוטע מענטשן זאָלן נאָכן צוריקערן די רעכט אים אָפּגעבן אידן. ווען זיי וועלן פאַר אונדז, 112 מאַן, דערהאַרגענען באַטש איינעם, וועלן זיי טאָן אַ מיצווע פאַר אונ-דזער פאָלק. מיט טרערן אין די אויגן בעטן מיר: נעקאָמע! נעקאָמע! איך שרייב דערפאַר אַף פּויליש, ווייל אויב עמעצער וועט געפינען אַ אידישן בריוו, וועט ער עס פאַרברענען, און אַ פּוילישן וועט אַ גוטער ערלעכער מענטש איבערלייע-נען און אָפּגעבן געבליבענע אידן.

מיר געזעגענען זיך מיט אייך, מיר געזעגענען זיך מיט דער וועלט, רופנדיק צו נעקאָמע!

עס שרייבן גורוויטש און אַנ.

דעם 26-טן יוני, 1944.

— *** —

איך בין ווידער אין מיין היימשטאָט.

מיט רידלען און זעק שפּאַנען מיר צו די מאַלינעס. עס גייט מיט אַבע קאָוונער, קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער אידישער מאַכנע „נעקאָמע - נע-

מער", וואָס זיינע קעמפער האָבן פון די ערשטע זיך אריינגעריסן אין שטאָט און אויפגענומען אַ שלאַכט מיט די פאַרבאַריקאַדירטע דייטשן. עס גייט מיט דער שרייבער — פאַרטיזאַנער ש. קאַטשערגינסקי, וואָס מיט געוועך אין האַנט האָבן מיר צוזאַמען זיך אַרויסגעריסן פון דער געטאָ און אַוועק אין וואַלד זיך שלאָגן קעגן סוינע, עס גייט מיט וויטקע קעמפנער, די העלדין פון דער ערשטער דיוועַרסיע, וואָס האָט אין מאַי 1942 זיך אַרויסגעשלייכט מיט אַ באָמבע פון ווילנער געטאָ און אַראָפּגעלאָזן אַ דייטשישן עשעלאָן לעבן ניי-ווילייקע, עס גייט מיט די דרייסטע פאַרטיזאַנקע זעלדע טרעגער, וואָס אַכצן מאָל האָט זי זיך אומגעקערט פון וואַלד אין די לאַגערן, קעדיי צו ראַטעווען מענטשן.

דאָ, וואו מיר גייען איצט האָבן נאָך פּאַראַיאָרן אין די זעלבע געסלעך געלעבט אונדזערע ברידער. אויף יעדער שפּאַן ערד, אויף דעם מינדעסטן ברוק-שטיין, איז דאָ אויסגעקריצט אונדזער גורל. אָט איז די דייטשישע 19, פונוואַנען עס איז אַוועק צום טויט דער קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ איציק וויטענבערג. אָט איז סטראַשון-גאַס 12, אונדזער פאַרלעצטע באַריקאַדע, וועלכע די דייטשן האָבן אויפגעריסן מיט דינאַמיט. אויך איצט ליגן נאָך אונטער די כורוועס הונדערט פאַרשאָטענע.

מיר שטעלן זיך אויף. שווינג. איצט ריידן די ציגל איבער די הונדערט פאַרשאָטענע.

פון אַנטקעגן הער איך אַ גוט-מאָרגן. עס איז דער לערער אייזען. ער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון אַ קלויסטער, וואו אַ גאַלעך האָט אים באַהאַלטן.

ער גיט מיך אַ פרעג: — „באוער סוצקעווער, וואָס איז מיט אַ אידישער שול? איר האָט דערפון געטראַכט?" —

די קולטור - אוצרעס זיינען פאַרגראָבן געווען אין אַ צען ערטער. שווער נאָך געני פעסטצושטעלן, וואָס איז געבליבן. אויף דייטשישע 29 איז די באַהעלטעניש פאַרשאָטן מיט אַ מויער. אויף וויוואולסקע 18 איז אַלץ פאַרברענט. אַ סוואָרע, מירן דאָרטן גאָרנישט געפינען. ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען הינטערן שטאָט, האָבן די דייטשן אויסגעפונען די באַהעלטעניש אויף סטראַשון-גאַס 6 און געמאַכט אפן הויף אַ שייטער פון די קסאָוו-יאָדן. דאָס איינציקע, וואָס איז פון שייטער געבליבן, איז אַ בריוו פון אוראַם רייזין. דער בריוו איז רונד אַרום פאַרברענט. בלויז דער אונטערשריפט פון פּאָעט און אַ צען שורעס איז קענטיק.

גאַנץ, נישט גערירט איז געבליבן די מאַלינע אויף סטראַשון-גאַס 1, אָט דאָס איז מיין שטוב אין געטאָ. דריי פערטל געראַטעוועט איז אויך די מאַלינע אויף סטראַשון-גאַס 8. דאָרט זיינען באַהאַלטן געוואָרן בא אַ צוויי טויזנט ספאָרים פון דער סטראַשון-ביבליאָטעק. צווישן זיי אוניקאַטן און אַ סאַך יעקאָר האַמציעסן. און אָט זיינען מיר אויף שאַוולער 6, אין איינער פון די וויכטיקסטע מאַלינעס.

די מאַלינע איז צוויי גאָרן אונטער דער ערד און זי איז פאַרריניקט מיט

די רערן פון דער קאַנאַליזאַציע. גערשן אַבראַמאָוויטש, דער אויסבויער פון דער מאַלינע, גייט איצט מיט אונדז און אינאיינעם זוכן מיר.

— אָט זיינען די אַלטע פּלאַקאַטן פון גאָלדפאַדענס ערשטע פאָרשטע-לונגען. אָט זיינען די קליינע צעטעלעך פון דר. אַלפרעד לאַנדויס ווערטער-בוך. אָט איז דאָס קעסטעלע מיט שאָלעם-אַליינעמס בריוו. דערביי ליגן די קסאַוו-יאַדן פון ביאַליק און גאָרקי, מענדעלע און יעהואַש. אָט איז דער קסאַוו-יאַד פון בערגעלסאָנס „דער טויבער", ער איז צוגעקלעפּט צום פּינקעס פון גאָענס קלויז.

אין ווינקל לינקס גראָבן מיר אויס די סקולפּטורן. זיי האָבן מערסטנס גע-הערט צו דעם אַנסקי-מוזיי. דעם ליבן-קאָפּ פון טאָלסטאָי דערקענען מיר אין דער טונקל. ס'איז די אַרבעט פון איליאַ גינצבורג.

ביים אויפגראָבן די סקולפּטור „דאָוויד" פון אַנטאָקאָלסקי איז געשטאַ-נען אַזוינס: ווען מיר האָבן אָפּגעגראָבן אַ שיכט ערד, האָט זיך באַוויזן אַ האַנט. איך האָב זי אָנגענומען און מיר איז דורך אַ שוידער. ס'איז נישט קיין גיפּסענע. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער זעלבער מאַלינע האָבן נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ זיך באַהאַלטן אידן. איינער איז פון זיי געשטאָרבן און מען האָט אים מעקאַבער געווען לעבן אַנטאָקאָלסקיס סקולפּטור.

איך שפּאַן איבער ווילנע. איך קום צו דער גרינער בריק. די בריק איז אויפגעריסן און זי ליגט אין וואַסער. לעבן איר איז איצט פאַראַן אַ צווייטע, פּראָוויזאָריש אויפגעשטעלט פון ברעטלעך. גייענדיק אויף דער שמאָלער קלאַט-קע זע איך ווי איינגעקוועטשט אין די אייזערנע פּרענטעס פון דער אין וואַסער ליגנדיקער בריק, ליגט אַ דייטשישער פעלדפעבל, איינער פון די שווייגנע-בערגס, מיט אַ גלאַנציקן האַקנקרייץ אויף דער ברוסט און די כוואַליעס שווענ-קען אים, פּלייצן איבערן קאָפּ. און אַנטקעגן דעם פעלדפעבל, בײַ דעם ברעג ווילִיע, שטייט אַ באַוואָפנטער אידישער פּאַרטיזאַנער.

נעשריבן אין מאָסקווע, זומער 1944.

דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן דרוקן
דעם 30-טן יוני 1947, אין דער דרוקעריי
„אָפּטימוס", וואַלענטין גאָמעז 2719,
ב ו ע נ אָ ס  א י י ר ע ס